STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02592

ALE VERK

Sholem Aleichem

Permanent preservation of this book was made possible
by David Bern
in memory of
Israel Bernbaum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק
פֿון
שלום עליכם

איקוף פאַרלאַג
בוענאָס איירעס

1955

OBRAS COMPLETAS DE

SCHOLEM ALEIJEM

TOMO X

IMPRESO EN LA ARGENTINA

PRINTED IN ARGENTINE

E D I T O R I A L "I C U F"

BUENOS AIRES, 1955

Queda hecho el depósito que marca la ley.

Copyright by the
Estate of Olga Rabinowitz
New York

אַלע ווערק
פון
שלום עליכם

*

באנד X

ערשטע בוך
אייזנבאַן - געשיכטעס
צווייט בוך
יידישע שרייבער

אײזנבאַן - געשיכטעס

אינהאַלט:

צו די לעזער — 11
קאָנקורענטן — 13
דער גליקלעכסטער אין קאָדני — 22
סטאַנציע באַראַנאָוויטש — 34
צוגענומען — 50
אַ מענטש פון בוענאָס־אײַרעס — 55
קבר אבות — 70
דער לײדיקגײער — 79
דער נס פון הושענא־רבה — 83
אַ חתונה אָן כלי־זמר — 95
דער טלית־קטן — 102
אַ זעקס־און זעכציק — 111
גימנאַזיע — 125
פונעם פריזיוו — 141
מען טאָר נישט זײַן קיין גוטער — 154
אַ נשרף — 166
ניטאָ קיין מזל — 176
באַשערט אַן אומגליק — 182
רוף מיך קנאַקניסל — 196
דער צענטער — 203
דריטער קלאַס — 209

צו די לעזער

איך בין א רייזנדער. כמעט עלף חדשים אין יאר בין איך אין וועג. צום מיינסטן — אין באן, און מערסטנטיילס — דריטע קלאס, און, ווי געוויינלעך, — איבער יידישע שטעט און שטעטלעך; ווארעם דארט, ווו יידן טארן ניט וווינען, האב איך נישט וואס צו טאן.

וויי־ווי, וואס מען זעט זיך אן אונטערוועגנס! א שאד, וואס איך בין ניט קיין שרייבער. דאס הייסט, אז מען וויל צוריק, מיט וואס בין איך ניט קיין שרייבער? וואס איז אזעלכעס, אייגנטלעך, א שרייבער? יעדער מענטש קאן זיין א שרייבער. ובפרט נאך — אף יידיש. „זשאר־גאן" — אויך מיר אן עסק! מע נעמט א פען און מע שרייבט.

נאר אז מע וויל דאס אייגענע טאקע ווידער צוריק, טאר נישט איעדער זיך כאפן צו שרייבעריי. איטלעכער באדארף זיך האלטן בא זיינעם. פרנסה איז פרנסה. אט אזוי איז מיין מיינונג. ס'איז נישטא וואס צו טאן, איז דאס אויך אן ארבעט.

מיר, אלס רייזנדער, קומט־אויס אונטערוועגנס אפטמאל אויסזיצן גאנצע טעג, נישט צו טאן קיין האנט אין קאלט וואסער, כאטש נעם שלאג זיך קאפ אן וואנט. בין איך געפאלן אף א גלייכע זאך. איך האב מיר אומיסטנע געקויפט א ריינעם בוך מיט א בלייַשטיפט, און אלצ־דינג, וואס איך זע זיך אן, און אלצדינג, וואס איך הער זיך אן אין וועג, נעם איך און טראג דאס אריין צו מיר אין בוך אריין. און אט אזוי, ווי איר זעט, האט זיך צונויפגעקליבן בא מיר, קיין עין־הרע, א היפש ביסל מאטעריאל. עס וועט זיין גענוג אפשר אף א יאר צו לייענען. האב איך מיך מיישב געווען: וואס טוט מען דערמיט? ארויסווארפן?

— אַז עבירה פאַר גאָט. פאַרוואָס זאָל איך עס ניט אַרויסגעבן אין אַ בוך, אָדער אָפּדרוקן אין אַ בלאַט? איך זאָל האָבן די ברכות, וואָס מע דרוקט אַ סך ערגערע זאַכן.

און איך האָב מיך אָוועקגעזעצט און האָב צעלייגט די סחורה אויף מוסטערן, דעם „בראַק" אַרויסגעשמיסן, איבערגעלאָזט נאָר דאָס בעסטע, פּרימאַ שבפּרימאַ, איינגעטיילט אויף באַזונדערע געשיכטן, געשיכטע נו־מער איינס, געשיכטע נומער צוויי, און אַזוי ווייטער. יעדער געשיכטע האָב איך געגעבן אַן אַנדערן נאָמען, פֿיינשטיק, ווי עס געהער צו זיין, — מעשה סוחר. איך ווייס ניט, צי וועל איך אינעם געשעפט פאַרדינען, צי איך וועל ברעכן רוק און לענד. הלוואַי איך זאָל כאָטש אַרויס מיט מיין קרן...

די קשיא: צוליב וואָס האָב איך באַדאַרפט דעם גאַנצן מסחר? — פרעגט מיך בחרם, איך ווייס אַליין ניט. עס קאָן זיין, ס'איז פון מיר אַ נאַרישקייט, נאָר אָפּגעטאָן — איז פאַרפאַלן. מיט איין זאַך האָב איך מיך באַוואָרנט: מיט די קריטיקער. איך האָב מיין געשעפטס־נאָמען באַהאַלטן. אַ מכה וועלן זיי טרעפן, ווי אַזוי איך הייס. לאָזן זיי קריטי־קירן, לאָזן זיי לאַכן, לאָזן זיי זיך דראַפּען אויף די גלייכע ווענט — איך הער זיי, ווי המן דעם גראַגער. איך בין ניט קיין מחבר, קיין מלמד, קיין בטלן, — איך בין אַ ייִד אַ סוחר!

אַ קאָמי־וואָיאַזשער.

געשיכטע נומער איינס

קאָנקורענטן

תמיד, סאַמע אין דער רעכטער בהלה, ווען ייִדן שטופּן זיך, דער אָרון, דער אַרויס, און מע שלאָגט זיך אין וואַגאָן פאַר די ערטער, ווי, להבדיל, אין שול פאַר הקפות — פונקט דעמאָלט זײַנען זיי דאָ. זיי ביידע: ער און זי.

ער — אַ שוואַרצער, אַ גראָבער, אַ צעבורשעטער, מיט אַ בעלמע אויף איין אויג. זי — אַ רויטע, אַ דאַרע און אַ געשטופּלטע. ביידע אָפּגע־ריסן, אָפּגעשליסן, ביידע מיט געלאַטעטע שיך און ביידע מיט איינע און די זעלבע סחורה: ער אַ קויש, זי אַ קויש; ער מיט געפלאָכטענע קוי־לעטשלעך, האַרטע אייער, פּלעשלעך מיט זעלצערוואַסער און מאַראַנצן, זי אויך מיט די זעלבע געפלאָכטענע קוילעטשלעך, האַרטע אייער, פּלעש־לעך זעלצערוואַסער און מאַראַנצן.

אַמאָל מאַכט זיך, אַז ער האָט אין קויש סקאָרמוטשן מיט רויטע ווײַנשל, שוואַרצע קאַרשן אָדער גרינע עסיקזויערע ווײַנטרויבן. דעמאָלט קומט זי אויך מיט די זעלבע רויטע ווײַנשל, שוואַרצע קאַרשן אָדער גרינע עסקזויערע ווײַנטרויבן.

און ביידע קומען זיי תמיד אין איין צײַט, שטופּן זיך דורך אין איין טיר פון וואַגאָן און ריידן ביידע אויף איין לשון, נאָר מיט אַ באַזונ־דערער אויסשפּראַך. ער — אַביסל יאַדישליווע, אַז אַ רי״ש, ווייך, צע־גאַנגען, ווי אַן אַ צונג. און זי — שעפּעליאַווע, דווקא אַ פול מויל מיט צונג.

אפשר מיינט איר, אַז זיי שמײַסן זיך מיט די מקחים, קאָנקורירן, וואַרפן דעם מאַרק? חלילה. דער פּרײַז איז בײַ זיי איין פּרײַז. זייער גאַנ־צע קאָנקורענץ באַשטייט נאָר אין דעם, וו ע ר פ ו ן ז י י ר ו פ ט א ר ו י ס מ ע ר ר ח מ נ ו ת. ביידע בעטן זיך בײַ אײַך, איר זאָלט רחמנות האָבן אַף זייערע פינף קינדער יתומים (בײַ אים פינף קינ־דער יתומים, בײַ איר פינף קינדער יתומים). ביידע קוקן זיי אײַך אין די אויגן אַרײַן, שטופּן אײַך זייער סחורה גלײַך אין פּנים אַרײַן און ריידן איבער אײַך אַזוי לאַנג, אַז — צי איר דאַרפט, צי איר דאַרפט נישט — איר מ ו ז ט עפּעס קויפן.

נישט מער, וואָס פון זייער ריידן מיט זייער וויינען מיט זייער בעטן זיך ווערט איר אַביסל פאַרטומלט. איר ווייסט ניט, בײַ וועמען איר זאָלט קויפן: בײַ אים, צי בײַ איר? פאַלט איר מסתמא אַף אַן עצה און ווילט געבן צו לייזן ביידן, לאָזן זיי אײַך ניט:

— קויפט איר, רב ייִד, דאַרפט איר קויפן בײַ איינעם. אַף צוויי חתונות טאַנצט מען נישט!

ווילט איר זײַן אַ בעל־יושר, קויפט איין מאָל בײַ אים, דאָס אַנדערע מאָל בײַ איר. ווערט איר אויסגעזידלט אַף אַלע זײַטן:

— רב ייִד! מיט וואָס בין איך אײַך עפּעס הײַנט ניט געפעלן אין שלייער?

אָדער אַזוי:

— רב ייִד! ערשט יענע וואָך האָט איר בײַ מיר געקויפט און האָט זיך, דאַכט מיר, ניט געסמט און ניט דערוואָרגן אויך?...

פאַלט איר אַרײַן אין „מאַראַל" און הייבט זיי אָן זאָגן מוסר, אַז יענער האָט אויך אַ נשמה, יענער דאַרף אויך לעבן, ווי דער דײַטש זאָגט: „לעבען און לעבען לאַססען". באַקומט איר דערויף אַ תשובה, נישט אַף דײַטש, נאָר דווקא אַף פּראָסט ייִדיש, אַפילו אַ ביסעלע פאַר־שטעלט, נאָר גאַנץ פאַרשטענדלעך:

— פעטער! מיט איין דאָס אַף צוויי ירידים פאָרט מען נישט!...

יאָ, אָט אַזוי איז עס, ליבער פרײַנט! יוצא זײַן פאַר אַ וועלט זאָלט איר קיינמאָל ניט וועלן — עס וועט אײַך ניט געראָטן, און ווערן אַ רודף־שלומניק זאָלט איר זיך קיינמאָל ניט פּרוּוון — עס וועט אײַך אויספאַלן באָקאָם. איך ווייס פון מײַן אייגענער פּראַקטיק. איך וואָלט

אײַך דערצײלט װעגן דעם אַ שײנע געשיכטע, װי אַזױ איך בין אַמאָל געװען אַ נאַר, איך האָב מיך אַרײַנגעלײגט צװישן אַ פּאַרפּאָלק, געװאָלט מאַכן שלום, און דער שפּיץ איז געװען — איך האָב געכאַפּט אָפּגע־שניטענע יאָרן פֿון מײַן אײגן װײַב. איך האָב אָבער מורא מישן אײן געשיכטע אין דער אַנדערער, איך זאָל נישט אַװעק אָן אַ זײַט, כאָטש אַפילו אין געשעפֿט טרעפֿט זיך אָפּטמאָל, אַז מע לײגט־פֿאַר אײנעם אײן אַרטיקל און רײדן רעדט מען גאָר האַצעקלאַץ, אױפֿן הימל אַ יריד... הכלל, מיר קערן זיך אום צו אונדזער געשיכטע.

אײנמאָל, געװען איז דאָס אַסיענצײַט, אין אַ רעגנדיקן טאָג. דער הימל איז געװען װײנענדיק, די ערד — װיסט און פֿינצטער, און די סטאַנציע פֿול־און־פֿיל מיט מענטשן. פּאַסאַזשירן אַרײַן, פּאַסאַזשירן אַרױס. אַלע לױפֿן, אַלע שטופּן זיך. און ייִדן, געװײנלעך, מער פֿון אַלע־מען. מע יאָגט זיך, מע קריכט אײנס איבער דאָס אַנדערע, מיט טשעמאָ־דאַנעס, פּעקלעך און בעטגעװאַנט. אַ געשרײ, אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער! און סאַמע אין דער רעכטער הושטשע — ער און זי. בײדע אָנגעלאָדן מיט עפּנװאַרג, װי תּמיד. בײדע שטופּן זיך אין אײן טיר אַרײַן, װי תּמיד. פּלוצעם... װאָס האָט זיך געטראָפֿן? בײדע קױשן ליגן אױף דער ערד. די קױלעטשלעך מיט די אײער מיט די פּלעשלעך זעלצערװאַסער מיט די מאַראַנצן װאַלגערן זיך אין דער בלאָטע, און אַ מישמאַש פֿון געשרײען, קװיטשערײַען, טרערן און קללות גיסט זיך צונויף אינאײנעם מיטן געלעכטער פֿון די קאָנדוקטאָרן און מיטן רעש און מיטן טומל פֿון די פּאַסאַזשירן. עס קלינגט און עס פֿײַפֿט. נאָך אַ מינוט — און מיר פֿאָרן.

אין װאַגאָן איז אַ גערעדערײַ. אַחינו־בני־ישׂראל שמועסן זיך דורך, לופֿטערן די שפּראַך. און דװקא אַלע מיטאַמאָל, װי די װײַבער אין שול, אָדער װי די גענדז אױפֿן יריד. עס איז שװער צו כאַפּן דעם תּוך, דעם אינ־האַלט. סײַדן באַזונדערע פֿראַזן.

— אַ גערעטעט אױף געפֿלאָכטענע קױלעטשלעך.

— אַ פּאָגראָם אױף אײער.

— װאָס האָט ער געהאַט צו די מאַראַנצן?

— װאָס פֿרעגט איר? — עשׂו!

— װיפֿל שאַצט איר דעם היזק?

— א מצווה, לאָזן זיי נישט קריכן, נישט אײַנעסן זיך אין די ביינער אַרײַן!

— וואָס זאָלן זיי נעבעך טאָן? א ייִד זוכט פּרנסה.

— כאַ־כאַ־כאַ! — רופט זיך אָן א גערדיכטע באַסאָווע שטימע. — ייִדישע פּרנסות!

— ייִדישע פּרנסות? — לאָזט זיך הערן א יונג קולכל מיט א קוויטש, — איר האָט שענערע פּרנסות? גיט זיי אַהער.

— יונגערמאַן! נישט צו אײַך רעדט מען! — דונערט די באַסאָווע שטימע.

— נישט צו מיר רעדט איר? איך רייד אָבער צו אײַך — איר האָט שענערע פּרנסות? איאַ, איר שווײַגט? וואָס שווײַגט איר?

— וואָס וויל פון מיר אָט דער יונגערמאַן?

— וואָס זאָל איך װעלן? איר זאָגט: ייִדישע פּרנסות — זאָג איך: אדרבה, איר האָט שענערע? גיט זיי אַהער.

— געפעלט אײַך אַביסל א פּריטשעפּע?!

— שאַט, ייִדן! זאָל זײַן שטיל, אָט איז זי דאָ.

— ווער?

— זי אַליין, דאָס ווײַבל פון די אָנבײַסנס.

— ווו איז זי, די יפהפיה, ווו?

— אָט איז זי, אָ!

א געשטופּלטע, א רויטע, מיט געשוואָלענע אויגן פון געוויין, שטופּט זיך זיך דורך מיטן לײַדיקן קויש צווישן עולם, זוכט א פּלאַץ, זעצט זיך אַוועק אַף דער ערד, אַפן איבערגעקערטן קויש, באַהאַלט די פאַר־שוואָלענע אויגן אינעם צעריסענעם שאַל און וויינט זיך שטילערהייט.

א מאָדנע שטילשווײַגן ווערט מיט א מאָל אין וואַגאָן. אויסגעגאַנ־גען רייד. אָפּגענומען לשון. נאָר איינער כאַפּט זיך אויף און רופט זיך אָן צום עולם מיט א גערדיכטער באַסאָווער שטימע:

— ייִדן! וואָס שווײַגט איר?

— וואָס זאָלן מיר שרײַען?

— מע דאַרף איר עפּעס מאַכן.

א שיינע מעשה! ווייסט איר, ווער דער איינער איז? דווקא אָט יענער, וואָס האָט נאָר־וואָס געלאַכט „כאַ־כאַ־כאַ, ייִדישע פּרנסות״. א

מאָדנער נפש מיט אַ מאָדנע היטל אַפן קאָפּ. אַ מין קאַשקעט מיט אַ גלײַכן גלאַנצנדיקן דאַשעק. און דערצו טראָגט ער נאָך בלויע ברילן, אַזוי, אַז קיין אויגן זעט מען נישט. נישטאָ קיין אויגן. נאָר אַ נאָז, אַ פּליישיקע, פּעטע, בולבעוואַטע נאָז.

נישט לאַנג געטראַכט, כאַפּט ער אַראָפּ דעם קאַשקעט פון קאָפּ, וואַרפט אַרײַן דער ערשטער אַ פּאָר זילבערנע מטבעות, און גייט פון איינעם צום אַנדערן און דונערט מיט דער באַסאָווער שטימע:

— גיט, ייִדישע קינדער, וויפל איר קאָנט. אחד המרבה ואחד הממעיט — מאַכט רש״י: „דראָוואַנאַמו קאָניו ווזובי ניע סמאָטריאַט״.

דער עולם האָט זיך אַ נעם געטאָן צו די קעשענעס, אויפגעעפנט די בײַטעלעך, און עס האָבן אָנגעהויבן קלינגען מטבעות, אַלערליי מט־בעות, זילבערנע און קופּערנע. צווישן עולם זיצט אויך איינער אַ קריסט, אַ קאַצאַפּ מיט גרויסע שטיוול און מיט אַ זילבערנער קייט איבערן האַלדז; האָט ער, גענעצנדיק, זיך איבערגעצלמט און אויך אַרײַנגעוואָרפן אַ מטבע. נאָר איין פּאַסאַזשיר האָט זיך אָפּגעזאָגט, נישט געוואָלט געבן גאָרנישט. און דווקא אָט יענער, וואָס האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון ייִדישע פּרנסות. אַ יונגערמאַן אַן אינטעליגענט מיט פּוכקע בעקלעך, אַ גאָל שפּי־צעכיק בערדל, און מיט אַ גאָלדענעם פּענסנע. איינער פון די יונגעלײַט, וואָס האָבן רײַכע טאַטע־מאַמע, רײַכע שווער־און־שוויגער, און אַליין זײַנען זיי אויך אָנגעשטאָפּט, און פאָרן דריטע קלאַס, ווײַל זיי זשאַלעווען געלט.

— יונגערמאַן, גיט עפּעס אין היטל אַרײַן! — זאָגט צו אים דער נפש מיט די בלויע ברילן און מיט דער בולבעוואַטער נאָז.

— איך גיב נישט, — זאָגט דער יונגערמאַן דער אינטעליגענט.

— פאַרוואָס?

— אָט אַזוי, ס׳איז בײַ מיר אַ פּרינציפּ.

— דאָס האָב איך געוווּסט פריִער.

— פון וואַנען?

— מע זעט נאָך די באַקן, ווי די ציינער קנאַקן — מאַכט רש״י: „ווידנאָ פּאַנאַ פּאָ כאָליאַווע״...

דער יונגערמאַן דער אינטעליגענט ווערט אָנגעצונדן, פאַרלירט אַזש דאָס פּענסנע און פאַלט־אָן אויף דער בולבעוואַטער נאָז מיט אַ קוויטש:

— איר זײַט אַן איגנאָראַנט, אַ גראָבער יונג, אַן עם־הארץ, און אַ נאַבאַל, אַן עזות־פּנים דערצו!

— דאַנקען גאָט! אַבי נישט קיין דבר אחר ביד חזקה שתים.

אַזוי ענטפערט אים די בולבעוואַטע נאָז מיט דער באַסאָווער שטימע דווקא אין גוטן מוט און גייט צו דער ווײַנענדיקער ייִדענע מיט די גע־שוואָלענע אויגן:

— מומעניו! טאָמער וואָלט געווען גענוג צו וויינען? איר מאַכט אײַך נאָך קאַליע אײַערע שיינע אויגן. גיט אַהער ביידע זשמעניעס, לאָמיך אײַך אויסשיטן דאָס ביסל קליינגעלט.

אַ מאָדנע ווײַבל! איך האָב געמיינט, אַז דערזעען אַזוי פיל געלט, וועט זיך מסתמא צעגיין און צעגאָסן ווערן פון ווינטשעוואַניעס. עס הייבט זיך גאָר נישט אָן. אָנשטאָט ווינטשעוואַניעס, האָבן זיך אַ גאַס געטאָן פון איר מויל קללות. עס האָט זיך באַ איר געעפנט אַ פּאַנטאַן, אַ קוואַל פון קללות:

— אײַנגאַנצן ער — ברעכן זאָל ער האַלדז און נאַקן, ביין און לײַב אַפן גלײַכן וועג, ליבער גאָט! אַלצדינג נעמט זיך פון אים — נעמען זאָל אים די ערד, זיסער פאָטער! ער זאָל גאָר נישט דערלעבן קומען אהיים, קומען זאָל אַף אים אַ מיתה־מהומה, אַ חלירע, אַ שרפה, אַ מגפה, אַן אויסכאַפּעניש! אַן אויפלויפעניש! אַן אײַנדאַרעניש! אַ צונויפשרומפּע־נישט!...

רבונו של עולם! פון וואַנען נעמען זיך באַ אַ מענטשן אַזוי פיל קללות? אַ גליק, וואָס דער נפש מיט די בלויע ברילן האַקט איר איבער אינמיטן:

— גענוג אײַך שוין צו בענטשן, ווײַבל! זאָגט בעסער, וואָס האָבן געהאַט צו אײַך די קאָנדוקטאָרעס?

דאָס ווײַבל הייבט־אויף אַף אים די געשוואָלענע אויגן:

— איבער אים, דער שלאַק זאָל אים טרעפן! ער האָט מורא געהאַט, טאָמער כאַפּ איך אויס אַלע קונים, גייט ער און שטופּט זיך אין וואַגאָן, גיי איך און פאַרכאַפּ פריִער, גייט ער און האַלט מיר צו דעם קויש פון הינטן, גיי איך און מאַך אַ גוואַלד, גייט דער זשענדאַר און טוט אַ ווונק צו די קאָנדוקטאָרעס, גייען די קאָנדוקטאָרעס און שיטן אונדז אויס ביידע קוישן אין דער בלאָטע, צעשאָטן זאָלן ווערן די ביינער זײַנע אַזוי ווי זאַמד,

ליבער גאָט! איר מעגט מיר גלייבן, איך זאָל אַזוי ריידן מיט װעמען מיר איז ליב, אַז זינט איך האַנדל מיט דער דאָזיקער סחורה און פֿאָר אױף דער ליניע, האָט מיך נאָך קיינער נישט אָנגערירט, איר זאָלט זאָגן, אױף אַ האָר אַפֿילו! איר מיינט, מחמת װאָס? מחמת גוטסקייט? אַזױ פֿיל מכּות זאָל זיך אים זעצן, װיפֿל קױלעטשלעך מיט װיפֿל אייער עס װערט צעטיילט אױף דער סטאַנציע! אַלעמען, פֿונעם קלענסטן ביזן גרעסטן, מוז מען פֿאַרשטופֿן דעם האַלדז. קומט דער טאָג, הייבט זיך אָן אַן אױס־טיילעניש: דעם אַ קרענק, דעם קדחת, דעם אַ מכּה. דער סטאַרשי קאָנ־דוקטאָר נעמט זיך אַליין זײַן חלק אָנבײַסן, װאָס ער װיל, און די איי־בעריקע קאָנדוקטאָרעס טיילט מען אױס, װעמען אַ קױלעטשל, װעמען אַן איי און װעמען אַ מאַראַנץ. װאָס דאַרפֿט איר מער? אַפֿילו דער גױ, װאָס היטט די אױוונס, אַ חלירע אים אין פּנים, מיינט איר, איז נישט קיין בעלן אױף אָנבײַסן? אַזאַ מכּה אים! ער שרעקט מיך, אַז טאָמער נישט, װעט ער מיך מסרן צום זשאַנדאַר. ער װייס נישט, אַ קרענק אים אין די ביינער, אַז דער זשאַנדאַר אַליין איז אױך אַן אונטערגעשמירטער. דעם זשאַנדאַר איז מען מטמא אַלע װאָך, אַז עס קומט זונטיק, מיט אַ פֿאַרציע מאַראַנצן. אי דאָס — קלױבט ער אױס די גרעסטע, די שענסטע, די בעסטע מאַראַנצן...

— מומעניו! — שלאָגט איר איבער דער װאָס מיט די בלױע ברילן, — װעדליק איך פֿאַרשטיי נאָך אײַערע געשעפֿטן, דאַרפֿט איר גיין אין גאָלד.

— װאָס רעדט איר? — כאַפּט זיך אַרױס דאָס װײַבל, גלײַך װי זי פֿאַרענטפֿערט זיך, — קױם־קױם װאָס מע קומט אױס מיטן קרן. און אַמאָל מאַכט זיך, אַז מע דערלייגט די הױט. מע װערט בדיל־הדל.

— צו װאָס־זשע טױג אײַך דער מסחר?

— װאָס־זשע, זאָל איך גיין גנבענען, אַז איך האָב פֿינף קינדער, פֿינף חלירעס אים אין בױך, און אַליין בין איך קראַנק, קרענקען זאָל ער אין הקדש, ליבער גאָט, פֿון הײַנט אָן כאָטש ביז איבעראיאָר ראש־חודש אלול, װי ער האָט געמאַכט אַ תּל, באַגראָבן דאָס געשעפֿט, באַגראָבן זאָל איך אים! אַזאַ געשעפֿט, אַזאַ זיס געשעפֿט, אַזאַ גוט געשעפֿט!

— אַ גוט געשעפֿט?

— אַ גאָלדן געשעפֿט, פּרנסה בשפֿע. װי זאָגט איר, מיט טעלער

און מיט לעפל.

— אַט נאַר־וואָס האָט איר געזאָגט, מומעניו, אַז מע ווערט בריל־הדל.

— וואָס־זשע, מע פאַרדינט, אַז מע צעטיילט העכער האַלב אומ־זיסט דעם קאָנדוקטאָר און דעם סטאַרשי קאָנדוקטאָר און אַלע זונטיק דעם זשענדאַר? וואָס איז באַ מיר — אַ קרעניצע? אַ ברונען? צי גנביש געלט?

דער נפש מיט די בלויע ברילן און מיט דער בולבעוואַטער נאָז הייבט שוין אָן ארויס פון די כלים:

— מומעניו, איר מאַכט מיט מיר זומער און ווינטער!...

— איך מאַך? די צרות מײַנע מאַכן, מאַכן זאָל איך אים אַ טויט, ווי ער האָט מיך אָוועקגעקוילעט, געקוילעט זאָל ער ווערן פון גאָט, אַז גע־ווען איז ער סך־הכל אַ שנײַדער, אַ לאַטוטניק, געשטשאָכעט מיט דער נאָדל און ווי עס איז פאַרדינט, ווי זאָגט איר, וואַסער אַף קאַשע. האָט ער זיך אָבער מתקנא געווען אין מיר, דערזען, די אויגן זאָלן אים ארויס, אַז איך עס ברויט, עסן זאָלן אים ווערעם, און האַלט־אויס מיטן דאַזיקן קויש, קיין עין־הרע, פינף קינדער יתומים, זאָלן אים אין די אויגן, שטיינער אים אין האַרצן, גייט ער, ארויסגיין זאָל אים די פּאַרע, און קויפט זיך אויך אַ קויש, קויפן זאָל איך אים תכריכים, ליבער גאָט! פרעג איך אים: וואָס איז דאָס? זאָגט ער: אַ קויש. וואָס וועסטו טאָן, זאָג איך, מיטן קויש? זאָגט ער: דאָס אייגענע, וואָס דו. זאָג איך: וואָס הייסט? זאָגט ער: אָט דאָס הייסט... איך האָב, זאָגט ער, אויך פינף קינדער, וואָס דאַרפן עסן... דו וועסט זיי, זאָגט ער, מיט ברויט נישט האָדעווען... האָט איר עפעס צו אים? און אָט אַזוי, ווי איר זעט, שלעפּט ער זיך מיר נאָך מיטן קויש און שלעפּט אַוועק באַ מיר אַלע קונים, שלעפּן זאָל מען אים די ציין פון מויל, און רײַסט אַרויס פון מיר דעם לעצטן ביסן, רײַסן זאָל מען פון אים שטיקער, זיסער פאָטער, האַרציקער, געטרײַער!

פאַלט דער נפש מיט די בלויע ברילן אַף אַ גלײַכע זאַך, וואָס מיר אַלע זײַנען, אייגנטלעך, דערויף געפאַלן:

— וואָס־זשע דאַרפט איר זיך טאָפּטשען ביידע אַף איין אָרט?

דאָס ווײַבל שטעלט־אַוועק אַף אים די געשוואָלענע אויגן:

— וואָס־זשע דען זאָלן מיר טאָן?

— זוכט אײַך אויס אַן אַנדער פּלאַץ. די ליניע איז גרויס.

— נו, און ער?

— ווער?

— דער מאַן מײַנער.

— וואָסער מאַן?

— מײַן צווייטער מאַן.

— וואָסער צווייטער מאַן?

דעם ווײַבלס רויט געשטופּלט פּנים ווערט נאָך רויטער.

— וואָס הייסט — וואָסער צווייטער מאַן? דאָס איז ער דאָך טאַקע, דער שלים־מזל, מײַן צווייטער מאַן, אַז אָך און ווי איז מיר!

אַלע כאַפּן מיר זיך אויף פון די ערטער:

— ער, אַט דער קאָנקורענט אײַערער, איז אײַער צווייטער מאַן?

— וואָס האָט דען איר געמיינט? מײַן ערשטער מאַן? עהע־העו! ווען מײַן ערשטער מאַן, עליו־השלום, זאָל מיר איצטער לעבן!...

אַזוי ציט אויס דאָס ווײַבל מיט אַ ניגון און וויל אונדז אָנהייבן דערציילן, אַפּנים, ווער איר ערשטער מאַן איז געווען און וואָס ער איז געווען. ווער הערט זי? אַלע ריידן, אַלע ווערטלען זיך, אַלע חכמען זיך, און מע לאַכט, און מע לאַכט, און מע לאַכט!

טאָמער ווייסט איר, וואָס איז דער געלענדער?...

ענדע געשיכטע נומער איינס

געשריבן אין יאָר 1909.

געשיכטע נומער צוויי

דער גליקלעכסטער אין קאָדני

די בעסטע צײַט פאָרן אין באַן איז — ווייסט איר ווען? אָסיענצײַט, ארום נאָך־סוכות.

ס'איז נישט היים און נישט קאַלט, און איר קוקט נישט אָן דעם פאַרוויינטן הימל מיט דער קלאָגעדיקער פאַרחושכטער ערד. טראָפּנס רעגן שמײַסן אין די פענצטער, קײַקלען זיך אראָפּ אָפּן פאַרשוויצטן גלאָז, אזוי ווי טרערן, און איר זיצט זיך, ווי אַ פריץ, אין וואַגאָן דריטער קלאַס מיט נאָך אַ סך אזעלכע מיוחסים, ווי איר, און כאַפּט אַ קוק אין דרויסן אַרויס, און איר דערזעט פון דערווײַטנס אַ וועגעלע שלעפּט זיך, טיאָפּקעט אין דער בלאָטע. אָפן וועגעלע זיצט, אײַנגעבויגן אין דרײַען, אַ גאָטס באַשעפעניש, מיט אַ זאַק איבערגעדעקט, און לאָזט אויס זײַן ביטער האַרץ צום פערדל נעבעך, אויך אַ גאָטס באַשעפעניש, — און איר דאַנקט גאָט, וואָס איר זײַט אונטער אַ דאַך, צווישן מענטשן. איך ווייס נישט, ווי אזוי איר — איך האָב ליב פאָרן אין באַן אָסיענצײַט, אַרום נאָך־סוכות.

דאָס ערשטע איז בײַ מיר — אַן אָרט. האָב איך פאַרכאַפּט אַן אָרט, און ווער שמועסט נאָך אין דער רעכטער האַנט, נעבן פענצטער, — בין איך מיר אַ קיסר. אַרויסגענומען דעם פּאַרטאַבאַק, הייבט מען אָן צו פאַררייכערן אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס און אַרומקוקן זיך, ווער פאָרט אין וואַגאָן און מיט וועמען קאָן מען ריידן אַ פּאָר ווערטער וועגן געשעפט? פּאַסאַזשירן, דאַכט זיך, נישט צו פאַרזינדיקן, אָנגעפּאַקט, ווי

הערינג אין א פּאַס, בערד, נעזער, היטלען, בײַכער, געשטאַלטן פון מענטשן. און מענטשן? — נישטא אײנער. נאָר שאַ, אַט זיצט עפּעס אין א ווינקעלע אײנער אַלײן א מאָדנער פּאַרשוין, א פּאַרשוין נישט ווי אַלע. באַ מיר איז א שאַרף אויג. נישט קײן געוויינלעכע מענטשן וועל איך אײַך באַמערקן צווישן הונדערט.

דאָס הײסט, אפן קוק איז דאָס אפילו א גאַנץ געוויינלעך מענטשל, א יידל פון די יידלעך, וואָס מע מעסט זײ אפן מעסטל, אָדער דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן באַ אונדז: „א ייד פון א גאַנץ יאָר". נאָר אָנגעטאָן איז ער עפּעס מאָדנע: א קאַפּאָטע נישט קײן קאַפּאָטע, א כאַלאַט נישט קײן כאַלאַט. אפן קאָפּ — א היטל נישט קײן היטל, א יאַרמעלקע נישט קײן יאַרמעלקע. אין די הענט — א שירעם, א בעזעם נישט קײן בעזעם. א מאָדנע אָנטאָן.

נאָר נישט דאָס אָנטאָן איז דער עיקר, ווי דאָס יידל אַלײן מיט זײַן רירעוודיקײט, מיט זײַן אַרומקוקן זיך אַף אַלע זײַטן און מיט זײַן נישט קאָנען אײַנזיצן אַף אײן אָרט, און דערהויפּט — מיט זײַן שײַנענדיק, פרײלעך, לעבעדיק פּנים און גליקלעך אויסזען.

נישט אַנדערש, ווי דער מענטש האָט אָדער אויסגענומען א הויפּט־טרעפער, אָדער חתונה געמאַכט א טאָכטער אין א מזלדיקער שעה, אָדער אַרײַנגעגעבן א זון אין גימנאַזיע. אַלע מינוט כאַפּט ער זיך אויף, טוט א קוק אין פענצטער און א זאָג צו זיך אַלײן: „א סטאַנציע? נאָך נישט?
— און זעצט זיך אַוועק, אַלע מאָל נענטער צו מיר, א שײַנענדיקער, א פרײלעכער, א גליקלעכער.

בטבע, דאַרפט איר וויסן, בין איך א מענטש, וואָס האָב פײַנט, ווי אַנדערע, קריכן צו יענעם אין האַרצן אַרײַן, אויסטאַפּן, אויספרעגן, ווער און וואָס און ווען. איך גײ מיר מיט דעם גאַנג, א ז א מ ע נ ט ש, וו א ס ה א ט ע פּ ע ס, וו ע ט ע ר ע ס א ל ײ ן א ר ו י ס־ג ע ב ן.

כך הווה. נאָך דער צווייטער סטאַנציע האָט זיך מײַן רירעוודיק יידל צוגערוקט צו מיר נאָך אביסל נענטער, דאָס הײסט, טאַקע גאַנץ נאָענט, אַזוי, אַז זײַן מויל איז אויסגעקומען אַקוראַט אַקעגן מײַן נאָז.

— וווּהין פאָרט א ייד?

איך האָב אָבער פֿאַרשטאַנען פֿון זײַן פֿרעגן מיך און פֿון זײַן אַרומקוקן זיך און פֿון זײַן קראַצן זיך אונטערן היטל, אַז אים גייט נישט אָן אַזוי, וווהין אַ י ך פֿאָר, ווי עס ווילט זיך אים אַרויסדערציילן, וווהין ע ר פֿאָרט. און איך האָב אים געטאָן צוליב, דאָס הייסט, איך האָב אים דערויף נישט געענטפֿערט גאָרנישט, נאָר אַ פֿרעג געטאָן: „און איר וווהין?" — און ס'איז אַוועק אַ גאַנג:

— איך וווהין? קיין קאָדני. געהערט אַמאָל קאָדני? בין איך אַ דאָרטיקער בין איך. נישט ווײַט פֿון דאַנען. די דריטע סטאַנציע. דאָס הייסט, פֿון דאַנען האָבן מיר נאָך אַזוי גרויס ווי דרײַ סטאַנציעס. און פֿון דאָרטן קיין קאָדני באַדאַרף מען נאָך צופֿאָרן מיט דער אַקס אַ שעה אָנדערטהאַלבן. דאָס הייסט, סע רעדט זיך נאָר אַזוי: אָנדערטהאַלבן. אין אמתן איז דאָס טאַקע גאַנצע צוויי שעה, אײַזערנע צוויי שעה, נאָך מיט אַ סמיטשיק. איז דאָס, מיט אַ תּנאַי — אויב ס'איז אַ גוטער וועג און מע פֿאָרט מיט אַ פּאַעטאָן. איך האָב באַשטעלט, דורך אַ דעפּעש. איך האָב געקלאַפּט, הייסט דאָס, אַ דעפּעש, מע זאָל מיר אַרויסשיקן אַ פּאַעטאָן אויף דער סטאַנציע. צוליב מיר, מיינט איר? שרעקט אײַך נישט. איך קאָן באַשטיין זיך איבערכאַפּן זאַלבעזעקסט מיט אַ פּראָסטן בעל־עגלה, אָדער אַז נישט, נעמט מען דעם שירעם אין איין האַנט און דאָס פּעקל אין דער אַנדערער האַנט און מען איז עולה־רגל גלײַך אין שטאָט אַרײַן גאַנץ פֿײַן צופֿוס. סע טראָגט נישט, פֿאַרשטייט איר מיך, אויף קיין פּאַעטאָנעס. ווערדליק די גאָלדענע געשעפֿטן, מעג מען נאָר אײַנגאַנצן זיצן אין דער היים. האַ? וואָס זאָגט איר?

דאָ איז מײַן פֿאַרשוין מפסיק, טוט אַ זיפֿץ און הייבט־אָן ריידן שטיל, גלײַך צו מיר אין אויער אַרײַן, קוקט זיך פֿריִער אַרום אין אַלע זײַטן, אויב קיינער הערט אים נישט אונטער.

— איך פֿאָר נישט אַליין. איך פֿאָר מיט אַ פּראָפֿעסאָר פֿאָר איך... ווי קום איך צו אַ פּראָפֿעסאָר? איז אַזוי די מעשה: פֿון קאַשעוואַרעווקע האָט איר געהערט? אַ שטעטל אַזעלכעס פֿאַראַן, הייסט דאָס מיטן נאָמען קאַשעוואַרעווקע. וווינט דאָרטן אַ ייִד אַ גביר, אַן אויפֿגעקומענער גביר, אפֿשר האָט איר געהערט פֿון איר, באָראָדענקאָ הייסט ער, איציקל באָראָדענקאָ. געפֿעלט אײַך דער נאָמען? איאָ אַ גויִישער נאָמען? נאָר וואָס קומט אַרויס? אַ גויִישער נאָמען, אַ ייִדישער נאָמען — דערווײַל

האָט ע ר דאָס געלט. און אַ סך געלט. גאָר אַ סך. ס'איז אַ סברה, אַז בײַ אונדז אין קאָדני שאַצט מען אים כמעט אין אַ האַלבן מיליאָן. און אפשר, אַז איר וועט מיך שטאַרק בעטן, האָט איר באַ מיר געפּועלט, אַז ער זאָל פאַרמאָגן דעם גאַנצן מיליאָן. דאָס הייסט, ווערליק ער איז, איך בעט איבער אײַער כבוד, אַ דבר־אחר, וואָלט ער געמעגט פאַרמאָגן צוויי. אָט האָט איר אַ ראיה: כאָטש איך זע אײַך דעם ערשטן מאָל, נאָר פאַרשטיין פאַרשטיי איך אַז איר פאָרט אוים אַ וועלט, אוודאי מער פון מיר. זאָגט מיר דעם אמת: איר האָט עפּעס אַ סך מאָל געהערט דעם נאָמען באָראָדענקאָ, ער זאָל זיך אויסשטעלן מיט עפּעס אַ יִדישער זאַך, אַ גרויסע נדבה, צי וואָס? באַ אונדז אין קאָדני האָבן מיר נאָך לעת־עתה דערפון עפּעס נישט געהאָרכט. נאָר אויך די אייגענע מעשה. גאָטס סטראַפּטשע ביז איך נישט און אף יענעמס קעשענע איז יעדער אַ וותרן. איך רייד נישט פון נדבות און צדקה; איך רייד מ ע נ ט ש ל ע כ ק יי ט רייד איך. גאָט האָט דיר געהאָלפן, דו ביסט אַזוי רײַך, אַז דו קאָנסט זיך פאַרגינען אויסשרײַבן אַ פּראָפעסאָר, — וואָס וועט דיך אַרן, אַז יענער וועט אויך געניסן דורך דיר דעם זכות? מע בעט נישט באַ דיר קיין געלט, מע בעט באַ דיר אַ גוט וואָרט — וואָס כאַפּט דיך אַוועק דער רוח? וועט איר האָרכן אַ שיינס.

דאַרף זיך טרעפן אַ מעשה, אַז מע ווערט געוואָר באַ אונדז אין קאָדני (באַ אונדז אין קאָדני ווײס מען אַלץ), אַז באַ דעם קאַשעוואַרעווקער גביר, באַ אָט דעם איציקל באָראָדענקאָ, וואָס איך דערצייל אײַך, ווערט קראַנק, נישט דאָ געדאַכט, אַ טאָכטער. וואָס איז איר קראַנק־שאַפט, מיינט איר? אַ נעכטיקער טאָג, אַ פאַרליבעניש. זי האָט זיך פאַרליבט אין אַ גוי, האָט זיך דער גוי אָפּגעזאָגט, האָט זי אײַנגענומען כּם (באַ אונדז אין קאָדני ווײס מען אַלץ). ערשט נעכטן איז דאָס געווען. איז מען אַוועקגעלאָפן און מע האָט אַראָפּגעבראַכט אַ פּראָפעסאָר, דעם גרעסטן פּראָפעסאָר. באַ אַזאַ גביר שפּילט עפּעס אַ ראָליע? פאַלט מיר אײַן אַ געדאַנק: אַזוי ווי דער פּראָפעסאָר וועט דאָך דאָרט נישט בלײַבן זיצן; הײַנט־מאָרגן פאָרט ער דאָך צוריק; און פאָרן פאָרט ער דאָך סײַ־ווי־סײַ דורך אונדזער סטאַנציע, דאָס הייסט, פאַרבײַ קאָדני, — וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן, ער זאָל זיך צוריקוועגס אַראָפּכאַפּן מפּאָיעזד לפּאָיעזד צו אונדז, צו מיר הייסט דאָס? עס ליגט באַ מיר אַ קינד, ?ישט

פֿאַר אײַך געדאַכט. דהיינו, וואָס מיינט איר, איז אים? איך ווייס אַליין נישט וואָס, עפּעס איז אים אינעווייניק. דאָס הייסט, הוסטן, דאַנקען גאָט, הוסט ער נישט. און ווײַטער, ער זאָל פֿילן עפּעס אַ ווייטיק אין האַרצן — איז אויך נישט. נאָר וואָס־זשע דען? קיין טראָפּן בלוט, און שוואַך, שוואַך, ווי אַ פֿליג. דערפֿון, וואָס ער עסט נישט. גאָרנישט נישט. ווי אַזוי, מיינט איר, גאָרנישט נישט? אָבער לחלוטין גאָרנישט. מילך אַמאָל טרינקט ער אויס אַ גלאָז. איז דאָס — מיט גוואַלד. מע דאַרף אים אײַנבעטן דאַרף מען אים. אויסווײַנען. און ווײַטער איז נישט קיין לעפֿל אויך און נישט קיין בין ברויט. פֿון פֿלייש שמועסט מען נישט. פֿלייש קאָן ער גאָר נישט זען. פֿאַרוואָרפֿט מיטן קאָפּ. דאָס איז פֿון זינט ער האָט געבלוט. זומער האָט ער, נישט הײַנט געדאַכט, געבלוט. איין מאָל, גאָר שטאַרק. איצט, דאַנקען גאָט, שוין מער נישט. הלוואי ווײַטער. נאָר אָפּגעשוואַכט איז ער — איר קאָנט אײַך גאָר נישט משער זײַן. קוים־קוים וואָס ער האַלט זיך אַף די פֿיס. אַ קלייניקייט — אַ מענטש פּיבערט, גליט ווי אַף פֿאָקן גליט ער! פֿון נאָך שבֿועות. ניין־און־דרײַסיק מ י ט אַ האַלבן, אָדער ניין־און דרײַסיק אָ ן אַ האַלבן. גאָר נישטאָ קיין שום מיטל דערצו. געווען שוין מיט אים באַם דאָקטער נישט איין מאָל. נאָר וואָס ווייסן אונדזערע דאָקטוירים? אַ סך עסן, זאָגן זיי, אַ סך לופֿט? ווי־זשע? אַז פֿון עסן וויל ער גאָר נישט הערן. און לופֿט? פֿון וואַנען זאָל זיך נעמען באַ אונדז לופֿט? אין קאָדני — לופֿט? כאַ־כאַ! אַ וווּיל שטעטל קאָדני. אַ יידיש שטעטל. פֿאַראַן באַ אונדז, קיין עין־הרע, אַביסל ייִדן, פֿאַראַן באַ אונדז אַ בית־מדרש, פֿאַראַן אַ שול, פֿאַראַן אַ רבֿ, פֿאַראַן אַלצדינג. נאָר פֿון צוויי זאַכן האָט אונדז גאָט אויסגעהיט: פֿון לופֿט און פֿון פּרנסה. מילא, פּרנסה איז אָפּגערעדט. פּרנסה האָבן מיר, ברוך השם, איינס פֿון דאָס אַנדערע... און לופֿט? אַז מיר ווילן לופֿט, גייען מיר אין „הויף” אַרײַן. אין „הויף”, זעט איר, איז שוין דווקא דאָ לופֿט. אַמאָל, אַז קאָדני האָט געהערט צו די פּוילישע פּריצים האָט מען נישט געטאָרט אַרײַנשמעקן אין „הויף” אַרײַן. די פּריצים האָבן נישט צוגעלאָזט. נישט אַזוי די פּריצים, ווי די פּריצישע הינט. נאָר זינט קאָדניר „הויף” איז אַרײַנגעפֿאַלן אין ייִדישע הענט, איז געוואָרן אויס הינט, און דער „הויף” איז געוואָרן גאָר אַן אַנדער „הויף”. אַ מחיה אַרײַנצוגיין אין „הויף” אַרײַן. טאַקע פּריצים, פּאַמעשטשיקעס, נאָ־

ייִדישע פּאַמעשטשיקעס. ריידן ייִדיש, ווי איך מיט אײַך. און האַלטן פון ייִדישקייט, און האָבן ליב אַ ייִדן. אַז מען שמועסט ייִדן, איז דאָך נישט שײַך! דאָס הייסט, איך װעל אײַך נישט זאָגן, אַז זיי זאָלן זײַן אַזעלכע גרויסע צדיקים. ברוך השם, אין שול אַרײַן צו אונדז דאַווענען כאַפּן זיי זיך ניט אַזוי שטאַרק, און, להבדיל, צו אונדז אין באָד אַרײַן — אַוודאי נישט. און זיי זאָלן מורא האָבן מחלל־שבת זײַן — זעט מען עפּעס אויך נישט. און פאַר אַ הינדל, זאָגט מען, אין פּוטער, שרעקן זיי זיך אויך נישט שטאַרק איבער. נו, און שערן דאָס בערדל, און גיין אָן אַ היטל, און נאָך אַזעלכע זאַכן — פון דעם שמועסט מען נישט. דאָס איז שוין הײַנט אומעטום אַ וואָכעדיקער גאַנג. פאַראַן שוין בײַ אונדז, דאַנקען גאָט, אין קאָדני אויך אַזעלכע בחורימלעך, וואָס ס'איז זיי שווער דאָס היטל אָפּן קאָפּ... פּראַוודע, קאָדני האָט אױף אונדזערע פּאַמעשטשיקעס נישט וואָס צו קלאָגן זיך. אונדזערע ייִדישע פּריצים זײַנען פאַרן שטעטל גענוג יוצא. פאַרקערט, פײַנען זיך אויס, ווי ווײַט מעגלעך. קומט אָסיען, שיקן זיי אַרײַן אַ הונדערט זעקלעך קאַרטאָפלעס פאַר אָרעמעלײַט. ווינ־טער — שטרוי אױף צו הייצן. ערב פּסח — מעות־חטים. נישט לאַנג האָבן זיי געשענקט ציגל אױף אַ שול. וואָס איז שײַך? אַלצדינג פֿײַן און שיין און לײַטיש, ווי עס געהער צו זײַן. נאָר אָט דאָס הינדל אין פּוטער זאָל נאָר נישט זײַן, אוי, אָט דאָס הינדעלע!... מיינט נישט! איך וויל זיי חלילה דערמיט נישט באַריידן. וואָס האָב איך צו זיי? אדרבה! זיי וועלן אײַך פאַר מיר נישט אַוועקגעבן קיין זאַק באָרשט. רב אַלטער (מע רופט מיך אַלטער רופט מען מיך) איז בײַ זיי דאָס אייבערשטע פון שטויסל. אַז מע דאַרף האָבן עפּעס אין שטאָט אַרײַן מכח אַ נייטיקער זאַך, אַ נײַעם לוח, צום בײַשפּיל, אױף ראש־השנה, מצות אױף פּסח, אױף סוכות הושענות, וכדומה אַזעלכע זאַכן, וואָס זײַנען שײַך צו ייִדישקייט, — שיקט מען רופן אַלטערן. און מײַן ווײַב אין קלייטל (מײַן ווײַב האַלט אַ קלייטל האַלט זי) גיבן זיי צו לייזן שיין געלט. פאַר זאַלץ און פאַר פעפער און פאַר שוועבעלעך און פאַר אַלצדינג. דאָס האָט איר אײַך די פּאַמעשטשיקעס. און זייערע קינדער די סטודענטלעך — די זײַנען פאַר מײַן זון נאָר די כפּרה. קומט דער זומער און זיי פאָרן זיך צונויף פון פּיטערבאָרג, לערנען זיי מיט אים וואָס איר ווילט. זיצן אַוועק מיט אים טעגוווײַז איבער די ביכלעך. און בײַ מײַנעם אַ ביכל, דאַרפט איר וויסן,

איז דאָס חיות מיט דער נשמה! טײַערער פונעם טאַטן מיט דער מאַמען. איך האָב מורא צו זאָגן, נאָר מײַנען מײן איך, אַז דאָס ביכל — דאָס איז טאַקע זײַן מלאך־המות. פון דעם ביכל האָט זיך גענומען דאָס גאַנצע אומגליק... זי דרינגט מיר אַפילו, אַז ס'איז בײַ אים פונעם פּריזיוו. וואָס פּריזיוו? וועלן פּריזיוו? דעם פּריזיוו האָט ער שוין לאַנג פאַרגעסן. נאָר מילא, ווי אַזוי די מעשה איז שוין דאָרטן, צי ביכל, צי פּריזיוו — דערווײַל ליגט בײַ מיר אַ קינד, נישט פאַר קיין ייִדן געדאַכט, און צאַנקט, צאַנקט נעבעך, גייט־אויס, ווי אַ ליכט, איין גאָט זאָל זיך אָף אים דערבאַרעמען...

אַ מינוט האָט זיך אָף מײַן ייִדלס שײַנענדיק פּנים אָנגערוקט ווי אַ כמאַרעלע. אָבער נישט מער, ווי איין מינוט. גיך האָט געגעבן אַ קוק־אַרויס די זון, פאַרטריבן די כמאַרע, און דאָס פּנים האָט בײַ אים ווידער אָנגעהויבן שײַנען, די אויגן לײַכטן און דאָס מויל שמייכלען. און אָט דערציילט ער ווײַטער:

— הכלל, וואָס זשע האַלטן מיר? יאָ. האָב איך מיך מיישב געווען, איך וועל געבן אַ לויף קיין קאַשעוואַרעווקע, צו איציקל באַראָדענקאָ, צום גביר הייסט דאָס. געוויינטלעך, האָב איך מיך נישט געלאָזט אין וועג אַרײַן גלאַט אַזוי, ווי זאָגט איר, מיט ליידיקע הענט. איך האָב מיטגענומען אַ בריוו האָב איך מיטגענומען. פון אונדזער רב (דער קאָדניר רב האָט אַ נאָמען). אַ שיינעם בריוו: „היות אַזוי ווי גאָט האָט אײַך געהאָלפן, איר זײַט אימשטאַנד אַראָפּברענגען צו זיך אין שטוב אַרײַן אַ פּראָפעסאָר, אַז איר דאַרפט, און אַזוי ווי בײַ אונדזער אַלטערן ליגט, נישט פאַר אײַך געדאַכט, אַ זון אָפן טויטן־בעט, אפשר וועט זיך דערוועקן אין אײַער האַרץ אַ פונק פון רחמנות און איר וועט אַראָפּנידערן פון אײַער געצעלט און אַרײַנגיין אין דער פּאָלאָזשעניע" און וועט פועלן באַם פּראָפעסאָר, אַז צוריקוועגס, ער פאָרט דאָך סײַ־ווי־סײַ פאַרבײַ קאָדני, זאָל ער זיך אַראָפּכאַפּן צו אונדז מפּאָיעזד לפּאָיעזד אָף איין פערטל שעה נאָר, אַ קוק טאָן אָפן קראַנקן. ובשכר זה..." נו, און אַזוי ווײַטער. אַ שיינער בריוו.

פּלוצעם דערהערט זיך אַ פײַף, און מיר בלײַבן שטיין. מײַן ייִדל טוט זיך אַ כאַפּ־אויף:

— אַהאַ! אַ סטאַנציע? אָט טו איך אַ שפּרונג אין פערווע קלאַס

נאָר אַף איין מינוט. איך װעל נאָר געבן אַ קוק צו מײַן פּראָפּעסאָר, קום איך באַלד אַרײַן, װעל איך אײַך „קינטשען” די מעשה.

אַרײַנגעקומען איז מײַן ייִדל צוריק מיט נאָך אַ מער שײַנענדיק פּנים, װי פֿריִער. איך זאָל װיסן, אַז מע קאָן זיך אַזױ אױסדריקן, װאָלט איך געזאָגט: עס האָט גערוט אַף אים די שכינה. אָנגעבױגן זיך צו מיר אַפֿן אױער, מאַכט ער צו מיר שטיל, װי ער װאָלט מורא האָבן עמעצן אױפֿװעקן:

— ער שלאָפֿט, דער פּראָפּעסאָר מײַנער. גאָט זאָל העלפֿן, ער זאָל זיך באַטש גוט אױסשלאָפֿן, אַזױ אַז ער װעט קומען, זאָל ער קומען מיט אַ לױטערן קאָפּ... הקיצור, װו־זשע האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט? אין קאַ־שעװאַרעװקע.

קום איך, הײסט עס, צו פֿאָרן קײן קאַשעװאַרעװקע און לאָז מיך גלײַך אין שטוב אַרײַן, קלינג־אָן באַ דער טיר אײנס און צװײ און דרײַ, שפּרינגט־אַרױס אַ נפֿש מיט אַ פּאָר פּיסקעס און מיט אַ געגאָלטער מאָרדע און באַלעקט זיך, װי אַ קאַץ, און מאַכט צו מיר בלשון פּאָניע: „שטאָ נאַדאָ?” זאָג איך צו אים דװקא אַף ייִדיש: „מסתמא איז „נאַדאָ”; ס׳זאָל נישט זײַן „נאַדאָ”, װאָלט איך מיך נישט געהעצקעט אַהער אַזש פֿון קאָדני”...

הערט ער מיך אױס, קײַט און באַלעקט זיך און דרײט מיטן קאָפּ: „מען קאָן נישט איצטער צוטרעטן צו אונדזערע, װאָרעם דער פּראָפּעסאָר זיצט”. זאָג איך: „אַדרבה, װײַל דער פּראָפּעסאָר זיצט. איך בין, זאָג איך, טאַקע צוליבן פּראָפּעסאָר אַהער געקומען”. זאָגט ער צו מיר: „װאָס פֿאַר געשעפֿטן האָט איר מיט אַ פּראָפּעסאָר?” זאָל איך אים גײן דער־צײלן מעשׂיות! נעם איך און דערלאַנג אים דעם רבֿם בריװ: „גוט איז דיר, זאָג איך, צו שמועסן, אַז דו שטײסט פֿון יענער זײַט, און אַף מיר, זאָג איך, גײט אַ רעגן. נאַ דיר, זאָג איך, אָט דעם דאָקומענט, און גיב דאָס איבער, זײַ מוחל, דעם בעל־הבית, זאָג איך, גלײַך אים אין די הענט אַרײַן”. און אַלײן בלײַב איך שטײן אין דרױסן, פֿון יענער זײַט טיר, און װאַרט ביז מע װעט מיך שיקן רופֿן. איך װאַרט אַ האַלבע שעה. איך װאַרט אַ שעה. איך װאַרט צװײ. דער רעגן גיסט, אַ מבול, און מע רופֿט מיך עפּעס נישט. הײבט דאָס מיך שױן אָן צו פֿאַרדריסן. נישט אַזױ פֿאַר זיך, װי פֿאַר אונדזער רבֿ. דאָס שרײַבט דאָך נישט קײן ייִנגע־

לע, דאָס שרײַבט דאָך עפּעס אַ רבֿ! (דער קאָדניר רב האָט אַ נאָמען). גיי איך און טו אַ צי דאָס גלעקל נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. אַז סע שפּרינגט נישט אַרויס דער אייגענער נפש מיט די רויטע פּיסקעס, מיט אַ גוואַלד און מיט אַ רציחה: „אַן עזות, זאָגט ער, פֿון אַ ייִדן — קלינגען!" „אַן עזות לאָזן אַ ייִדן, זאָג איך, שטיין צוויי שעה אין דרויסן אַפֿן רעגן!" און טו מיך אַ לאָז צו דער טיר און וויל אַרײַן אינעווייניק — ווער וואָס? פֿאַרהאַקט די טיר, און רוף מיך קנאַקניסל! וואָס־זשע טוט מען ווײַטער? עפּעס טאַקע זייער נישט פֿריילעך. פֿאָרן צוריק מיט גאָרנישט איז עפּעס זייער נישט שיין. ערשטנס, אַ בזיון פֿאַר זיך אַליין. איך בין דאָך עפּעס אַ שטיקל בעל־הבית בײַ אונדז אין קאָדני, חלילה נישט קיין שלעפּער... און אגבֿ רײַסט מיר דאָס האַרץ: מײַן קינד נעבעך...

איז דאָך אָבער פֿאַראַן, ווי זאָגט איר, אַ גרויסער גאָט אויף דער וועלט. איך טו אַ קוק — עס פֿאָרט־צו אַ קאַרעטע מיט פֿיר פֿערד, און גלײַך צו דער טיר. איך טו מיך אַ נעם צום קוטשער: וואָס איז פֿאַר אַ קאַרעטע און וועמענס איז פֿערד? ווער איך געוואָר, אַז דאָס איז טאַקע דעם גבֿירס קאַרעטע מיטן גבֿירס פֿערד. פֿונעם פּראָפֿעסאָרס וועגן. דאָס וועט מען אים נעמען, דעם פּראָפֿעסאָר הייסט עס, און מען וועט אים אָפּפֿירן צו דער באַן. אויב אַזוי, טראַכט איך מיר, איז דאָך שוין טאַקע ווידער גוט. אויסגעצייכנט גוט! און איידער איך קוק מיך אַרום, עפֿנט זיך די טיר און עס באַווײַזט זיך טאַקע ער אַליין, דער פּראָפֿעסאָר הייסט עס. אַ קלייניטשקער, אַן אַלטיטשקער, מיט אַ פּנים — וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? אַ מלאך, אַ מלאך פֿונעם הימל! נאָך אים גייט נאָך דער גבֿיר, איציקל באַראָדענקאָ הייסט עס, דווקא אָן אַ היטל. און גאָר הינטן גייט דער נפש מיט די רויטע פּיסקעס, טראָגט־נאָך דעם פּראָפֿעסאָרס טשעמאָדאַנטשיקל. איר זאָלט אָנקוקן אַ גבֿיר פֿון אפשר העכער אַ מיליאָן, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפֿן פֿאַר די רייד, — טראָגט ער אַ פּידזשאַק פֿון געוויינטלעכן געוואַנט, „דיאַגאָנאַל", ווי מע טראָגט בײַ אונדז אין קאָדני, האַלט די הענט אין די קעשענעס, און קוקן קוקט ער אָן אַ זײַט, אַביסל קאָסאָקע. איך שטיי און באַטראַכט: רבונו של עולם! אָט דאָס האָט מיליאָנען? נאָר גיי טענה זיך אויס מיט גאָט!... דערזעען מיך שטיין, נעמט ער מיך דורך מיט די קאָסאָקע אויגן און רופֿט זיך אָן צו מיר: „וואָס דאַרפֿט איר?" גיי איך צו און מאַך צו אים: „אַזוי און אַזוי,

זאָג איך, דאָס האָב איך אײַך געבראַכט, זאָג איך, דעם בריוו פֿון אונדזער רבֿ האָב איך אײַך געבראַכט"... מאַכט ער צו מיר: „פֿון וואָסער רבֿ?" איר הערט? ער ווייס שוין גאָר נישט, פֿון וואָסער רבֿ?! „פֿון קאָדניר רבֿ, זאָג איך. איך בין אַ דאָרטיקער בין איך, איך בין אומיסטנע געקומען, זאָג איך, פֿון קאָדני צום פּראָפֿעסאָר, זיי זאָלן זיך מטריח זײַן, זאָג איך, קיין קאָדני מפֿאָיעוד לפֿאָיעזד אַף אַ פֿערטל שעה צו מײַן קינד, זאָג איך, בײַ מיר איז אַ קינד, זאָג איך, נישט פֿאַר אײַך געדאַכט, טויט־קראַנק"... אָט אַזוי, מיט די ווערטער, זאָג איך צו אים. איך בין אײַך נישט מגזם אַף אַ האָר אַפֿילו. וואָס האָב איך גערעכנט? איך האָב גערעכנט: אַ מענטשן האָט געטראָפֿן אַן אומגליק, ס'האָט זיך בײַ אים געסמט, נישט דאָ געדאַכט, אַ טאָכטער, אפֿשר וועט זיך בײַ אים צעברעכן דאָס האַרץ, ער וועט רחמנות האָבן אַף אַן אָרעמען טאַטן? צום סוף: ווער — וואָס? נישט געענטפֿערט מיר קיין חצי דבור, נאָר אַ קוק געטאָן מיט די קאַסאָקע אויגן אַף דעם נפֿש מיט די רויטע פּיסקעס, ווי אײנער רעדט: „טאָמער וואָלסטו אָפּגערוימט פֿונעם וועג אָט דאָס ייִדל?" און מײַן פּראָפֿעסאָר איז דערווײַל אַרײַן מיטן טשעמאָדאַנטשיקל אין קאַרעטע אַרײַן. נאָך איין מינוט — איז אויס פּראָפֿעסאָר! וואָס טוט מען דעמאָלט? דערזען, אַז דאָס שפּיל איז פֿאַרן טײַוול, האָב איך מיך מיישב געווען: יעבֿור עלי מה, וואָס ס'וועט זײַן וועט זײַן, מען דאַרף ראַטעווען אַ קינד! און נעם מיך אָן מיט האַרץ און — פֿויגלײַך אונטער די פֿערד!... מילא, וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, אַז ס'איז מיר געווען גוט צו ליגן אונטער די פֿערד? — ווייס איך נישט. איך געדענק נישט אַפֿילו, וויפֿל צײַט איך בין געלעגן, און צי בין איך גאָר אינגאַנצן געלעגן? עס קאָן זײַן, איך בין גאָר נישט געלעגן. איך ווייס נאָר, אַז עס האָט נישט געדויערט אַפֿילו אַזוי פֿיל, וויפֿל איך דערצייל אײַך, איז דער אַלטיטשקער, דער פּראָפֿעסאָר הייסט עס, שוין געשטאַנען נעבן מיר: „שטאָ טאַקאָיע?" און „גאָלובטשיק!" — איך זאָל אים אויסדערציילן אַלצדינג, אַרויסזאָגן וואָס איז מײַן באַגער, איך זאָל גאָר נישט מורא האָבן. און דער גבֿיר שטייט בײַ דער זײַט און קוקט מיך אָן מיט די קאַסאָקע אויגן, און איך רייד! איר דאַרפֿט וויסן, אַז קיין גרויסער בעל־דבֿרן אַף רוסיש בין איך נישט, נאָר דאָס מאָל האָט מיר גאָט עפּעס אַרײַנגעגעבן אַזאַ כּוח און עס האָט זיך גערעדט! איך האָב

אים אויסדערציילט אַלצדינג, וואָס ס'איז באַ מיר אויף דער נשמה. איך האָב אים געזאָגט: „אַזוי און אַזוי, הער פּראָפעסאָר, אפשר איז דאָס אַ באַשערטע זאַך, אַז איר זאָלט זײַן דער שליח מיר אומקערן מײַן קינד, מײַן איינאונאיינציקן זון, וואָס איז געבליבן באַ מיר פון זעקס, דעם צווענגערע יאָר. און אויב, זאָג איך, עס מוז קאָסטן געלט, פאַרמאָג איך מײַן אייגענעם אַ גאַנצן כּח־האַער, אַ פינפוואונצוואַנציקער הייסט עס, חלילה נישט מײַנער, זאָג איך, ווי קומט צו מיר אַזוי פיל געלט? דאָס איז מײַן ווײַבס פינפאונצוואַנציקער, זאָג איך, ליגט אָנגעגרייט צו פאָרן אין שטאָט אַרײַן נאָך סחורה. בין איך מפקיר, זאָג איך, דעם פינפאונצוואַנציקער, כאָטש דער גוטער יאָר מײַן ווײַבס קליטל, אַבי ראַטעווען אַ קינד!... אַזוי זאָג איך און גיי און צעשפּיליע די קאַפאָטע און וויל אַרויסבאַקומען מײַן פינפאונצוואַנציקער. נעמט דער אַלטיטשקער, דער פּראָפעסאָר הייסט עס, לייגט־אַרויף אויף מיר די האַנט: „ניטשעוואָ!" און הייסט מיר קריכן אין קאַרעטע — איך זאָל אַזוי דערלעבן טרעפן מײַן זון אַ געזונטן, ווי איך זאָג אײַך נישט קיין ליגן! נו, פרעג איך אײַך, זאָל ער נישט זײַן די כּפּרה, איציקל באָראָדענקאָ מיין איך, פאַרן פּראָפעסאָרס מינדסטן נאָגל? ער האָט דאָך מיך שיער געקוילעט אָן אַ מעסער האָט ער דאָך מיך! גוט, דער אייבערשטער האָט אַזוי געפירט, ס'איז מיר אָפּגעראָטן. און וואָס וואָלט געווען, למשל, ווען חלילה פאַרקערט?... האַ? וואָס זאָגט איר?...

אין וואַגאָן ווערט אַ שטיקל סומאַטאָכע, און מײַן ייִדל טוט זיך אַ וואָרף צום קאָנדוקטאָר:

— קאָדני?

— קאָדני.

— זײַט געזונט און פאָרט געזונט און זאָגט נישט קיינעם, מיט וועמען איך פאָר. איך וויל נישט, מע זאָל וויסן באַ אונדז אין קאָדני, אַז איך בין געקומען מיט אַ פּראָפעסאָר. מע וועט זיך צונויפלויפן!...

אַזוי מאַכט צו מיר דאָס ייִדל בסוד־סודות און קוועטשט מיר די האַנט — און מער זע איך אים נישט.

ערשט אין אַ פּאָר מינוט אַרום, ווען מיר האַלטן שוין באַ פאָרן ווײַטער, דערזע איך דורכן פענצטער טרייסלט זיך אַ הינקענדיקער טאַראַנטאַס מיט אַ פּאָר אָפּגעבאַרעטע פאַרזאָרגטע גרויע פערדלעך. אין

טאַראַנטאַס זיצט אַ קלײניטשקער, אַן אַלטיטשקער, מיט ברילן, מיט יונגע רויטע בעקלעך און מיט אַ גרוי בערדל. אַקעגן אים, אין פּאַעטאָן, זיצט מײַן ייִדל אָן אַ זײַט, הענגט ווי אַף אַ פֿאָדעם, קוקט דעם אַלטיטשקן גלײַך אין די אויגן אַרײַן און העצקעט זיך, און דאָס פּנים באַ אים שײַנט, און די אויגן — אָט־אָט שפּרינגען זיי אַרויס.

אַ שאָד, וואָס איך בין נישט קײן פֿאָטאָגראַף און פֿיר נישט מיט זיך קײן אַפּאַראַט. עס וואָלט געווען אַ יושר אַראָפּצוכאַפּן פֿונעם ייִדל אַ פּאָרטרעט. לאָז די וועלט זען, וואָס הייסט אַ גליקלעכער מענטש — דער גליקלעכסטער מענטש אין קאָדני.

ענדע געשיכטע נומער צוויי.

גערשריבן אין יאָר 1909

געשיכטע נומער דריי

סטאנציע באראנאוויטש

דאס מאל זײַנען מיר געווען נישט מער ווי א פאר מנינים ייִדן און מיר זײַנען געזעסן אין וואגאן דריטער קלאס, מע קאן זאגן, בהרחבה. דאס הייסט, געזעסן זײַנען, אייגנטלעך, נאר די, וועלכע האבן באצײַטנס פארכאפט ערטער. די איבעריקע זײַנען געשטאנען אנגעלענט אף די צווישנוועגטלעך און האבן געגומען, פונדעסטוועגן, אן אנטייל אינעם שמועס גלײַך מיט די, וואס זײַנען געזעסן. און דער שמועס איז געווען זייער א לעבעדיקער שמועס. אלע האבן גערעדט, אלע אינאיינעם, ווי געוויינלעך. ס'איז געווען אינדערפרי. דער עולם האט זיך אויסגעשלאפן, אפגעדאוונט, ווי עס איז איבערגעביסן, גוט אנגערייכערט זיך מיט פאפיראסן און מען איז געווען אויפגעלייגט, זייער אויפגעלייגט, אף צו ריידן. פון וואס? פון וואס איר ווילט. איטלעכן האט זיך געוואלט דערציילן עפעס א פרישס, א צאפלדיקס, אזעלכעס, וואס זאל צוציִען, אלע זאלן הארכן. עס האט זיך אבער נישט אײַנגעגעבן קיינעם אויפצוהאלטן דעם עולם אף איין זאך. אלע מינוט איז מען אריבערגעלאפן פון איין ענין אפן אנדערן. אט רעדט מען, דאכט זיך, פונעם „אוראזשאי", א גערעט אף ווייץ און אף האבער, און אט איז מען אריבער (א סמיכות הפרשה!) אף מילחמה. נישט געהאלטן זיך בא דער מילחמה קיין פינף מינוט, טוט מען א שפרונג־אריבער גלײַך צו דער רעוואלוציע. פון דער רעוואלוציע גיט מען זיך א ווארף אין דער קאנסטיטוציע, און פון קאנסטיטוציע פאלט מען שוין במילא ארײַן אין די פאגראמען, מיט די רציחות, רדי־

פות און נײַע גזירות אױף ייִדן, מיטן טרײַבעניש פון די דערפער, מיטן לױפעניש קײן אַמעריקע, מיט די איבעריקע צרות און שלעק־פּורעניות, װאָס מע הערט זיך אָן אין הײַנטיקע שײנע צײַטן: אָנזעצן, עקספּראָ־פּריאַציעס, װאָיענע פּאָלאָזשעניע, תליות, הונגער, חלירע, פּורישקעװיטש, אַזעװ...

„אַ־ז־ע־װ!"

אײנער האָט אַרױסגעלאָזט דאָס דאָזיקע װאָרט, אײנער האָט דער־מאָנט דעם דאָזיקן נאָמען — און דער גאַנצער װאַגאָן איז געװאָרן אױפֿ־געקאָכט: אַזעװ, און נאָך אַ מאָל אַזעװ, און אָבער אַ מאָל אַזעװ, און טאַקע װידער אַ מאָל אַזעװ.

— האָט קײן פּאַראיבל נישט, איר זײַט, װאָס אַרט אײַך, אַלע בהמות. סע טוט זיך אַביסל — אַזשעװ! פּכע! אַ גאַנצער טאַרעראַם — אַזשעװ! װאָס איז אַזעלכעס אַזשעװ? אַ ניקס, אַ יונגאַטש, אַ פּאַרך, אַ מוסר, אַ נול, אַ גאָרנישט שבגאָרנישט. איר זאָלט מיך בעטן, װאָלט איך אײַך דערצײלט אַ מעשה פון אַ מסור, טאַקע פון אונדזערן אַ קאַמינקער, װאָלט איר, װאָס אַרט אײַך, אַלײן געזאָגט, אַז אַזשעװ איז אַ הונט אַקעגן אים!

אָט מיט אַזאַ שפּראַך איז אַרױס אײנער פון די פּאַסאַזשירן, װאָס האָבן נישט געהאַט קײן אָרט אין װאַגאָן און געהאַנגען איבער אונדז אױף די צװישנװענטלעך. איך דרײ־אױס דעם קאָפּ און הײב־אױף די אױגן, דערזע איך אַ געפּאַקטן פּאַרשױן אין אַ זײַדענעם שבתדיקן קאַשקעט, מיט אַ רױטן קלײַנעדיקן פּנים, מיט שמײכלענדיקע אױגן און אָן צײן פון פּאָרנט. דאָס הײסט, סאַמע די פּעדערשטע צײן פעלן אים, און מחמת דעריבער, אַפּנים, רעדט ער אַרױס אַ זײַ"ן און אַ סמ"ך און אַ צד"י אַביסל פײַפּנדיק, און טאַקע דערפאַר קומט־אױס בא אים נישט „אַזעװ", נאָר „אַזשעװ".

מיר איז אָט דער פּאַרשױן באַלד געפעלן געװאָרן. מיר איז געפעלן זײַן ברײטקײט, מיט זײַן שפּראַך, מיט זײַן האַלטן אונדז אַלעמען פאַר בהמות. איך האָב ליב, איך בין מקנא אַזאַ ייִדן.

באַקומען אומגעריכט פון אַ קאַמינקער ייִדן אַן אַטעסטאַט פון בהמות, איז דער גאַנצער עולם געבליבן די ערשטע מינוט װי געפּלעפּט, גלײַך װי עמעצער װאָלט זײ אָפּגעגאָסן מיט אַ שעפּל קאַלט װאַסער. מען

איז אָבער גיך געקומען צו זיך, אַביסל זיך איבערגעקוקט איינס מיט דאָס אַנדערע און אַ זאָג געטאָן צום קאַמינקער ייִדן:

— איר ווילט, מיר זאָלן אײַך בעטן, בעטן מיר אײַך, מהכתיתי; דערציילט אונדז, וועלן מיר הערכן, וואָס האָט זיך אַזעלכעס געטראָפן בא אײַך אין קאַמינקע? נאָר לְמאַי שטייט איר? פאַרוואָס זיצט איר נישט? נישטאָ, זאָגט איר, ווו? ייִדן! טוט זיך אַביסל אַ רוק־צונויף! מאַכט אָן אָרט! זײַט זשע מוחל!

און דער עולם, וואָס איז אַזוי אויך געזעסן גענוג צונויפגערוקט, טוט זיך נאָך אַביסל אַ רוק־צונויף און מאַכט אָן אָרט פאַרן קאַמינקער ייִדן. און דער קאַמינקער ייִד זעצט זיך אַוועק גאַנץ ברייטלעך (ווי אַ סנדקאָ אַף אַ ברית, בשעת דער שמש טוט אַ געשריי: „קוואַטער" און מע טראָגט אַרײַן דאָס קינד) — און ער פאַררוקט דעם קאַשקעט אַרויף, פאַרקאַטשעט די אַרבל און הייבט אָן מיט זײַן ברייטער שפּראַך בזה הלשון:

— הערט־זשע צו, מײַנע ליבע ייִדן. אָט דאָס, וואָס איך וויל אײַך דערציילן, איז, זאָלט איר וויסן, נישט קיין פּזמון, וואָס מע לייענט אין אַ ביכל פון די ביכלעך, און נישט קיין בבא־מעשה פון טויזנט און איין נאַכט. דאָס איז אַ געשיכטע, פאַרשטייט איר מיך, וואָס האָט זיך פאַר־לאָפן, וואָס אָרט אײַך, טאַקע בא אונדז אין קאַמינקע. מײַן טאַטע, עליו השלום, האָט דאָס מיר אַליין דערציילט, אַז ער האָט דאָס געהאָרכט פון זײַן טאַטן דערציילן וויפל מאָל. ס'איז אַ סברה, אַז די גאַנצע מעשה איז געווען פאַרשריבן בא אונדז ערגעץ אין אַן אַלטן פּנקס, וואָס איז שוין לאַנג פאַרברענט געוואָרן. איר מעגט אײַך לאַכן, נאָר איך זאָג אײַך, אַז ס'איז אַן עבירה, וואָס דער פּנקס איז פאַרברענט געוואָרן. דאָרטן איז געווען, זאָגט מען, באַשריבן זייער שיינע מעשיות, אַ סך שענערע פון די וואָס דרוקן זיך אין די הײַנטיקע מעשה־ביכלעך און גאָזעטן.

בקיצור המעשה — דאָס איז געווען בימי ניקאָלאַי הראשון, אין די צײַטן פון גנאָט. וואָס שמייכלט איר? איר ווייסט דען, וואָס גנאָט הייסט? גנאָט הייסט — מע פלעגט גנאָטעווען, טרײַבן „קאָליסטראָי". וואָס איז אַזעלכעס „קאָליסטראָי"? ווייסט איר ווידער נישט? דאַרף מע אײַך, הייסט עס, קלאָר מאַכן. שטעלט אײַך פאָר — פון ביידע זײַטן שטייען אויסגעשטעלט סאָלדאַטן מיט אײַזערנע ריטער, און איר שפּאַ

צירט זיך דורך, וואָס אַרט אײַך, אַ מאָל עטלעכע און צוואַנציק הין און צוריק, איך בעט איבער אײַער כבוד, אַ גאַקעטער, ווי די מאַמע האָט אײַך געהאַט און מע טוט אײַך דאָס, וואָס דער רבי האָט אײַך געטאָן אין חדר דערפֿאַר, וואָס איר האָט נישט געוואָלט לערנען... ווייסט איר שוין דעם טעם פֿון „טרײַבן קאָליסטראָי”? אַצינד קאָנט איר האָרכן ווײַטער.

ויהי היום — טרעפֿט זיך אַ מעשה. עס קומט אָן פֿונעם גובערנאַ־טאָר, — וואַסילטשיקאָוו איז דעמאָלט געווען גובערנאַטאָר, — מע זאָל גנאַטעווען איינעם אַ ייִדן מיטן נאָמען קיווקע. ווער איז געווען אָט דער קיווקע, און וואָס האָט ער אַזעלכעס פֿאַרזינדיקט — קאָן איך אײַך אַקו־ראַט נישט זאָגן. אַ סברה, אַז בטבע איז ער געווען אַ ייִד אַ שענקער, עפּעס גאָרנישט אַזאַ־נאַזיכטיק מענטשל, און נאָך אָן אַלטער בחור, אַ פֿאַרזעסענער דערצו. באַדאַרף אים גאָט אַרײַנגעבן אַ זין, און ער צערעדט זיך איינמאָל מיט די גויִים אין שענק, זונטיק איז דאָס געווען, ווען גאָט־זאַכן. „נאַש באָג, וואַש באָג” — אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט, מע האָט אַראָפּגעבראַכט דעם סטאַראָסטע מיטן פּריסטאַוו און מע האָט געמאַכט, וואָס אַרט אײַך, אַ פּראָטאָקאָל. נעם־זשע, דו שענקער איינער, שטעל־אַוועק אָן עמער בראָנפֿן, וועט ווערן אויס פּראָטאָקאָל! זאָגט ער: „ניין! קיווקע נעמט נישט זײַן וואָרט צוריק”. ער איז נאָך אָן עקשן אויף צו די צרות. וואָס האָט ער געמיינט? ער האָט געמיינט, מע וועט אים מן הסתם אָפּשטראָפֿן מיט אַ דרײַערל, און אַ גוטן טאָג. ווער וועט זיך גיין ריכטן, אַף אַזאַ משפּט, אַז פֿאַר אַזאַ נאַריש וואָרט זאָל מען טרײַבן אַ מענטשן „קאָליסטראָי”? בקיצור המעשה, מע האָט אויפֿגע־כאַפּט דעם בחור און מע האָט אים, וואָס אַרט אײַך, אײַנגעזעצט אין חד־גדיא אַרײַן, ביז מע וועט אים אָפּצײלן מחילה פֿינף־און־צוואַנציק שמיץ מיטן גאַנצן פּאַראַד, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן.

מילא, פֿאַרשטייט איר דאָך מסתמא, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן בא אונדז אין קאַמינקע, אַז מע האָט דערהערט אַזאַ מעשה. און ווען דאַרף זיך טרעפֿן אַזאַ־נאַ־אומגליק? דווקא באַנאַכט, און דווקא אַקעגן שבת. אַזוי, אַז מען איז אויפֿגעשטאַנען אינדערפֿרי און געקומען אין שול — אַ ויצעקו: „מע האָט אײַנגעזעצט קיווקען!”... „מע האָט אים געמשפּט גנאָטן!”... „גנאָט?”... „פֿאַר וואָס? פֿאַר ווען?”... „פֿאַר אַ נאַרישקייט,

פאַר אַ וואָרט"... „אַ בילבול"... „וואָסער בלבול? אַ ייִד האָט אַ לאַנגע צונג!".. אכצן מאָל אַ לאַנגע צונג, אָבער גנאָט? סטײַטש גנאָט!... וואָס הייסט, מע וועט גנאָטעווען אַ ייִדן? אונדזערן, אַ קאַמינקער?!"...

אָט אַזוי האָט דאָס געקאָכט, ווי אין אַ קעסל, דעם גאַנצן שבת, ביז שבת־צו־נאַכטס. שבת־צו־נאַכטס, נאָך הבדלה, איז מען אַרײַנגע־פאַלן מיט אַ גוואַלד צו מײַן זיידן (רב ניסל שאַפּיראָ האָט מען אים גע־רופן): „ס'טײַטש, רב ניסל, וואָס שווײַגט איר? ווי קאָנט איר דאָס דערלאָזן אַזאַ זאַך, מע זאָל שמײַסן אַ ייִדן, אונדזערן, אַ קאַמינקער?!"...

וועט איר דאָך מסתמא פרעגן, וואָס איז מען דאָס געלאָפן גראָד צו מײַן זיידן? באַדאַרף איך אײַך זאָגן, אַז מײַן זיידע (זאָל האָבן אַ ליכ־טיקן גן־עדן) איז געווען — נישט ווײַל איך וויל מיך דאָ פאַר אײַך באַ־רימען — דער גרעסטער, דער שענסטער, דער רײַכסטער, דער פאַר־נעמסטער בעל־הבית אין שטאָט, און חשוב בײַ נאַטשאַלסטווע, און טאַקע אַ גרויסער קאָפּמענטש דערצו. אויסגעהערט דעם גוואַלד, האָט ער זיך פּאַוואָלינקע דורכגעשפּאַצירט עטלעכע מאָל הין און צוריק איבערן שטוב (אַזאַ טבע האָט ער געהאַט: אַז ער פלעגט עפּעס טראַכטן — דערציילט דער טאַטע, עליו השלום, — האָט ער ליב געהאַט אַרומצושפּאַצירן עט־לעכע מאָל הין און צוריק). נאָכדעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַ זאָג געטאָן: „קינדער! גייט אַהיים. איר זאָלט גאָר קיין יסורים נישט האָבן. עס וועט, אם ירצה השם, זײַן רעכט; אין קאַמינקע האָבן מיר נאָך, דאַנקען גאָט, ביז אַהער נישט געהאַט קיין געשמיסענעם, און מיר וועלן, מיט גאָטס הילף, ווײַטער אויך נישט האָבן"...

אָט מיט די ווערטער האָט זיי מײַן זיידע, עליו השלום, געזאָגט. און אין שטאָט האָט מען געוווּסט, אַז רב ניסל שאַפּיראָ זאָגט, איז געזאָגט. איבערפרעגן בײַ אים: ווי אַזוי און וואָס און ווען? — דאָס האָט ער פײַנט געהאַט. אַ ייִד אַ נגיד, פאַרשטייט איר מיך, און אַ תקיף בײַ נאַטשאַלסטווע, און אַ קאָפּמענטש דערצו — פאַר אַזאַ מענטשן האָט מען דרך־ארץ. און וואָס זאָלט איר קלערן? — אַזוי ווי דער זיידע האָט געזאָגט, אַזוי איז געווען. וואָס־זשע איז געווען? וועט איר האָרכן ווײַטער.

דערזען, אַז דער עולם אין וואַגאָן איז שוין גענוג געשפּאַנט און מע וויל האָרכן, וואָס וועט זײַן ווײַטער, האָט זיך דער קאַמינקער ייִד אָפּגע־שטעלט, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ גרויסן פּאָרטאַבאַק און פּאַוואָ־

לינקע צונויפגעדרייט אַ פּאַפּיראָס. עטלעכע מיטאַמאָל האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אים געבן פֿײַער. אַזאַ חשוב איז געוואָרן אָט דער ייִד אין וואַגאָן. נאָכדעם, ווי ער האָט פֿאַרראייכערט און פֿאַרצויגן זיך מיטן פּאַפּיראָס, האָט ער זיך גענומען צו דער געשיכטע מיט מער פֿרישקייט.

— אַצינד וועט איר האָרכן, וואָס אַ ייִד אַ חכם טוט אויף. איך מיין טאַקע דעם זיידן מײַנעם, זכר צדיק לברכה. ער איז זיך מיישב און טוט־אָפּ אַ קלייניקייט. דהיינו: ער רעדט־אָפּ מיט נאַטשאַלסטווע, אַז דער פֿאַרמשפּטער, קיווקע הייסט עס, זאָל אָפּ אַ מינוטקעלע גֿעמען, וואָס אַרט אײַך, און געבן אַ שטאַרב־אַוועק, טאַקע אין טורמע זיצנדיק... וואָס קוקט איר מיך אָן? איר פֿאַרשטייט נישט? צי איר האָט מורא, מע האָט אים חלילה געסמט? שרעקט אײַך נישט. באַ אונדז סמט מען נישט. וואָס־זשע דען? מע האָט דאָס אָפּגעאַרבעט אַ סך שענער. מע האָט אָפּגעמאַכט אַזוי, אַז דער פֿאַרמשפּטער זאָל זיך לייגן שלאָפֿן געזונט און שטאַרק, און אַז ער וועט אויפֿשטיין אינדערפֿרי, זאָל ער אויפֿשטיין אַ געשטאָר־בענער... האָט איר שוין צעקײַט? צי מע דאַרף אײַך טאַקע אַרײַנלייגן אַ פֿינגער אין מויל אַרײַן, איר זאָלט אים אָפּבײַסן?...

כך הווה. איינמאָל אינדערפֿרי קומט צו גיין אַ שליח פֿון דער טורמע מיט אַ פּאַפּיר צו מײַן זיידן: באשר בכן, אַזוי ווי ס'איז גע־שטאָרבן הײַנטיקע נאַכט אין טורמע אַ ייִד מיטן נאָמען קיווקע, און אַזוי ווי מײַן זיידע איז ראש וראשון און גבאי אין חברה קדישא, על כן זאָל מען זען, הייסט עס, מע זאָל דעם געשטאָרבענעם צונעמען, ברענגען אים, הייסט עס, צו קבר־ישראל... וואָס זאָגט איר אויף דאָס שטיקל אַרבעט? איז גוט? האָט־זשע צײַט. פֿרייט זיך נישט. נישט אַזוי גיך טוט זיך עס, ווי סע רעדט זיך. פֿאַרגעסט נאָר נישט, אַז דאָס איז נישט עפּעס גלאַט אַזוי אַ ייִד איז געשטאָרבן. דאָ איז דאָך אַרײַנגעמישט עפּעס סאָלדאַטסקע קנעפּ... גובערנאַטאָר... גנאַט... אַ ווערטעלע?!... ראַ־שית חכמה, האָט מען באַדאַרפֿט זען, מע זאָל אים נישט פֿאַלמעסן. דערצו האָט מען באַדאַרפֿט אָנקומען, געוויינלעך, צום דאָקטער, אַז דער דאָק־טער זאָל, הייסט עס, אַרויסגעבן אַ פּאַפּיר כתוב וחתום, אַז ער האָט בודק געווען דעם נפטר תיכף ומיד נאָכן טויט און ער געפֿינט, אַז דער נפטר איז נפטר געוואָרן פֿון האַרצקלאַפּעניש, אַזאַ מין אַפּאָפּלעקציע, נישט דאָ געדאַכט... אויך מיט דער איבעריקער נאַטשאַלסטווע האָט מען

אָפּגעשמועסט, אַלע זאָלן זיך געבן אַ שרײַב־אונטער אױפֿן דאָזיקן פּאַפּיר און פּאַרטיק. אױס קיװקע. געשטאָרבן קיװקע.

מילא, װאָס דאָס האָט אָפּגעקאָסט דער שטאָט — מעגט איר זיך אַלע דאָ אין װאַגאָן װינטשן פֿאַרדינען יעדן חודש. טאָמער האָט איר מורא, שטײ איך צו צו אײַך פֿאַר אַ שותּף. און אַלץ װער? דער זײדע, עליו השלום. אױף מײַן זײדן האָט מען זיך געקאָנט פֿאַרלאָזן. ער האָט דאָס אָפּגעאַרבעט, פֿאַרשטײט איר מיך, שכלדיק און קונציק און קײַלע־כיק און גלאַט, אַרום און אַרום. און טאַקע באותו היום, אַרום פֿאַרנאַכט, זײַנען געקומען די שמשים פֿון חברה קדישא מיט דער מטה און מע האָט אים אװעקגעטראָגן פֿון דער טורמע מחילה אױפֿן הײליקן אָרט מיט גרױס כּבֿוד, דאָס הײסט, אַ פּאָר סאָלדאַטן זײַנען נאָכגעגאַנגען נאָך דער מטה, און הינטן — די גאַנצע שטאָט. װאָס טױג אײַך, אָט דער קיװקע האָט זיך אױף אַזאַ לװיה אַװדאי קײנמאָל נישט געריכט. און אַז מען איז געקומען צום טױער פֿון הײליקן אָרט, האָט מען די סאָלדאַטן גע־געבן, װאָס אַרט אײַך, צו שײנע טרונק בראָנפֿן, און דעם בר־מינן האָט מען אַרײַנגעטראָגן אין הױף אַרײַן, און דאָרט איז שױן געשטאַנען צו־געגרײט שמעון דער בעל־עגלה (איך רוף אײַך אים אָן באַם נאָמען, װי מײַן טאַטע, עליו השלום, האָט מיר דערצײלט) מיט פֿיר גוטע ברענענדיקע סוסים, און נאָך אײדער דער האָן האָט אַ קרײ געטאָן, איז שױן אונדזער בן־מינן געװען, װאָס אַרט אײַך, העט־װײַט, אױף יענער זײַט ראָגאַטקע, און איז אַװעק אין אַ גוטער שעה אַ מזלדיקער גלײַך קײן ראַדיװיל, און פֿון דאָרטן — איבער דער גרענעץ, טיו־טיו, קײן בראָד.

דאָס פֿאַרשטײט איר שױן אַלײן מסתמא, אַז ביז שמעון דער בעל־עגלה איז נישט געקומען צוריק פֿון ראַדיװיל, איז די שטאָט נישט גע־שלאָפֿן. אָן קעפּ איז מען אַרומגעגאַנגען. און ועל כּולם — דער זײדע, עליו השלום. װאָרעם אַ קשיא אױף אַ מעשה, טאָמער כאַפּט מען אים באַ דער גרענעץ, דעם שײנעם בר־מינן, קיװקען הײסט עס, און מע ברענגט אים צו פֿירן אַ לעבעדיקן, אַ געזונטן, דעמאָלט גײט דאָך אַװעק אַ גאַנצע שטאָט סך־הכּל סיביר... דערפֿאַר אָבער, אַז גאָט האָט געהאָלפֿן, שמעון דער בעל־עגלה איז געקומען בשלום צוריק פֿון ראַדיװיל מיט זײַנע ברע־נענדיקע סוסים און האָט געבראַכט צו פֿירן פֿון קיװקען אַ בריװל, געשריבן מיט זײַן אײגענער האַנט: „ב ק ש ת י ל ה ו ד י ע א ז

איך בין אין בראָד", — איז געוואָרן אין שטעטל ששון ושמחה! מע האָט געמאַכט אַ סעודה, טאָקע באַ מײַן זיידן אין שטוב, און מע האָט געשיקט רופן דעם סמאָטריטעל פון דער טורמע, מיטן פּריסטאַוו, מיטן דאָקטער, מיט דער איבעריקער נאַטשאַלסטווע, און מע האָט געהוליעט, כלי־זמר האָבן געשפּילט, און מע האָט זיך אַזוי אָנגעשכורט, אַז דער סמאָטריטעל פון דער טורמע האָט זיך, וואָס אַרט אײַך, שטאַרק געקושט מיט מײַן זיידן און מיט דער גאַנצער משפּחה אפשר צען מאָל, און דער פּריסטאַוו האָט געטאַנצט, אַרום פּאַרטאָג שוין, מחילה, אָן תחתונים, באַם זיידן אָפן דאַך. אַ קלייניקייט — פּדיון שבויים! אויסגעלייזט אַ יִדן פון שמיץ! איז דאָך גוט? איאָ? האָט־זשע צײַט, מײַנע ליבע יִדן, — אָט דאָ הייבט זיך ערשט אָן די רעכטע חתונה. אויב איר ווילט האָרכן ווײַטער, וועל איך אײַך בעטן איין ווײַלע מיר צוּוואַרטן. אָט דאָ אַף דער סטאַנציע מוז איך אַראָפּקריכן אַף אַ מינוטקעלע, אַ שמועס טאָן מיטן נאַטשאַלניק סטאַנציע, ער זאָל מיר זאָגן אַקוראַט, וויפל האָבן מיר נאָך קיין באַראַנאָוויטש. דאָס הייסט, פאָרן פאָר איך ווײַטער, נאָר אין באַראַנאָוויטש מוז איך אָפּשטײַגן און כאַפּן אַן אַנדער פּאָיעזד...

העלפט נישט. מע מוז וואַרטן. דער קאַמינקער פאַרשוין גייט ריידן מיטן „נאַטשאַלניק סטאַנציע" מכח באַראַנאָוויטש, און דער עולם דערווײַל טוט זיך אַ שמועס־איבער וועגן דעם קאַמינקער יִדן מיט דער קאַמינקער געשיכטע:

— געפעלט אײַך דאָס יִדל?

— אַ וווּיל יִדל.

— אַ יאָדערדיקס.

— האָט אין זיך רייד.

— די צונג נישט פּיקן.

— און די מעשה?

— אַ שיינע מעשה.

— נאָר אַ קורצע.

אגב, געפינען זיך אַזעלכע, וואָס זאָגן, אַז באַ זיי האָט זיך אויך געטראָפן אַזאַ געשיכטע. דאָס הייס, נישט דווקא פּונקט אַזאַ געשיכטע, נאָר כמו עפּעס ווי אַף דעם אופן. און מחמת איטלעכן ווילט זיך זייער

דערציילן זײַן געשיכטע, ווערט אין וואָגן אַ שטיקל יריד. ביז עס קומט־אַרײַן דער קאַמינקער ייִד. און אַז עס קומט־אַרײַן דער קאַמינקער ייִד, ווערט שטיל, און אַלע שפּאַרן זיך צונויף, ווי אַ וואַנט, און מע האָרכט די קאַמינקער געשיכטע מיט קאָפּ און מיט מח.

— ווי־זשע האַלטן מיר? האָבן מיר שוין געפּטרט, ברוך השם, אַ ייִדן, וואָס הייסט קיווקע. איאָ? אַזוי מיינט איר? האָט איר אַ טעות, מײַנע ליבע ייִדן. עס גייט־אַוועק אַ האַלב יאָר אָדער אַ יאָר, איך וועל אײַך נישט זאָגן אַקוראַט, איז זיך מיישב אַ ייִד, וואָס הייסט קיווקע, און שיקט־אַרײַן, וואָס אַרט אײַך, אַ בריוול, טאַקע אַף מײַן זיידנס נאָמען: „ראשית, שרײַבט ער, בקשתי להודיע, אַז איך בין, ברוך השם, געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון אײַך צו הערן. והשנית, שרײַבט ער, בין איך געבליבן אָן אַ גראָשן באַ דער נשמה און אָן שום טועכץ אין אַ פֿרעמד אָרט, צווישן דײַטשן. זיי פֿאַרשטייען נישט מ ײַ ן שפּראַך, און איך פֿאַרשטיי נישט ז יי ע ר לשון. און ווו צו פֿאַרדינען איז נישטאָ, כאָטש לייג זיך און שטאַרב. על כן, שרײַבט ער, בקשתי לשלוח...״ איר פֿאַרשטייט אַ חכם? מע זאָל אים שיקן, הייסט עס, געלט! האָט מען זיך מן הסתם גוט אויסגעלאַכט, צעריסן, וואָס אַרט אײַך, דאָס בריוול, אַף צען חלקים און פֿאַרגעסן די מעשה. גייט נישט אַוועק קיין דרײַ וואָכן, קומט־אָן ווידער אַ בריוול, ווידער פֿונעם בר־מינן, פֿון קיווקען הייסט עס, און ווידער אַפֿן זיידנס נאָמען, און ווידער „בקשתי להודיע״, און ווידער אַ מאָל „בקשתי לשלוח״, נאָר דער דאָזיקער „בקשתי לשלוח״ —מיט גאַנצע טענות: „סטײַטש, שרײַבט ער, וואָס האָט מען געהאַט צו אים? נעבכײַ־בי וואָלט מען אים, זאָגט ער, שוין בעסער אָפּגעשמיסן. די שמיץ וואָלטן זיך, זאָגט ער, שוין לאַנג פֿאַרהיילט, און ער וואָלט זיך געבליבן באַ זײַן פּרנסה, ווי פֿריִער, נישט אַרומגיין, זאָגט ער, צווישן די דײַטשן שלינג־און־שלאַנג און געשוואָלן ווערן פֿאַר הונגער״...

באַקומען אַזאַ מין בריוול, האָט דער זיידע, עליו השלום, געשיקט רופֿן צו זיך די שטאָט: „וואָס טוט מען? אַ ייִד שטאַרבט פֿון הונגער. מע מוז אים עפּעס שיקן״... און אַז רב ניסל שאַפּיראָ זאָגט, קאָן מען קיין חזיר נישט זײַן... האָט מען זיך גאַנץ פֿײַן צונויפֿגעלייגט (מער פֿון אַלעמען האָט געגעבן דער זיידע אַליין, וואָס פֿאַרשטייט איר דאָ נישט?) און מע האָט אים, וואָס אַרט אײַך, אַרויסגעשיקט אַביסל געלט — און

ווידער פאַרגעסן, אַז ס׳איז געווען אַמאָל אַ ייִד, וואָס האָט געהייסן קיוועקע.

קיוועקע אָבער האָט נ י ש ט פאַרגעסן, פאַרשטייט איר מיך, אַז ס׳איז דאָ אַ שטאָט, וואָס הייסט קאַמינקע. עס גייט אַוועק ווידער אַ האַלב יאָר, אָדער אַ יאָר, איך וועל אײַך נישט זאָגן אַקוראַט, קומט נישט אָן, מיינט איר, פון אים ווידער אַ בריוול? און ווידער אַפן זיידנס נאָמען, און ווידער „בקשתי להודיע״, און ווידער אַ מאָל „בקשתי לשלוח״, שוין דאַנקען גאָט מיט אַ מזל־טוב. „באשר בכן, — שרײַבט ער אין בריוול, — אַזוי ווי ער איז נישט לאַנג אַ חתן געוואָרן, נעמט זייער אַ ווילע כלה, אַ טאַטנס אַ קינד און פון אַ שיינער משפחה, על כן, „בקשתי לשלוח״, זאָל מען אים, הייסט עס, צושיקן צוויי הונדערט רייניש, וואָס ער האָט צוגעזאָגט אײַנלייגן נדן. אַנישט, זאָגט ער, איז דער שידוך קיין שידוך נישט״... וואָס זאָגט איר אָף דעם אומגליק? קיוועקע וועט חלילה בלײַבן אָן אַ כלה! וואָס טויג אײַך, מע האָט זיך מיטן בריוול אַרומגעטראָגן איבער קאַמינקע, ווי מיט עפּעס רעכטס, און דער עולם האָט געלאַכט, זיך ממש געהאַלטן באַ די זײַטן. חוכא וטלולא איז געווען אין שטאָט: „מזל־טוב אונדז״... „קיוועקע איז אַ חתן געוואָרן״... „גע־הערט? צוויי הונדערט רייניש נדן״... „אַ טאַטנס אַ קינד״... „כאַ־כאַ־כאַ״...

דער כאַ־כאַ־כאַ האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, וואָרעם אין אַ פּאָר וואָכן אַרום קומט־אָן, וואָס אַרט אײַך, אַ בריוול, ווידער פון אים, און ווידער צום זיידן, שוין אָן אַ „בקשתי להודיע״, נאָר מיט אַ „בקשתי לשלוח״ אַליין. „עס וווּנדערט אים, שרײַבט ער, וואָס מע האָט אים נאָך נישט אַרויסגעשיקט די צוויי הונדערט רייניש, וואָס ער האָט צוגעזאָגט אײַנלייגן. טאָמער שיקט מען אים נישט אַרויס, זאָגט ער, באַלד צוויי הונדערט רייניש, ווערט ער אויס חתן, און פּאַר בזיון בלײַבט אים איבער, זאָגט ער, נאָר איין זאַך: אָדער דערטרינקען זיך אין טײַך, אָדער קומען צו פאָרן מיטן בײַטשל אַהיים, קיין קאַמינקע״...

די דאָזיקע לעצטע ווערטער זײַנען אַרײַן דעם עולם, וואָס אַרט אײַך, אין נאָז אַרײַן, און מע האָט אויפגעהערט צו לאַכן, און דעם זעלבן אויפדערנאַכט איז געווען באַם זיידן אַן אסיפה פון די פּאַרנעמסטע בעלי־בתים אין שטאָט, און ס׳איז געבליבן, אַז עטלעכע שיינע ייִדן, און דער

זיידע בתוכם, זאָלן נעמען די פּאַטשיילעס און מחילה לאָזן זיך איבער דער שטאָט און צונויפמאַכן פון קיוועס וועגן נדן. אַ ברירה האָט מען געהאַט? האָט קיין יסורים נישט. מע האָט אים נאָך געמוזט אָנשרײַבן אַ מזל־טוב אויך און צווינטשעווען דעם חתן, ס'זאָל זײַן אין אַ מזלדי־קער שעה, ער זאָל זיך מיט איר עלטערן אין עושר און אין כבוד און דערלעבן קינדס־קינדער, ווי געוויינטלעך. וואָס האָט מען גערעכנט? ער וועט חתונה האָבן, וועט דאָס אים פאַרדרייען דעם קאָפּ, וועט ער במילא פאַרגעסן, אַז ס'איז דאָ אַ קאַמינקע אַף דער וועלט. צום סוף — ווער? וואָס? אַדרבה. ס'איז נישט אַוועקגעגאַנגען קיין האַלב יאָר, אָדער אַ יאָר — איך וועל אײַך נישט זאָגן אַקוראַט, — קומט נישט אָן, מיינט איר, פון אים ווידער אַ מאָל אַ בריוול? וואָס איז ווײַטער? „באשר בכן, אַזוי ווי ער האָט חתונה געהאַט, שרײַבט ער, און האָט דווקא געטראָפן, גאָט האָט אים צוגעשיקט, זאָגט ער, אַ ווײַבל אַף אַלע יִדישע קינדער געזאָגט געוואָרן. נאָר וואָס דען? מיט אַלע מעלות, זאָגט ער, קאָן נישט זײַן. האָט זי אַ טאַטן — מעג ער זײַן די כפּרה. אַ ליגנער, אַ דרייער, אַ שווינדלער, אַן אמתער באַנדיט. ער האָט אויסגענאַרט, שרײַבט ער, בײַ אים די צוויי הונדערט רייניש און האָט אים אַרויסגעטריבן מיטן ווײַב אַף דער גאַס. על כן, שרײַבט ער, „בקשתי לשלוח" — זאָל מען אים, הייסט עס, אַרויסשיקן תיכף ומיד אַנדערע צוויי הונדערט רייניש. אַנישט, זאָגט ער, קומט אים אויס אָדער נעמען אַרײַנוואַרפן זיך אַ לעבעדיקער אין טײַך־אַרײַן, אָדער קומען צו פאָרן צוריק אַהיים מיטן בײַטשל"...

דאָס האָט שוין דער שטאָט פאַרדראָסן טאַקע נישט אַף קאַטאָוועס. צוויי מאָל נדן? — דאָס איז דאָך שוין עפּעס טאַקע מעשה פאַרך! און ס'איז געבליבן, מע זאָל אים אַף זײַן בריוו נישט ענטפערן גאָרנישט. איז זיך מיישב קיווקע און וואַרט־אָפּ אַ וואָך צוויי אָדער דרײַ און שיקט־אַרײַן, וואָס אַרט אײַך, ווידער אַ בריוו, און אַלץ אַף מײַן זיידנס נאָמען: „אַזוי און אַזוי, וואָס טראַכט מען זיך? פאַר וואָס שיקט מען אים נישט אַרויס די צוויי הונדערט רייניש? ער וועט אָפּוואַרטן, שרײַבט ער, נישט מער ווי אָנדערטהאַלבן וואָכן, און אַז מע שיקט אים נישט אַרויס, זאָגט ער, דאָס געלט, האָט אים קאַמינקע פאַר אַ גאַסט, אם ירצה השם, גאָר אין גיכן". און לאָזט נאָך אויס דעם בריוו מיט אַ „ונאמר אָמן". אַ

שײגעץ קאָן!

װי, פאַרשטײט איר, האָט דאָס געברענט און געבראָטן איטלעכן באַזונדער? נאָר װאָס האָט מען געקאָנט טאָן? װידער אַ מאָל אַן אסיפה באָם זײדן אין שטוב, און װידער אַ מאָל שײנע בעלי־בתים מיט אַ פּאַטשײלע איבער דער שטאָט. דער עולם האָט זיך אַפילו, װאָס אַרט אײַך, שטאַרק געקנײטשט, קײן חשק געהאַט צו געבן געלט צוליב אַזאַ כּל־בוניק. נאָר ס'איז עפּעס אַ תּירוץ — אַז רב ניסל שאַפּיראָ זאָגט געבן, קאָן מען קײן חזיר נישט זײַן. נאָר אַ תּנאַי האָט יעדער אױסגענומען, אַז דאָס גיט ער צום לעצטן מאָל. דער זײדע אַלײן האָט אױך גאָר אַנדערש נישט גערעכנט, אַז דאָס איז שױן דאָס לעצטע מאָל. און אַזױ האָט מען אים טאַקע אָנגעשריבן, קיװקען הײסט דאָס, בפּירוש מיטן האַרבן װאָרט, אַז דאָס שיקט מען אים ד אָ ס ל ע צ ט ע מ אָ ל, און אַז מער זאָל ער פֿון קײן געלט גאָר נישט דערװעגן מזכּיר זײַן אַפילו. אװדאי האָט ער זיך שטאַרק איבערגעשראָקן, דער גנב, װי מײנט איר? אײנמאָל אונטער אַ יום־טוב קומט נישט אָן פֿונעם תּנאַ (צום זײדן, געװײנטלעך) װידער אַ מאָל אַ בריװל? „באשר בכן, — שרײַבט ער, — װאָס איז הײַנט? אַזױ װי ער איז זיך צונױפֿגעקומען אין בראָד מיט אײנעם אַ דײַטש, זײער אַ לײַטישן מענטשן און אַן ערלעכן, און האָט געשלאָסן, זאָגט ער, מיט אים שותּפות, אַ פֿאַיאַנס־געשעפֿט, און דאָס געשעפֿט איז, זאָגט ער, זײער אַ גוט געשעפֿט און אַ ראַיעל געשעפֿט, מע קאָן, זאָגט ער, דערפֿון האָבן זײער שײן פּרנסה, — על כּן בקשתי לשלוח, זאָל מען אים, הײסט עס, צושיקן, למען השם, פֿיר הונדערט מיט פֿופֿציק רײניש. און טאַקע באַלד, מע זאָל נישט „מעדליװען", זאָגט ער, מיטן געלט. װאָרעם דער שותּף, שרײַבט ער, װיל נישט װאַרטן, ער האָט, זאָגט ער, אַנדערע שותּפֿים, צען פּאָר אײנעם, און טאָמער חלילה נעמט ער נישט דאָס געשעפֿט, בלײַבט ער אָן אַ געשעפֿט, און װיבאַלד ער בלײַבט אָן אַ געשעפֿט, קומט אים אױס, זאָגט ער, נאָר אַרײַנװאַרפֿן זיך אין טײַך אַרײַן, אָדער קומען צוריק אַהײם מיטן בײַטשל" — דער אַלטער נוסח! און לאָזן לאָזט ער אױס מיט אַן אָנצוהערעניש, אַז באָם מע שיקט אים נישט אַרױס ביז אין צװײ װאָכן צײַט די פֿיר הונדערט מיט פֿופֿציק רײניש, װעט זײ קאָסטן טײַערער, װאָרעם זײ װעלן אים דאַרפֿן אומקערן פֿאַר הוצאות פֿון בראָד קײן קאַמינקע און צוריק פֿון קאַמינקע קײן בראָד —

א כל־בוניק קאָן!

באַדאַרף מען אײַך נאָך דערציילן, וואָס פֿאַר אַ פֿאַרשטערטן יום־טוב די שטאָט האָט געהאַט? און איבערהויפּט — דער זיידע מײַנער! ער, עליו השלום, האָט נעבעך געהאַט, וואָס אַרט אײַך, דעם גרעסטן חלק! וואָרעם אַז ס׳איז געקומען נאָך יום־טוב צו דער אסיפה, האָט דער עולם אָנגעהויבן אונטערמורמלען און טענהן: „גענוג! ביז וואַנעט איז דער שיער צו צאַפּן געלט? אַלצדינג דאַרף דאָך זײַן מיט אַ מאָס. קרעפּלעך עסן קאָן אויך נמאס ווערן. אײַער קיווקע וועט אונדז מאַכן פֿאַר קבצנים!”... אַזוי טענהט די שטאָט. ענטפֿערט דער זיידע: „וואָס עפּעס מ יַ ן קיווקע? זאָגן זיי: „וועמענס דען? וועמענס אויפֿטו איז דאָס געווען, אַז דער ממזר זאָל פֿלוצעם באַקומען אַפּאָפּלעקציע אין טורמע?”...

פֿון די ווערטער האָט מײַן זיידע אַרויסגעזען (געווען אַ ייִד אַ חכם), אַז ס׳איז דברים בטלים, קיין געלט וועט מער די שטאָט נישט געבן. האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו נאַטשאַלסטווע — נאַטשאַלסטווע ליגט דאָך אויך אין קוואַס גלײַך מיט אַלע, — טאָמער וועלן זיי געבן כאָטש עפּעס צושטײַער? — ווער? וואָס? אַ נעבעטיקער טאָג! אַ גוי איז נישט קיין ייִד. אַ גוי נעמט זיך נישט צום הארצן. און, וואָס אַרט אײַך, ער האָט נעבעך געמוזט, במחילה כבודו, דער זיידע הייסט עס, צעגאַרטלען זיך און אַוועקשיקן זײַנע אייגענע עטלעכע גילדן צום דאָזיקן רוצח, ימח שמו. און אַ בריוו האָט ער אים אַוועקגעשריבן, אַ רעכטן בריוו (מײַן זיידע, עליו־השלום, אַז ער האָט געוואָלט, האָט ער געקאָנט!). אינעם דאָזיקן בריוו האָט ער אים, וואָס אַרט אײַך, גוט אויסגעשייגעצט, וויפֿל ס׳איז אין אים אַרײַן. ער האָט אים אָנגערופֿן כל־בוניק, און הולטאַי, און עם־הארץ, און פּושע־ישׂראל, און בלוטצאַפּער, און פּיאַוועקע, און רשע מרושע, און מומר להכעיס, און וואָס איר ווילט. און אָנגעזאָגט האָט ער אים איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל, אַז מער זאָל ער זיך גאָר נישט דערוועגן שרײַבן קיין בריוועלעך און נישט מזכיר זײַן אפֿילו פֿון קיין געלט. און האָט אים דערמאָנט, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, וואָס זעט אַלצדינג און וויים אַלצדינג און צאָלט בכפל־כפלים. און אויסגעלאָזט האָט ער דעם בריוו (פֿאַרט אַ ייִדיש האַרץ!) מיט תחנונים, מיט אַ געבעט הייסט עס, ער זאָל רחמנות האָבן אויף זײַנע אַלטע יאָרן און זאָל נישט אומגליקלעך מאַכן אַ שטאָט מיט ייִדן, ובזכות זה וועט אים

דער איבערשטער העלפֿן, ער וועט דאָרט מצליח זײַן ווי ער וועט זיך קערן און ווענדן. אָט אַזאַ מין בריוו האָט אים דער זיידע, עליו השלום, אוועקגעשריבן און אונטערגעחתמעט האָט ער זיך מיטן גאַנצן נאָמען בפירוש: „ניסל שאַפּירא" — און דאָס איז געווען פֿון אים, ער זאָל מיר מוחל זײַן, די גרעסטע נאַרישקייט, ווי איר וועט באַלד הערן, וואָס ערט אײַך, פֿון דער געשיכטע ווײַטער.

דאָ האָט דער קאַמינקער ייִד ווידער אַ מאָל זיך אָפּגעשטעלט, אַרויסגענומען דעם פּאָרטאַבאַק, פּאַוואָלינקע פֿאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס, פֿאַרדרייכערט און שטאַרק פֿאַרצויגן זיך, איין מאָל און צוויי מאָל און דרײַ מאָל, גאָר נישט געקוקט דערויף, וואָס דער עולם איז נײַגעריק, גייט־אויס מיט אַלע כחות, מע וויל שוין וויסן דעם שפּיץ. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַביסל אָנגערייכערט און אויסגעהוסט, האָט ער גוט אויס־געשנײַצט די נאָז, פֿאַרקאַטשעט איבעראַניִים די אַרבל און אָנגעהויבן מיטן זעלבן טאָן, וואָס פֿריִער:

— איר קערט אוודאי מיינען, מײַנע ליבע ייִדן, אַז דער כלב שבכלבים האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקן פֿאַר מײַן זיידנס בריוו? עס הייבט זיך גאָר נישט אָן. עס גייט נישט אַוועק קיין האַלב יאָר, אָדער אַ יאָר — קומט אָן, וואָס ערט אײַך, פֿון דעם משומד אַזאַ מין מכתב: „ראשית בקשתי להודיע, אַז מײַן שותף דער דײַטש, קומען זאָל אויף אים אַ בייזער חלום, האָט מיך באַשווינדלט, באַנומען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און אַרויסגעוואָרפֿן פֿון געשעפֿט. האָב איך אַפֿילו געוואָלט אײַנגעבן אויף אים, פֿאַרפֿירן אַ פּראָצעס, האָב איך אָבער געזען, אַז ס'איז אַ נעבעך־טיקער טאָג. אָנהייבן זיך לאָדן מיט אַ דײַטש — דאַרף מען זיך געזע־גענען מיטן לעבן. זיי זײַנען אַזעלכע ממזרים, אַז מע טאָר נישט שטיין אין זייערע דלית אמות! בין איך געגאַנגען און האָב בעסער אָפּגעדונגען אַ געוועלב, טאַקע נעבן זײַן געוועלב, אַ טיר נעבן אַ טיר, און איך עפֿן אַ נײַ געשעפֿט, אויך פֿון פֿאַיאַנס, און מיט גאָטס הילף, איך וועל דעם דײַטש באַגראָבן, ער וועט באַ מיר עסן די ערד! נישטמער — איין זאַך, וואָס מע דאַרף האָבן דערצו פֿאָדעם, צום וויניקסטן — טויזנט רייניש. על כן בקשתי לשלוח"... אַזוי שרײַבט ער, קיווקע הייסט עס, און לאָזט־אויס דעם בריוו מיט די ווערטער: „און באַם איר שיקט מיר נישט אַרויס אין אַכט טאָג אַרום די טויזנט רייניש, שיק איך אָפּ, זאָגט ער, אײַער

לעצטן בריוו, וואָס איז געחתמעט מיט אײַער אײגענער האַנט: „ניסל שאַפּיראָ", גלײַך אין דער גובערניע אַרײַן, און דערצײל זיי אויס די גאַנצע מעשה פון אל"ף ביז תי"ו: ווי אַזוי איך האָב באַקומען אין טורמע די אַפּאָפּלעקציע, ווי אַזוי איך בין נאָכדעם אַפן הייליקן אָרט אויפגעשטאַנען תחית־המתים, ווי אַזוי שמעון דער בעל־עגלה האָט מיך געבראַכט בשלום קיין בראָד, און ווי אַזוי איר האָט מיר אַרויסגעשיקט עטלעכע מאָל לאַ־יחרץ־געלט. אַלצדינג וועל איך זיי, זאָגט ער, אויסדערציילן, לאָזן זיי וויסן, אַז מיר האָבן אַ גרויסן גאָט און קיווקע איז נישט געשטאָרבן"...

געפעלט אײַך, אַשטײגער, אַזאַ מיר ברוך־הבא?! ווי נאָר דער זיידע, עליו השלום, האָט איבערגעלײענט דעם דאָזיקן זיסן בריוו, אַזוי איז אים באַלד געוואָרן שלעכט, וואָס אָרט אײַך, אַף צו חלשן. עס האָט אים אָפּגענומען, נישט פֿאַר מיר געדאַכט... ייִדן, מיר שטייען? ווו זײַנען מיר?

— סטאַנציע באַראַנאָוויטש... סטאַנציע באַראַנאָוויטש...

אַזוי רופֿן־אויס די קאָנדוקטאָרן, לויפנדיק איינס נאָך דאָס אַנדערע פֿאַרבײַ די פֿענצטער פון אונדזער וואַגאָן.

דערהערט דעם נאָמען „באַראַנאָוויטש", שפּרינגט־אויף אונדזער קאַמינקער ייִד פון אָרט, טוט זיך אַ כאַפּ צו זײַן פּעקל, עפּעס אַ מין זאַק, אָנגעשטופּט גאָט ווייס מיט וואָס, שלעפּט אים מיט אַלע כחות און לאָזט זיך צו דער טיר. איין מינוט — און ער איז שוין מיטביידע פיס אַף דער פּלאַטפאָרמע, שוויצט און שטופּט זיך מיטן זאַק צווישן עולם, טוט אַ קוק אַרײַן יעדן איינציקן אין פנים אַרײַן:

— באַראַנאָוויטש?

— באַראַנאָוויטש.

עס כאַפּט דעם אָנבליק, ווי בײַ קידוש־לבנה:

— שלום עליכם?

— עליכם שלום!

אַ סך פון אונדזער וואַגאָן (און איך אויך בתוכם) לויפן אים נאָך פון הינטן און כאַפּן אים בײַ די פּאָלעס:

— פעטער! ס'איז בלאָטע! מיר וועלן אײַך נישט אָפּלאָזן. איר מוזט אונדז זאָגן — וואָס איז געוועזן דער סוף פון דער געשיכטע?

— וואָסער סוף? ס'איז ערשט אַן אָנהייב! לאָזט מיך אָפּ! וואָס

װילט איר? איך זאָל פֿאַרשפּעטיקן איבער אײַך דעם פּאָיעזד? מאָדנע ייִדן! איר הערט דאָך: באַראַנאָװיטש! סטאַנציע באַראַנאָװיטש!

און אײדער מיר קוקן זיך אַרום, איז שױן נישטאָ קײן זכר אַפֿילו פֿון דעם קאַמינקער ייִדן.

פֿאַרברענט זאָל װערן די סטאַנציע באַראַנאָװיטש!

ענדע געשיכטע נומער דרײַ.

געשריבן אין יאָר 1909

געשיכטע נומער פיר

צונעמענ

— איר זאָגט דאָס? איך וועל אײַך דערציילן אַ שענערע זאַך. פאַראַן בײַ אונדז איינער פינקלשטיין. אַ ייִד אַ גביר. אַן אדיר. האָט ער צוויי בנים. דאַכט זיך מיר, ווען איך האָב זײַן געלט, וואָלט איך אַ שפּײַ געטאָן אויפן גאַנצן טאַרעראַם. וויפל, מיינט איר, האָט אים אָפּגעקאָסט? לאָמיר דאָס פאַרמאָגן ביידע כאָטש האַלב!...

— אַלדי שוואַרצע יאָר! איך האָב עס נאָך געזאָגט פאַראַיאָרן. אָט וועט איר זען, האָב איך געזאָגט, אַז העכער האַלב וועלן זיך אויסשמדן.

— דאָס אייגענע, וואָס איך. בײַ אונדז איז געווען איינער מאַרשאַק, איז ער אויסגעוואַקסן ווי די וועלט האָט אַן עק. אין ערגעץ ניט צוגעלאָזט. איז ער געגאַנגען און האָט זיך אַוועקגעסמט...

— הלוואַי איך זאָל ליגן זאָגן, האָב איך געזאָגט, אָט וועט איר זען, זאָג איך, אַז מע וועט זיך געבן אַ נעם בײַ אונדז צום שמדן, וועט ניט בלײַבן איין ייִד, צו אַלדי שוואַרצע יאָר! וואָס דען? ס'איז, אַפּנים, אַן אופן גאָר איבערצוטראָגן די צרות מיט די פּראָצענטן מיט די ציר־קולאַרן? אַלע טאָג, אַלע טאָג אַ נײַער צירקולאַר. וויפל ייִדישע קינדער, אַזוי פיל צירקולאַרן. אָט וועט איר זען, האָב איך געזאָגט, ווי מע וועט זיך דערשפּילן, אַז מע וועט גאָר אויפהערן צונעמען. אַ סימן האָט איר, נעמט, למשל, שפּאָלע. שפּאָלע — אַ ייִדישע שטאָט? איאָ?

— למאַי נעמיראָוו? אָט האָב איך אַ בריוו פון נעמיראָוו, שרײַבט מען מיר פון דאָרטן זייער מיאוסע זאַכן!...

— און אין לובען, מיינט איר, איז בעסער?

— וואָס איז אין לובען?

— צי, אשטייגער, אין אנאַניעוו. אין אַנאַניעוו פּלעגט מען אַלע יאָר צונעמען נישט ווינציקער פון דרײַ ייִדן.

— וואָס טויג אײַך אַנאַניעוו? נעמט בעסער טאָמאַשפּאָל. אין טאָ־מאַשפּאָל, זאָגט מען, האָט מען הײַנטיקס יאָר נישט צוגענומען איין ייִדן אַפילו, איר זאָלט זאָגן, אַף אַ רפואה!

— און בא אונדז האָט מען הײַנטיקס יאָר צוגענומען אַכטצן ייִדן.

דאָס איז געווען אַ קול פון אויבן. מײַנע צוויי פּאַרשוינען (און איך אויך) פאַררײַסן די קעפּ אַרויף, הייבן־אויף די אויגן אַף דער אייבער־שטער באַנק. פון דער אייבערשטער באַנק הענגען אַראָפּ צוויי פיס אין טיפע גומענע קאַלאָשן. די צוויי פיס מיט די טיפע גומענע קאַלאָשן טראָגן אַף זיך אַ ייִדן מיט אַ שוואַרצן צעקודלטן קאָפּ, מיט אַ פאַרשלאָפן פּנים, וואָס זעט אויס ווי געשוואָלן.

מײַנע צוויי פּאַרשוינען באַטראַכטן דעם פאַרשלאָפענעם מיטן גע־שוואָלענעם פּנים, עסן אים אויף מיט די אויגן, גלײַך ווי ער וואָלט גע־ווען עפּעס אַ מין באַשעפעניש, וואָס אין אונדזערע ערטער זעט מען דאָס גאָר ניט. ביידע מיט אַ מאָל ווערן זיי ווי אויפגעלעבט, דערפרייען זיך, און מיט בלישטשענדיקע אויגן טוען זיי אַ פרעג באַם אייבערשטן פּאַרשוין:

— בא אײַך האָט מען, זאָגט איר, צוגענומען אַכצן ייִדן?

— אַכצן שטיק, ווי די בערן, און מײַנעם אויך בתוכם.

— אײַערן האָט מען אויך צוגענומען?

— נאָך אַ מין צונעמען!

— וווּ? וווּ?

— בא אונדז טאַקע, אין קליין־פּערעשטשעפּענע.

— אין וואָסער פּערעשטשעפּענע? וווּ איז דאָס ערגעץ פּערעש־טשעפּענע?

ביידע כאַפּן זיך אויף אַף די פיס, קוקן איינס אַף דאָס אַנדערע, און ביידע — אַפּן פּאַרשוין פון דער אייבערשטער באַנק. דער פּאַרשוין פון דער אייבערשטער באַנק קוקט צו זיי אַראָפּ מיטן פאַרשוואָלענעם פּנים:

— קליין־פּערעשטשעפּענע ווייסט איר ניט? אַ שטעטל פאַראַן

אזעלכעס. איר האָט גאָר נישט געהערט קיינמאָל? פאַראַן צוויי פערעש־טשעפּענעס: גרויס־פערעשטשעפּענע און קליין־פערעשטשעפּענע. בין איך א קליין־פערעשטשעפּענער.

— אויב אַזוי, קומט דאָך אײַך שלום. קריכט אַראָפּ אהער. וואָס וועט איר זיצן דאָרט אײנער אַליין אונטערן הימל?

דער בעל־הבית פון די פּיס מיט די טיפּע גומענע קאַלאָשן קלעַ־טערט־אַראָפּ, קרעכצנדיק, צו די צוויי. און די צוויי צערוקן זיך, מאַכן פּונעם דריטנס וועגן אַן אָרט און זיי באַפאַלן אים, ווי די הונגעריקע היישעריקן.

— האָט מען אײַערן, זאָגט איר, צוגענומען?

— נאָך א מין צוגענומען!

— זאָגט־זשע נאָר, ליבער פרײַנט, ווי קומט עס? מע נעמט בא אײַך, אפשר, א קערבל?

— א קערבל? חלילה וחס! מע טאָר גאָר נישט דערמאָנען פון קיין געלט. דאָס הייסט, אַמאָל איז בא אונדז דווקא אָנגעגאַנגען געלט. און נאָך א מין געלט! אָהאָ־האָ! מע פלעגט פאָרן צו אונדז פון אַנדערע שטעט אַרום און אַרום. מע האָט שוין געוווּסט, אַז פערעשטשעפּענע איז אַן אָרט, ווו מע נעמט. נאָר פון א פּאָר יאָר, פון זינט מע האָט געמסרט — אַף מײַן גליק — האָט מען אויפגעהערט בא אונדז נעמען געלט.

— וואָס־זשע? א פּראָטעקציע?

— וואָסער א פּראָטעקציע? זיי האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז וויבאַלד א ייִד, אַזוי איז — צוגענומען! פּריני־מאַט אי ניקאַקיך!

— טאַקע באמת? וואָס רעדט איר? איר מאַכט, אפשר, פון אונדז חוזק?

— חוזק מאַך איך? וואָס בין איך אײַך פאַר א חוזק־מאַכער?

אַלע דרײַ קוקן זיך אָן, גלײַך ווי זיי וואָלטן וועלן איבערלייענען, וואָס שטייט בא זיי אָנגעשריבן אַף די פּנימער. און מחמת אַף זייערע פּנימער שטייט נישט אָנגעשריבן גאָרנישט, טוען די צוויי א פרעג באַם דריטן:

— שטייט נאָר, ווי אַזוי האָט איר געזאָגט? פון וואַנען זײַט איר אַליין?

דער דריטער ווערט אביסל ברוגזלעך.

— פֿון פּערעשטשעפּענע — האָב איך אײַך שוין געזאָגט דרײַ מאָל. פֿון קלײן־פּערעשטשעפּענע.

— האָט קײן פּאַראיבל נישט. מיר האָרכן דאָס ערשטע מאָל אַזאַ שטאָט.

— כאַ־כאַ־כאַ! פּערעשטשעפּענע א שטאָט? אויך מיר א שטאָט! פּערעשטשעפּענע איז ניט קײן שטאָט, נאָר א שטעטל, א דאָרף קאָן מען זאָגן, „א מעסטעטשקע“.

— און פֿונדעסטוועגן איז דאָ, זאָגט איר, בא אײַך... ווי אַזוי הײסט אײַער שטעטל? פּער... פּערע...

דער ייִד פֿון קלײן־פּערעשטשעפּענע ווערט שוין טאַקע רעכט אין כּעס.

— מאָדנע ייִדן דאָס איז! איר קאָנט נישט אויסרײדן קײן ייִדיש וואָרט, צי וואָס? פּע־רע־שטשע־פּע־נע! פּע־רע־שטשע־פּע־נע!

— נו, גוט. פּערעשטשעפּענע איז פּערעשטשעפּענע. וואָס־זשע דאַרף מען זײַן אַזוי אין כּעס?

— איך בין גאָר ניט אין כּעס. איך האָב פֿײַנט, אַז מע פֿרעגט מיך איבער אײן זאַך נײַן און נײַנציק מאָל.

— האָט קײן פּאַראיבל נישט. מיר האָבן די אײגענע מכּה, וואָס איר. מיר האָבן דערהערט פֿון אײַך, אַז מע האָט אײַערן צוגענומען, האָט דאָס אונדז געגעבן א נעם. דערפֿאַר פֿרעגן מיר זיך אַזוי נאָך. מיר וועלן אײַך זאָגן דעם רײנעם אמת: מיר האָבן זיך קײנמאָל נישט פֿאָרגע־שטעלט, אַז בא אײַך, ווי אַזוי הײסט עס, אין פּערע־פּערע־שטשעפּענע זאָל זיך געפֿינען א גימנאַזיע!

דער פּערעשטשעפּענער ייִד שטעלט אָן אַף זײ די אויגן, קוקט בײז:

— ווער האָט אײַך געזאָגט, אַז בא אונדז אין פּערעשטשעפּענע איז דאָ א גימנאַזיע?

מײַנע צוויי פּאַרשוינען פֿון זײער זײַט שטעלן אָן אָפּן דריטן פּאַרשוין די אויגן:

— איר זאָגט דאָך, אַז אײַערן האָט מען צוגענומען בא אײַך טאַקע אין פּערעשטשעפּענע?

דער פּערעשטשעפּענער קוקט אַף זײ מלא גזלן. נאָכדעם שטײט ער

אויף און שרייט אויס זיי גלייך אין פּנים אריין:

— פאַר אַ סאָלדאַט האָט מען אים צוגענומען! פאַר אַ סאָלדאַט! פאַר אַ סאָלדאַט!...

אין דרויסן איז שוין גרויסער טאָג. אין די פענצטער גנבעט זיך אריין אַ גרויע בלוילעכע ליכטיקייט. דער עולם ביסלעכווייז שטייט אויף. ווער עס גלייכט זיך אויס די ביינער. ווער עס הוסט זיך אויס. און ווער עס נעמט זיך צו די פּעקלעך, גרייט זיך אין וועג אריין.

מיינע דריי פאַרשוינען האָבן זיך צעשיידט. געוואָרן אויס מחותנים. איינער האָט זיך אָפּגעקערעוועט אין אַ ווינקעלע און פּאַוואָלינקע פאַר־רייכערט אַ פּאַפּיראָס. דער אַנדערער האָט אויפגעעפנט אַ קליין סדורל, אַוועקגעזעצט זיך דאַווענען פון פאָרנט, איין אויג צוגעמאַכט און גע־שעפּטשעט שטילערהייט. דער דריטער, דער בייזער ייִד, וואָס פון קליין־פּערעשטשעפּענע, — דער האָט זיך גאָר גענומען צום עסן.

מערקווירדיק, ווי די דריי זיינען עפּעס מיטאַמאָל געוואָרן, ווי ווילד־פרעמדע. נישט נאָר מע רעדט נישט אויס צווישן זיך אַ וואָרט, נאָר מע קוקט זיך נישט אפילו איינס דאָס אַנדערע אין די אויגן אריין, גלייך ווי זיי וואָלטן אַלע אינאיינעם עפּעס אָפּגעטאָן אַ פּאַסקודנע זאַך, אַ מיאוסע עבירה...

ענדע געשיכטע נומער פיר.

געשריבן אין יאָר 1909.

געשיכטע נומער פינף

אַ מענטש פון בוענאָס איירעס

פאָרן אין באַן איז גאָר ניט אַזוי אומעטיק, ווי אַנדערע מיינען. אַבי מע טרעפט נאָר אָן אַ גוטע קאָמפּאַניע. אַמאָל מאַכט זיך אײַך צו פאָרן מיט אַ סוחר, מיט אַ מענטשן, וואָס פאַרשטייט געשעפט. דעמאָלט ווייסט איר גאָרנישט, ווו די צײַט קומט אַהין. און אַמאָל טרעפט איר אָן נישט אַף קיין סוחר, נאָר אַזוי אַף אַ געניטן מענטשן, אַ קלוגן, אַ דורכגעטריבענעם, אַ „געריבערטע ליולקע״, וואָס איז קלאָר די וועלט אַף אויסווייניק. מיט אַזאַ מענטשן איז אַ פאַרגעניגן צו פאָרן. מע קאָן פון אים עפּעס נאַשן. און אַמאָל שיקט אײַך גאָט צו גלאַט אַ לעבעדיקן פּאַסאַזשיר. אַ לעבעדיקן און אַ פריילעכן און אַ באַרעדעוודיקן. רעדט ער און רעדט און רעדט. דאָס מויל מאַכט זיך אים ניט צו ריידנדיק. און נאָר פון זיך, און נאָר פון זיך.

אָט מיט אַזאַ מין נפש איז מיר אויסגעקומען איינמאָל פאָרן אַ גאַנץ היפּשע שטרעקע.

אונדזער באַקאַנטשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן — ווי אַזוי הייבט זיך אָן אַ באַקאַנטשאַפט אין וואַגאָן? — פון אַ קלייניקייט: „ווייסט איר ניט, ווי אַזוי הייסט די סטאַנציע?״ אָדער: „ווו האַלט דער זייגער?״ אָדער: „צי האָט איר ניט בײַ זיך אַ שוועבעלע?״ גיך, גאַנץ גיך זײַנען מיר געוואָרן גוטע ברידער, גלײַך ווי מיר וואָלטן שוין געווען באַקענט ווער ווייסט פון ווען אָן. אַף דער ערשטער סטאַנציע, ווו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַף עטלעכע מינוט, האָט ער מיך שוין געכאַפּט אונטער דער האַנט, צוגעפירט גלײַך צום בופעט, און גאָרנישט געפרעגט מיך, צי איך טרינק, צי ניין, האָט ער געהייסן אָנגיסן צוויי גלעזלעך קאָניאַק. באַלד

נאָכדעם האָט ער געגעבן אַ ווּנק צו מיר, איך זאָל מיך אַ נעם טאָן צום גאָפּל, און אַז מיר זײַנען פּאַרטיק געוואָרן מיט די אַלע מינים געזאַלצנס און פּאַרבײַסנס, וואָס געפינען זיך אין יעדן בופעט, האָט ער געהייסן אָנגיסן צוויי קופּל ביר, פּאַררייכערט — זיך אַ ציגאַר, מיר אַ ציגאַר — און אונדזער גוטפרײַנטשאַפט איז געשלאָסן געוואָרן.

— איך דאַרף אײַך זאָגן גאַנץ אָפנטלעך, אָן אַ קאַפּ חניפה, — מאַכט צו מיר מײַן נײַער באַקאַנטער שוין זיצנדיק אין וואַגאָן, — אַז איר זײַט מיר געפעלן געוואָרן — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָב אײַך דערזען. ווי איך האָב נאָר אַ קוק געטאָן אַף אײַך, אַזוי האָב איך מיר געזאָגט: אָט דאָס איז אַ מענטש, מיט וועמען מע קאָן ריידן אַ וואָרט. איך האָב פײַנט, הערט איר, זיצן ווי אַ נאַפּודעלע און שווײַגן. איך האָב ליב ריידן מיט אַ לעבעדיקן מענטשן, און צוליב דעם טאַקע האָב איך גענומען אַ בילעט דריטע קלאַס, איך זאָל האָבן מיט וועמען צו ריידן. אַזוי פאַר איך דווקא צווייטע קלאַס. און ערשטע קלאַס מיינט איר, קאָן איך נישט אויספירן? איך קאָן אויספירן ערשטע קלאַס אויך. אפשר רעכנט איר, אַז איך באַרים זיך פאַר אײַך? נאַט, זעט.

און מיט די ווערטער כאַפּט־אַרויס מײַן פּאַרשוין פון דער הינטערשטער הויזנקעשענע און עפנט־אויף אַ טײַסטער, אָנגעפּאַקט מיט געלט, מיט אַ פּאַטש מיט דער האַנט פון אויבן, ווי אַף ווייך קישעלע, און באַהאַלט דעם טײַסטער צוריק:

— שרעקט זיך ניט, ס'איז דאָ נאָך.

איך באַטראַכט דעם נפש און קאָן נישט טרעפן בשום אופן, וויפל ער איז אַלט. ס'איז רעכט צו זאָגן — אַ יאָר פערציק, און ס'איז רעכט צו זאָגן — עטלעכע און צוואַנציק. דאָס פנים גלאַט און קײַלעכיק, אַ ביסעלע צו־שטאַרק צוגעברענט. קיין סימן פון קיין באָרד און וואָנצעס. אויגעלעך קליינע, בוימלדיקע און לאַכנדיקע. און אַליין איז דאָס אַ קליינטשיקס, אַ קײַלעכיקס, אַ רירעוודיקס, אַ לעבעדיקס, אָנגעטאָן פון אויבן ביז אַראָפּ נעט און נאָבל, אַזוי ווי איך האָב ליב: אַ שניי־ווײַס העמד מיט גאָלדענע קנעפּ. אַ רײַכער פּלאַסטראָן־שניפּס מיט אַ שיינער נאָדל אַרײַנגעשטעקט. אַ נײַער עלעגאַנטער בלויער אָנצוג פון עכט־ענגלישן שעוויאָט. אַ פּאָר לאַקירטע שיך, קלוגע שיך. אַ שווערער גאָלדענער רינג

אױפֿן פֿינגער מיט אַ בריליאַנט, װאָס שפּיגלט זיך אָפּ אַף דער זון אין טױזנט װאַסערן (דער רינג, אױב ער איז נאָר אַן אמתער, דאַרף װערט זײַן ניט װײניקער פֿון פֿיר־פֿינף הונדערט, אױב ניט מער).

שײן אָנטאָן זיך — דאָס איז, נאָך מײַן מײנונג, די הױפּטזאַך בײַ מענטשן. איך האָב ליב אַלײן שײן אָנטאָן זיך, און האָב ליב, אַז יענער גײט שײן אָנגעטאָן. נאָכן אָנטאָן װעל איך אײַך דערקענען, װער ס'איז אַ פֿײַנער מענטש, און װער ניט. פֿאַראַן אַפֿילו אַזעלכע, װאָס האַלטן, אַז ס'איז גאָר קײן ראיה ניט. מע קאָן, זאָגן זײ, גײן זײער שײן אָנגעטאָן און זײַן װאָס אין דער קאָרט. װעל איך אײַך אָבער פֿרעגן, ענטפֿערט מיר דערױף: למאַי טוט זיך אָן שײן די גאַנצע װעלט? למאַי טראָגט דער אַזאַ מין אָנצוג, און דער אַזאַ מין קאָסטיום? למאַי קױפֿט זיך אײנער אַ „דיפּלאָמאַט־שניפּס", אַן אַטלעסענעם, אַ גלאַטן, פּערל־גרין קאָליר, און דער אַנדערער זוכט אַ „רעגאַט", דװקא אַ רױטן און דװקא מיט װײַסע שפּרענקעלעך?

איך װאָלט אײַך געקאָנט ברענגען נאָך אַ סך אַזעלכע בײַשפּילן, מײן איך אָבער, אַז ס'איז ניט כדאַי. אַן עבֿירה די צײַט. לאָמיר בעסער אומקערן זיך צו מײַן נײַעם באַקאַנטן און האָרכן, װאָס װעט ער אונדז דערצײלן.

„— אַזױ, אַזױ, ליבער פֿרײַנט. װי איר זעט, קאָן איך שױן דװקא יאָ פֿאָרן צװײטע קלאַס. מײנט איר, איך זשאַלעװע געלט? געלט איז בלאָטע, נאָר — איר װעט מיר גלײבן, צי ניט? — איך האָב ליב דריטע קלאַס, װײַל איך בין אַלײן אַ פּראָסטער מענטש און האָב ליב פּראָסטע מענטשן. איך בין, פֿאַרשטײט איר מיך, אַ ד ע מ אָ ק ר אַ ט. איך האָב מײַן קאַריערע אָנגעהױבן קלײן, זײער קלײן. אָט אַזױ אָ! (מײַן נײַער באַקאַנטער טוט מיר אַ װײַז מיט דער האַנט בײַ דער ערד, װי קלײן ער האָט אָנגעהױבן זײַן קאַריערע). און בין געװאַקסן העכער און העכער. (מײַן נײַער באַקאַנטער באַװײַזט מיר מיט דער האַנט אַרױף, צו דער סטעליע, װי װײַט הױך ער איז געװאַקסן). נישט מיט אַ מאָל, כאַפּט זיך נישט, נאָר פּאַװאָלינקע, ביסלעכװײַז. פֿריִער בין איך געװען אַ „מענטש" בײַ יענעם. װאָס זאָג איך אַ „מענטש"? כאַ־כאַ־כאַ! ביז איך בין דערגאַנגען צו אַזאַ הױכער שטופֿע — זײַן בײַ יענעם אַ „מענטש", — זײַנען אָפּגעלאָפֿן גענוג־גענוג װאַסערן! אַז איך טו אַמאָל

א טראכט, הערט איר, וואָס בין איך געווען, אז איך בין געווען אַ קינד, שטעלן זיך מיר — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — די האָר קאַפּויר! איך קאָן מיך, הערט איר, גאָר ניט דערמאָנען וועגן דעם. איך ק אָ ן מיך ניט דערמאָנען און ו י ל מיך ניט דערמאָנען. איר מיינט אפשר, ווײַל סע שטייט מיר ניט אָן? אדרבה. איך זאָג אַלעמען, ווער איך בין. אַז מע פרעגט מיך: פון וואַנען זײַנט איר? — שעם איך מיך ניט און זאָג, אַז איך בין פון אַ גרויסער מדינה, פון ס אָ ש מ אַ ק ע ן. ווייסט איר, ווו געפינט זיך אָט דאָס ס אָ ש מ אַ ק ע ן? אַ שטעטל פאַראַן אַזעלכעס אין קורלאַנד, ניט ווײַט פון מיטאַווע, רופט מען דאָס ס אָ־ ש מ אַ ק ע ן. די גאַנצע שטאָט איז אַזוי גרויס, אַז איך וואָלט זי באַ היינטיקן טאָג געווים געקאָנט אָפּקויפן מיט אַלע אירע פּאַטראַכעס. עס קאָן זײַן, אַז איצט האָט זיך די שטאָט איבערגעביטן, אויסגעוואַקסן — וועל איך אײַך נישט זאָגן. נאָר אין מײַנע יאָרן האָט גאַנץ סאָשמאַ־ קען — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — פאַרמאָגט מער ניט ווי איין מאַראַנץ, וואָס איז געגאַנגען מיד ליד, פון איין ווירטן צו דער אַנדע־ רער, אַף מכבד צו זײַן די געסט שבת נאָכן טיש.

„אָט אין דעם סאָשמאַקען בין איך דאָס דערצויגן געוואָרן אַף היל־ ביקע פּעטש, טרוקענע קלעפּ, אײַזערנע סטוסאַקעס, רויטע פונקען אין די אויגן, בלויע צייכנס אַפן לײַב און דערצו אַ הונגעריקן מאָגן. קיין זאַך, הערט איר, געדענק איך ניט אַזוי, ווי הונגער. אַ הונגעריקער בין איך אַרויס אַף גאָטס וועלט, און הונגער האָב איך געליטן פון זינט איך בין צו מײַן שכל געקומען. הונגער, האַרצקלעמעניש און מוראַדיקע נודנאָ־ טע... שאַט! זשיוועצע, ווייסט איר, וואָס הייסט זשיוועצע? עס וואַקסט אַף די ביימער און כלי־זמר באַנוצן עס אַפּן אָרט פון קאַניפאָליע. האָב איך געלעבט מיט דעם — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — כמעט אַ גאַנצן זומער. דאָס איז געווען דער זומער, ווען מײַן שטיפטאַטע, אַ קור־ נאַסער שנײַדער, האָט מיר אויסגעדרייט אַ האַנט און האָט מיך אַרויס־ געטריבן פון מײַן מאַמעס שטוב, און איך בין אַנטלאָפן פון סאָשמאַ־ קען קיין מיטאַווע. אָט די האַנט, זעט איר? — עס דאַרף נאָך זײַן אַ סימן הײַנט אויך".

און מײַן נײַער באַקאַנטער פאַרקאַטשעט אַן אַרבל און ווײַזט מיר אַ ווייכע געזונטע פוכקע האַנט און דערציילט ווײַטער:

„— ארומגעבלאָנקעט זיך אַ הונגעריקער, אַ נאַקעטער, אַ באָרוועס־ער אין מיטאווע און אויסגעוואַלגערט זיך אין אַלע מיסטן, האָב איך, דאַנקען גאָט, געקריגן אַ שטעלע. די ערשטע שטעלע, איך בין געוואָרן אַ פּירער בײַ אַן אַלטן חזן. דער חזן איז געווען אַמאָל ערגעץ אַ באַרימ־טער חזן. אױף דער עלטער איז ער בלינד געוואָרן אויף ביידע אויגן און געמוזט גיין איבער די הײַזער. בין איך דאָס געוואָרן זײַן פּירער. די שטעלע אַליין וואָלט געווען אפילו נישקשה פון אַ שטעלע. נאָר איבער־טראָגן דעם חזנס קאַפּריזן האָט מען באַדאַרפט זײַן פון אײַזן. קיינמאָל, הערט איר, איז ער נישט געווען צופרידן. קיינמאָל. כסדר האָט ער נאָר געוואָרטשעט, געקנײַפּט מיך, אויסגעריסן מיר שטיקער פלייש. ער האָט געטענהט, אַז איך פיר אים נישט אַהין, וווּ מע דאַרף. וווּהין, האָט ער געוואָלט, זאָל איך אים פירן — ווייס איך עד היום נישט. אַ מוראדיקער קאַפּריזנער חזן! דערצו האָט ער מיך נאָך ארויפגעפירט אויף גוטע זאַכן. ער האָט זיך פאַר אַלעמען בארימט, — איר וועט מיר גלייבן, צי נים?

— אַז מײַן טאַטע־מאַמע האָבן זיך געשמדט און מיך האָבן זיי אויך גע־וואָלט אָפּשמדן, האָט ער מיך קוים מיט צרות, מיט אנגסטן ארויסגעריסן פון גוייִשע הענט. און איך האָב באַדאַרפט אויסהערן אַזעלכע שקרים און נים צעזעצט ווערן פאַר געלעכטער! אדרבה, ער האָט נאָך געפאָדערט פון מיר, אַז איך זאָל בעת־מעשה מאַכן אַ קרום פנים.

„קורץ און גוט, איך האָב אַרויסגעזען, אַז איך וועל מיך מיט מײַן חזן נים עלטערן, האָב איך געשלאָגן כפּרות מיט מײַן „שטעלע" און בין אַוועק פון מיטאווע קיין ליבאווע. ארומגעדרייט זיך אַ שטיקל צײַט אַ הונגעריקער אין ליבאווע, האָב איך מיך דערשלאָגן צו אַ כאַליאַסטרע אָרעמע עמיגראַנטן. די עמיגראַנטן האָבן זיך געקליבן אָפּפאָרן מיטן שיף ערגעץ ווײַט, אַזש קיין בוענאָס־אײַרעס, האָב איך מיך אָנגעהויבן בעטן בײַ זיי, מע זאָל מיך אויך נעמען קיין בוענאָס־אײַרעס. ווער? וואָס? ס'איז נישט מעגלעך. ס'איז נישט געווענדט אָן זיי, ס'איז געווענדט אָן קאָמיטעט, ווי אַזוי דער קאָמיטעט וועט זאָגן. בין איך אַוועק אין קאָמי־טעט, געוויינט, געחלשט, קוים אײַנגעבעטן זיך, מע זאָל מיך נעמען קיין בוענאָס־אײַרעס.

„פרעגט מיך בחרם, וואָס בוענאָס־אײַרעס? ווער בוענאָס־אײַרעס? אַלע פאָרן, פאָר איך אויך. ערשט אַז מיר זײַנען געקומען קיין בוענאָס־

אײַרעס, װער איך געװאָר, אַז פֿאָרן פֿאָרן מיר, אײגנטלעך, װײַטער, און אַז בוענאָס־אײַרעס איז ניט מער װי אַ פּונקט, פֿון װאַנען מע װעט אונדז צעשיקן אין פֿאַרשײדענע ערטער. און כך הווה. מיר זײַנען נאָר געקומען קײן בוענאָס־אײַרעס, אַזױ האָט מען אונדז איבערגעשריבן און צעשיקט אין אַזעלכע מקומות, װו אָדם הראשון איז ניט געװען, הערט איר, אַפֿילו אין חלום, און מע האָט אונדז אַװעקגעשטעלט צו דער אַר־בעט. װילט איר דאָך מסתמא װיסן, װאָסער אַרבעט? פֿרעגט שױן בעס־מער נישט. אונדזערע אָבות־אבותינו אין מצרים האָבן געװיס נישט געטאָן דאָס, װאָס מיר האָבן געטאָן. און די צרות, װאָס זײ זײַנען אױסגעשטאַנען, װי מע דערצײלט זיך אָן אין דער הגדה, איז אַפֿילו ניט קײן צענט־חלק, הערט איר, פֿון דעם, װאָס מיר זײַנען אױסגעשטאַנען. אונדזערע זײדעס האָבן, זאָגט מען, געקנאָטן לײם, געמאַכט ציגל און געבױט פּיתום מיט רעמסס. אַ טײַערע מציאה! װאָלטן זײ זיך פּרוּװן, אַזױ װי מיר, באַאַרבעטן מיט די הױלע הענט ברײטע װיסטע סטעפּעס, מיט שטעכלקעס באַװאַקסן, האָבן צו טאָן מיט מוראַדיקע גרױסע אָקסן, װאָס מיט אײן ריר קאָנען זײ דורס זײַן אַ מענטשן, מיט װילדע פֿערד, װאָס מע דאַרף זיך נאָך זײ יאָגן מיט אַן אַרקאַן הונדערט מײַל, ביז מע כאַפּט זײ, פֿאַרזוכן כאָטש אײן מאָל מאָסקיטעס באַנאַכט, װאָס רײַסן־אױס שטיקער פֿלײש, אַלטע סוכאַרעס, װאָס האָבן אַ טעם פֿון שטײנער, לעבעדיקע װערעם אין פֿאַרשימעלטן װאַסער... איך האָב אײנ־מאָל — איר װעט מיר גלײבן, צי ניט? — אַ קוק געטאָן אין טײַך אַרײַן און דערזען מײַן פּנים, האָב איך מיך דערשראָקן פֿאַר זיך אַלײן. די גאַנצע הױט אָפּגעשײלט. די אױגן געשװאָלן. די הענט װי פּאַמפּעש־קעס. די פֿיס צעבלוטיקט. פֿון אױבן ביז אַראָפּ באַװאַקסן.

— דאָס ביסטו? מאָטעק פֿון סאַשמאַקען?! — אָט אַזױ האָב איך אַ זאָג געטאָן צו זיך אַלײן און האָב מיך צעלאַכט. און טאַקע דעם זעלבן טאָג האָב איך אַ שפּײַ געטאָן אױף די גרױסע אָקסן מיט די װילדע פֿערד מיט די װיסטע סטעפּעס מיט דעם װערעמדיקן װאַסער, און מײַ־נער איז אַװעק צו־פֿוס צוריק קײן בוענאָס־אײַרעס.

„נאָר מיר שײַנט, אַז אױף דער סטאַנציע, װאָס מיר שטײען איצט, דאַרף זײַן אַ גרױסער בופֿעט. טוט נאָר אַ קוק אין ביכל. געפֿינט איר

ניט, אַז ס'איז שוין טאַקע צײַט עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן? אַגב וועלן מיר האָבן כּח צו דערציילן ווײַטער".

איבערגעביסן, ווי עס געהער צו זײַן, און פֿאַרטרונקען מיט ביר, האָבן מיר ווידער אַמאָל פֿאַררייכערט צו ציגאַרן — גוטע, שמעקנדיקע, אמתע האַוואַנער ציגאַרן פֿון בוענאָס־אײַרעס — און האָבן זיך אַוועקגעזעצט צוריק אין וואַגאָן אַף אונדזערע ערטער, און מײַן נײַער באַקאַנטער פֿון בוענאָס־אײַרעס האָט גענומען דערציילן זײַן געשיכטע ווײַטער:

„— בוענאָס־אײַרעס איז אַן ערטל, הערט איר, וואָס זינט גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט... שאַט! אין אַמעריקע זײַט איר ווען געוועזן? אין דער שטאָט ניו־יאָרק? קיינמאָל ניט? און אין לאָנדאָן? ניין? אין מאַדריד? קאָנסטאַנטינאָפּאָל? פּאַריז? אויך ניט? נו, קאָן איך אײַך ניט אויסמאָלן, וואָס איז אַזעלכעס בוענאָס־אײַרעס. איך קאָן אײַך נאָר זאָגן, אַז ס'איז אַ תּהום. אַ גיהנום. אַ גיהנום מיט אַ גן־עדן. דאָס הייסט, פֿאַר וועמען ס'איז אַ גיהנום, פֿאַר וועמען אַ גן־עדן. מע דאַרף נאָר ניט זײַן קיין פֿעפֿער און כאַפּן דעם רעכטן מאָמענט, קאָן מען מאַכן אַ פֿאַרמעגן. דאָרטן וואַלגערט זיך — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — גאָלד אין די גאַסן. איר גייט, איר טרעט איבער גאָלד. בייגט אײַך אָן, ציט־אויס די האַנט און נעמט וויפֿל איר ווילט. נאָר היטן זאָלט איר אײַך, מע זאָל אײַך נישט צעטרעטן מיט די פֿיס. דער עיקר — נישט אָפּשטעלן זיך. ניט פֿאַרטראַכטן זיך. ניט קלערן: וועלכעס פּאַסט פֿאַר מיר און וועלכעס ניט? אַלצדינג דאַרף פּאַסן. זײַן אַ משרת אין אַ רעסטאָראַן — איז גוט. אַ יונג אין אַ קלייט — איז גוט. וואַשן פֿלעשלעך אין שענקל — איז גוט. העלפֿן אונטערשטופּן אַ וועגעלע — איז גוט. אַרומלויפֿן איבער דער גאַס און אויסשרײַען די נײַעס פֿון די צײַטונגען — איז גוט. וואַשן הינט — איז גוט. האָדעווען קעץ — איז גוט. כאַפּן מײַז — איז גוט, און שינדן פֿון זיי די פֿעלכלעך — איז אויך גוט. מיט איינעם וואָרט — אַלצדינג איז גוט, און אַלצדינג האָב איך אויסגעפּרוּווט, און אומעטום האָב איך אַרויסגעזען, הערט איר, איין זאַך: אַז אַרבעטן אַף יענעם טויג אַף כּפּרות. טויזנט מאָל גלײַכער, אַז יענער זאָל אַרבעטן אַף מיר. וואָס זאָל מען טאָן, אַז גאָט האָט איינמאָל אַזוי באַשאַפֿן די וועלט, אַז דער דאַרף שוויצן און קאָכן דאָס ביר, און איך דאַרף עס טרינקען. יענער דאַרף שוויצן און דרייען ציגאַרן, און איך דאַרף זיי רייכערן. דער

מאשיניסט פון דער באַן לאָז פירן דעם לאָקאָמאָטיוו, דער קאָטשעגאַר לאָז טראָגן קוילן, דער ארבעטער לאָז שמירן די רעדער, און איך מיט אײַך וועלן זיך, הערט איר, זיצן אָט דאָ אין וואַגאָן און דערציילן געשיכטעס. געפעלט זיי ניט? לאָזן זיי גיין איבערמאַכן די וועלט".

איך קוק אַף מײַן פּארשוין און טראַכט מיר: וואָס קאָן ער זײַן, אָט דער נפש? אַן אויפגעקומענער גביר? אַ געוועזענער שנײַדער אין אַמעריקע און איצט האָט ער אַ מאַגאַזין פון פּארטיקע קליידער? צי אפשר טאָקע אַ פּאַבריקאַנט? אָדער אַ בעל־הבית פון הײַזער? אָדער אַזוי אַ מענטש אַ קאַפּיטאַליסט, וואָס לעבט פון פּראָצענט? נאָר לאָמיר אים לאָזן ווײַטער. ער אַליין דערציילט דאָס בעסער:

„— ס'איז, הערט איר, אַ קלוגע וועלט און אַ זיסע וועלט און אַ גוטע וועלט, און ס'איז אַ חיות, וואָס מע לעבט אַף דער וועלט! מע דאַרף נאָר זען, מע זאָל זיך ניט לאָזן שפּײַען אין דער קאַשע. איך האָב מיך געוואָרפן, הערט איר, אַף אַלע זײַטן. איבערגעדינט, ווי עס רעדט זיך, אַלע עבודה־זרהס. קיין ארבעט איז ניט געווען צו שווער פאַר מיר. קיין פּרנסה איז מיר ניט געווען מיאוס. און אויב איר ווילט וויסן, איז קיין מיאוסע פּרנסה גאָר אַף דער וועלט נישטאָ. אַלע פּרנסות זײַנען שיין. אַבי איר האַנדלט אָרנטלעך און אַבי דאָס וואָרט איז אַ וואָרט. איך ווייס עס פון זיך אַליין. איך וועל מיך, הערט איר, ניט גיין באַרימען פאַר אײַך, אַז איך בין דער לעמבערגער רב. נאָר איר מעגט מיר גלייבן אַף נאמנות, אַז קיין גנב בין איך ניט. קיין גזלן בין איך אוודאי נישט. און קיין שווינדלער אויך נישט. לאָמיך האָבן אַזאַ יאָר, הערט איר, וואָס פאַר אַן אָרנטלעכער סוחר איך בין. איך האַנדל אָנשטענדיק. איך נאָר קיינעם נישט אָפּ. איך פאַרקויף דאָס, וואָס איך האָב, קיין קאַץ אין זאַק איז בײַ מיר נישטאָ. קורץ, איר ווילט וויסן, וואָס איך בין? איך בין נישט מער ווי אַ ליפעראַנט, אָדער, ווי בײַ אײַך ווערט עס אָנגערופן, אַ „פּאָדראַטשיק". איך שטעל־צו דער וועלט סחורה. די סחורה, וואָס אַלע ווייסן, נאָר קיינער רעדט נישט פון דעם... פאַר וואָס? ווײַל די וועלט איז שוין צו אַ קלוגע וועלט, און מענטשן זײַנען שוין צו גײַציק. זיי האָבן פײַנט, אַז מע זאָגט זיי אַף שוואַרץ, אַז ס'איז שוואַרץ, און אַף ווײַס, אַז ס'איז ווײַס. זיי האָבן בעסער ליב, פאַרקערט, אַז מע זאָגט

זיי אַף שוואַרץ, אַז ס'איז ווײַס, און אַף ווײַס, אַז ס'איז שוואַרץ... נו, וואָס וועט איר טאָן מיט זיי?"...

איך קוק אַף מײַן פאַרשווין פון בוענאָס־אײַרעס און טראַכט מיר: „רבונו של עולם! וואָס איז אַזעלכעס אָט דער נפש? וואָס פאַר אַ מין אַרטיקל שטעלט ער צו, אָט דער „פאַדראַטשיק"? און וואָס רעדט ער דאָס עפּעס אַזעלכע מאָדנע דבורים: „שוואַרץ — ווײַס, ווײַס — שוואַרץ?"... איבערשלאָגן אים אינמיטן און אַ פרעג טאָן אים: „פעטער, מיט וואָס האַנדלט איר?" — ווילט זיך מיר נישט. איך לאָז אים בעסער ריידן ווײַטער.

„— קורץ, וווּ־זשע האַלטן מיר? באַ מײַן איצטיקן געשעפט אין בוענאָס־אײַרעס. מײַן געשעפט אַליין איז, אייגנטלעך, ניט אין בוענאָס־אײַרעס, מײַן געשעפט איז, אויב איר ווילט וויסן, אומעטום, אַף דער גאַנצער וועלט: אין פּאַריז, אין לאָנדאָן, אין בודאַפּעשט, אין באָסטאָן, און די הויפּט־קאָנטאָר, דאָס ביוראָ, איז אין בוענאָס־אײַרעס. אַן עבירה, וואָס מיר זײַנען איצט ניט אין בוענאָס־אײַרעס. איך וואָלט אײַך אַרײַנפירן צו מיר אין ביוראָ, אײַך ווײַזן אַ קאָנטאָר, מיט „מענטשן". באַ מיר „מענטשן" לעבן זיך אָפּ — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — ווי די ראָטשילדס. אַכט שעה אין טאָג — מער אַרבעט מען נישט באַ מיר אַ מינוט אַפילו. באַ מיר איז אַ „מענטש" פאַררעכנט פאַר אַ מענטשן. ווייסט איר, פאַרוואָס? ווײַל איך בין אַליין אַמאָל געווען אַ „מענטש". טאַקע באַ מײַנע איצטיקע שותּפים. מיר זײַנען איצט דרײַ שותּפים. פריִער זײַנען זיי געווען נאָר צוויי שותּפים, און איך בין געווען באַ זיי אַ „מענטש". די רעכטע האַנט בין איך באַ זיי געווען. דאָס גאַנצע געשעפט, קאָן מען זאָגן, איז געווען אַף מיר. באַם קויפן סחורה, באַם פאַרקויפן סחורה, באַם אָפּשאַצן סחורה, באַם סאָרטירן די סחורה — אומעטום איך... באַ מיר איז אַן אויג — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — אַז איך טו נאָר אַ קוק אַף אַ שטיקל סחורה, וועל איך אײַך באַלד זאָגן, וויפל ס'האָט די ווערט און וווּהין עס קאָן גיין... נאָר דאָס אַליין איז נאָך ניט אינגאַנצן. באַ אונדזער געשעפט איז אַן אויג אַליין ווינציק. מע דאַרף נאָך האָבן, הערט איר, אַ נאָז אויך, אַ חוש הריח... פאַר אַ מײַל דאַרף מען קאָנען אָנשמעקן, וווּ עפּעס ליגט. מע דאַרף פילן, וווּ מע קאָן מאַכן אַ גוט געשעפט, און וווּ מע קאָן ברעכן רוק און לענד, און נאָך אַרײַנ־

קריכן אין א בלאָטע, הערט איר, ביז אריבער די אויערן, מע זאָל נאָכ־דעם האָבן צו זינגען און צו זאָגן... צופּיל „שטיגוטערעס”, הערט איר, פאַראַן אַף דער וועלט. צופּיל אויגן קוקן אַף אונדזער געשעפט — און אונדזער געשעפט האָט דווקא מורא פאַר א גוט אויג, כאַ־כאַ... איין טריט, אַז איר מאַכט אַ פאַלשן, וועט איר אייַך ניט אָפּוואַשן מיט קיין צען וואַסערן... באַלד עפּעס, ווערט אַ גוואַלד, א געפּילדער, א שמירערייַ אין די גאַזעטן. און די גאַזעטן דאַרפן דאָך מער נישט. די גאַזעטן זייַנען זיך מחיה, אַבי זיי האָבן פון וואָס צו קלינגען. צעלייגן זיי די זאַך אַף זיבן טעלערלעך, בלאָזן אַף א פּיַיער מיט סכנת־נפשות און הייבן־אויף די גאַנצע פּאָליציע... כאָטש אפילו — איך דאַרף אייַך זאָגן בסוד — די פּאָליציע פון דער גאַנצער וועלט איז, כאַ־כאַ, בא אונדז אין קעשענע... איך זאָל אייַך אָנרופן נאָר די סומע, וואָס אונדז קאָסט אָפּ אַ יאָר פּאָלי־ציע אַליין, וועט איר זיך דערשרעקן... בא אונדז — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — איז א נתינה פון צען טויזנט, פופצן טויזנט, צוואַנ־ציק טויזנט — פו!”

מיט די ווערטער טוט מייַן פאַרשוין א מאַך מיט דער האַנט, ווי אַ מענטש, וואָס וואַרפט זיך מיט טויזנטער. בעת מעשה טוט א בלישטש דער בריליאַנטענער רינג אַף דער שייַן, און דער מענטש פון בוענאָס־אײַרעס, וואָס וואַרפט מיט טויזנטער, שטעלט זיך אָפּ אַ ווייַלע, קוקט, וואָס פאַר אַ רושם עס האָבן געמאַכט אַף מיר די טויזנטער, און פאָרט ווייַטער:

„— און אַז מע דאַרף אמאָל געבן מער, מיינט איר, איז עפּעס א תירוץ? דערויף זייַנען מיר שוין דווקא באַגלייבט. איך מיין, טאַקע מיר, אַלע דרייַ שותפים. וויפל טויזנטער מיר זאָלן נישט אַנווייַזן אַף פּאָליציע, גלייבט מען זיך אַף נאַמנות... אַלע הוצאות פירן זיך בא אונדז אַף נאַמנות. מיר גלייבן זיך איינס דאָס אַנדערע אָפּן וואָרט. איינער פונעם אַנדערן וועט נישט פאַרלייקענען, הערט איר, אַף אָט אזוי פיל... און, אדרבה, לאָז איינער פּרוּוון יאָ פאַרלייקענען, — וועט ער האָבן א וויסטן סוף... מיר קענען זיך, הערט איר, גוט איינס דאָס אַנדערע, און מיר ווייסן דעם פּלאַץ, און מיר זייַנען קלאָר די גאַנצע וועלט. יעדער פון אונדז האָט זיך זייַנע אַגענטן מיט זייַנע שפּיאָנען... וואָס דען מיינט איר? געשעפט, וואָס פירט זיך אַף נאַמנות, קאָן אַנדערש נישט גיין...

געפינט איר נישט, אַז ס׳וואָלט זײַן בעסער ווי רעכט, מיר זאָלן דאָ אַף דער סטאַנציע געבן אַ שפּרונג־אַראָפּ און טאָן אַ שווענק־דורך דעם האָלדז?״

אַזוי מאַכט צו מיר מײַן פּאַרשוין און נעמט מיך פּאַר אַ האַנט און פּאַרקוקט מיר אין די אויגן אַרײַן.

זעלבסטפּאַרשטענדלעך, אַז איך האָב גאָרנישט דאַקעגן, און מיר גיבן אַ שפּרונג־אַראָפּ אַף דער סטאַנציע און טוען אַ שווענק־דורך דעם האָלדז. איינס נאָכס אַנדערע קנאַקן די פּלעשלעך לימאָנאַד, און מײַן חברה־מאַן טרינקט מיט אַזאַ מין אַפּעטיט, אַז מע מעג אים מקנא זײַן. מיר אָבער גריבלט די גאַנצע צײַט אין מח איין געדאַנק: מיט וואָס פּאַר אַ מין אַרטיקל האַנדלט ער, אָט דער מענטש פון בוענאָס־אײַרעס? וואָס וואַרפט ער זיך אַזוי מיט טויזנטער? און ווי אַזוי איז דאָס די פּאָליציע פון דער גאַנצער וועלט באַ אים אין קעשענע? און צו וואָס דאַרפן זיי אַגענטן און שפּיאָנען?... האַנדלט ער נישט מיט קאָנטראַבאַנד?... מיט פאַלשע בריליאַנטן?... מיט גנבישע סחורות?... אָדער ער איז גלאַט אַזוי אַ פּראַלער, אַ קנאַקער, אַ באַרימער, פון די פײַנע בריות, וואָס אַלצדינג וואַקסט באַ זיי אונטער דער צונג משונה אומגעלומפּערט, אין דער לענג און אין דער ברייט?... צו אונדז, קאָמי־וואָיאַזשערן, אַז עס כאַפּט זיך אַרײַן אַזאַ קונצנמאַכער, אַ בעל־מגזם, האָבן מיר פאַר אים אונדזער איי־גענעם נאָמען: „אַנגראָסיסט". דאָס הייסט, אַ מענטש, וואָס אַלצדינג איז באַ אים „אַנגראָ"... בלשון אשכנז הייסט דאָס פּשוט: אַ ייִד אַ שקרן, וואָס האַקט אַ טשײַניק... מיר פאַררייכערן ווידער צו ציגאַרן, פּאַרנעמען אונדזערע ערטער, און דער מענטש פון בוענאָס־אײַרעס האַקט ווײַטער:

— „ווי־זשע האַלטן מיר, אַפּנים? באַ מײַנע שותפים. דאָס הייסט, באַ מײַנע איצטיקע שותפים. פריִער זײַנען זיי געווען מײַנע בעלי־בתים, און איך בין געווען, ווי איך האָב אײַך שוין געזאָגט, זייער מענטש. איך וועל אײַך נישט אויסמאַכטן קיין בלבול, אַז זיי זײַנען געווען שלעכטע בעלי־בתים. ווי האָבן זיי געקאָנט זײַן צו מיר שלעכט, אַז איך בין זיי געווען געטרײַ, ווי אַ הונט? זייערער אַ סענט איז באַ מיר געווען, הערט איר ,טײַער, אַזוי ווי מײַן אייגענער. און שונאים האָב איך מיר געקויפט צוליב זיי, בלוטיקע שונאים! ס׳איז געווען צײַטן — איר וועט מיר גלייבן, צי נישט? — וואָס מע האָט מיך איבער מײַן געטרײַשאַפט געוואָלט סמען. טאַקע פּשוט סמען. איך מעג מיך באַרימען, הערט איר, אַז איך

האָב זיי געדינט ערלעך, וואָס ערלעכער קאָן שוין גאָר נישט זײַן. אמת, איך האָב אָן זיך אויך נישט פֿאַרגעסן... אַ מענטש טאָר קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן אָן זיך. אַ מענטש דאַרף געדענקען, אַז ער איז נישט מער ווי אַ מענטש. הײַנט לעבט ער, און מאָרגן?... כאַ־כאַ! אייביק זײַן באַ יענעם איז נישט קיין פּלאַן. וואָס בין איך — אַן הענט? אַן פּיס? צי אָן אַ צונג? ובפֿרט, איך האָב געוווּסט, אַז אָן מיר קאָנען זיי זיך נישט באַגיין אַ טאָג אַפֿילו. זיי קאָנען נישט און טאָרן נישט... ווײַל ס'איז דאָ סודות, הערט איר, סודות מיט סודות... ווי דער שטייגער איז אין אַ געשעפֿט... בין איך מיך מיישב איינמאָל, הערט איר, אין אַ שיינעם טאָג, און קום־ אַרײַן צו מײַנע בעלי־בתים און רוף מיך אָן צו זיי: „אַדיעו, מײַנע הערר'ן!" קוקן זיי מיך אָן: „וואָס הייסט אַדיעו?" „אַדיעו, זאָג איך, הייסט: זײַט געזונט". זאָגן זיי: „וואָס איז די מעשה?" זאָג איך: „ביז וואַנעט איז דער שיעור?"... וואַרפֿן זיי זיך איבער איינס מיט דאָס אַנ־ דערע מיט די אויגן און טוען מיך אַ פֿרעג: „וויפֿל פֿאַרמאָג איך קאַפּי־ טאַל?" זאָג איך צו זיי: „וויפֿל איך זאָל נישט פֿאַרמאָגן, זאָג איך, וועט מיר זײַן אַף דער ערשטער צײַט גענוג, זאָג איך, און טאָמער, זאָג איך, וועט זײַן קאַרג, איז גאָט, זאָג איך, אַ פֿאָטער און בוענאָס־אײַרעס אַ שטאָט"... אַוודאי האָבן זיי מיך פֿאַרשטאַנען. פֿאַרוואָס זאָלן זיי מיך נישט פֿאַרשטיין — דער מח איז זיי אויסגעדאַרט געוואָרן? און אָט אַזוי אַ זײַנען מיר פֿון דעמאָלט אָן געוואָרן שותּפֿים. דרײַ שותּפֿים, דרײַ בעלי־ בתים, גלײַך אַף גלײַך. באַ אונדז איז נישטאָ — דעם מער, יענעם ווינ־ ציקער. וואָס גאָט גיט... קריגן קריגט מען זיך אויך נישט. צו וואָס זאָל מען זיך קריגן, אַז פֿאַרדינען פֿאַרדינט מען, דאַנקען גאָט, גאַנץ שיין און דאָס געשעפֿט וואַקסט... די וועלט ווערט גרעסער און די סחורה ווערט אַלע מאָל טײַערער... איטלעכער פֿון אונדז נעמט זיך אַרויס פֿון שותּפֿות וויפֿל ער דאַרף אַף דער הוצאה. מיר זײַנען אַלע גרויסע בעלי־הוצאות. באַ מיר אַליין, אָן אַ ווײַב און אָן קינדער, גייט אַוועק — איר וועט מיר גלייבן, צי נישט? — דרײַ מאָל אַזוי פֿיל, ווי באַ אַן אַנדערן מיט אַ ווײַב און מיט קינדער. וואָס מיך קאָסט־אָפּ אַ יאָר צדקה אַליין, וואָלט זיך דאָס אַן אַנדערער געוווּנטשן פֿאַרדינען. ס'איז נישטאָ, הערט איר, איין זאַך, וואָס זאָל מיך נישט קאָסטן קיין געלט. אַ שול, אַ שפּיטאָל, אַן עמיגראַנטן־קאַסע, אַ קאָנצערט — בוענאָס־אײַרעס איז, קיין עין־הרע,

א שטאָט! און ווו זײַנען עפּעס אַנדערע שטעט? ארץ־ישראל — איר וועט מיר גלייבן, צי נישט? — קאָסט מיך שוין אויך געלט. ערשט נישט לאַנג קוט מיר אָן א בריוו פון א ישיבה פון ירושלים. א שיינער בריוו, מיט א מגן־דוד מיט א שטעמפּל און מיט חתימות פון רבנים. דער בריוו איז געשריבן גלײַך צו מיר, מיט א שיינעם טיטל: „הרבני הגביר המפורסם רב מרדכי״... ע ־ ע ־ ע! — טראַכט איך מיר — וויבאַלד זיי זײַנען אַזעלכע פײַנע מענטשן און רופן מיך אָן באַם נאָמען, קאָן מען קיין חזיר נישט זײַן און מע דאַרף זיי שיקן א הונדערטער... דאָס האָט איר אײַך זײַטיקע נדבות. הײַנט ווו איז ערגעץ מײַן געבורט־שטאָט? סאָשמאַקען? סאָשמאַקען נעמט־צו באַ מיר — איר וועט מיר גלייבן, צי נישט? — אַלע יאָר אָט אַזאַ היטל מיט געלט! אַלע מאָל, אַלע מאָל קומט מיר אָן פון סאָשמאַקען אַן אַנדער בריוול. דאָס איז אַזאַ צרה, דאָס איז אַזאַ שלאָק... פון מעות־חטים שמועסט מען נישט. אַלע פּסח א הונדערטער. דאָס איז שוין א „זאַקאָן״... אָט פאָר איך איצט קיין סאָשמאַקען, ווייס איך פריִער, אַז איך וועל נישט אָפּקומען מיט קיין טויזנטער. וואָס זאָג איך, א טויזנטער? הלוואי איך זאָל פּטרן מיט צוויי. אַנישט, וועלן זײַן אַלע דרײַ. א קליינינקייט, א מענטש איז נישט געווען אַזאַ צײַט אין דער היים — פון קינדווײַז אָן, כאַ־כאַ! סאָשמאַקען איז דאָך מײַן היים! איך ווייס פריִער, אַז די גאַנצע שטאָט וועט קאָכן. מען וועט זיך צונויפלויפן. א גדולה: „מאָטעק איז געקומען, אונדזער מאָטעק פון בוענאָס־אײַרעס!״... א יום־טוב! גלייבט מיר, מע קוקט שוין דאָרט ארויס אַף מיר, ווי אַף משיחן. נעבעך גרויסע אָרעמעלײַט. פון יעדער סטאַנציע גיב איך זיי צו וויסן, אַז איך פאָר. איך קלאַפּ זיי אַלע טאָג א דעפּעש: „פריעזשאַיו. מאָטעק״. איך אַליין — איר וועט מיר גלייבן, צי נישט? — וואָלט שוין אויך וועלן וואָס גיכער קומען צו פאָרן קיין סאָשמאַקען. א קוק טאָן אַף סאָשמאַקען, א קוש טאָן די ערד פון סאָשמאַקען, דעם שטויב פון סאָש־מאַקען. א כפּרה, הערט איר, בוענאָס־אײַרעס! א כפּרה ניו־יאָרק! א כפּרה לאָנדאָן! א כפּרה פּאַריז! כאַ ־ כאַ! סאָשמאַקען איך דאָך מײַן היים!״...

דאָס פּנים פון מײַן פּאַרשוין האָט זיך באַ די ווערטער ווי איבער־געביטן. גאָר אַן אַנדער פּנים. עפּעס איז דאָס ווי יינגער געוואָרן. יינגער און שענער. און די קליינע בוימלדיקע אייגעלעך האָבן באַקומען גאָר אַן

אנדער פּײַערל מיט אַ נײַעם גלאַנץ פון פרייד און פון גדלות און פון ליבשאַפט. פון אמתע, נישט געמאַכטע ליבשאַפט... אָן עבירה אַ־יִן זאָך: וואָס איך וויים נאָך אַלץ נישט אַקוראַט, מיט וואָס ער האַנדלט... ער לאָזט מיך אָבער לאַנג נישט טראַכטן און שנײַדט ווײַטער:

„— איר מיינט, וואָס, אייגנטלעך, פאַר איך קיין סאָשמאַקען? אַביסל בענק איך טאַקע נאָך דער שטאָט, און אַביסל אױף קבר־אבות. איך האָב דאָך עפּעס אױפן הייליקן אָרט אַ פאָטער און אַ מוטער, און ברידער און שוועסטער — אַ גאַנצע משפּחה. און אגב ווילט זיך מיר טאַקע חתונה האָבן אויך. ביז וואַנעט איז דער שיעור צו זיצן אַ בחור? און החתונה האָבן וויל איך דווקא פון סאָשמאַקען. פון מײַן שטאָט. פון מײַן גראַד. פון מײַן משפּחה. איך האָב מיך שוין וועגן דעם איבערגעשריבן מיט מײַנע פרײַנט פון סאָשמאַקען, זיי זאָלן מיר נאָכזען עפּעס רעכטס... שרײַבן זיי, איך זאָל נאָר קומען צו פאָרן בשלום, וועט שוין במילא זײַן רעכט.. אָט אַזאַ משוגענער בין איך... מע האָט מיר שוין פאַרגעלייגט אין בוענאָס־אײַרעס — איר וועט מיר גלייבן, צי נישט? — די גרעסטע שיינהייטן פון דער וועלט. איך וואָלט געקאָנט, הערט איר, אויספירן אַזעלכעס, וואָס דער טערקישער סולטאַן אפילו פאַרמאָגט דאָס נישט... נאָר איך האָב מיר געזאָגט איין מאָל פאַר אַלע מאָל: ניין! החתונה האָבן פאָר איך קיין סאָשמאַקען. איך וויל אָן אָנשטענדיק קינד. אַ יִדישע טאָכטער. זי מעג זײַן ווי אָרעם, וועל איך דערויף נישט קוקן. איך וויל זי אָפּגילטן. די עלטערן אירע אָפּשיטן מיט גאָלד. די גאַנצע משפּחה גליקלעך מאַכן. און זי אַליין וועל איך ברענגען צו מיר קיין בוענאָס־אײַרעס. איך וועל איר אויספוצן, הערט איר, אַ פּאַלאַץ, ווי פאַר אַ פּרינ־צעסן. קיין שפּרענקעלע וועל איך אױף איר נישט לאָזן פאַלן. גליקלעך וועט זי זיך אָפּלעבן באַ מיר — איר וועט מיר גלייבן, צי נישט? — ווי קיין פרוי אין דער גאַנצער וועלט! זי וועט נישט וויסן באַ מיר פון קיין זאַך. אויסער איר ווירטשאַפט, מיט איר מאַן און מיט אירע קינדער. די קינדער וועל איך לאָזן שטודירן. דעם אױף דאָקטער, דעם אױף אינזשיניער, און דעם אױף יוריסט. די טעכטער וועל איך אָפּשיקן אין אַ יִדישן געשלאָסענעם פּאַנסיאָן. ווייסט איר, וווּהין? — קיין פראַנקפורט...”

באַ די ווערטער קומט־אָן דער קאָנדוקטאָר אָפּנעמען די בילעטן. תמיד (איך האָב שוין באַמערקט וויפל מאָל) טראָגט אָן דער רוח דעם

קאָנדוקטאָר פּונקט דעמאָלט, ווען מען דאַרף אים נישט! אין וואַגאָן ווערט אַ טומל, אַ מהומה. אַלע כאַפּן די פּעקלעך, און איך אויך בתוכם. איך מוז אויסשטײַגן פון וואַגאָן, זיך איבערזעצן אויף אַן אַנדער וועג. דער מענטש פון בוענאָס־אײַרעס העלפט מיר צונויפבינדן מײַן באַגאַזש, און מיר פירן דערווײַל צווישן זיך אַ געשפּרעך, וועלכעס איך גיב דאָ איבער פּינקטלעך, וואָרט אין וואָרט:

דער מענטש פון בוענאָס־אײַרעס: אוי־וואַ; אַ שאָד, וואָס איר פאָרט נישט ווײַטער. נישט זײַן מיט וועמען צו ריידן.

איך: וואָס זאָל מען טאָן? פּרנסה איז פּרנסה.

דער מענטש פון בוענאָס־אײַרעס: גוט געזאָגט. פּרנסה איז פּרנסה. איך האָב מורא, איך וועל מוזן צוצאָלן און אַריבערפּעקלען זיך אין צווייטן קלאַס. איך קאָן, דאַנקען גאָט, אויספירן ערשטע קלאַס אויך. באַ מיר, אַז איך פאָר אין באַן...

איך: האָט קיין פּאַראיבל נישט, וואָס איך שלאָג אײַך איבער. מיר האָבן איינגאַנצן נאָך אַ האַלבע מינוט צײַט. איך האָב אײַך געוואָלט עפּעס פרעגן.

דער מענטש פון בוענאָס־אײַרעס: צום בײַשפּיל?

איך: צום בײַשפּיל, איך האָב אײַך געוואָלט פרעגן... אַ, מע פײַפט שוין!... וואָס איז, איינגנטלעך, אײַער געשעפט? מיט וואָס האַנדלט איר?

דער מענטש פון בוענאָס־אײַרעס: מיט וואָס איך האַנדל? כאַ־כאַ! נישט מיט אתרוגים, מײַן פרײַנט, האַנדל איך, נישט מיט אתרוגים!...

איך בין שוין מיט מײַן באַגאַזש אינגאַנצן אויף יענער זײַט וואַגאָן, און נאָך שטייט מיר פאַר די אויגן דער מענטש פון בוענאָס־אײַרעס מיט זײַן גלאַטן צופרידענעם פּרצוף, מיט דער שמעקנדיקער ציגאַר אין די ציין, און נאָך קלינגט מיר אין די אויערן זײַן „כאַ־כאַ":

— נישט מיט אתרוגים, מײַן פרײַנט, האַנדל איך, נישט מיט אתרוגים!...

ענדע געשיכטע נומער פינף.

געשריבן אין יאָר 1909

געשיכטע נומער זעקס

קבר אבות

— איר פאָרט אַפן „יריד", און מיר פאָרן פונעם „יריד". איך האָב זיך שוין אויסגעוויינט, און איר פאָרט ערשט וויינען — דאַרף מען אײַך מאַכן אָן אָרט. טוט זיך, זײַט מוחל, א רוק אביסל נענטער, אהער, ס'איז אײַך נישט גוט צו זיצן.

— אָט!

אזוי שמועסן זיך דורך אין וואַגאָן צוויי פאַרשוינען הינטער מײַנע פּלייצעס. דאָס הייסט, איינער רעדט און דער אַנדערער באָמקעט אים צו פון צײַט צו צײַט מיט האַלבע ווערטער.

— זאַלבאַנאַנד פאָרן מיר דאָס. איך און מײַן אַלטינקע. אָט דאָס איז זי, וואָס ליגט אַף דער ערד. זי איז אײַנגעשלאָפן. אָנגעוויינט זיך נעבעך פאַר אַלע ייִדן. גאָרנישט געוואָלט אָפּטרעטן פון הייליקן אָרט. צוגעפאַלן צום קבר און — נישט אָפּצורײַסן! טענה איך מיט איר: „אָבער זאָל זײַן געווג, זאָג איך, דו וועסט זי מיט דײַנע טרערן, זאָג איך, לע־בעדיק נישט מאַכן!" הערט די וואַנט? און וואָס איז דער חידוש? אַזאַ בראָך! אַ בת־יחידקע. איין אויג אין קאָפּ. און אַ געראָטענע דערצו. שיין ווי גאָלד. און קלוג. געענדיקט פּראָגימנאַזיע... צוויי יאָר אַז זי איז גע־שטאָרבן. מיינט איר אפשר, פון טשאַכאָטקע? געזונט און שטאַרק! אַליין, אַליין זיך גענומען דאָס לעבן.

— טאַקע?!

פון דעם שמועס פאַרשטיי איך שוין, וועגן וואָס פאַר אַ „יריד" עס רעדט זיך דאָ. איך דערמאָן מיך, אַז מיר האָבן ראש־חודש אלול. דאָס

איז דער טרויעריקער, נאָר ליבער חודש אלול. ייִדן פֿאָרן פֿון איין שטאָט אין דער אַנדערער צו די לאַנג־געשטאָרבענע טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, קינדער און קרובים אױף קבר־אָבות. פֿאַרוואָגלטע מאַמעס, פֿאַר־יתומטע טעכטער, עלנטע שוועסטער און גלאַט אָרעמע ווײַבער פֿאָלן־צו צו די ליבע טײַערע קברים אַביסל אויסוויינען זיך, אויסגיסן דאָס ביטערע האַרץ, פֿאַרגרינגערן די פֿאַרחושכטע פֿאַרשמאַכטע נשמה.

אַ מאָדנע זאַך! איך בין, מיט גאָטס הילף, אַ רײַזנדער, דאַכט מיר, נישט דאָס ערשטע יאָר, און קאָן זאָגן, אַז ס׳איז שוין לאַנג נישט געווען באַ אונדז אַזאַ גערעט אױף קבר־אָבות, ווי הײַנטיקן ראש־חודש אלול... די באַן, ברוך השם, לייזט געלט. די וואַגאָנעס זײַנען געפּאַקט. עס פֿאָרן ייִדן מיט פֿאַרכמאַרעטע פּנימער. עס פֿאָרן ווײַבער מיט רויטע אונטערגע־שוואָלענע אויגן און מיט גלאַנצנדיקע נעזער. ווער עס פֿאָרט אױפֿן „יריד״ און ווער עס פֿאָרט פונעם „יריד״... אין דרויסן שמעקט מיט ראש־חודש אלול. אױפֿן האַרצן איז ראש־חודש־אלולדיק, און עס בענקט זיך, בענקט זיך אַהיים... נישט ווילנדיק הער איך מיך אײַן אין דעם שמועס פֿון די צוויי, וואָס הינטער מײַנע פּלייצעס:

— אפשר מיינט איר, אַז אומגליק פֿון די הײַנטיקע אומגליקן? שוואַרצע העמדלעך, רויטע פּלאַגן? טורמע?... חלילה וחס! פֿון דעם האָט מיך גאָט אויסגעהיט. דאָס הייסט, איך האָב מיך אַליין אויסגעהיט. ווי דאָס שוואַרצאַפּל פֿון אויג! אַ קלייניקייט — אַ מיידל אַ בת־יחידקע, איין אויג אין קאָפּ, און אַ געראָטענע דערצו. שיין ווי גאָלד. געענדיקט פּראָ־גימנאַזיע! איך האָב געטאָן וואָס איך האָב געקאָנט: נאָכגעקוקט, וווּהין זי גייט, און מיט וועמען זי רעדט, און וואָס מע רעדט, און וואָס פֿאַר אַ ביכל מע לייענט. „טאָכטערקע, זאָג איך, דו ווילסט לייענען, זאָג איך, ביכלעך? געזונטערהייט! נאָר איך דאַרף אויך, זאָג איך, וויסן, וואָס דו לייענסט״... אמת, איך בין אין די זאַכן אַ קנאָפּער ווייסער, נאָר אַ חוש־הריח, דאַנקען גאָט, האָב איך. איך, אַז איך טו אַ קוק אַרײַן אין אַ בוך, ער מעג זײַן אַפֿילו אױף פֿראַנצויז, וועל איך באַלד זאָגן מיט וואָס ער שמעקט.

— הערסטו?!

— איך האָב נישט געוואָלט, אַז מײַן קינד זאָל שפּילן מיט פֿײַער

— וואָס קומט מיר דערפֿאַר? איר מיינט, איך בין געגאַנגען מיט סטיר־

דעם? מיט בייזן? דווקא מיט גוטן, און דווקא מיט אווערטל: „טאָכ־מערקע, זאָג איך, לאָז זיך דאָס רעדל דרייען ווי עס דרייט זיך. נישט איך און נישט דו, זאָג איך, וועלן דאָס אָפּשטעלן"... אַזוי זאָג איך צו איר, און זי, מיינט איר, וואָס? שווײַגט. א שטילע טויב, א קינד א גאָלד! וואָס טוט גאָט? אוועקגעגאַנגען די שווערע צײַט, איבערגעקומען, ברוך־השם, אַלע שלעק, מיט די רעוואָלוציעס, מיט די קאָנסטיטוציעס. אויס שווארצע העמדלעך, רויטע פאָנען, געשערטע האָר, שווארציאָרן, באָמבעס. די ציינער זײַנען מיר שיער נישט ארויסגעפאַלן פון מויל. א קלייניקייט — די פּחדים? א מיידל א בת־יחידקע, איין אויג אין קאָפּ, און א געראָטענע דערצו, געענדיקט פּראָגימנאַזיע?

— פּטור, נו!

— הקיצור המעשה, איבערגעקומען, געלויבט ביסטו גאָט, די ביי־מערע צײַט. איצט וועט מען שוין קאָנען א טראַכט טאָן עפּעס וועגן א שידוך. נדן? — זאָל דער אייבערשטער נאָר צושיקן דעם רעכטן זיווג. און עס האָט זיך אָנגעהויבן א סדרה: שידוכים, שדכנים, חתנים. איך זע מײַן טאָכטער — ס'איז נישט דאָס. איר מיינט, וואָס? גאָרנישט. מע זאָל זאָגן, אַז זי וויל נישט דעם שידוך — דאָס נישט. נאָר וואָס דען? — וועט איר הערן. איך הייב אָן נאָכקוקן, נאָכשפּירן, ערשט איך ווער געוואָר א מעשה: מע לייענט א ביכל און מע באַהאַלט זיך. און נישט אַליין, זאַלבעדריט לייענט מען. זי, און נאָך א חברטע אירע, אונדזער חזנס א מיידל, אויך א געראָטענע און אויך געענדיקט פּראָגימנאַזיע, איז צוויי, און דער נאָוואָרעדאָקער בחור — א דריטער. ווער איז דער נאָוואָ־רעדאָקער בחור, ווילט איר וויסן? נישטאָ וואָס צו וויסן. א בחור א גאָרנישט, א פּולער פּנים מיט פּרישטשעס, אויגן קאַליע, אָן ברעמען, און דווקא מיט גאָלדענע ברילן, א מיאוסער, א קוויטיקער בחור — א שטיקל ברויט פאַר אים נישט אויפצועסן! דערצו נאָך אָן אײַנגעגעסענער יונג, א קריכער, א וואָרעם. ווייסט איר, וואָס איז דער פּשט א מענטש א וואָרעם? אָט וועל איך אײַך פאַרטײַטשן. פאַראַן אַלערליי מענטשן אף דער וועלט: פאַראַן א מענטש א בהמה. פאַראַן א מענטש א פערד. און פאַראַן א מענטש א הונט. א מענטש א חזיר. און פאַראַן א מענטש א וואָרעם. הײַנט פאַרשטייט איר שוין?

— אהאָ!

— ווי קומט צו מיר אַט דער וואָרעם? צוליב דעם חזנס מיידל. ער איז איר טאַקע אַ לײַבלעכער שוועסטערקינד. שטודירט אַף אַפּטייקאַרסקי פּראָוויזאָר, צי אַף יוריסט, צי אַף „דאַנטיריסט" — דער שוואַרציאָר ווייס דעם טאַטן זײַנעם! איך ווייס נאָר, אַז ער איז דער מלאך־המות מײַנער! מיר איז דער דאָזיקער בחור מיט די ברילן באַלד נישט געפעלן געוואָרן. איך האָב דאָס אַפילו געזאָגט מײַן ווײַב. זאָגט מיר מײַן ווײַב: „וואָס דיר קאָן זיך אויסווײַזן!" איך קוק מיך אײַן, איך הער מיך צו — עס געפעלט מיר נישט דאָס לייענען, וואָס מע לייענט זאַלבאַדריט, און דאָס שמועסן, וואָס מע שמועסט, און וואָס מע פּלאַמט, און וואָס מע היצט זיך... רוף איך מיך אָפּ איינמאָל צו מײַן טאָכטער: „טאָכטערקע, זאָג איך, וואָס לייענט מען דאָס אַזוי געשמאַק זאַלבאַדריט?" זאָגט זי: „גאָרנישט, אַ בוך". זאָג איך: „איך זע אַ בוך. איך פרעג, וואָס פאַר אַ בוך?" זאָגט זי: „אַז איך וועל דיר זאָגן, וועסטו וויסן?" זאָג איך: „פאַר וואָס זאָל איך נישט וויסן?" צעלאַכט זי זיך און מאַכט צו מיר: „ס'איז נישט דאָס, וואָס דו מיינסט... ס'איז אַ בוך, וואָס ער הייסט סאַני, אַ ראָמאַן פון אַרצעבאַשעס". זאָג איך: „אַרצע באַשעס איז געווען, זאָג איך, אַ בלינדער מלמד, שוין לאַנג געשטאָרבן". לאַכט זי ווידער. טראַכט איך מיר: „עי, טאָכטערקע, דו לאַכסט, און דעם טאַטן צאַפּט זיך בלוט!"... וואָס האָב איך גערעכנט? — אַ קשיא אַף אַ מעשה? אפשר האָבן זיך שוין ווידער אָנגעהויבן די פריִערדיקע משא־ומתנס?... ווי מיינט איר, איך בין נישט קיין בעלן געווען דורכלייענען דעם בוך?

— אַ חידוש אַביסל!

— נישט אַליין. דורך אַן אַנדערן. טאַקע דורך מײַנעם אַ מענטשן, אַ פּריקאַזטשיק פון געשעפט. אַ יונגערמאַן אַ מאַדים. לייענט רוס, ווי אַ וואַסער. אַרויסגעגנבעט בײַ דער טאָכטער איינמאָל באַנאַכט דעם בוך, אָוועקגעגעבן דעם בוך דעם פּריקאַזטשיק: „נאַ, בערל, לייען־דורך, זאָג איך, דעם דאָזיקן בוך, און מאָרגן וועסטו מיר, זאָג איך, דערציילן, וועגן וואָס רעדט זיך אינעם דאָזיקן בוך". קוים דערלעבט דעם פרימאָרגן. געקומען בערל, טוט איך אים אַ כאַפּ: „נו, בערל, וואָס איז מיטן בוך?" מאַכט ער צו מיר: „אַי אַ בוך!" — און שטשירעט מיט די ציינער: „אַ גאַנצע נאַכט, זאָגט ער, נישט געשלאָפן, נישט געקאָנט זיך, זאָגט ער, אָפּרײַסן". „אַזוי? נו, אדרבה, זאָג איך, דערצייל, לאָמיך אויך הערן חי־

דושים"... און מײַן בערל הייבט מיר אָן דערציילן אַ מעשה — וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? אַ וואָרט צו אַ וואָרט קלעפּט זיך נישט. אָט וועט איר הערן אַ טשעפּוכאַ: „עס איז געווען, זאָגט ער, אַ פּאַניע, האָט ער געהייסן סאַני און האָט ליב געהאַט דעם טרונק און פאַרבײַסן מיט אַ זויערן אוי־גערעק... און אַ שוועסטער האָט ער געהאַט, האָט זי געהייסן לידע, האָט זי גריילעך ליב געהאַט אַ דאָקטער, נאָר מעוברת איז זי געוואָרן פון אַן אַפּיצער... און אַ סטודענט איז געווען, האָט ער געהייסן יורא, האָט ער מוראדיק ליב געהאַט אַ מיידל אַ לערערקע מיטן נאָמען קראַסאַוויצע. איז זי איינמאָל געפאָרן באַנאַכט אַף אַ שיפל, איר מיינט — מיט איר חתן? ניין! דווקא מיט אָט דעם שכור סאַני"... „אָט דאָס איז גאָר?"... „האָט צײַט, מאַכט ער, ס'איז נאָך נישט אינגאַנצן. און אַ לערער איוואַן איז דאָרטן געווען, איז ער געגאַנגען מיטן שכור קוקן, ווי נאַקעטע מיידלעך באָדן זיך"... בקיצור, זאָג איך, וואָס איז דער היוצא־לנו־מזה?" „דער היוצא־לנו־מזה, זאָגט ער, איז דאָס, וואָס דער שכור סאַני האָט געהאַט אַ טבע, ער פלעגט הירזשען ווי אַ פערד, און אפילו זײַן אייגענע שוועס־טער לידע, אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער..." „טפו, זאָג איך, זאָלסטו ווערן! געגנוג דיר, זאָג איך, מיטן שכור. דו זאָג מיר בעסער, וואָס איז דער פועל־יוצא, דער שפּיץ?... „דער שפּיץ איז, זאָגט ער, אַז דער אַפּיציר האָט זיך געשאָסן, און דער סטודענט האָט זיך געשאָסן, און די קראַסאַוויצע האָט זיך געסמט, און אַ ייִד סאָלאָווייטשיק איז דאָרט פאַראַן, האָט ער זיך אויך געהאַנגען". „אַ, געהאַנגען, זאָג איך, זאָלסטו ווערן מיט זיי אינאיינעם!" זאָגט ער: „וואָס שילט איר זיך? וואָס בין איך שולדיק?" „נישט דיך, זאָג איך ארצע באַשעם מיין איך"... אַזוי זאָג איך צו מײַן בערלען, און מיינען מיין איך גאָר דעם נאַוואָרעדאָקער בחור, אַ קלאָג צו זײַן קאָפּ! מיינט איר אפשר, אַז איך בין קיין בעלן נישט געווען איינמאָל אָפּרופן מײַן בחור אָן אַ זײַט?

— פּטור, נו!

— „זאָג מיר, זאָג איך, אַווו האָסטו אויסגעקראַצט, זאָג איך, אַזאַ טשעפּוכאַ?" שטעלט ער אָן אַף מיר די ברילן: „וואָסער טשעפּוכאַ?" זאָג איך: „אָט די מעשה ארצע באַשעם מיטן שכור, זאָג איך, וואָס הייסט סאַני"... „סאַני, זאָגט ער, איז נישט קיין שכור"... „וואָס דען, זאָג איך, איז ער?" „ער איז, זאָגט ער, אַ העלד!" „וואָס הייסט דאָס, זאָג איך,

א העלד? דערמיט, זאָג איך, וואָס ער טרינקט בראָנפן פון א טייגלאָז, פאַרבײַסט מיט אַן אוגערעק, זאָג איך, און הירזשעט ווי א פערד?" ווערט ער אָנגעצונדן, דער נאַוואַרעדאָקער בחור, טוט־אויס די ברילן און קוקט אַף מיר מיט די רויטע אויגן, וואָס אָן ברעמען: „איר האָט, זאָגט ער, געהערט קלינגען, פעטערקע, און קאָנט נישט נאָכזינגען. סאַני — דאָס איז, זאָגט ער, א מענטש פון נאַטור, א מענטש פון פרײַהייט. סאַני, זאָגט ער, זאָגט וואָס ער מיינט און טוט וואָס ער וויל!"... און אוועק, און אוועק, שדים ווייסן אים וווּהין: פרײַהייט, און ליבע, און נאָך א מאָל פרײַהייט, און ווידער א מאָל ליבע... און בעת מעשה שטעלט ער ארויס די פויגלשע ברוסט זײַנע, מאַכט מיט די הענט און קאָכט זיך, טאַקע נאָר ווי א מגיד אַף דער בימה. איך שטיי מיר אַלץ און קוק אַף אים און קלער מיר: „רבונו של עולם! אָט דער קויטיקער בחור רעדט פון אַזעלכע זאַכן?!... ווי וואָלט זײַן, למשל, ווען איך נעם אים אַן פאַרן קאַרק און וואַרף אים ארויס דורך דער טיר אַזוי, אַז ער זאָל בא מיר קלײַבן אַלע ציינער?" איך גיב אָבער באַלד צוריק א טראַכט: „וואָס? א בחור א שוטה! ער זאָל ריידן פון באָמבעס, וואָלט דען בעסער זײַן?"... נו, גיי זײַ א נביא, אַז ס'איז נאָך פאַראַן ערגערס ווי באָמבעס, און איבער אַזאַ טשעפּוכא זאָל איך פאַרלירן א קינד א גאָלד, א בת־יחידקע, איין אויג אין קאָפּ, און מײַן ווײַב זאָל שיער נישט אראָפּ פון זינען, און איך זאָל מוזן פאַר בזיון און פאַר הארצווייטיק אָפּשנײַדן פון געשעפט און אריבערפאָרן, שוין באַלד צוויי יאָר, אין אַן אַנדער שטאָט... נאָר איך כאַפּ אײַך איינס פאַר דאָס אַנדערע. לאָמיך אײַך בעסער דערציילן אַקוראַט, ווי אַזוי ס'איז געקומען דערצו און פון וואָס דאָס האָט זיך גענומען... גענומען האָט זיך דאָס פון די אַגראַרנע קאָכעניש... אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן ארום אונדז די אַגראַרנע קאָכענישן, האָבן מיר מסתמא מורא געהאַט, ס'זאָל זיך נישט אויסלאָזן מיט א ייִדישן פּאָגראָם, און מיר האָבן געלעבט אין איינע פחדים. נאָר אַז גאָט וויל, באַווײַזט ער א נס און פון א רעה קומט־ארויס א טובה. דהיינו? מע האָט אראָפּגעשיקט צו אונדז פון גובערניע א פּאָלק סאָלדאַטן, און ס'איז געוואָרן שטיל, מחיה. און דערווײַל האָט טאַקע דורכן פּאָלק אויפגעלעבט דאָס גאַנצע שטעטל. וואָרעם וואָס קאָן זײַן בעסער פאַר ייִדן, ווי א פּאָלק מיט

פעלדפעביעליעס, מיט פעלדשערס, מיט אָפיצירן, מיט ראַטנעס און מיט קאָמאַנדירן?

— שייך צו זאָגן!

— גייט־זשע, זײַט אַ נביא, אַז דעם חזנס מיידל וועט זיך פאַרקאָכן אין אַן אָפיצער און זאָגן, אַז זי וויל זיך גאָר שמדן און חתונה האָבן פאַרן אָפיצער? אַ גרויל וואָס סע האָט זיך אָפּגעטאָן בײַ אונדז אין שטעטל! נאָר האָט קיין מורא נישט. דעם חזנס מיידל האָט זיך נישט געשמדט און פאַרן אָפיצער האָט זי נישט חתונה געהאַט, וואָרעם וויבאַלד די אַגראַרנע קאָכענישן זײַנען שטיל געוואָרן, אַזוי איז דער פּאָלק אוועק, און דער אָפיצער האָט, אַפּנים, פאַר גרויס אימפּעט גאָר פאַרגעסן גע־זעגענען זיך מיטן חזנס מיידל... דערפאַר האָט אָבער דעם חזנס מיידל נישט פאַרגעסן דעם אָפיצער, אַ קלאָג צו איר טאַטע־מאַמע! אַ שפּאַס, וואָס זיי זײַנען נעבעך אויסגעשטאַנען? די שטאָט האָט געקאָכט! אומע־טום, אויף יעדן טריט און שריט — דעם חזנס מיידל און דעם חזנס מיידל. בייזע מײַלער האָבן געהאַט וואָס צו טאָן: געשיקט דער חזנטע אַן אָפּו־שאָרקע... געפרעגט דעם חזן, נאָך וועמען רעכנט ער געבן אַ נאָמען?... כאָטש עס קאָן גרינגלעך זײַן, אַז די גאַנצע מעשה איז געווען אַ ליגן. איר ווייסט, אַפּנים, נישט וואָס לאַנגע צינגער אין אַ שטעטל קאָנען אויס־טראַכטן?

— אָי - אָי - אָי!...

— דער רחמנות פון די צוויי, איך מיין, פונעם חזן מיט דער חזנטע, איז געווען, זאָג איך אײַך, נישט איבערצוטראָגן! וואָרעם, אין דער אמתן, וואָס זײַנען זיי נעבעך שולדיק? פונדעסטוועגן האָב איך מײַן טאָכטער פאַרזאָגט, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, וואָס געווען איז געווען, מהיום והלאה איז — אויס חברטע מיטן חזנס מיידל! און בײַ מיר, אַז מע זאָגט, איז געזאָגט. טאַקע אַ בת־יחידקע, נאָר פאַר אַ טאַטן דאַרף מען וויסן דרך־ארץ. גייט־זשע, זײַט אַ נביא, אַז מײַן טאָכטער וועט זיך מיט איר זען, געוויינטלעך, בגנבה, אַז קיינער זאָל נישט וויסן! און ווען ווער איך דאָס געוואָר? ערשט ווייס איך ווען, נאָך אַלע היומס!...

פּלוצעם לאָזט זיך הערן פון הינטער מײַנע פּלייצעס אַ הוסטן און אַ קרעכצן פון אַ מענטשן, וואָס שלאָפט, און דער ייִד, וואָס דערציילט די געשיכטע, ווערט אַנטשוויגן, וואַרט־אָפּ אַ ווײַלע און דערציילט זײַן

געשיכטע וויַיטער, שוין מיט א האַלבן טאָן נידעריקער, ווי פריִער.

— דאָס איז געווען פונקט צו די ערשטע סליחות. אזוי ווי היַינט געדענק איך עס. אונדזער חזן האָט געבעך אוועקגעלייגט א סליחות־זאָגן — א צער בעלי־חיים געווען צו הערן! זיַין „הנשמה לך" מיט זיַין „והגוף שלך" האָבן געקאָנט רירן א שטיין! קיינער, קיינער האָט אזוי נישט גע־פילט זיַין הארץ, ווי איך... היַינטיקע קינדער — אז אָך און וויי צו די טאַטעס!... אָפּגעזאָגט סליחות און אָפּגעדאַוונט מיטן ערשטן מנין, קום איך אהיים, כאַפּ־איבער, נעם די שליסלען און גיי־אַרוים אין מארק אריַין און עפן־אויף דעם סקלאַד און קוק־אַרוים אָפּן פריקאַזטשיק. איך וואַרט א האַלבע שעה. איך וואַרט א שעה. נישטאָ קיין פריקאַזטשיק. ערשט איך טו א קוק — ער גייט. „בערל, וואָס אזוי שפּעט?" מאַכט ער צו מיר: „געווען באַם חזן". „וואָס עפּעס פּלוצעם, פרעג איך אים, באַם חזן?" מאַכט ער צו מיר: „איר ווייסט גאָר נישט, וואָס ס'האָט זיך געטראָפן מיט כּיַיקען?" (אזוי האָט מען גערופן דעם חזנס־טאָכטער). „וואָס האָט זיך געטראָפן, זאָג איך, מיט חיַיקען?" „סטיַיטש, זאָגט ער, זי האָט זיך אָפּ־געשמדט!"

— פטור, נו!

— ווי איך האָב דאָס דערהערט, אזוי בין איך אוועקגעלאָפן אהיים. מיַין ערשטער געדאַנק איז געווען: „וואָס וועט עטקע זאָגן?" (עטקע — די טאָכטער מיַינע). איך קום צו גיין אהיים צו מיַין אַלטינקע: „אווו איז עטקע?"... „עטקע שלאָפט נאָך. וואָס איז דען?"... „סטיַיטש, זאָג איך, כּיַיקע האָט זיך אָפּגעשמדט!"... ווי איך האָב דאָס אַרויסגערעדט, אז מיַין וויַיב כאַפּט זיך נישט מיטביידע הענט באַם קאָפּ: „א קלאָג איז איר! א מכה איז איר! א צרה איז איר!" „וואָס? ווער? ווען?" „סטיַיטש, זאָגט זי, עטקע איז אַרומגעגאַנגען מיט איר ערשט נעכטן באַדערנאַכט אפשר צוויי שעה נאָכאַנאַנד!" „עטקע, זאָג איך, מיט כּיַיקען? וואָס רעדסטו דאָס? ווי קאָן דאָס זיַין?" „אוי, זאָגט זי, פרעג מיך נישט! איך האָב איר דאָס געמוזט נאָכגעבן. זי האָט זיך געבעטן, זאָגט זי, בא מיר, דו זאָלסט נישט ווּיסן, אז זי זעט זיך מיט איר אַלע טאָג! אַן אומגליק האָט געשען... הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן!"... אזוי מאַכט צו מיר מיַין אַלטינקע און פליט־אַריַין צו עטקען אין קאַמער אריַין און טוט א פאַל אָפּ דער ערד. איך נאָך איר. לויף־צו צום בעט. „עטקע!" ווער עטקע?

וואָס עטקע? עטקע הײַנט! עטקע מאָרגן! עטקע איז נישטאָ.

— נישטאָ?

— טויט. ליגט אפֿן בעט א טויטע. אפֿן טיש א פֿלעשל און א צע־טעלע דערבײַ, מיט איר אייגענער האַנט געשריבן, און דווקא אף ייִדיש. פֿלעגט שרײַבן ייִדיש — א חיות געווען צו לייענען. „ליבע און טײַערע טאַטע־מאַמע, — שרײַבט זי אין צעטעלע — זײַט מיר מוחל, וואָס איך האָב אײַך אָנגעטאָן אַזאַ ווייטיק מיט אַזאַ בזיון. זײַט מיר הונדערט מאָל מוחל — שרײַבט זי. מיר האָבן זיך ביידע דאָס וואָרט געגעבן — איך און כײַקע, — אַז מיר זאָלן אין איין טאָג, — שרײַבט זי — אין איין שעה און מיט איין טויט שטאַרבן, וואָרעם מיר קאָנען איינע אָן דער אַנדערער נישט לעבן... איך וויים, — שרײַבט זי — אַז איך באַגיי קעגן אײַך, מײַנע ליבע און טײַערע, א גרויס פֿאַרברעכן. איך האָב מיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה. עס איז אָבער א באַשערטע זאַך, און פֿאַרפֿאַלן!... איין בקשה האָב איך צו אײַך, מײַנע טײַערע: איר זאָלט מיך באַהאַלטן אינאייינעם מיט כײַקען, — שרײַבט זי — א קבר נעבן א קבר. און זײַט געזונט — לאָזט זי אויס דעם בריוו — און פֿאַרגעסט, פֿאַרגעסט, אַז איר האָט ווען געהאַט א טאָכטער עטקע"... איר הערט? מיר זאָלן פֿאַר־געסן, אַז מיר האָבן ווען געהאַט א טאָכטער עטקע!...

. . . .

פֿון הינטער מײַנע פּלייצעס דערהערט זיך א שאָרך, א קריכן און א קרעכצן, און נאָכדעם — א פֿאַרשטיקט הייזעריק פֿאַרשלאָפֿן קול פֿון א פֿרוי:

— אברהמל! אברהמל?...

— הא, וואָס איז, גיטעקע? אויסגעשלאָפֿן? טיי וועסטו טרינקען? אָט באַלד האָבן מיר א סטאַנציע. אַווו איז דער טשײַניס? אַווו די טיי און צוקער?

ענדע געשיכטע נומער זעקס.

געשריבן אין יאָר 1909

געשיכטע נומער זיבן

דער לײדיקגײער

ווייסט איר, ווו דאָס בעסטע פּאָרעכטס איז? דאָס בעסטע, דאָס שטילסטע און דאָס רויִקסטע?

מיטן „לײדיקגײער".

אַזוי האָבן די באָהאָפּאָליער ייִדן אַ נאָמען געגעבן די שמאָלע אײַזנבאַן, וואָס שנײַדט־דורך אַ גאַנצע רייע שטעטלעך: באָהאָפּאָליע, הייסין, טעפּליק, נעמיראָוו, כאַשטשעוואַטע און נאָך אַזעלכע געבענטשטע מקומות, ווו אָדם־הראשונס פוס האָט קיינמאָל נישט געטראָטן.

די באָהאָפּאָליער ייִדן, וואָס האָבן אַ שם אויף דער וועלט פאַר ווערטלזאָגערס, דערציילן זיך אָן פונעם „לײדיקגײער" מעלות מיט מעלות.

ערשטנס, האָט איר קיין מורא נישט, זאָגן זיי, פאַר פאַרשפּעטיקן. ווען איר זאָלט נישט קומען, כאַפּט איר אים. היינט וואָס איז ווערט, זאָגן זיי, דאָס, וואָס איר דאַרפט אײַך נישט שלאָגן פאַר אַן אָרט? איר קאָנט אָפּפאָרן, זאָגן זיי, אַ גאַנצע שטרעקע איין מענטש אַליין, ליגן אויסגעצויגן ווי אַ שררה און אויסשלאָפן זיך אויף אַלע זײַטן.

דאָס איז לויטער אמת. שוין אַ וואָך דרײַ, אַז איך רײַז־אַרום מיטן דאָזיקן „לײדיקגײער" אין יענעם ווינקל און שטיי אויף איין אָרט. עפּעס טאַקע נאָר ווי אַ מין כשוף! נאָר מיינט נישט, אַז איך באַקלאָג מיך. אדרבה. איך בין זייער צופרידן. וואָרעם איך זע מיך דאָרט אָן אַזעלכע שיינע זאַכן און איך הער מיך אָן אַזוי פיל מעשיות מיט געשיכטעס, אַז איך ווייס נישט, ווען וועל איך זיי אַלע קאָנען אַרײַנשרײַבן צו מיר אין ספר־הזכרונות?

ערשטנס — די געשיכטע, ווי אזוי מע האָט געבויט די דאָזיקע אײַזנבאַן. דאָס איז כדאי, מע זאָל דאָס באַשרײַבן.

אַז ס'איז אָנגעקומען פון פעטערבורג, אַז, מע פירט־דורך אין יענער געגענט אַ באַן (וויטע איז דעמאָלט געווען מיניסטער), האָבן ייִדן געזאָגט: ס'אַ ליגן. וואָס דאַרף טעפּליק, אָדער גאָלטע, אָדער הייסין, אַ באַן? זיי זײַנען טאַקע אַנדערש נישט אויפגעצויגן געוואָרן נאָר אויף אײַזנבאַנען?... אַזוי האָבן געטענהט די דאָרטיקע ייִדן. און ווער שמועסט די באַהאָפּאָליער — די האָבן געשאָטן מיט גלײַכווערטלעך, ווי זייער שטייגער איז, געמאַכט חוזק, געוויזן אויף דער האַנט: „ווען אָט דאָ וועט וואַקסן האָר".

שפּעטער, אַז ס'איז אַראָפּגעפאָרן אַן אינזשיניער און גענומען פלאַנעווען און מעסטן פעלד, זײַנען ייִדן אַנמשוויגן געוואָרן, און די באַהאָפּאָליער ווערטלזאָגערס האָבן באַהאַלטן די הענט (זיי האָבן אַ מעלה, אַז טאָמער טרעפן זיי נישט, נעמען זיי זיך נישט צום האַרצן: „דער לוח, זאָגן זיי, מאַכט זיך אויך אַמאָל, אַז ער טרעפט נישט"...). און דער עולם פון דער גאַנצער סביבה אַרום האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום אינזשיניער מיט רעקאָמענדאַציעס און פּראָטעקציעס, מיט בריוו און מיט בקשות — ער זאָל זיי געבן אַרבעט. ייִדן נעבעך זוכן פּרנסה. טעפּליקער, בערשעדער, הייסינער און באַהאָפּאָליער בעלי־בתּים האָבן געהערט דערציילן, אַז באַם בויען אַ באַן ווערט מען רײַך. אַ סימן — פּאָליאַקאָוו...

ייִדן סוחרים — נישט נאָר די, וואָס האַנדלען מיט געהילץ אָדער מיט שטיינער, נאָר אַפילו אַזעלכע, וואָס וויסן נאָר ווייץ און קאָרן — האָבן זיך אויך אַ וואָרף געטאָן צו דער באַן. אַלע ייִדן זײַנען געוואָרן קאָנצעסיאָנערן, פּאָדראַטשיקעס, „סטראָאיטעלעס פון אײַזנבאַנען"... „אונדזערע פּאָליאַקאָווס" — אַזוי האָט מען זיי אַ נאָמען געגעבן אין באַהאָפּאָליע, און מע האָט שוין גענומען אויסרעכענען באַצײַטנס, וויפל קאָנען זיי דערבײַ כאַפּן?...

בקיצור, ס'איז געוואָרן אין יענער געגנט, מע קאָן זאָגן, אַ בהלה, אַ מין באַן־פיבער, וואָס האָט נישט דורכגעלאָזט קיינעם. דער יצר־הרע פון געלט איז געוואָרן גרויס, און ווער וויל עס נישט ווערן אַ פּאָליאַקאָוו אין איין שמע־ישראל?

דער געדרענג מיט דער קאָנקורענץ פון די קאָנצעסיאָנערן, פּאָדראַטשיקעס און „באַן־סטראָאיטעלעס" איז געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז מע האָט

די ארבעט, זאָגט מען, געמוזט אויסטיילן על־פּי גורל. ווער עס האָט געהאַט גליק באַ גאָט און נושא־חן געווען אין די אויגן פונעם אינזשיניער, דער האָט געקריגן אַרבעט. און ווער עס האָט נישט געקריגן קיין אַרבעט, האָט זיך באַגנוגנט כאָטש מיט אַ שטיקל חלק באַ יענעם. און אַ שטיקל חלק האָט מען אים געמוזט אָפּטרעטן, וואָרעם אַז נישט, האָט ער געגעבן אָנצור־הערעניש, אַז ער ווייס אויך, ווו „פּייטערבאַרג" ליגט און ווו די „פּראַוויליע־ניע" געפינט זיך... און מע האָט פאַרזעצט דעם ווײַבס פּערל מיט די שבת־דיקע קאַפּאָטעס און מע האָט זיך גענומען דורכפירן אַ באַן, און מע האָט געפּטרט ווו ווער עס האָט געהאַט ערגעץ אַ גראָשן, און מע האָט פאַרזאָגט קינדס־קינדער, אַז צו אַ באַן טאָר מען זיך נישט צורירן.

פונדעסטוועגן, איינס צום אַנדערן געהער זיך נישט אָן. ייִדן נעבעך זײַנען טאַקע געוואָרן בדיל־הדל — נאָר זיי האָבן אויסגעפירט. זאָגן זיי, זייערס: אַ באַן האָבן זיי טאַקע פאָרט דורכגעפירט. און כאָטש אַפילו מע האָט זי אין באַהאָפּאָליע געקרוינט, ווי מיר ווייסן שוין, מיטן נאָמען „דער לײַדיקגייער", פונדעסטוועגן קאָנען זיי זיך פון אים נישט אָפּלויבן, און זיי דערציילן זיך אָן אַף אים חידושים, נסים ונפלאות.

למשל, זיי באַרימען זיך, אַז זינט דער „לײַדיקגייער" איז אַ לײַדיק־גייער, האָט זיך נאָך נישט געטראָפן מיט אים קיין אומגליק, ווי עס טרעפט זיך, אַשטייגער, מיט אַנדערע באַנען. וואָס איז דער שכל? דער שכל, זאָגן זיי, איז אַ פּראָסטער שכל: ווער עס גייט פּאַוואָליע, דער פאַלט נישט... און דער „לײַדיקגייער" גייט טאַקע פּאַוואָליע. שוין אַביסל צו פּאַוואָליע. די באַהאָפּאָליער חכמים, וואָס האָבן ליב יעדע זאַך מגזם זײַן, דערציילן אַ מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט זייערן טאַקע אַ באַהאָפּאָליער בעל־הבית. אַ באַהאָפּאָליער בעל־הבית, זאָגן זיי, איז אַרויסגעפאָרן מיטן „לײַ־דיקגייער" אַף אַ ברית, איז ער אָנגעקומען צו דער בר־מצווה.

און נאָך אַ מעשה דערציילן זיי פון אַ בערשעדער מיידל מיט אַ נע־מיראָווער בחור, וואָס האָבן זיך געלאָזט צונויפפאָרן אַף אַ מיטל־פּונקט אָנקוקן זיך. איז ביז מען איז זיך צונויפגעפאָרן, אי דער בחור געוואָרן גרוי ווי אַ טויב און דאָס מיידל האָט שוין נישט געהאַט איין צאָן אין מויל. און איבער דעם איז זיך צעגאַנגען דער שידוך.

ווייסט איר אָבער, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? איך האָב נישט ליב די באַהאָפּאָליער ווערטלזאָגערס און האָב פײַנט זייערע גוזמות. באַ מיר, אַז

איך באשרײַב אַ זאַך, איז נאָר דאָס, וואָס איך זע מיט מײַנע אויגן, אָדער, ווײַניקסטנס, וואָס איך הער פֿון סאָלידע מענטשן, פֿון סוחרים.

צום בײַשפּיל, איך האָב אַליין געהערט פֿון אַ הייסינער סוחר, אַז ערשט פֿאַר עטלעכע יאָרן, אום הושענא־רבה, האָט זיך געטראָפֿן בײַ זיי מיטן „לײדיקגייער" אַן אומגליק, מע קאָן זאָגן, אַ קאַטאַסטראָפֿע, וואָס האָט אַרויסגערופֿן אַ פּאַניקע אויף דער גאַנצער ליניע און אויפֿגערודערט דאָרטן דאָס גאַנצע ווינקל. די קאַטאַסטראָפֿע איז געקומען דורך אַ ייִדן מיט, להבדיל, אַ גלח. איך גיב זי אײַך איבער דאָ באַלד אין אַ באַזונדער געשיכטע מיטן זעלבן לשון, ווי איך האָב זי געהערט פֿונעם הייסינער סוחר. איך האָב ליב איבערגעבן דאָס, וואָס איך הער פֿון יענעם. אַז איר וועט דאָס לייענען, וועט איר אַליין זען, אַז די געשיכטע איז אַן אמתע געשיכטע. אַ הייסינער סוחר וועט נישט אויסטראַכטן.

ענדע געשיכטע נומער זיבן.

געשריבן אין יאָר 1909

געשיכטע נומער אכט

דער נס פון הושענא־רבה

„— דער נס פון הושענא־רבה — אזוי האָט מען אַ נאָמען געגעבן בײַ אונדז די באַן־קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט זיך געטראָפן פּונקט אום הושענא־רבה נאָכן קוויטל. און געטראָפן האָט זיך די געשיכטע, לאָז זיך אײַך דאַכטן, טאַקע בײַ אונדז אין הייסין. דאָס הייסט, נישט אין הייסין גופא, נאָר אַ פּאָר סטאַנציעס פאַר הייסין. סאָבאָליווקע הייסט די סטאַנ־ציע"...

מיט אַזאַ לשון האָט מיר אַ הייסינער סוחר, ווײַזט אויס, אַ לײַטישער מענטש, גענומען ברייטלעך צו דערציילן, וואָס פאַר אַ קאַטאַסטראָפע עס האָט זיך געטראָפן בײַ זיי מיט דער שמאָלער באַן, וואָס מע רופט זי דאָרטן „דער ליידיקגייער" (איך האָב אײַך אים באַשריבן שוין פריִער, אין דעם אַרײַנפאָר). און מחמת דער הייסינער סוחר האָט מיר דערציילט די דאָזיקע געשיכטע טאַקע פאָרנדיק מיטן „ליידיקגייער", וואָס האָט צײַט, און געווען זײַנען מיר מיט אים אין וואַגאָן סך־הכל צוויי פּאַסאַזשירן, האָט ער זיך צעשפּילעט, צעלייגט, ווי בײַ טאַטן אין ווײַנגאָרטן, און גערעדט פּערלדיק, געטאָקטע ווערטער, געגלעט זיך בעת־מעשה דאָס בײַכל, צוגעשמייכלט און שטאַרק הנאה געהאַט פון זײַן אייגענער געשיכטע.

„— איר פאָרט דאָך שוין מיט אונדזער ליידיקגייער, ברוך־השם, די אַנדערע וואָך. ווייסט איר דאָך מן הסתם די טבע זײַנע? ער האָט אײַך אַ טבע, אַז ער קומט אויף אַ סטאַנציע און שטעלט זיך אַוועק, פאַרגעסט ער דעם זײַ־געזונט. דאָס הייסט, אייגנטלעך, לויט „ראָספּיסאַניע", טאָר ער נישט שטיין מער ווי פיל ס'איז אים אָנגעצייכנט. למשל, אויף דער סטאַנציע

זאטקעוויץ איז אויסגערעכנט, אַז ער דאַרף שטיין פּונקט אַ שעה מיט אַכט און פופציק מינוט, אָדער אַף דער סטאַנציע סאָבאָליווקע, וואָס איך דערצייל איַיך, — דאָרט טאָר ער מער אַ רגע נישט שטיין ווי איין שעה מיט צוויי און דרײַסיק מינוט. נאָר די מכות זאָל זיך אים זעצן, וואָס ער שטייט סײַ אין זאַטקעוויץ, סײַ אין סאָבאָליווקע מער ווי צוויי, און אַמאָל — מער ווי דרײַ שעה. עס ווענדט זיך אָן דעם, וויפל צײַט עס נעמען בײַ אים צו די „מאַניעווורעס". און וואָס בײַ אונדזער „ליידיקגייער" ווערט אָנגערופן „מאַניעווורעס" — דאַרף איך דאָך איַיך נישט דערציילן. מע שפּאַנט־אויס דעם לאָקאָמאָטיוו, און די „בריגאַדע", דער קאָנדוקטאָר מיטן מאַשיניסט מיטן קאָטשעגאַר, זעצן זיך אַוועק אינאיינעם מיטן נאַטשאַלניק סטאַנציע, מיטן זשאַנדאַרם און מיטן טעלעגראַפיסט טרינקען ביר, אַ פּלעשל נאָך אַ פּלעשל.

„וואָס טוט, למשל, דער עולם, די פּאַסאַזשירן הייסט עס, בעת „מאַניעווורעס"? איך האָט דאָך שוין געזען, וואָס מע טוט: מע נודעט זיך, מע ווערט שיער נישט משוגע. ווער עס גענעצט, ווער עס פאַרשלאָגט זיך אין אַ ווינקל און כאַפּט אַ דרעמל, און ווער עס שפּאַצירט זיך אַרום אַף דער „פּלאַצפאָרמע", די הענט פאַרלייגט, און זינגט זיך שטילערהייט אַ לידל.

„דאַרף זיך טרעפן אַ מעשה אין סאָבאָליווקע בעת „מאַניעווורעס". שטייט זיך אַזוי איינמאָל הושענא־רבה אינדערפרי באַם אָפּגעשפּאַנטן לאָקאָמאָטיוו, די הענט פאַרלייגט, איינער אַ מענטש, דווקא נישט קיין פּאַסאַזשיר, נאָר אַזוי אַ ייִד, לאָז זיך איַיך דאַכטן, טאַקע אַ סאָבאָליווקער בעל־הבית, אַ ציקאַווע ייִד, און קוקט. וואָס טוט דאָ, למשל, אַ סאָבאָליווקער בעל־הבית? גאָרנישט. הושענא־רבה האָט זיך אַ סאָבאָליווקער בעלי־הבית גאַנץ פײַן אָפּגעדאַוונט, אָפּגעשלאָגן הושענות, אַוועק אהיים און אָפּגעגעסן. אַפן האַרצן איז האַלב יום־טובדיק, האַלב וואָכעדיק. דאָס קוויטל האָט מען אים דאָרטן סײַ ווי סײַ אונטערגעשריבן, און קיין אַרבעט אין דער היים איז נישטאָ, ערב יום־טוב, האָט ער גענומען דאָס שטעקל און איז זיך אַרויסגעגאַנגען אַביסל אַפן וואָקזאַל ווסטרעטשאַיען דעם פּאָיעזד".

„ווסטרעטשאַיען דעם פּאָיעזד", דאַרפט איר וויסן, איז בײַ אונדז אַ מנהג אומעטום אין אונדזער געגנט. קומט די צײַט פון „פּאָיעזד"

טראָגט דאָס אײַך אוועק אויפֿן וואָקזאַל, טאָמער וועט מען עמעצן זען. וואָס זען? וועמען זען? אַ טעפּליקער ייִדן? אַן אָבאָדיווקער ייִדענע? אַ גאָלאָוואָניעווסקער גלח? ייִדישע גליקן! נאָר גאָרנישט, מע גייט. און אגב איז נאָך אין יענער צײַט די באַן געווען אַ נײַס, מע האָט אונדז נאָר־וואָס געהאַט דורכגעפֿירט דעם „לײדיקגייער", און ס'איז נאָך געווען וואָס צו זען און וואָס צו הערן. נאָר ווי אַזוי די מעשה איז דאָרט געווען, צי אַזוי, צי אַזוי, — באַם אָפּשפּאַנען דעם לאָקאָמאָטיוו איז זיך הושענא־רבה אין דער פֿרי, נאָכן קוויטל, ווי איך דערצייל אײַך, געשטאַנען האַלב יום־טובדיק, האַלב וואָכעדיק, אַ סאָבאָליווקער בעל־הבית מיט אַ שטעקל און געקוקט.

„אם כן, איז וואָס? דאַכט זיך מיר, אַז אַ סאָבאָליווקער בעל־הבית שטייט און קוקט אויף אַן אָפּגעשפּאַנטן לאָקאָמאָטיוו — וועמענס עסק איז דאָס? זאָל ער זיך שטיין געזונטערהייט. ניין. באַדאַרף זיך טרעפֿן מסתמא אַזוי, אַז צווישן די איבעריקע פּאַסאַזשירן געפֿינט זיך אַ גלח, לאָז זיך אײַך דאַכטן, טאָקע אַ גאָלאָוואָניעווסקער גלח, פֿון גאָלאָוואָניעווסק, הייסט עס, אַ שטעטל נישט ווײַט פֿון הייסין. נישטאָ וואָס צו טאָן, שפּאַצירט זיך דער גלח אויך אויף דער זעלבער „פּלאַצפּאָרמע", אויך פֿאַרלייגט די הענט, און שטעלט זיך אָפּ אויך באַם אָפּגעשפּאַנטן לאָקאָמאָטיוו. רופֿט זיך אָן דער גלח צום ייִדן: „הער נאָר, יודקאָ! וואָס האָסטו דאָ דערזען?" ענטפֿערט אים דער ייִד בייזלעך: „וואָס עפּעס יודקאָ? איך הייס נישט יודקאָ, איך הייס בערקאָ". מאַכט צו אים דער גלח: „לאָז זײַן בערקאָ. וואָס קוקסטו דאָ, אַשטייגער, בערקאָ?" ענטפֿערט אים דער ייִד און לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פֿונעם לאָקאָמאָטיוו: „איך שטיי און באַטראַכט גאָטס וווּנדער, ווי אַזוי איבער אַ נאַרישקייט, איבער איין דריי, וואָס מע טוט אַ דריי איין שרײַפֿל אַהער, דאָס אַנדערע שרײַפֿל אַהין — הייבט אָן גיין אַזאַ גוואַלדיקע מאַשין!" מאַכט צו אים ווידער דער גלח: „פֿון וואַנען ווייסטו, אַז מע טוט אַ דריי איין שרײַפֿל אַהער און דאָס אַנדערע אַהין, הייבט אָן גיין די מאַשין?" ענטפֿערט אים דער ייִד: „איך זאָל נישט ווייסן, וואָס־זשע וואָלט איך געזאָגט?" מאַכט צו אים דער גלח: „קוגל ווייסטו, ווי אַזוי מען עסט, אָט וואָס דו ווייסט!" פֿאַרדריסט דאָס שוין דעם ייִדן (סאָבאָליווקער ייִדן האָבן אין זיך אַמביציע), און ער רופֿט זיך אָן צום גלח: „אַנו, פּאַטערל, אפשר וואָלסטו

זיך מטריח זײַן אַף אַ װײַלע מיט מיר אַפּן לאָקאָמאָטיװ, װאָלט איך דיר געבן צו פֿאַרשטײן דעם שׂכל, פֿאַר װאָס אַ לאָקאָמאָטיװ גײט און פֿאַר װאָס ער שטײט?" דאָ האָט שױן דעם גלח דערלאַנגט אַ בראָט נישט אַף קאַטאָװעס: װאָס הײסט? אַט דאָס ייִדל װעט אים געבן צו פֿאַרשטײן דעם שׂכל, פֿאַר װאָס אַ לאָקאָמאָטיװ גײט און פֿאַר װאָס ער שטײט?!... און ער מאַכט צו אים מיט האַרץ: „קריך, הערשקאָ, אַפּן לאָקאָמאָטיװ!" זאָגט צו אים דער ייִד װידער אַ מאָל: „איך הײס נישט הערשקאָ, איך הײס בערקאָ". מאַכט צו אים דער גלח: „לאָז זײַן בערקאָ. קריך, בערקאָ!" מאַכט צו אים דער ייִד: „װאָס הײסט עפּעס קריך? פֿאַר װאָס זאָל איך קריכן? קריך דו, פּאָטערל, פֿריִער!" מאַכט צו אים דער גלח מיט גאַל: „דו לערנסט דאָך מיך, נישט איך דיך, דאַרפֿסטו פֿריִער קריכן". בקיצור, אַ װאָרט פֿאַר אַ װאָרט — מען איז, לאָז זיך אײַך דאַכטן, אַרױפֿגעקראָכן בײדע אַפּן לאָקאָמאָטיװ, און דער סאַבאַליװוקער ייִד האָט זיך גענומען לערנען מיטן גלח „הלכות מאַשינע", געגעבן פּאַװאָלינקע אַ דרײ אײן קראַן אַהער, דעם אַנדערן אַהין, און אײדער זײ האָבן געקאָנט אַרױסלאָזן אַ װאָרט פֿונעם מױל, האָבן זײ מיט שרעק דערזען, אַז דער לאָקאָמאָטיװ האָט געריררט פֿונעם אָרט און — פּאַשאָל!

„אַ צינד איז, דאַכט מיר, די בעסטע צײַט איבערלאָזן דעם ייִדן מיטן גלח אַפּן אָפּגעשפּאַנטן לאָקאָמאָטיװ, לאָזן זײ זיך פֿאָרן געזונטערהײט, און מיר װעלן זיך דערװײַל פֿאַרנעמען מיט דעם נפֿש: װער איז דאָס געװען אָט דער סאַבאַליװוקער ייִד, װאָס האָט געהאַט אין זיך אַזאַ שטאַרקײט און האָט זיך אײַנגעשטעלט אַרױפֿצוקריכן מיט אַ גלח אַף אַן אָפּגעשפּאַנטן לאָקאָמאָטיװ?

„בערל עסיקמאַכער — אַזױ, לאָז זיך אײַך דאַכטן, הײסט דער סאַבאַליװוקער ייִד, װאָס איך דערצײל אײַך. פֿאַר װאָס רופֿט מען אים עסיקמאַכער? װײַל ער פֿאַרנעמט זיך דערמיט, װאָס ער מאַכט עסיק, דעם בעסטן עסיק אין אונדזער װינקל. די מלאָכה האָט ער, אײגנטלעך, בירושה פֿון זײַן טאַטן. נאָר ער האָט צוגעקלערט — אַזױ זאָגט בערל אַלײן — אַזאַ מין מאַשינע, װאָס גיט־אַרױס דעם בעסטן עסענץ. ער זאָל האָבן צײַט, זאָגט ער, װאָלט ער געקאָנט באַשטאַטן מיט עסיק דרײַ גובערניעס. נאָר װאָס דען? עס טוט זיך אים נישט נײטיק, זאָגט ער, ער איז נישט קײן אָץ להעשיר. אָט אַזאַ מין מענטש איז אונדזער עסיקמאַכער. אין

ערגעץ נישט געלערנט זיך — און קען וואָס פאַר אַן אײדעלע מלאכה איר ווילט, און האָט אַ ידיעה אין אַלערלײ מאַשינעס. פון וואַנען קומט דאָס צו אים? דאַרף מען פאַרשטײן על־פּי שׂכל, אַז עסיק מאַכן האָט אַ שײכות, זאָגט ער, מיט טרײַבן בראָנפן, און טרײַבן בראָנפן קער זיך אָן מיט לשון „זאַוואָד", און אַ זאַוואָד, זאָגט ער, האָט דאָך אין זיך כמעט די אײגענע מאַשינעריע, וואָס אַ באַן; אַ זאַוואָד, זאָגט ער, פּײַפט און אַ באַן פּײַפט — וואָס איז די נפקא־מינה? דער עיקר — אַזוי זאָגט בערל אַלײן און מאַכט בעת מעשה מיט די הענט — דער עיקר איז נאָר דער כּח, וואָס נעמט זיך פונעם הײצן, זאָגט ער. פונעם הײצן, וואָס מע הײצט, ווארעמט זיך אָן דער קעסל, זאָגט ער, און דאָס וואַסער הײבט אָן קאָכן, שטופּט דאָס, זאָגט ער, דעם באַל און עס דרײען זיך די רעדער, זאָגט ער, אויף וואָס פאַר אַ זײַט איר ווילט: ווילט איר, זאָגט ער, ס'זאָל גײן רעכטס — טוט אַ דרײ דעם רעגוליאַטאָר רעכטס, ווילט איר לינקס — דרײט, זאָגט ער, דעם רעגוליאַטאָר לינקס. ס'איז, זאָגט ער, אַזוי פּשוט, וואָס פּשוטער קאָן שוין גאָרנישט זײַן!... אַצינד, אַז איך האָב אײַך אַביסל באַקאַנט געמאַכט מיט דעם סאָבאָליװקער ייִדן, איז אײַך שוין פאַרענט־פערט, מײן איך, אַ סך קשיות, און מיר קאָנען זיך אומקערן צו דער קאַטאַסטראָפע.

„דאַרף איך אײַך נאָך דערצײלן, וואָס פאַר אַ פּחד און וואָס פאַר אַ טומל ס'איז געוואָרן צווישן די פּאַסאַזשירן אין סאָבאָליװקע אויף דער סטאַנציע, אַז מע האָט דערזען דעם אָפּגעשפּאַנטן לאָקאָמאָטיוו גײן אײ־נעם אַלײן, מע ווײס נישט מיט וואָס פאַר אַ כּח? איך מײן, אַז דאָס דאַרפט איר שוין אַלײן פאַרשטײן. הײַנט די מהומה, וואָס איז געקומען אויף דער „בריגאַדע"? תּחילת האָט זיך אפילו די „בריגאַדע", לאָז זיך אײַך דאַכטן, געלאָזט לויפן נאָכן לאָקאָמאָטיוו, געוואָלט, אַפּנים, אים כאַפּן פון הינטן. מע האָט אָבער גיך אַרויסגעזען, אַז די מי איז אומ־זיסט. עפּעס טאַקע נאָר ווי אויף צו להכעיס, האָט זיך דער לאָקאָמאָטיוו איצטיקס מאָל געלאָזט לויפן און איז געפלויגן משוגענערווײַז. זינט דער „לײדיקגײער" האָט אָנגעהויבן צו גײן אין אונדזערע מקומות, האָט זיך נאָך קײנמאָל נישט געטראָפן, אַז דער לאָקאָמאָטיוו זאָל אַזוי גיך לויפן. האָט זיך די „בריגאַדע" נעבעך געמוזט אומקערן צוריק מיט לײדיקע הענט און אײנאײנעם מיטן זשאַנדאַרם און מיטן נאַטשאַלניק האָט מען

געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל און נאָכדעם האָט מען צעשיקט דעפּעשן איבער דער גאַנצער ליניע: „אַוועק אַ לאָקאָמאָטיוו איינער אַליין. נעמט מיטלען. טעלעגראַפירט״.

„וואָס פאַר אַ פּאַניקע די דאָזיקע דעפּעש האָט אַרויסגערופן אויף דער גאַנצער ליניע — איז גרינג זיך פאָרצושטעלן. ערשטנס, האָט מען נישט פאַרשטאַנען די דעפּעש. וואָס איז דער פּשט: „אַוועק אַ לאָקאָמאָ־טיוו איינער אַליין״? ווי גייט דאָס אַליין אַ לאָקאָמאָטיוו? און, צווייטנס, וואָס באַדייַטן די ווערטער: „נעמט מיטלען״? וואָס פאַר מיטלען קאָן מען נעמען, אַ חוץ דעפּעשן? און עס האָבן אָנגעהויבן פליִען דעפּעשן איבער דער גאַנצער ליניע. דער טעלעגראַף האָט געאַרבעט מיט רוחות. אַלע סטאַנציעס האָבן זיך איבערגערעדט צווישן זיך, און די שרעקלעכע ידיעה האָט זיך גיך פאַרשפּרייט, לאָז זיך אייַך דאַכטן, אין אַלע שטעט און שטעטלעך אַרום און אַרום, און ס׳איז געוואָרן, וואָס זאָל איך אייַך זאָגן, חושך ואפלה! באַ אונדז אין הייסין, למשל, האָט מען שוין אפילו דערציילט, וויפל נפשות עס זייַנען געהרגעט געוואָרן. נעבעך באַשערט מענטשן אַזאַ שרעקלעכער טויט! און ווען? פּונקט הושענא־רבה נאָכן קוויטל! אפּנים, ס׳איז שוין אַזוי געווען אָנגעצייכנט פון אויבן...

„אַזוי האָט מען געשמועסט באַ אונדז אין הייסין און אין אַלע ער־טער אַרום הייסין, און ס׳איז גאָר נישט צו באַשרייַבן די יסורים מיטן עגמת־נפש, וואָס מיר אַלע זייַנען דערפון אויסגעשטאַנען. נאָר ווי קומט עס צו די יסורים מיטן עגמת־נפש פון די פּאַסאַזשירן נעבעך, וואָס זייַנען געבליבן אין סאָבאָליווקע אויף דער סטאַנציע כצאן בלי רועה, אין מיטן דער נסיעה אָן אַ לאָקאָמאָטיוו! סטייַטש, וואָס וועלן זיי טאָן? ס׳איז הושענא־רבה, ערב יום־טוב, וווּהין גייט מען? סיידן סוכות האַלטן דאָ אין שטעטל? אַ פאַרשטערטער סוכות!... און די פּאַסאַזשירן האָבן זיך צונויפגעשלאָגן אַלע אין איין ווינקעלע און האָבן גענומען איבער־ריידן וועגן זייער אייגענער לאַגע און וועגן דער לאַגע פונעם „בורח״ (אַזוי האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן דעם אַנטלאָפענעם לאָקאָמאָטיוו). מי יודע, וואָס מיט אַ שלים־מזל קאָן זיך טרעפן? אַ ווערטעלע אויסצוריידן — עס פליט איבער דער ליניע אַזאַ מאַשינע איינע אַליין? עס איז דאָך לא ימלט, אַז דער „בורח״ זאָל זיך נישט באַגעגענען ערגעץ אין מיטן וועג מיטן „ליידיקגייער״, וואָס גייט אים אַקעגן פון הייסין איבער זאַט־

קעוויץ קיין סאָבאָליווקע. וואָס וועט זײַן מיט יענע פּאַסאַזשירן נעבעך? — און דער כּח־הדמיון האָט זיי שוין געמאָלט אַ צוזאַמענשטויס, אַ מוראדיקע קאַטאַסטראָפֿע מיט אַלע פּיטשעווקעס פֿון אַ באַן־קאַטאַסטראָפֿע. זיי האָבן געזען פֿאַר זיך באַשײַנפּערלעך דאָס גאַנצע אומגליק: איבערגעקערטע וואַגאָנעס, צעפֿאַלענע רעדער, מענטשישע קעפּ, צעבראָכענע פֿיס, אָפּגעריסענע הענט און צעטראָטענע טשעמאָדאַנעס, מיט בלוט באַשפּריצט!... פּלוצעם — אַ דעפּעש! אָנגעקומען אַ דעפּעש פֿון זאַטקעוויץ. וואָס שטייט אין דעפּעש? אין דעפּעש שטייט: „די רגע דורכגעפֿלויגן מיט אַ שרעקלעכער גיכקייט פֿאַרבײַ זאַטקעוויץ אַ לאָקאָמאָטיוו מיט צוויי פּאַסאַזשירן. איינער זעט־אויס אַ ייִד, דער צווייטער אַ גלח. ביידע האָבן געמאַכט מיט די הענט — מע ווייס נישט וואָס. דער לאָקאָמאָטיוו איז אַוועק קיין הייסין".

„אָט דאָ איז ערשט געוואָרן אַ חתונה: וואָס הייסט דאָס? אַ ייִד מיט אַ גלח אַפֿן אַנטלאָפֿענעם לאָקאָמאָטיוו? וווּהין זײַנען זיי דאָס אַנטלאָפֿן? און צוליב וואָס? און ווער קאָן זײַן דער ייִד?... אַהין־אַהער, איינער פֿונעם אַנדערן — מע האָט זיך דערוווּסט, אַז דער ייִד איז טאַקע אַ סאָבאָליווקער ייִד. ווער? איר קענט אים? אַ שאלה אַביסל! בערל עסיקמאַכער פֿון סאָבאָליווקע! פֿון וואַנען ווייס מען דאָס, אַז ס'איז ער? מע ווייס! סאָבאָליווקער ייִדן שווערן, אַז זיי האָבן פֿון דער ווײַטן אַליין געזען אים שטיין מיט אַ גלח באַם אָפּגעשפּאַנטן לאָקאָמאָטיוו און מאַכן מיט די הענט... וואָס טוט זיך דאָ? וואָס האָט אַ ייִד אַן עסיקמאַכער צו שטיין מיט אַ גלח באַם אָפּגעשפּאַנטן לאָקאָמאָטיוו און מאַכן מיט די הענט?!... מע האָט אַזוי לאַנג גערעדט און געפּילדערט, ביז די מעשה איז דערגאַנגען, לאָז זיך אײַך דאַכטן, אין שטעטל אַרײַן, אין סאָבאָליווקע הייסט עס, און כאָטש דאָס שטעטל איז נישט אַזוי שטאַרק ווײַט פֿון סטאַנציע, נאָר ביז די מעשה איז אָנגעקומען פֿון איינעם צום אַנדערן קיין סאָבאָליווקע, האָט זי באַקומען אַלע מינוט אַן אַנדער געשטאַלט, איטלעכער באַזונדער האָט צוגעלייגט זײַנס, און ביז ס'איז דערגאַנגען צו בערלען אַהיים, האָט די מעשה מיטן גלח באַקומען אַזאַ ווילדן פּנים, אַז בערלס ווײַב איז נעבעך געפֿאַלן חלשות אפשר צען מאָל, מע האָט געמוזט ברענגען דעם דאָקטער... און עס האָט זיך אַ שאָט געטאָן אױף דער סטאַנציע ייִדן פֿון סאָבאָליווקע, לאָז זיך אײַך דאַכטן, אַזוי ווי שטערן אין הימל,

און ס'איז געוואָרן אַזאַ גוואַלד, אַז דער נאַטשאַלניק סטאַנציע האָט גע־מוזט געבן דעם זשאַנדאַרם אַ „ראַספּאָראַזשעניע", ער זאָל אָפּרייניקן די סטאַנציע פון סאַבאַליוקער ייִדן... און ווײַבאַלד אַזוי, וואָס־זשע האָבן מיר דאָ צו טאָן? אפשר וואָלטן מיר בעסער גיין אַ קוק טאָן, וואָס טוט זיך מיט אונדזער ייִדן און מיטן גלח, להבדיל, אָפּן „בורח", איך מיין, אָפּן אַנטלאָפענעם לאָקאָמאָטיוו?

עס איז אָבער נאָר גרינג צו זאָגן — אַ קוק טאָן, וואָס טוט זיך אָפּן אַנטלאָפענעם לאָקאָמאָטיוו! ווער קאָן דאָס וויסן, וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן? מיר מוזן גלייבן דעם סאַבאַליוקער עסיקמאַכער אָף נאמנות. ער דערציילט זיך אָן פון דער נסיעה אַזעלכע חידושים, וואָס ווען אפילו, לאָמיר זאָגן, אַז ס'איז נאָר האַלב אמת, איז דאָס אויך גאַנץ גענוג. און אָף וויפל איך קען אָט דעם עסיקמאַכער פון סאַבאַליוקע, איז ער, דאַכט מיר, נישט אַזאַ מענטש, וואָס זאָל ליב האָבן מגזם זײַן.

„די ערשטע צײַט, אַז דער לאָקאָמאָטיוו איז אַוועק, — אַזוי דער־ציילט בערל עסיקמאַכער, — געדענקט ער כמעט גאָרנישט, וואָס מיט אים האָט זיך געטאָן. נישט אַזוי מחמת דערשרעק, ווי איבער דעם, וואָס ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, זאָגט ער, פאַר וואָס דער לאָקאָמאָ־טיוו וויל אים נישט פאָלגן. על־פּי שכל, זאָגט ער, האָט דער לאָקאָמאָטיוו באַם צווייטן דריי פונעם רעגוליאַטאָר באַלד באַדאַרפט בלײַבן שטיין. צום סוף האָט ער גאָר אָנגעהויבן גיין נאָך גיכער, ווי פריִער. עפּעס נאָר ווי צענטויזנט רוחות וואָלטן אים אונטערגעשטופּט פון הינטן. ער איז געלאָפן, זאָגט בערל, מיט אַזאַ גיכקייט, אַז די שטעקנס פונעם טעלעגראַף האָבן אים, ווי פליגן, געשעמערירט אין די אויגן, און עס האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ און די פּיס האָבן זיך אים ווי אונטערגעהאַקט... שפּעטער אַביסל, אַז ער איז, זאָגט ער, געקומען צוריק צו זײַן פאַר־שטאַנד, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אַ לאָקאָמאָטיוו האָט אַ טאָרמאָז, אַ פאַרהאַלטער, אָף צו פאַרהאַלטן אים ווען מע וויל. פאַראַן — גיט בערל עסיקמאַכער צו פאַרשטיין מיט די הענט — אַ האַנט־טאָרמאָז און פאַראַן אַ לופט־טאָרמאָז, אַזאַ מין רעדל, וואָס אַז מע טוט דאָס אַ רעכטן דריי, טוט דאָס אַ קוועטש דעם הייבל, דעם ריטשאַג הייסט דאָס, און די רעדער הערן־אויף צו דרייען זיך פון זיך אַליין. ער געדענקט גאָר נישט, זאָגט ער, ווי אַזוי אַזאַ זאַך האָט געקאָנט אַרויספליִען אים פון קאָפּ?

און ער טוט זיך א לאָז צום רעדל און וויל עס געבן, זאָגט ער, א דריי אין דער רעכטער זײַט, — אַז מע כאַפּט אים נישט אָן פאַר א האַנט: „סטאָפּ!" —וועד איז? לאָז זיך אײַך דאַכטן, דער גלח, טויט ווי די וואַנט, קוים וואָס ער רעדט. „וואָס ווילסטו טאָן?" — פרעגט אים דער גלח מיט ציטערניש. „גאָרנישט. איך וויל, זאָגט אים בערל, אָפּשטעלן די מאַשינע"... „זאָל דיך גאָט היטן, זאָגט צו אים דער גלח, זאָלסט זיך מיר מער נישט צורירן צו דער מאַשינע! וואָרעם פאָלגסטו מיך נישט, נעם איך דיך פאַרן קאָלנער און טו דיך א וואָרף־אַראָפּ פון לאָקאָמאָטיוו אַזוי, אַז דו וועסט בא מיר פאַרגעסן, אַז דו האָסט אַמאָל געהייסן מאַש־קאָ!"... „נישט מאַשקאָ, איך הייס בערקאָ" — זאָגט צו אים בערל און וויל אים געבן צו פאַרשטיין דעם שכל פונעם רעדל, וואָס מע רופט דאָס טאָרמאַז. לאָזט ער זיך נישט ריידן — א ביטערער גלח! „גענוג שוין צו דרייען, טענהט דער גלח, האָסט שוין אַזוי אויך גענוג געדרייט און אָנגעדרייט, פאַרדרייען זאָל עס דיך, דו פאַרשאָלטענער מענטש! בעסער וואָלסטו געבראָכן האַלדז־און־נאַקן, איידער דו האָסט זיך גענומען אָפּ מײַן לעבן!"... רופט זיך אָן צו אים בערל: „מיינסט אפשר, פאַטערל, אַז מײַן לעבן איז בא מיר נישט אַזוי טײַער, ווי בא דיר דײַן לעבן?" „דײַן לעבן? — מאַכט צו אים דער גלח מיט גאַל — וואָס פאַר א ווערט האָט א הינטיש לעבן?"... פאַרדריסט דאָס שוין בערלען נישט אָפּ קאַטאָוועס און ער גיט אַוועק, זאָגט ער, דעם גלח א פּאַרציע, אַז ער וועט דאָס האָבן צו געדענקען. „ערשטנס, זאָגט אים בערל, איז אָפּ א הונט אויך א רחמנות. נאָך אונדזער דין טאָר מען אפילו, זאָגט ער, א הונט אויך נישט אָנרירן: ס'איז א צער־בעלי־חיים. והשנית, פרעגט אים בערל א קשיא: מיט וואָס איז מײַן לעבן, למשל, ערגער באַם רבונו־של־עולם פון אַן אַנדערנס לעבן? קומען מיר דען נישט אַרויס, זאָגט ער, אַלע פון איין יחוס, פון אָדם־הראשונען? און גייען מיר דען נישט אַלע אין איין אָרט, אין דער ערד אַרײַן?... איז נומער צוויי. און נאָך א זאַך, זאָגט צו אים בערל: נאַ זע, פאַטערל, דעם חילוק, זאָגט ער, פון מיר ביז דיר. איך טו וואָס איך קאָן, דער לאָקאָמאָטיוו זאָל זיך אָפּשטעלן — הייסט דאָס, אַז איך זאָרג פאַר אונדז ביידן; און דו, זאָגט ער, ביסט אַזוי אויפגע־טראָגן, אַז דו ביסט קאַפּאַבל מיך נעמען און אַראָפּוואַרפן פונעם לאָקאָ־מאָטיוו, דאָס הייסט — הרגענען א מענטשן!"... און נאָך א סך אַזעלכע

שייגע ווערטער האָט ער אין אים אַרײַנגעזעצט, אינעם גלח הייסט עס, געזאָגט מוסר און דערציילט אַזעלכע משלים, זאָגט ער, אַז דער גלח האָט שיער דעם שלאַק באַקומען. און אָט אַזוי ריידנדיק, האָבן זיי דער־זען, זאָגט ער, פאַר זיך די סטאַנציע זאַטקעוויץ מיטן נאַטשאַלניק סטאַנ־ציע, מיטן זשאַנדאַרם. האָבן זיי ביידע געגומען, ער און דער גלח, להבדיל, מאַכן צו זיי מיט די הענט, נאָר קיינער האָט זיי, אַפּנים, נישט פאַרשטאַ־נען, וואָס זיי מיינען, און זיי האָבן נעבעך געמוזט, זאָגט ער, פאָרן ווײַטער, קיין הייסין הייסט עס. פאָרנדיק ווײַטער, איז שוין דער גלח, זאָגט ער, געוואָרן אַ סך ווייכער. נאָר צורירן זיך צו די מאַשינעס האָט ער אים נישט געלאָזט. ער האָט אים נאָר אַ זאָג געטאָן, דער גלח הייסט עס: „זאָג מיר, לייבקאָ, וואָס איך וועל דיך פרעגן?" זאָגט אים בערל: „איך הייס נישט לייבקאָ, איך הייס בערקאָ". זאָגט אים דער גלח: „לאָז זײַן בערקאָ. זאָג מיר נאָר, בערקאָ, וואָלסט, למשל, אַ בעלן געווען געבן אַ שפּרונג־אַראָפּ מיט מיר אינאיינעם פונעם לאָקאָמאָטיוו אַף דער ערד?"... פרעגט אים בערל: „בכדי וואָס? מיר זאָלן חלילה דערהרגעט ווערן אַף טויט?" מאַכט צו אים דער גלח: „סײַ־ווי־סײַ וועלן מיר געהרגעט ווערן אַף טויט". רופט זיך אָפּ צו אים בערל: „פון וואַנען איז געדרונגען? ס'איז גאָר קיין ראיה נישט, אַז גאָט וויל — אוי־אוי־אוי, וואָס ער קאָן טאָן!"... מאַכט צו אים דער גלח: „דהיינו?" רופט זיך אָן צו אים בערל: „איך וועל דיר זאָגן, זאָגט ער, פאָטערל! בײַ אונדז יידן איז הײַנט, זאָגט ער, אַ טאָג, וואָס ער הייסט הושענא־רבה. אין דעם דאָזיקן טאָג, זאָגט ער, ווערט אין הימל אָנגעחתמעט יעדן מענטשן און יעדן באַשעפעניש אַף דער וועלט, צי ער זאָל לעבן, צי ער זאָל שטאַרבן; און אויב שטאַרבן — איז מיט וואָס פאַר אַ טויט זאָל ער שטאַרבן. איז ממה־נפשך, זאָגט ער: האָט מיר גאָט אָנגעצייכנט, איך זאָל שטאַרבן, איז דאָך אַ פאַרפאַ־לענע זאַך; וואָס איז מיר די נפקא־מינה, צי איך וועל געהרגעט ווערן פון אַ שפּרונג, צי פון אַ לאָקאָמאָטיוו, צי פון אַ דונער? און גלאַט אַזוי, זאָגט אים ווײַטער בערל, גייענדיק אַפן גלײַכן וועג, קאָן איך מיך נישט אויסגליטשן און שטאַרבן, אַז דער אייבערשטער וויל נאָר? אלא וואָס דען? עס איז מיר הײַנט אָנגעחתמעט געוואָרן פון אויבן, אַז איך זאָל בלײַבן לעבן, הײַנט למאי זאָל איך שפּרינגען?"

„און וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? — אַזוי דערציילט ווײַטער בערל

עסיקמאַכער פון סאָבאָליווקע און שווערט מיט אַזעלכע שבועות, אַז מע מעג גלייבן, דאַכט, מיר אַ משומד — ער געדענקט נישט, ווי אַזוי דאָס האָט זיך געטראָפן, נאָר אַז זיי זײַנען געקומען, זאָגט ער, הינטער הייסין און אַרויסגעזען שוין פון דער ווײַטן דעם קוימען פונעם הייסינער זאַוואָד, האָט עפּעס מיטאַמאָל דער לאָקאָמאָטיוו, זאָגט ער, אָנגעהויבן גיין שטילער און שטילער, נאָכדעם — גאָר פּאַוואָלינקע, קוים־קוים, און נאָכדעם האָט ער זיך מיישב געווען, דער לאָקאָמאָטיוו הייסט עס, און האָט זיך גאָר אַנידערגעשטעלט. וואָס איז די מעשה? ס'איז אים, אַפּנים, אויסגעגאַנגען הייצונג, און אַ לאָקאָמאָטיוו, זאָגט בערל עסיקמאַכער, אַז עס גייט אים אויס הייצונג, הערט־אויף דאָס וואַסער צו קאָכן און די רעדער הערן־אויף צו דרייען זיך — און אַ סוף. פּונקט, זאָגט ער, ווי , להבדיל, אַ מענטש, אַז מע זאָל אים, למשל, נישט געבן קיין עסן... אַוודאי האָט ער דעם גלח געזאָגט טאַקע דאָרט אַפן אָרט: „נו, פּאָטערל? וואָס האָב איך דיר געזאָגט, זאָגט ער, ווען דער רבונו־של־עולם זאָל מיר נישט געווען אָנצייכענען הײַנט פון אויבן, אַז איך דאַרף נאָך לעבן אַף דער וועלט, ווער ווייס אַף וויפל צײַט עס וואָלט נאָך געווען הייצונג און ווו מיר וואָלטן שוין איצטער אָנגעשפּאַרט?" אַזוי מאַכט צו אים בערל, און דער, זאָגט ער, שטייט, די אויגן אַראָפּגעלאָזט אַראָפּ, און שווײַגט. וואָס האָט ער אים נעבעך געקאָנט ענטפערן?... ערשט שפּעטער, זאָגט ער, באַם געזעגענען זיך, גייט דער גלח, זאָגט ער, און ציט אים אויס אַ האַנט און מאַכט צו אים: „פּראָשטשאַי, איצקאָ". זאָגט אים בערל: „איך הייס נישט איצקאָ, איך הייס בערקאָ"... מאַכט צו אים דער גלח: „לאָז זײַן בערקאָ. הערסטו בערקאָ? איך האָב גאָר נישט געוווּסט, זאָגט ער, אַז דו ביסט אַזאַ..." און מער האָט ער נישט געהערט פון אים קיין וואָרט, וואָרעם דער גלח האָט פאַרקאַטשעט, זאָגט ער, די פּאָלעס פון דער ריאַסע און האָט גענומען שטעלן פיס צוריק, צו זיך אַהיים, אַפּנים, קיין גאָלאָוואַניעווסק. און ער, בערל הייסט עס, האָט זיך געלאָזט גלײַך אין שטאָט אַרײַן, צו אונדז קיין הייסין. און באַ אונדז האָט ער שוין, לאָז זיך אײַך דאַכטן, געהאַלטן יום־טוב, געבענטשט גומל, דערציילט אפשר טויזנט מאָל די מעשה פון אָנהייב ביזן סוף, אַלע מאָל מיט נײַע המצאות און מיט נײַע נסים... איטלעכער באַזונדער האָט געשלעפּט דעם סאָבאָליוווקער עסיקמאַכער צו זיך, געוואָלט אים האָבן פאַר אַן אורח אַף יום־טוב,

און אגב הערן פון אים אליין דעם נס פון הושענא־רבה — און מיר האָבן דאָס געהאַט, לאָז זיך אײַך דאַכטן, א שמחת־תורה! שוין געווען, ווי זאָגט איר, איין מאָל א שמחת־תורה!״...

ענדע געשיכטע נומער אכט.

געשריבן אין יאָר 1909

געשיכטע נומער נײַן

אַ חתונה אָן כּלי־זמר

„— איך האָב אײַך געהאַט צוגעזאָגט, דאַכט מיר, דערציילן נאָך אַ נס, וואָס האָט זיך געטראָפן, לאָז זיך אײַך דאַכטן, טאַקע ווידער אַ מאָל מיט אונדזער לײדיקגייער", ווי אַזוי, צו פאַרדאַנקען דעם דאָזיקן „לײדיקגייער", זײַנען מיר ניצול געוואָרן פון אַ גרויסן אומגליק. אויב איר ווילט האָרכן די דאָזיקע מעשה, לייגט איר זיך אַוועק, זײַט מוחל, אָט דאָ אַף דער באַנק, און איך וועל מיך לייגן, הייסט עס, אַף יענער באַנק. דאָ איז מיר נישט צו דער האַנט".

אָט אַזוי רופט זיך אָן צו מיר איינמאָל אַלץ דער אייגענער הייסינער סוחר, פאָרנדיק מיט מיר אין דער שמאָלער אײַזנבאַן, וואָס מע רופט זי דאָרטן „דער לײדיקגייער". און מחמת מיר זײַנען דאָס מאָל, ווי אַלע מאָל, געווען סך־הכל צוויי פּאַרשוין איבער אַ גאַנצן וואַגאָן, און וואַרעם איז געווען גענוג, האָבן מיר מחילה אויסגעטאָן די פּידזשאַקן, צעשפּיליעט די זשילעטן און צעלייגט זיך, ווי באַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן. ער אַף איין באַנק, איך אַף דער אַנדערער. ער פּאַוואָליע און ברייטלעך, ווי זײַן שטייגער איז, דערציילט, און איך הער מיך אײַן, פאַרשרײַבנדיק בײַ זיך אין מוח איטלעכס וואָרט, בכדי איך זאָל דאָס נאָכדעם קאָנען איבערגעבן מיט זײַן לשון.

„— ויהי בימי — דאָס איז געווען, נישט הײַנט געדאַכט, בעת קאָנסטיטוציע, אַז ס'האָבן זיך אָנגעהויבן, הייסט עס, די ישועות אַף ייִדן. כאָטש אַפילו אונדז האָבן מיר אין הייסין, דאַרפט איר וויסן, פאַר אַ פּאָגראָם קיינמאָל קיין מורא נישט געהאַט. איבער וואָס, מיינט איר,

האָבן מיר נישט מורא געהאַט? פּשוט, ווײַל ס'איז נישטאָ בײַ אונדז ווער סע זאָל שלאָגן. מאָלט אײַך, לאָז זיך אײַך דאַכטן, מע זאָל זוכן, וואָלט מען שוין אפשר געפונען בײַ אונדז אויך אַזעלכע, וואָס וואָלטן זיך נישט אָפּגעזאָגט אונדז אַביסל דורכלופּטערן, דאָס הייסט, איך מיין טאַקע — רעכט דורכברעכן די ביינער. אַ סימן האָט איר, אַז עס האָבן זיך אָנגע־הויבן לאָזן הערן די גוטע בשורות פון אַרום און אַרום, האָבן אונדזערע עטלעכע פּריצים־רשעים אוועקגעשריבן בסוד־סודות אַהין, וווּ מע דאַרף: היות ווי עס וואָלט געווען אַ יושר, מע זאָל, הייסט עס, אין הייסין אויך עפּעס טאָן, און ס'איז נישטאָ מיט וועמען, לכן בעטן זיי, מע זאָל זיי קומען צוהילף, דאָס הייסט, מע זאָל זיי, למען השם, וואָס גיכער אַרויס־שיקן „מענטשן"... און לאָז זיך אײַך דאַכטן, ס'איז נישט אוועקגעגאַנגען קיין פיר און צוואַנציק שעה, קומט־אָן אַ ידיעה, אויך בסוד־סודות, אַז עס גייען „מענטשן". פון וואַנען? פון זשמערינקע, פון קאַזאַטין, פון ראַז־דיעלנע, פּאָפּעלנע און פון נאָך אַזעלכע מקומות, וואָס האָבן זיך אויס־געצייכנט מיט זייערע קלאַפּערס. די קשיא: פון וואַנען איז מען דאָס בײַ אונדז געוואָרע געוואָרן פונעם דאָזיקן הייליקן סוד? דערויף האָבן מיר, לאָז זיך אײַך דאַכטן, אַ „איסטאַטשניק", נח טאַנקאָנאָג רופט מען אים. ווער איז אָט דער דאָזיקער נפש? איר פאַרט דאָך אין אונדזער ווינקל, דאַרף מען אײַך אים אָפּמאָלן, איר זאָלט זײַן מיט אים באַקענט.

„נח טאַנקאָנאָג איז אַ ייִד, וואָס איז געוואַקסן מער אין דער לענג ווי אין דער ברייט. גאָט האָט אים געגעבן אַ פּאָר פיס, באַנוצט ער זיך מיט זיי. קיינמאָל רוט ער נישט און זעלטן־ווען געפינט מען אים אין דער היים. ער איז פאַרנומען מיט טויזנטער געשעפטן, מער פרעמדע ווי איי־גענע. זײַן אייגן געשעפט איז — וואָס ער האַלט די דרוק. און מחמת ער האַלט די דרוק, די איינציקע דרוק אין הייסין, דעריבער קען ער זיך מיט נאַטשאַלסטווע, האָט צו טאָן מיט פּריצים, איז אויסגעבונדן מיט אַלע טשינאָווניקעס און ווייס פון אַלע סודות.

„אָט פון דעם דאָזיקן „איסטאַטשניק" איז מען דאָס געוואָרע גע־וואָרן פון דער גוטער בשורה. דאָס הייסט, ער אַליין טאַקע, דער „איס־טאַטשניק" הייסט עס, האָט דאָס אויסגעפּויקט איבער דער גאַנצער שטאָט. פאַרשטייט זיך, איטלעכן באַזונדער האָט ער אײַנגערוימט אַ סוד אין אויער: „דאָס דערצייל איך נאָר אײַך, קיין אַנדערן וואָלט איך עס נישט

געזאָגט״... און אַט אַזוי איז די גאַנצע שטאָט געוואָרע געוואָרן, פון איין עק ביזן אַנדערן עק, אַז עס גייען כוליגאַנעס און אַז ס׳איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן, מע זאָל שלאָגן ייִדן; מע ווייס אַפילו ווען, אין וואָסער אַ טאָג, אין וואָסער אַ שעה מע וועט שלאָגן. און פון וואַנען מע וועט אָנהייבן צו שלאָגן, און ווי אַזוי מע וועט גיין — אַלצדינג אויסגערעכנט, ווי אין לוח. און ס׳איז געוואָרן אין שטאָט, לאָז זיך איַיך דאַכטן, חושך ואפלה! און מיינט איר — ווו? צום מיינסטן, צווישן די נידעריקע קלאַסן. אַ מאָדנע זאַך, הערט איר, מיט די אָרעמעלײַט! מילא, אַ נגיד, אַז ער ציטערט פאַר אַזעלכע זאַכן, פאַרשטייט מען דאָך נאָך מיטן שכל. ער האָט נעבעך מורא, מע זאָל אים, חס ושלום, צווישן יאָ און ניין, נישט מאַכן פאַר אַ קבצן. אָבער איר, פּאַרטיקע קבצנים, וואָס ציטערט איר אַזוי? וואָס האָט איר איַינצושטעלן? ניין, זאָלט איר זען, ווי מע האָט געכאַפּט די קינדערלעך און מע האָט מפקיר געווען האַק־און־פּאַק און מע האָט אָנגעהויבן באַהאַלטן זיך! ווו באַהאַלטן זיך, אַשטייגער, ייִדן? ווער בא אַן ערלעכן גוי אין אַ קעלער, ווער באַם נאָטאַריוס אַפן בוידעם, ווער באַם דירעקטאָר אין זאַוואָד. איטלעכער געפינט זיך זײַנס. נאָר איך איינער, ווי איר קוקט מיך אָן, האָב מיך נישט געוואָלט באַהאַלטן. נישט מחמת איך וויל מיך פאַר איַיך באַרימען, נאָר איך וועל איַיך געבן צו פאַרשטיין מיט אַ גאַנג, וועט איר זען, אַז איך בין נישט אינגאַנצן אומגערעכט: ערשטנס, פרעג איך אַ קשיא: וואָס איז דער שכל, וואָס מע דאַרף מורא האָבן פאַר אַ פּאָגראָם? ממה־נפשך... און והשנית, וועל איך איַיך נישט זאָגן; עס קאָן זײַן, אַז איך וואָלט אפשר אויך נישט געווען בא זיך אַזאַ תקיף און וואָלט אפשר אויך וועלן באַהאַלטן זיך אַף דער הייסער שעה. פרעגט זיך אָבער: ווו באַהאַלט מען זיך? פון וואַנען בין איך באַוואָרנט, למשל, אַז טאַקע דער אייגענער גוי, אָדער דער נאָטאַריוס, אָדער דער דירעקטאָר פונעם זאַוואָד בשעת בהלה — איר פאַרשטייט?... און חוץ אַלעמען, ווי לאָזט מען דאָס איבער אַ שטאָט גלאַט אַזוי אַף הפקר? נעמען און אַנטלויפן איז קיין קונץ נישט. מע דאַרף זען עפּעס טאָן. נאָר, משטיינס געזאָגט — וואָס קאָנען ייִדן טאָן? נאַטשאַלסטווע!... מסתמא איז בא איַיך אויך דאָ אין שטאָט איינער אַ תקיף, וואָס איז אַ חשוב בא נאַטשאַלסטווע. בא אונדז אין הייסין האָבן מיר איינעם אַזעלכן. נחמן קאַסאָי הייסט ער. אַ ייִד אַ פּאָדראַטשיק מיט אַ

קײלעכיקער באָרד, מיט אַ סאַמעטענעם זשילעט, מיט אַ דירה אַן אײגע־נער. און מחמת ער איז אַ פּאַדראַטשיק און האָט אַ חלק אינעם שאָסײ, איז ער חשוב באַם איספּראַװניק. ער טרינקט מיט אים טײ בײַ אײן טיש. און אַז איספּראַװניק האָבן מיר דערמאָלט געהאַט, לאָז זיך אײַך דאַכטן, דװקא אַ גוטן גוי. אַ דימענט פון אַ גוי. דהײנו? ער פּלעגט נעמען אַ קערבל, און נאָר דורך נחמן קאַסאַי. דאָס הײסט, נעמען האָט ער גענומען בײַ יעדן, פאַר װאָס נישט? נאָר בײַ נחמנען פּלעגט ער נעמען מיט מער חשק. מעשה פּאַדראַטשיק, איר פאַרשטײט?...

„הקיצור, מע האָט זיך געזען מיט נחמנען און מע האָט אױסגע־שטעלט אַ צעטל און ס'איז געװאָרן געלט, און לאָז זיך אײַך דאַכטן, אַ היפּשע מטבע, װאָרעם אין אַזאַ צײַט, װי קאָן מען קומען צו אַ פּריץ און נישט אָנשפּײַען אים אין דער האַנט, ס'זאָל אים, װי זאָגט איר, געבן אַ ברי אין די פינגער אַרײַן?... פאַרשטײט זיך, אַז דער פּריץ האָט אונדז באַלד באַרויִקט, ער האָט אונדז בפירוש געזאָגט, אַז מיר מעגן גײן שלאָפן: ס'װעט גאָרנישט זײַן... דאַכט זיך, גוט? איז דאָך אָבער פאַראַן בײַ אונדז אין הײסין אַן „איסטאַטשניק”, װאָס װײס פון אַלע שװערע הערצער; איז ער זיך מײשב, נח טאַנקאָנאָג, הײסט עס, און לאָזט אַרױס אַ קלאַנג איבער דער גאַנצער שטאָט, בסוד געװײנטלעך, אַז ס'איז שױן דאָ פון דער גוטער חברה אַ דעפּעש, ער האָט זי אַלײן געזען, שװערט ער, ער זאָל אַזױ זען אַלדאָס גוטס! װאָס־זשע שטײט אין דעפּעש? אין דעפּעש שטײט מער נישט װי אײן װאָרט: „יעדיעם” — אַ מיאוס װאָרט! לױפט מען דאָך מסתמא צום איספּראַװניק: „פּריץ, ס'איז שלעכט!” זאָגט ער: „װאָס איז די שלעכטיקײט?” זאָגט מען אים: „ס'איז דאָ אַ דעפּעש”. פרעגט ער: „פון װאַנען?” זאָגט מען אים: „פון יענע מקומות”... פרעגט ער: „װאָס שטײט אין דעפּעש?” זאָגט מען אים: „יעדיעם”. צעלאַכט ער זיך און זאָגט: „איר זײַט גרױסע נאַראָנים, זאָגט ער, איך האָב נעכטן, זאָגט ער, אױסגעשריבן פון טאָלטשין אַ סאָטני קאָזאַקן”... דערהערט „קאָזאַקן” — איז אַף אונדז געװאָרן װי אַ נײַע הױט. אַ ייִד, אַז ער דער־זעט אַ קאָזאַק, װערט ער בײַ זיך תקיף און שטעלט־אַרױס דער גאַנצער װעלט אַ פײַג. אַ קלײניקײט — אַזאַ שומר!... די גאַנצע זאַך איז נאָר געװען: װער פון די צװײ װעלן קומען פריִער — צי די קאָזאַקן פון טאָל־טשין, צי די חברה קלאַפּערס פון זשמערינקע? דער שכל הישר האָט

אפילו באַדאַרפט זאָגן, אַז די קלאַפּערס װעלן קומען פריִער, װײַל זײ פאָרן מיט דער באַן, און די קאָזאַקן — רײַטנדיק. איז אָבער געװען די גאַנצע האָפענונג אַף אונדזער „לײדיקגײער". ייִדן האָבן אַ גרױסן גאָט, טאָמער װעט ער טאָן אַ נס, דער „לײדיקגײער" װעט פאַרשפּעטיקן כאָטש אַף עטלעכע שעה, און דאָס איז באַ אים אַ געװײנלעכע זאַך, װאָס סע טרעפט זיך באַ אים אָפט, כמעט אַלע טאָג... און לאָז זיך אײַך דאַכטן, אַז איצטיקס מאָל האָט זיך מיט אים אָט דער נס נישט געטראָפן. עפּעס, װי אַף צו להכעיס, איז ער געגאַנגען פון סטאַנציע צו סטאַנציע, טאַקע נאָר װי אַ זײגער. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, װיפל געזונט דאָס האָט באַ אונדז צוגענומען און װאָס פאַר אַ פּחד ס'איז געװאָרן אין שטאָט, אַז מע האָט זיך דערװוּסט, פונעם „איסטאָטשניק" געװײנטלעך, אַז ס'איז שױן דאָ אַ דעפּעש פון דער לעצטער סטאַנציע, פון קרישטאָפּאָװקע: „יעדיעם"! און נישט נאָר „יעדיעם" אַלײן — „יעדיעם" מיט אַ „הוררא"... געװײנטלעך, האָט מען די דאָזיקע ידיעה אָפּגעטראָגן גלײַך צום איספּראַװניק, געפאַלן אים צו די פיס, געבעטן, ער זאָל זיך נישט פאַרלאָזן אַף די קאָזאַקן, װאָס װעלן אַמאָל קומען פון טאָלטשין, און זאָל אַרױסשיקן אָפּן װאָקזאַל פּאָליציע כאָטש פון יוצא װעגן, לאָזן זײ נישט מײנען, אַז ס'איז לית דין ולית דיין, הפקר ציבעלעס. און דער אָדון דער איספּראַװניק האָט זיך דאָס מאָל דװקא נישט געלאָזט לאַנג בעטן. ער האָט צוליב געטאָן דער שטאָט און נאָך מיט אַ יתר־שאת. דהײנו? ער האָט זיך אָנגעטאָן אין דער גאַנצער פאָרמע און מיט אַלע אָרדענס און איז בכבודו ובעצמו אַרױס מיט דער גאַנצער פּאָליציע אָפּן װאָקזאַל „װסטרעטשאַיען דעם פּאָיעזד".

„די עטלעכע פּריצים די רשעים, פון זײער זײַט, האָבן, לאָז זיך אײַך דאַכטן, אױך נישט געדרעמלט. זײ האָבן זיך אױך אָנגעטאָן יום־טובדיק און אױך מיט די אָרדענס, מיטגענומען מיט זיך אַ פּאָר גלחים, און זײַנען אױך אַרױס„װסטרעטשאַיען דעם פּאָיעזד"... האָט זײ דער איספּראַװניק אפילו אַ פרעג געטאָן: „װאָס טוט איר דאָ?" האָבן זײ אים געפרעגט די אײגענע קשיא: „װאָס טוסטו דאָ?" — אַ װאָרט פאַר אַ װאָרט, דער איספּראַװניק האָט זײ געגעבן צו װיסן, אַז זײער מי איז אומזיסט. כל זמן, זאָגט ער, ער איז דאָ איספּראַװניק, װעט אין הײסין, זאָגט ער, קײן פּאָגראָם נישט זײַן. אַזױ טאַקע האָט ער זײ געזאָגט מיטן

הארבן וואָרט. האָבן זיי אים אויסגעהערט מיט אַ שמייכל און אָפּגעענט־פערט מיט עזות: „אַט וועלן מיר באַלד זען"... און ווי זיי האָבן דאָס אויסגערעדט, האָט זיך געלאָזט הערן פון דער ווייטן אַ פּײַף. פונעם דאָזיקן פּײַף האָט זיך אונדז אַלעמען, לאָז זיך אײַך דאַכטן, אָפּגעריסן אין האַרצן. נאָך דעם דאָזיקן פּײַף האָבן מיר זיך געריכט דערהערן נאָך אַ פּײַף, שוין מיט אַ הורראַ, און וואָס נאָך דעם דאָזיקן הורראַ גייט ווײַטער — דאָס האָבן מיר שוין געהאָרכט פון אַנדערע שטעט... צום סוף, וואָס לאָזט זיך אויס? געפּײַפט האָט מען טאַקע נאָר דאָס פּײַפן איז געווען אומזיסט. וואָס איז די מעשה? די מעשה איז אַ שיינע מעשה, וואָס נאָר מיט אונדזער „לײדיקגייער" קאָן זיך אַזעלכעס טרעפן. איר מעגט דאָס הערן.

„צוגעפאָרן צו דער סטאַנציע קיין הייסין, האָט דער מאַשיניסט אָפּגעשטעלט דעם לאָקאָמאָטיוו און איז גאַנץ ברייטלעך אַראָפּ אַפּן וואָקזאַל און געלאָזט זיך גלײַך אין בופעט אַרײַן, ווי געוויינטלעך. שטעלט מען אים אָפּ: „בחור, ווו זײַנען די וואַגאָנעס?" — „וואָסערע וואַגאָנעס?" — „זעסט דען נישט, אַז דו ביסט איינער אַליין מיטן לאָקאָמאָטיוו אָן איין וואַגאָן?" — קוקט זיי אָן דער מאַשיניסט מיט אויגן און מאַכט צו זיי: „וואָס איז מײַן עסק? וואַגאָנעס — דאָס געהער זיך אָן מיט דער בריגאַדע". „ווו־זשע איז די בריגאַדע?" ענטפערט זיי ווידער דער מאַשיניסט: „וואָס גייטס מיך אָן? דער קאָנדוקטאָר גיט מיר, זאָגט ער, צו וויסן מיט אַ פּײַף, אַז ער איז פאַרטיק, ענטפער איך אים אָפּ, זאָגט ער, צוריק מיט אַ פּײַף, אַז איך בין אויך פאַרטיק און לאָז די מאַשין. קיין צוויי פּאָר אויגן, זאָגט ער, האָב איך נישט, איך זאָל זען, וואָס הינטן טוט זיך"... אַזוי ענטפערט זיי אָפּ דער מאַשיניסט. און וועדליק ער טענהט, איז ער גערעכט. הקיצור, טענות אַהער, טענות אַהין — ס'איז דאָ אַ „לײדיקגייער" און נישטאָ קיין פּאַסאַזשירן. אַ חתונה, הייסט עס, אָן כּלי־זמר!...

„ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָכדעם, איז געווען געפאָרן צו אונדז, לאָז זיך אײַך דאַכטן, דווקא אַ גאַנץ פּײַנע קאָמפּאַניע, געקליבענע יונגען, איינס אין איינס, מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצײַג, מיט דובינקעס און מיט רעזינקעס און מיט אַלע איבעריקע שאַלעמויזן. פרייליך איז מען

געווען, און בראַנפֿן האָט מען געטרונקען, און מחמת גרויס שמחה האָט מען אַף דער לעצטער סטאַנציע, אין קרישטאָפּאָווקע, אַרײַנגעוואָרפֿן גאָר אַ היפּשע גאַלקע, און אָנגעשיכורט די „בריגאַדע״, דעם קאָנדוקטאָר מיטן קאָטשעגאַר מיטן זשאַנדאַרם, און מע האָט פֿאַרגעסן אַ קלייניקייט: צו־טשעפּען די וואַגאָנעס צום לאָקאָמאָטיוו. איז זיך דער לאָקאָמאָטיוו מס־תמא אַוועק אין דער געוויינטלעכער צײַט קיין הייסין, און דער גאַנצער „לײדיקגײער״ איז, לאָז זיך אײַך דאַכטן, געבליבן שטיין מיט אַלע וואַ־גאָנעס אין קרישטאָפּאָווקע. און נאָך מער קונץ! קיינער, נישט די שײנע קאָמפּאַניע, נישט די איבעריקע פּאַסאַזשירן, נישט די „בריגאַדע״, האָבן גאָר נישט באַמערקט, אַז מע שטייט, און לאָז זיך אײַך דאַכטן, מע האָט נישט אויפֿגעהערט צו וואַרפֿן גאַלקעס און אויסלײדיקן פֿלעשלעך, ביז דער נאַטשאַלניק סטאַנציע האָט זיך געכאַפּט, אַז דער לאָקאָמאָטיוו איז אַוועק און די וואַגאָנעס שטייען נאָך. האָט ער אויפֿגעהויבן אַ גוואַלד! ערשט דאָ האָט זיך אַרויסבאַוויזן דער גאַנצער טעות, און ס׳איז געוואָרן אַ געפּילדער, הימל עפֿן זיך! די חברה — אַף דער „בריגאַדע״, די „ברי־גאַדע״ — אַף דער חברה, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז ס׳איז געבליבן, אַז מע דאַרף נעמען די פֿיס אַף די פּלייצעס און די אויגן אין די הענט און זיך לאָזן קיין הייסין, מחילה, צו־פֿוס. אַ ברירה האָט מען? און וכן היה. מע האָט זיך אָנגענומען מיט הארץ און מע האָט עולה־רגל געווען קיין הייסין, און, לאָז זיך אײַך דאַכטן, מען איז בשלום געקומען קיין הייסין, און דווקא מיט אַ געזאַנג און מיט אַ הורראַ, ווי גאָט האָט גע־באָטן. נאָר וואָס־זשע דען? עס איז שוין אָבער געווען אַ ביסעלע צו־שפּעט. אַף די גאַסן האָבן שוין אַרומגעשפּאַצירט די קאָזאַקעלעך פֿון מאַלטשין, רײַטנדיק אַף די פֿערדלעך, און, ווי זאָגט איר, וקססים בידם — מיט די קאַנטשיקעס אין די הענט, און פֿון דער גאַנצער חברה כולי־גאָנעס איז אין איין האַלבע שעה נישט געבליבן, לאָז זיך אײַך דאַכטן, קיין זכר אפֿילו. מען איז זיך צעלאָפֿן, ווי די מײַז אין אַ הונגער, צעגאַנ־גען געוואָרן, ווי שניי אין אַ זומער־טאָג...

„נו, פֿרעג איך אײַך, איז ער נישט ווערט, אונדזער „לײדיקגײער״ מיין איך, מע זאָל אים אָפּשיטן מיט גאָלד פֿון אויבן ביז אַראָפּ, אָדער, לכל הפּחות, כאָטש מאַכן פֿון אים אַ באַשרײַבונג?״

ענדע געשיכטע נומער נײַן. געשריבן אין יאָר 1909

געשיכטע נומער צען

דער טלית־קטן

„— איר רעדט פון די אומגליקן, פון די היינטיקע שרפות רעדט איר. איר ווילט הערן א שיינס, ווי אזוי מע נעמט א הונדערטער אף די נשרפים בא א נגיד א קמצן, א חזיר, א נהרג על פחות משוה פרוטה, וואס האט אף זיין לעבן קיין נדבה נישט געגעבן?״

אזוי האט זיך אנגערופן צו מיר מיין וויז־א־ווי אין וואגאן איינמאל אין דער פרי, נאכן איבערבייסן, און האט פארדרייכערט א פאפיראס און מיר אויך געגעבן פארדרייכערן.

עס האט אויסגעוויזן, אז די מעשה, וואס מיין וויז־א־ווי האט זיך געקליבן מיר צו דערציילן, האט אים אליין הנאה געהטאן, שטארק הנאה געטאן. ווארעם איידער ער האט נאך אנגעהויבן צו דערציילן, האט ער זיך שוין צעלאכט, ווי א מענטש, וואס האט זיך דערמאנט אן זייער א לאכדיקע זאך. ער האט אזוי געשמאק געלאכט, אז ער איז זיך אזש פארגאנגען. אזא מענטשן איז גלייכער, אז מע לאזט אים פריער זיך אויסלאכן, ווי עס געהער צו זיין, אנישט וועט די מעשה האבן א פנים פון חוזק. דערנאך האט זיך מיין וויז־א־ווי אויסגעהוסט און אנגעהויבן בזה הלשון:

„— איך האב אייך שוין איבערגעגעבן פון אונדזער שטאט א שיין ביסל טיפן. איצט האב איך פאר אייך נאך א טיפ. יואל טאשקער רופט מען אים. איר זאלט אנקוקן א יידל. קיין דריי צעבראכענע פירער וועט איר פאר אים נישט געבן. א קליינס, א דארס, א טרוקנס, א בערדל א שיטערס, און אז סע גייט, לויפט עס, און א הילוך — ווו איר האט ערגעץ א שונא! כאטש אפילו א נגיד. וואס זאג איך — א נגיד? א גביר, אן

אדיר, אַ מיליאָנטשיק. דאָס הייסט, איך האָב זײַנע מיליאָנען, לאָז זיך אײַך דאכטן, נישט געציילט. מעגלעך, אַז ער פאַרמאָגט טאקע אַ מיליאָן, און מעגלעך, אַז עס פעלט אים אַ סך צו אַ האַלבן מיליאָן. נאָר וויפל ער האָט, איז ער דאָס, גלייבט מיר, נישט ווערט. וואָרעם דער מענטש איז אַ חזיר. באַ אים אַרויסרײַסן אַ נדבה — איז כּקריעת יום־סוף. ס׳איז גאָר נישטאָ דער בעטלער, וואָס זאָל געדענקען, אַז יואל טאַשקער זאָל האָבן ווען געגעבן אַן אָרעמאַן אַ שטיקל ברויט אפילו. אין שטאָט קען מען אים שוין, דעם פאַרשוין, אַזוי, אַז עס מאַכט זיך, מע גיט אַן אָרע־מאַן אַ נדבה און ער קריוודעט זיך, זאָגט מען אים: „גייט, זײַט מוחל, צו יואל טאַשקער, וועט מען אײַך געבן מער". אָט אַזאַ מין נגיד איז דאָס. אפשר מיינט איר, חלילה, אַ גזלן, אָדער אַ גראָבער יונג, אָדער אַ נחות־דרגא? — ניין. דווקא אַ טאַטנס אַ קינד, און דווקא אַ ייִד, וואָס קאָן לערנען, און דווקא אַזוי זיך אַ גאַנץ ערלעכער. יענעמס נישט זאַ־טשעפּען. אבי מע זאָל זײַנס נישט אָנרירן. שלי שלי, שלך שלך — איר פאַרשטייט, צי ניין? זײַן געשעפט — ער איז אַ בעל־הלוואה, און האָט הײַזער, און האַנדלט מיט פּריצים. טאָג־ווי־נאַכט פאַרטאַראַמט. פאַרט־אָרום, לויפט־אַרום, עסט נישט, שלאָפט נישט, פאַרגינט זיך נישט האַלטן אַ מענטשן, אומעטום אַליין, נישט קיין קינד, נישט קיין רינד. דאָס הייסט, ער האָט געהאַט קינדער אויך, נאָר דער רוח ווייס וואָס. האָט ער זיי צעטריבן. זיי זײַנען אין אַמעריקע, זאָגט מען. דאָס ווײַב איז אים גע־שטאָרבן, האָט ער גענומען און צעטריבן די קינדער. און געשטאָרבן איז זי, זאָגט מען, באַ אים פון הונגער. נאָר מסתמא איז דאָס אַ ליגן. און אפשר איז דאָס אַן אמת. אַ סימן — ער האָט זיך מיטן אַנדערן ווײַב אויף דער צווייטער וואָך געגט. טרעפט איבער וואָס? איבער אַ גלאָז מילך. כּאַ־כּאַ, ווי איר זעט מיך אַ ייִדן! ער האָט זי געכאַפּט איינמאָל מיט אַ קריגל מילך, מאַכט ער צו איר: „ממה־נפשך — טרינקסטו מילך, ווײַל דו האָסט די טשאַכאָטקע, וואָס־זשע דאַרף איך דיך? אלא דו טרינקסט גלאַט אַזוי מילך, הפקר־ציבעלעס — ביסטו דאָך אַן אויסברענגערן!"...

„דערפאַר האָט ער איין מעלה (אַ מענטש מיט סאַמע חסרונות איז נישטאָ): ער איז פרום. פרום מיט סכנת־נפשות! מילא, ווילסט דיר זײַן פרום, זײַ דיר פרום, וועמען אַרט עס? ניין. ווילט זיך אים, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זײַן פרום. גאָטס סטראַפּטשע. ער קאָן נישט לײַדן, אַז אַ ייִד

גייט אַן אַ היטל, איז אין כּעס, לּמאי יונגע ווײַבלעך טראָגן אייגענע האָר, און קוילעט זיך מיט די עלטערן, וואָס גיבן זייערע קינדער אין די גימ־נאַזיעס, און נאָך אַזעלכע זאַכן.

„באַדאַרף גאָט פּירן מסתמא אַזוי, אַז בײַ אים אין הויף וווינט אַ שכן, אַן אַדוואָקאַט פון די אַמאָליקע אַדוואָקאַטן. אַ טשאַסטנע פּאָווע־רענע, הייסט עס. און גראָד נישט אַזאַ גרויסער ירא־שמים. גייט אַן אַ היטל, גאָלט זיך דאָס בערדל, פּאַררייכערט שבת אַ פּאַפּיראָס. אַלצדינג ווי עס געהער צו זײַן. לאָז זיך אײַך דאַכטן, טאַקע וואָס אין דער קאָרט. קאָמפּאַניעוויטש רופט מען אים. אַ נפש אַ הויכער, אַ ברייטער, אַביסל אַן אײַנגעבויגענער, מיט אײַנגעפאַלענע באַקן, מיט ממזרשע אויגן, נאָר אַ שטילער, אַ שווײַגנדיקער, אַ פאַרבאָרגענער הולטאַי. לעבן לעבט ער מער פון קאָרטן, ווי פון אַדוואָקאַטור, און צו אים קומען זיך צונויף אַלע ווילע יונגעלײַט, וואָס האָבן ליב אַ קערטל, אַ קאָלבאַס און נאָך אַזעלכע זאַכן... מילא, איז אויך די אייגענע מעשה; עס זיצט בײַ דיר אַ שכן נישט אַזאַ צדיק — וואָס גייט עס דיך אָן? איך מיין דעם יואל טאַשקער מיין איך. ווען/עסטו מיט אים קיין שידוך נישט טאָן. וואָס קאָן דאָ זײַן? ניין. קאָן ער נישט איבערטראָגן, טאַשקער הייסט עס, לּמאי מע שטעלט בײַ קאָמפּאַניעוויטשן דעם סאַמאָוואַר אום שבת? לּמאי מע קאָכט בײַ קאָמ־פּאַניעוויטשן אַ פלייִשיקן וואַרעמעס אום תשעה־באָב? לּמאי מע טובלט נישט בײַ קאָמפּאַניעוויטשן דאָס נײַע געפעס אַף פּסח? און נאָך אַזעלכע זאַכן. פײַערט ער אַפּן שכן, רעדט אַף אים המנס מסירות, דערציילט פאַר איטלעכן הויך, בקול רם: „האָט איר געהערט אַן עזות פון אַ משומד? זיצט בײַ מיר אין שכנות און שטעלט אַ סאַמאָוואַר אום שבת!" — דערהערט דאָס קאָמפּאַניעוויטש, הייסט ער שטעלן איבעראַכטאָג שבת צוויי סאַמאָווארן. ווערט אונדזער יואל שיער נישט צעפּוקעט, באַקומט, לאָז זיך אײַך דאַכטן, כמעט די אַפּאָפּלעקציע. מענטש אייגער! נעם און זאָג אים אָפּעט פון דער דירה, וועסטו פּטור ווערן פון אַ צרה — טוט אים באַנג דער שכן. ער צאָלט, זאָגט ער דירה־געלט בעסער פון אַלע שכנים, כאַ־כאַ.

„האָב איך אײַך שוין באַקאַנט געמאַכט מיט צוויי טיפּן. איצט באַדאַרף איך אײַך פאָרשטעלן אַ דריטן פּאַרשוין, פּרויקע־שייגעץ הייסט ער. אויך אַ טיפּ און שפּילט אויך אַ ראָל אין דער געשיכטע, וואָס איך

דערצייל אײַך. דאָס הייסט, פון אים טאַקע נעמט זיך די גאַנצע מעשה.
„דער דאָזיקער פאַרשין איז, לאָז זיך אײַך דאַכטן, אַזאַ מין טיפּ, אַליין איז ער אַ יונגערמאַן, וואָס ווערט אָנגערופן אַ „מעורב עם הבריות". לאָז זיך אײַך דאַכטן, האַלב חסיד, האַלב פראַנצויז. אַ קאַפּאָטע אַ לאַנגע, נאָר אַ קאַפּעלושל אַפן קאָפּ. אַ העמד אַ ווײַס, אַ שניפּסל אַ רויטס, נאָר אַ ציצה פונעם טלית־קטן דאַרף מען אַרויסזען. אין שטאָט רעדט מען אונטער אויף אים: עפּעס אַ ווײַבל, אַן אשת־איש, זאָגט מען... נאָר אין שול אַרײַן לויפט ער פֿײַל אויסן בויגן. מיט איינעם וואָרט, ער איז אַט דאָס, וואָס מע רופט בײַ אונדז „אַ גאָטס גנב". מיט וואָס באַשעפטיקט ער זיך — ער איז אַ פּראָמילניק. אַ מעקלער פון געלט, פון הלוואות, פון וועקסלען. דורך זײַנע הענט גייט דורך געלט — טויזנטער און טויזנטער. קיינעם האָט טאַשקער נישט געגלויבט אַזוי ווי פּרויקען. קומט צו אַ הלוואה, האָט ער מורא אַרויסצולאָזן אַ הונדערטער פון די הענט. נאָר קוים האָט פּרויקע געזאָגט, אַז מע מעג לײַען, איז נישטאָ וואָס צו ריידן. אפשר מיינט איר, אַז דער פּרויקע איז אין געלט־זאַכן טאַקע אַזאַ צדיק? בין איך אײַך נישט ערב. ער איז נאָר אַ קלוגער, אַ דורכגעטריבענער, אַ ממזר בן הנדה, און, לאָז זיך אײַך דאַכטן, אַ גרויסער עזות־פּנים. צו אים אין מויל אַרײַנפאַלן — איז ווי אין גיהנם. איר קאָנט פאַרשטיין, אַז הייסן הייסט ער אפרים קאַץ און רופן רופט מען אים, כאַ־כאַ, פּרויקע־שייגעץ.

„האָט איר אײַך שוין אַלע דרײַ טיפּן. דאַרף זיך טרעפן אַ מעשה, עס הייבט זיך אָן דער זומער מיט די שרפות און עס ברענט־אָפּ דראַזשנע — אַ גאַנצע שטאָט, נישט דאָ געדאַכט, און עס הייבן־אָן צו גיין פון דאָרטן בריוו, יללות, דעפּעשן — מע זאָל אַרויסשיקן וויפל מע קאָן און וואָס גיכער, וואָרעם אַ גאַנצע שטאָט מיט יידן, נישט פאַר אײַך געדאַכט, ליגן אין דרויסן און גייען־אויס פון הונגער. מילא, ווערט דאָך בײַ אונדז אַ ויצעקו אין שטעטל: יידן, רחמנים בני רחמנים! וואָס שווײַגט מען? פאַר וואָס טוט מען עפּעס נישט?" — אהין־אהער, עס בלײַבט, אַז מע שיקט אַרויס אַ דעפּוטאַציע איבער דער שטאָט קלײַבן נדבות. מי ומי — ווער איז די דעפּוטאַציע? מסתמא איך, און נאָך צוויי־דרײַ אָרנטלעכע בעלי־בתים פון די פײַנסטע, און, לאָז זיך אײַך דאַכטן, פּרויקע־שייגעץ בתוכם, וואָרעם צו די זאַכן דאַרף מען האָבן אַן עזות־פּנים. און מע

נעמט א פּעטשיילע און מע גייט קלײַבן געלט. ווּהין גייט מען פריִער? געוויינטלעך, צו די נגידים. געקומען צום נגיד, צו יואל טאַשקער. „גוט מאָרגן, רב יואל!" „גוט מאָרגן, גוט יאָר. וואָס וועט איר זאָגן? זיצט". גאָר פֿײַן, וואָס פֿײַנער קאָן שוין גאָר נישט זײַן. וואָרעם אַזוי איז דער טאַשקער, דאַרפֿט איר וויסן, דווקא אַ גאַסטפֿרײַנטלעכער פֿאַרשוין. איר וועט אַרײַנקומען, וועט ער אײַך אויפֿנעמען פֿאַר אַ גאַסט, הייסן דער־לאַנגען אַ בענקל, בעטן זיצן, מיט אײַך ריידן, פֿײַן, שיין, ביז איר רעדט נישט מיט אים פֿון קיין געלט. און הייבט איר אָן ריידן פֿון געלט, אַזוי בײַט זיך אים איבער דאָס פּנים, איין אויגל מאַכט זיך בײַ אים צו פֿון זיך אַליין, און די לינקע באַק, נישט אין מײַן מאָס, ווערט בײַ אים אײַנגעצויגן, ווי בײַ אַ מענטש, וואָס האָט געכאַפּט דעם פּאַראַליטש. ס'איז אַ רחמנות, זאָג איך אײַך, דעמאָלט אָף אים צו קוקן. אָט אַזאַ טיפּ איז דאָס.

„אַלזאָ, ווּ האַלטן מיר אין די יוצרות? יאָ, זײַנען מיר געקומען צו טאַשקערן, די דעפּוטאַציע הייסט עס. „גוט מאָרגן, רב יואל". „גוט מאָרגן, גוט יאָר. זיצט. וואָס וועט איר זאָגן?" „מיר זײַנען געקומען צו אײַך נאָך אַ נדבה". האָט זיך בײַ אים צוגעמאַכט איין אויגל און אַ צי געטאָן, נישט אין מײַן מאָס, די באַק: „אַ נדבה? פּלוצעם, אין מיטן דערינען, אַ נדבה?"... רופֿט זיך אָן צו אים פּרויקע, ער איז דאָך דער עזות־פּנים: „אַ נייטיקע נדבה, רב יואל, זייער אַ נייטיקע. איר האָט שוין געהערט מן הסתם. אַ גאַנצע שטאָט, נישט דאָ געדאַכט, אָפּגעברענט געוואָרן. דראַזשנע"... וואָס רעדט איר? דראַזשנע אָפּגעברענט געוואָרן? פֿאַרפֿינצ־טערט בין איך געוואָרן! סטײַטש, איך האָב דאָך צו שטעקן אין דראַזש־נע מיט אַזוי פֿיל געלט! בדיל־הדל!"... הייבט אים אָן פּרויקע אויסריידן דאָס האַרץ, אַז זײַנע קאָמיטענטן האָט דאָס נישט געשאַדט, אַז אָנגעריירט האָט דאָס נאָר די אָרעמעלײַט. נאָר גיי רייד, אַז יענער וויל נישט הערן. ברעכט די הענט, לויפֿט־אַרום איבערן שטוב, ווי אַ משוגענער, און שרײַט אין איין קול: „אומגליקלעך! בדיל־הדל! איר זאָלט מיט מיר גאָר נישט ריידן אַצינד! איר האָט מיר דערהרגעט מײַן קאָפּ! איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן!"...

„געזעסן, געזעסן, האָבן מיר זיך אויפֿגעהויבן: „אַ גוטן טאָג, רב יואל". אַ קוש די מזוזה — און מיר גייען ווײַטער. אַרויסגעגאַנגען פֿון

דאָרטן, רופט זיך אָן צו אונדז פּרויקע־שײגעץ: „הערט איר, ייִדן? זאָל מײַן נאָמען נישט הײסן אפרים קאַץ, אויב איך שלעפּ נישט אַרויס באַ אַט דעם כּלב קײן הונדערטער אויף די דראַזשנער נשׂרפֿים!״ „וואָס רעדסטו, פּרויקע, ביסט משוגע?״ „וואָס אַרט אײַך? אַז איך זאָג אײַך, איך נעם געלט, מעגט איר זיך שוין פֿאַרלאָזן — איך הײס אפרים קאַץ״.

„כּך הווה. וועט איר הערן ווײַטער. אין אַ פּאָר טעג אַרום פֿאָרט מיט דער באַן אונדזער נגיד רב יואל טאַשקער קײן טאָלטשין אויפֿן יאַריד, און דער שכן זײַנער, קאָמפּאַניעוויטש, פֿאָרט אויך, און נאָך ייִדן, טאָל־טשינער און אומאַניער — אַ פֿולער וואַגאָן, און מע רעדט, מע שמועסט, אַלע אײנאײנעם, ווי געוויינטלעך. גאַנץ באַזונדער, אין אַ ווינקעלע, זיצט זיך יואל טאַשקער פֿאַרשטעקט, קוקט אַרײַן מיט אײן אויג אין אַ „חק־לישׂראל״, ווי געוויינטלעך. וואָס געהער ער זיך אָן מיט די אַלע ייִדן? ובפֿרט מיט אַט דעם הולטײַ קאָמפּאַניעוויטש, וואָס ער קאָן זײַן געגאָלט פּנים נישט אָנקוקן? נאָר, ווי אויף צו־להכעיס, האָט זיך אַט דער קאָמפּאַ־ניעוויטש אוועקגעזעצט אַקוראַט אַקעגן אים און שווײַגט. רבונו של עולם, טראַכט זיך יואל, ווי אַזוי ווערט מען פּטור פֿון אַט דעם טריפֿניאַק? אַרי־בערגײן אין צווײטע קלאַס — איז אָן עבֿירה געלט. בלײַבן דאָ — קאָן ער נישט צוזען אַט די געגאָלטע מאָרדע מיט די ממזרישע אויגן. בקיצור, גאָט האָט געטאָן אַ נס, אויף דער ערשטער סטאַנציע טראָגט־אָן גאָט אַ באַקאַנטן, לאָז זיך אײַך דאַכטן, טאַקע פּרויקע־שײגעץ. אונדזער טאַש־קער האָט דערזען פּרויקען, האָט ער זיך ממש מחיה געווען. אַ נײַע הויט אויף אים געקומען. עס וועט זײַן מיט וועמען צו רײדן אַ וואָרט. „וווּהין פֿאָרט דאָס אַ ייִד?״ „וווּהין פֿאָרט איר?״ — מע האָט זיך צערעדט. פֿון וואָס? נעכטיקע טעג, לאָקש־בוידעם־ציבעלע, אויפֿן הימל אַ יאַריד. אַהין־אַהער, מען איז אַרויף אויף אַ שמועס, וואָס יואל טאַשקער האָט דאָס נישט פֿײַנט. „הײַנטיקע קינדער, פּוסטע בחורים, אויסגעלאַסענע טעכטער, הפֿקר אַ וועלט״. פּרויקע־שײגעץ האָט אויפֿגעמישט אַן אַלטע מעשׂה מיט דער אומאַניער שנור, וואָס איז אַנטלאָפֿן מיט אַן אָפֿיצער. און אַ מעשׂה מיט אַ בחור, וואָס האָט חתונה געהאַט אין צוויי שטעט. און נאָך אַ מעשׂה מיט אַ ייִנגל, וואָס האָט נישט געוואָלט לײגן קײן תּפֿילין, האָט אים דער טאַטע געשלאָגן, האָט ער אים געשלאָגן צוריק. „געשלאָגן צוריק? אַן אײגענעם טאַטן?!״ — און עס ווערט אין וואַגאָן אַ טומל. אַלע ווערן

אויפגערעגט, און מער פון אלעמען אונדזער יואל טאַשקער: „מײַנע ווערטער, בע־כע! געוואָרן אַ הפקרות! ייִדישע קינדער ווילן נישט דאַוונען! ווילן נישט לייגן קיין תפילין!"... „תפילין לייגן בין איך אײַך מוחל! — רופט זיך אָן פּלוצעם קאָמפּאַניעוויטש, וואָס האָט די גאַנצע צײַט ביז אַהער געשוויגן. — תפילין קאָנט איך אײַך יאָ לייגן און נישט לייגן. דאָס אַרט מיך נישט. מיך אַרט אַ סך מער דער טלית־קטן. מיך ברענט אָפּ אונדזערע יונגעלײַט, פאַר וואָס זיי טראָגן נישט קיין אַרבע־כּנפֿות. מילא, תפילין — איז אַן אַרבעט: מע דאַרף זיי אָנטאָן, מע דאַרף זיי אויסטאָן. אָבער טראָגן אַ טלית־קטן ערגעץ אונטער אַ העמד — וועמ׳ זעט מיך?"

„אָט אַזוי האָט זיך אָט דער אפּיקורס קאָמפּאַניעוויטש צעדרשעט שטיל און נישט געכאַפּט און אַזוי ערנסט, אַז ווען עס פאַלט־אַראָפּ, לאָז זיך אײַך דאַכטן, אַ דונער, אָדער ווען דער וואַגאָן קערט זיך איבער, וואָלט אונדזער טאַשקער זיכער נישט באַדאַרפט זײַן מער איבעראַשט. „וואָס הייסט דאָס? משיחס צײַטן! אָט דער קאַלבאַסניק רעדט פון טלית־קטנס? פון אַרבע־כּנפֿות?! און ער רופט זיך אָן — נישט צו קאָמפּאַניע־וויטשן, ניין — נאָר צו פּרויקען: „וואָס זאָגסטו אָפּ דעם צדיק אין פּעלץ, בע־כע? ער רעדט אויך פון טלית־קטנס, אַרבע־כּנפֿות!" „פאַרוואָס נישט? — זאָגט צו אים פּרויקע, כּלומרשט תמעוואַטע. — זיי זײַנען דען קיין ייִדן נישט?"

„דאָס האָט שוין יואל טאַשקער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן: ער־שטנס, וואָס איז דאָס פאַר אַ „זיי"? און, צווייטנס, וואָס איז קאָמפּאַניע־וויטש פאַר אַ ייִד? „בע־כע, אַ שיינער ייִד! אַ ייִד, וואָס שטעלט אַ סאַ־מאָוואַר אום שבת. אַ ייִד, וואָס פרעסט אַ פליישיקן וואַרעמעס אום תשעה־באב אַ ייִד, וואָס טובלט אפילו נישט דאָס געפעס אָפּ פּסח! אָט אַזאַ ייִד רעדט פון טלית־קטנס, אַרבע־כּנפֿות?!"... „וואָס־זשע איז? — מאַכט צו אים פּרויקע ווידער תמעוואַטע, — וואָס געהער זיך אָן, רב יואל, דאָס צו דעם? אַ ייִד ווי קאָמפּאַניעוויטש קאָן טאַקע טאָן אַלצדינג, וואָס איר רעכנט אויס, און אַ טלית־קטן אונטערן העמד איז באַ מיר רעכט, אַז זיי זאָלן יאָ טראָגן". „ווער? אָט דער גלוח? — צעשרײַט זיך נעבעך טאַש־קער אָפּ אַ קול, — אָט דער הולטאַי? אָט דער פּושע באלקי ישראל?!"...

„אַלע ייִדן בלײַבן שטיל, קוקן אָפּ דעם קאָמפּאַניעוויטשן, און קאָמ־

פּאַניעוויטש שווײַגט. פּרויקע־שייגעץ שווײַגט אויך. נאָכדעם טוט ער זיך א כאַפּ־אויף, פּרויקע הייסט עס, ווי א מענטש, וואָס האָט זיך אײַנגע־שטעלט אַף צו גיין אין א ריזיקע: „ווייסט איר וואָס, רב יואל? איך גיי מיט דעם גאַנג, אז א ייִדישע נשמה קאָן מען נישט שאַצן. קוים רעדט א ייִד פון טלית־קטן, מסתמא טראָגט ער אַליין א טלית־קטן. איך שטעל אײַן א הונדערטער אַף דראַזשנער נשרפים. שטעלט איר אויך אײַן א הונדערטער, און לאָמיר זיי בעטן טויזנט מאָל מחילה, אײַער שכן הייסט עס, זיי זאָלן פאַר אונדז צעשפּילען די קאַפּאָטע מיטן העמד און ווײַזן, צי זיי טראָגן א טלית־קטן, צי ניין?" — „גערעכט, גערעכט!" — רופט זיך אָן דער גאַנצער עולם און מע הייבט זיך אָן היצן און פּילדערן און עס ווערט פרייליך אין וואַגאָן. נאָר איין קאָמפּאַניעוויטש זיצט זיך, ווי א זײַטיקער — און שאַ. גלײַך, ווי נישט אים מיינט מען. און אונדזער יואל טאַשקער? דער איז נעבעך אויסגעשטאַנען אין דער מינוט א שוויץ־באָד. טאַקע א שטיק חבוט־הקבר. אַף זײַן לעבן האָט ער זיך נישט געוועט מיט קיינעם אַף קיין צוויי גראָשן. פּלוצעם זאָל ער אָוועקשטעלן א גאַנצן הונדערטער! און וואָס וועט זײַן, לא יעלה ולא יבוא, טאָמער טאַקע חלילה טראָגט אָט דער כל־בוניק א טלית־קטן?... צוריק אָבער טוט ער זיך א טראַכט: „עט־נו! קאָמפּאַניעוויטש? אָט דער משומד? מײַן קאָפּ זאָל מיר דעמאָלט קרענקען!" און ער נעמט זיך אָן מיט הארץ, צעגאַרטלט זיך, נעמט־אַרויס א הונדערטער, און מע קלײַבט־אויס צוויי פרעמדע, נאָר לײַטישע ייִדן אין וואַגאָן און מע לייגט־אײַן בא זיי דאָס געלט, און מע טוט זיך א נעם צו קאָמפּאַניעוויטשן, ער זאָל זיך אויסטאָן — ווער? וואָס? א נעבטיקער טאָג! קאָמפּאַניעוויטש האָט זיך צערעדט: וואָס בין איך, זאָגט ער, עפּעס א ייִנגעלע? צי א קאָמעדיאַנשטשיק? וואָס הייסט — איך וועל נעמען און וועל מיך אויסטאָן נאַקעט פּלוצעם אין מיטן העלן טאָג אָט דאָ אין וואַגאָן פאַר אַן עדה ייִדן?"...

„דערהערט אַזעלכע דבורים, איז אונדזער יואל טאַשקער געוואָרן גרעבער ווי לענגער. „אהאַ! — מאַכט ער צו פּרויקען מיט א ליכטיק פּנים, — ווער איז גערעכט? איך, צי דו? איך קען מײַנע לײַט! פון טלית־קטנס נאָר רעדט אַזאַ ייִד, כע־כע!"

„איז דאָך שלעכט. טוען זיך א נעם אַלע ייִדן צו קאָמפּאַניעוויטשן: „סטײַטש, אַזאַ זאַך! ממה נפשך, אָדער אהין, אָדער אהער. באַרעכנט

איַיך: סיַ־ווי־סיַ, אַ הונדערטער אויף די אומגליקלעכע נשרפים!" „אויף די אומגליקלעכע נשרפים!" — העלפט זיי אונטער יואל טאַשקער און קוקט גאַרנישט אויף קאַמפּאַניעוויטשן. „ייִדן נעבעך ליגן מיט וויַיב און קינ־דער אין דרויסן אונטערן הימל!" — רעדט מען וויַיטער איבער קאַמפּאַ־ניעוויטשן. „נעבעך אין דרויסן אונטערן הימל!" — העלפט־אונטער יואל טאַשקער. „ווי האָט דאָס נישט אַ ייִד קיין גאָט אין האַרצן?" „קיין גאָט אין האַרצן?" — זאָגט יואל טאַשקער איטלעכס וואָרט.

„אהין־אהער, מע האָט קוים געפּועלט בײַ אָט דעם קאַמפּאַניעוויטשן, ער זאָל אָפּשפּילן מחילה די קאַפּאָטע מיטן זשילעט, מיטן אייבערשטן העמד — און שטעלט איַיך פֿאָר אַ טיפּ: אָט דער קאַמפּאַניעוויטש טראָגט אונטערן העמד אַ טלית־קטן! אַ טלית־קטן! אַ גרויסן, אַ כשרן, אַ בערשעדער טלית־קטן מיט בלויע תכלת און מיט גראָבע כפול־שמונהדיקע רבנישע ציצית — כאַ־כאַ־כאַ! צווישן טלית־קטנס אַ טלית־קטן! דאָס קאָן נאָר אַזאַ גנב, ווי פּרויקע־שייגעץ! אמת, ער האָט טאַקע אָנגעוווירן נאָכ־דעם יואל טאַשקערן פֿאַר אַ קונד. פּרויקע טאָר זיך אים עד היום פֿאַר די אויגן נישט וויַיזן. דערפֿאַר האָט ער אָבער אַרויסגעצויגן פֿאַר די דראַזש־נער נשרפים אַ הונדערטער, אַ גאַנצן הונדערטער, און בײַ וועמען? בײַ אַ נגיד אַ קמצן, אַ חזיר, וואָס האָט אויף זײַן לעבן קיין נדבה נישט גע־געבן, קיין שטיקל ברויט אַן אָרעמאַן! מעג נישט קומען אויף אים קיין מיתה־משונה? איך מיין טאַקע אָט דעם פּרויקען מיין איך"...

ענדע געשיכטע נומער צען.

געשריבן אין יאָר 1910

געשיכטע נומער עלף

א זעקס־און־זעכציק

דאס האט מיר דערציילט, פארגדיק אין וואגאן, א ייד פון א יאר זעכציק, ווייזט אויס, א גאנץ ליטוּשער מענטש, א קאמי־וואיאזשער, ווי איך, און אפשר אליין א סוחר. איך גיב איבער די מעשה ווארט פאר ווארט, ווי איך בין מיך נוהג כסדר די לעצטע צייט.

— אין וועג, הערט איר, מע זאל דארפן ארויסקוקן נאר אף דעם, וואס מע וועט זיך באקענען מיט פאסאזשירן און מע וועט האבן מיט וועמען צו פירן א געשפרעך — קאן מען משוגע ווערן.
ערשטנס — נישט אלע פאסאזשירן זיינען גלייך. פאראן אזעלכע,

וואס האבן ליב ריידן גאר א סך, אמאל שוין צו פיל. אזוי, אז עס דרייט זיך אייך אזש דער קאפ און עס קלינגט אייך אין די אויערן, און פאראן ווידער אזעלכע, וואס ריידן גארנישט. לחלוטין גארנישט. פאר וואס זיי ווילן נישט ריידן — ווייסט איר נישט. אפשר איז זיי אנגעזאלעט אפן הארצן? אפשר ליידן זיי שטילערהייט פון מאגן־קאטאר, מרה־שחורה אדער ציינווייטיק? און אפשר האבן זיי זיך ארויסגעכאפט פון דער היים, פטור געווארן פון א גיהנם, א ווייב א צרה, שלעכטע קינדער, בייזע שכנים, ביטערע געשעפטן — ווער קאן ווימן, וואס בא יענעם טוט זיך?
איך ווייס, איר וועט זאגן, ס'איז דא אן עצה: אז ס'איז נישטא מיט וועמען צו ריידן, לייענט מען א בלאט־צייטונג, אדער מע קוקט־אריין אין א בוך. אך, א בלאט־צייטונג! אין וועג איז נישט דאס, וואס אין דער היים. אין דער היים האב איך מיר מיין צייטונג. מיט מיין צייטונג בין איך שוין אזוי געוווינט, ווי, למשל, מיט מיינע שטעקשיך. אנדערע שטעק־

שיך זײַנען אפשר נײַע, מײַנע זײַנען אַלטע, מײַנע זײַנען אויסגעטראָטענע, האָבן אַ פּנים, איך בעט אײַך איבער אײַער כּבוד, ווי בלינעס. האָבן אָבער מײַנע שטעקשיך אַ מעלה, וואָס אײַערע האָבן עס נישט: זיי זײַנען מײַנע...

ווי מיט שטעקשיך, אַזוי איז מיט, להבדיל, אַ צײַטונג. איך האָב אַ שכן אין דער היים, וואָס וווינט מיט מיר אין איין הויף, אין איין הויז, אױף איין שטאָק, אַ טיר קעגן אַ טיר. שרײַבט ער אויס אַ צײַטונג, און איך שרײַב אויס אַ צײַטונג. ער — זײַן צײַטונג. איך — מײַן צײַטונג. זאָג איך צו אים איינמאָל: „דאַרפט איר אויסשרײַבן אַ באַזונדערע צײַטונג — און איך אַ באַזונדערע צײַטונג — אַמער, גיט מיר צושטײַער אױף מײַן צײַטונג, וועלן מיר ביידע אויסשרײַבן איין צײַטונג". הערט ער מיך אויס און מאַכט צו מיר: „מהכתיתי. זייער פֿײַן. גיט מיר צושטײַער אױף מײַן צײַטונג". זאָג איך: „אײַער צײַטונג איז אַ שמאַטע, און מײַן צײַטונג איז אַ צײַטונג". זאָגט ער צו מיר: „ווער האָט אײַך געזאָגט, אַז מײַן צײַטונג איז אַ שמאַטע? טאָמער דאָס אייגענע פֿאַרקערט?" זאָג איך: „ווי קומט איר צו זײַן אַ מבֿין אױף צײַטונגען?" זאָגט ער צו מיר: „ווי קומט איר צו זײַן אַ מבֿין?" „ע! — זאָג איך — זײַט איר דאָך פּראָסט אַ ייִדן אַן עזות־פּנים, וואָס־זשע האָב איך מיט אײַך צו ריידן?"...

הקיצור, ער איז געבליבן בײַ זײַן צײַטונג, איך — בײַ מײַן צײַטונג. און ס'איז אַוועקגעגאַנגען אָט אַזוי אַ צײַט.

ויהי היום, טרעפֿט זיך אַ מעשה — דאָס איז געווען בעת, נישט הײַנט געדאַכט, די חלירע אין אָדעס. מיר ביידע, איך און מײַן שכן, האָבן געשעפֿטן אין אָדעס. ער האָט זיך זײַנע געשעפֿטן, איך האָב מיר מײַנע געשעפֿטן. איינמאָל גייען מיר ביידע פֿון די טרעפּ אַראָפּ און באַגעגענען דעם טרעגער, וואָס צעטראָגט צײַטונגען. אָפּגענומען בײַם טרעגער די צײַטונגען, ער זײַן צײַטונג, איך מײַן צײַטונג, גייען מיר זיך ביידע אַזוי און קוקן־אַרײַן אין די צײַטונגען. איך אין מײַן צײַטונג, ער אין זײַן צײַטונג. וואָס לייענט מען אין אַ צײַטונג פֿריִער פֿאַר אַלץ? — די טעלעגראַמעס. איך גיב אַ קוק די ערשטע טעלעגראַמע פֿון אָדעס: „נעכטן זײַנען קראַנק געוואָרן אױף חלירע 230, געשטאָרבן 160. טאָלמאַ־טשאָוו האָט געשיקט רופֿן צו זיך די גבאים פֿון אַלע ייִדישע שולן..."

און אזוי ווײַטער. מילא, טאַלמאַטשאָוו מיט די גבאים פון די ייִדישע שולן — בין איך אים מוחל. דאָס איז באַ מיר קיין נײַס. דערויף איז ער טאַלמאַטשאָוו, ער זאָל זיך אינטערעסירן מיט ייִדישע שולן. מיך אינטע־רעסירט נאָר די חלירע, וואָס איז אָדעס. רוף איך מיך אָן צו מײַן שכן (יענער גייט מיט מיר אַף איין טראָטואַר, ווי קאָן מען זײַן אזוי גראָבּ?):

— געפעלט אײַך, זאָג איך, אָדעס? שוין ווידער די חלירע.

רופט זיך אָפּ צו מיר מײַן שכן:

— סע קאָן נישט זײַן.

פאַרדריסט דאָס מיך: וואָס הייסט — „סע קאָן נישט זײַן"? און איך נעם און לייען אים איבער פון מײַן צײַטונג ארויס די טעלעגראַמע פון אָדעס: „נעכטן זײַנען קראַנק געוואָרן אַף חלירע 230, געשטאָרבן 160. טאַלמאַטשאָוו האָט געשיקט רופן צו זיך די גבאים פון ייִדישע שולן..." און אזוי ווײַטער. הערט ער מיך אויס, דער שכן מײַנער, און רופט זיך אָן צו מיר: „אָט וועלן מיר באַלד זען"... און שטעקט־אַרײַן די נאָז אין זײַן צײַטונג. פאַרדריסט דאָס מיך שוין זייער שטאַרק און איך רוף מיך אָן צו אים:

— וואָס מיינט איר, אין אײַער צײַטונג זײַנען אנדערע טעלעגראַ־מעס?

— מע קאָן נישט וויסן, — מאַכט ער צו מיר מיט א האַלבן מויל.

פאַרדריסט דאָס מיך מסתמא נאָך שטאַרקער:

— אָדער וואָס רעכנט איר, זאָג איך, אין אײַער צײַטונג איז אַן אנדער אָדעס, זאָג איך, מיט אַן אנדער חלירע מיט אַן אנדער טאַלמאַ־טשאָוו?

ענטפערט ער מיר שוין דערויף גאָרנישט, נאָר ער הערט נישט אויף צו זוכן אין זײַן צײַטונג די טעלעגראַמע פון אָדעס. נו, גייט רעדט מיט א פּרא־אָדם!

ניין. אונטערוועגנס איז פאַראַן א בעסערע זאַך אַף די צײַט צו פאַרטרײַבן: א קערטל. א זעקס־און־זעכציק.

קאָרטן בכלל — איז א יצר־הרע. דאָס ווייסט איר דאָך. נאָר אין וועג זײַנען קאָרטן א גן־עדן. אין וואַגאָן, אז איר מאַכט א קערטל, ווייסט איר נישט, ווו די צײַט קומט אהין. אוודאי דאַרף מען האָבן דערצו די ריכטיקע קאָמפּאַניע. וואָרעם איר קאָנט אמאָל ארײַנפאַלן אין אַן אומ־

גליק, זאָל גאָט שומר ומציל זײַן! איר דאַרפֿט אײַך נאָר היטן, איר זאָלט זיך נישט אַרײַנכאַפּן צווישן דער גוטער חברה קאָרטנשפּילער, וואָס כאַפּן אַ פֿרײַער און מאַכן אים פּאַר אַ קדוש. געוויינלעך, איז שווער צו דער־קענען, ווער ס'איז אַ פֿײַנער מענטש און ווער ס'איז אַ שוליער. אדרבה, זיי זעען־אויס, מערסטנטייל, אָט די דאָזיקע חברהלײַט, ווי נעבעכלעך, גאָט די נשמה שולדיק, מאַכן זיך געפּגרט, שפּילן צווישן זיך „בלאָט", היצן זיך כלומרשט באַם פֿאַרשפּילן, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז זיי שלעפּן אײַך אַרײַן אין קאָן. זיי גיבן אײַך די מעגלעכקייט צו געווינען איין מאָל און צוויי מאָל און דרײַ מאָל, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז די קאָרט „מאַכט לעמל" און איר הייבט־אָן צו פֿאַרשפּילן — דעמאָלט זײַט איר שוין אַ פּאַרטיקער קרבן. איר וועט שוין נישט אַוועקגיין, זײַט זיכער, ביז וואַנען איר וועט זיי נישט פֿאַרשפּילן דעם זייגער מיט דער קייט מיט אַלץ, וואָס האָט נאָר עפּעס אַ ווערט. איר פֿילט, אַז איר האָט זיך אַרײַנ־געכאַפּט צווישן אַ באַנדע שוליערס, נאָר איר קריכט, ווי אַ שעפּעלע, גלײַך צום וואָלף אין די ציין אַרײַן. אָ, איך קען זיי, די דאָזיקע לײַט! זיי קאָסטן מיך רבי־געלט!... איך האָב פֿון זיי צו דערציילן מעשיות, מיט מעשיות, מיט מעשיות, גאַנצע פּעק מיט מעשיות. מע פֿאָרט אין וועג, הערט מען זיך אָן.

למשל, איך ווייס אַ מעשה מיט אַ קאַסירער, וואָס האָט געפֿירט מיט זיך פֿרעמד געלט — אַ היפּשע פּוטיקע — זיך אַוועקגעזעצט מיט דער חברה און פֿאַרשפּילט עד לפּק, אַזוי, אַז ער האָט זיך געוואָלט פֿון וואַגאָן אַרויסוואַרפֿן.

הײַנט ווייס איך אַ מעשה מיט אַ יונגנמאַנשיק, אַן איידעם פֿון וואַרשע, וואָס איז נאָר־וואָס אַראָפּ פֿון קעסט, געפֿירט מיט זיך דאָס גאַנצע ביסל נדן, און געפּטרט ביז איין גראָשן, און געבליבן חלשות אָפּן אָרט.

און נאָך אַ מעשה ווייס איך מיט אַ סטודענטל, וואָס איז געפֿאָרן אויף יום־טוב אַהיים, אין טשערניגאָווער גובערניע, געפֿירט מיט זיך עט־לעכע קערבלעך, פֿאַרהאָרעוועטע נעבעך מיטן ביטערן שווייס פֿון זומער־דיקע לעקציעס, און אין דער היים האָט אַרויסגעקוקט אויף אים אַן אַלטע מאַמע מיט אַ קראַנקער שוועסטער נעבעך...

ווי איר זעט, האָבן די אַלע מעשיות כמעט איין אָנהייב מיט איין

סוף, און קײנער איז אין זײ נישט אַזױ קלאָר, װי איך. מיך װעט מען שױן אַזױ גיך נישט אונטערפֿירן, אָבער גאָר לאָ! זיך אײנמאָל אָפּגעבריט — געגוג... פּאָר אַ מײַל װעל איך אײַך די חברה דערקענען, װער ס'איז אַ פֿױגל און װער נישט. בײַ מיר איז אַ פּרינציפּ — מיט אומבאַקאַנטע מענטשן שפּיל איך נישט אין קײן קאָרטן. מע זאָל מיך גילטן, װעל איך מך אין װעג נישט אַװעקזעצן מיט אַ קאָמפּאַניע שפּילן אין קאָרטן. סײַדן אינצװײיען אַ זעקס־און־זעכציק. אַ זעקס־און־זעכציק — אַך, מיטן גרעסטן כבוד! אינצװײיען אַ זעקס־און־זעכציק — איך בעט אײַך, װאָס קאָן דאָ זײַן פּאַר אַ געפֿאַר? ובפֿרט מיט מײַנע אײגענע קאָרטן — פּאַר װעמען האָב איך מורא? איך פֿיר מיר תּמיד מיט זיך מײַנע אײגענע קאָרטן. װי בײַם ערלעכן ייִדן אַ טלית־ותּפֿילין, אַזױ איז בײַ מיר, להבדיל, אַ פּעשל קאָרטן.

איך בין מיך מודה: איך האָב ליב אַ זעקס־און־זעכציק. זעקס־און־זעכציק איז אַ ייִדיש שפּיל. איך װײס נישט, װי אַזױ איר — איך שפּיל מיט דער אַלטער מעטאָדע: מיט די צװאַנציק און מיט די פֿערציק. דאָס גײַנטל בײַט. און אַז איך האָב אַ לעװי, מעג איך דעקן, און אַז איך האָב נישט קײן לעװי, טאָר איך נישט דעקן. אַנשטענדיק — װאָס? אַזױ שפּילן אַלע ייִדן. אַזױ שפּילן מיר אין דער הײם, און אַזױ שפּיל איך אין װעג. איך, װי איר קוקט מיר אָן, קאָן אײַך אַװעקזעצן זיך, אונטערװעגנס געװײנלעך, בײַ אַ זעקס־און־זעכציק — און אַװעקזיצן אַזױ אַ טאָג מיט אַ נאַכט און שפּילן, און שפּילן, און גאָרנישט אױפֿהערן. איך האָב נאָר פֿײַנט, אַז מע שטײט מיר הינטער די פּלײצעס און מע קוקט מיר אַרײַן אין בלעטל, אָדער מע גיט מיר עצות, װי אַזױ איך זאָל גײן און צי איך זאָל דעקן, צי נישט... איך מוז אײַך אָבער דעם אמת זאָגן, אַז אונדזערע ייִדן, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפֿן, זײַנען אַ מיאוס פֿאָלק. אונטער ייִדן איז שװער צו שפּילן אין זעקס־און־זעכציק בײַ אַ געזעלשאַפֿט. באַלד װערט איר אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן מיט אַרײַנקוקערס, װאָס אַלע זײַנען זײ אײַך מבֿינים אױף אַ גאַנג און אַלע קאָנען זײ שפּילן אין זעקס־און־זעכציק. עס איז נישט אױסצובאַהאַלטן זיך פֿון זײ. נישט אָפּצוטרײַבן זיך! װי זומער פֿון די פֿליגן! װיפֿל איר זאָלט זײ נישט טרײַבן, װיפֿל איר זאָלט זײ נישט זידלען: „פֿעטער! װער פֿרעגט אײַך עצות?‟ „רב ייִד, װער האָט געשיקט נאָך אײַך?‟ „רב זײַט־זשע־מוחל! הענגט נישט איבער מײַן

קאָפּ. עס שמעקט פון אײַך בשמים!״ — ווייס איך וואָס, ווי אין אַן אײַזערנע וואַנט!

פון איינעם אַזאַ בעל־עצה האָבן מיר אַמאָל געכאַפּט, הערט איר, אַ פּסק, און נאָך גליקלעך אָפּגעשניטן. איך קאָן מיך נישט אײַנהאַלטן. איך מוז עס אײַך דערציילן.

דאָס איז געווען ווינטער־צײַט. אויך אונטערוועגנס. דער וואַגאָן איז געווען געפּאַקט. וואָרעם, ווי אין אַ באָד. ערטער — ווינציק. ייִדן — קיין עין־הרע, אַ סך. ווי שטערן אין הימל. קאָפּ אויף קאָפּ. נישטאָ װוּ אַ שפּילקע דורכצוּוואַרפן. און דאָ האָט מיר גאָט צוגעשיקט אַ פּאַרטנער אויף אַ זעקס־און־זעכציק. דווקא אַ ייִד אַ פּראָסטער און אַ שווײַגער, נאָר ער גייט־אויס אַ זעקס־און־זעכציק, אַזוי ווי איך. מיר זוכן אַן אָרט, װוּ די טאַליע קאָרטן אַוועקצולייגן — נישטאָ, כאָטש צי זיך אויס! וואָס טוט גאָט? אַקוראַט אַקעגן אונדז אויף דער צווייטער באַנק ליגט אויסגע־צויגן אַ מאַנאַך אין אַ שמויסענעם פּעלץ מיטן פּנים אַראָפּ און פּאָפּט. כראָפּעט, קיין עין־הרע, געשמאַק איבערן גאַנצן וואַגאָן. איך גיב אַ קוק אויף מײַן פּאַרטנער, מײַן פּאַרטנער — אויף מיר. גלײַך ווי מיר וואָלטן זיך אויפגערעדט. אַ מאַנאַך אַ פעטער, אַ גלאַטער, אַן אויסגעפּאַשעטער, מיט אַ פּעלץ אַ ווייכן — אויף אים האָט גאָט אַליין געהייסן מאַכן אַ זעקס־און־זעכציק... און נישט לאַנג געטראַכט, לייגן מיר אויס די טאַליע קאָרטן באַם מאַנאַך אויפן וויי־הייסט־מען־דאָס, און מע שפּילט.

אַזוי ווי הײַנט געדענק איך עס — טריאומף איז געווען פּיק. איך האָב אויבער, מלכּה, מלך יום־טוב, אַס טרעף, קעניג שערל. די זעקסטע קאָרט... האַ? די זעקסטע קאָרט האָב איך שוין פאַרגעסן: אונטער הערץ אָדער אויבער הערץ? מיר דאַכט, אַז אונטער הערץ. און אפשר טאַקע אויבער הערץ? נאָר ס׳איז שוין נישט קיין נפקא־מינה. דער עיקר — איך האָב געהאַט אין דער האַנט אַ שפּיל — ווי זאָגט איר, אַ שפּיל פון גאָט: די אמתע פּערציק, כשרע דרײַ אויגן! די פראַגע איז נאָר: מיט וואָס, למשל, וועט מײַן פּאַרטנער אַרויסגיין? ער זאָל וועלן גיין מיט טרעף, טראַכט איך מיר, וואָלט ער געווען אַ ייִד אַ חכם. אײַ, וואָלט איך אים ליב געהאַט!...

און כך הווה. מײַן פּאַרטנער טראַכט און טראַכט (רבונו של עולם! וואָס וועט ער דאָ אויסטראַכטן?) — און נעמט און גייט־אַרויס מסתמא

אקוראט מיט אַ צענטל טרעף! קושן דאַרף מען אים! איז אָבער באַ מיר אַ טבע, הערט איר, אַז איך שפּיל אין זעקס־און־זעכציק, האָב איך פּײַנט, ווי אַנדערע, היצן זיך, פֿאַוואָליע, געלאַסן. איך האָב צײַט. פאַרקערט, איך האָב ליב אַביסל אָנשפּילן זיך. איך רײַב מיר דעם שטערן, מאַך כלומרשט אַ קרום פּנים. וואָס אַרט עס מיך? לאָז מײַן פּאַרטנער האָבן אַ חיי־שעה. לאָז ער מיינען, אַז איך בין אַף צרות... גייט זײַט אַ נביא, אַז הינטער די פּלייצעס באַ מיר שטייט אַ ייִדל, שטייען זאָל ער אײַך פּראָווצעס, און קוקט מיר אַרײַן אין בלעטל — אַרויס זאָלן אים די אויגן! דערזען דאָס צענטל טרעף, רײַסט ער אַרויס באַ מיר פֿון די הענט דעם אַס טרעף, שלאָגט דאָס צענטל, דערלאַנגט אַ זעץ מיט דער האַנט איבער דער טאָליע קאָרטן, וואָס באַם מאַנאַך אַפֿן פּעליץ, און לאָזט־אַרויס אַ געשריי:

— ס'איז געדעקט!!!...

. . . .

מיט קיין צען וואָסערן האָב איך זיך נישט געקאָנט אָפּוואַשן פֿונעם דאַזיקן מאַנאַך. די זידלערײַען מיט די קללות, וואָס ער האָט אויסגע־שאָטן, זאָלן פֿאַלן אַף זײַן קאָפּ. ער האָט אונדז געסטראַשעט, אַז אַף דער ערשטער סטאַנציע קריכט ער אַראָפּ און קלאַפּט־אַוועק אַ דעפּעש גלײַך צו פּורישקעוויטשן... נו? קאָן מען לעבן אַף דער וועלט?

נאָר נישט דאָס איז דער עיקר המעשה. איך האָב אײַך נאָר גע־וואָלט אויספֿירן, בדרך־אגב, וואָס מע שטייט זיך אויס אין וועג צוליב אַ זעקס־און־זעכציק, אויב מען איז אַ ליבהאָבער, ווי איך, למשל. די רעכטע מעשה, וואָס איך וויל אײַך דערציילן, הייבט זיך ערשט אָן. איר מעגט עס האָרכן.

געווען איז דאָס אויך ווינטער, פּונקט אין דער צײַט, דאָס הייסט, חנוכה־צײַט, און אויך אין וואַגאָן. געפֿאָרן בין איך קיין אָדעס און גע־פֿירט מיט זיך געלט, אַ היפּשע סומע — מיר בײדע מעגן עס פֿאַרדינען אַלע חודש. באַ מיר איז אַ פּרינציפּ: אַז איך פֿיר מיט זיך געלט — שלאָף איך נישט. איך האָב טאַקע נישט מורא פֿאַר גנבים, וואָרעם איך, אַז איך פֿיר מיט זיך געלט, האַלט איך עס — זעט איר ווו? אָט דאָ, אין בוזעם־קעשענע, אין אַ גוטן טײַסטער, פֿאַרבונדן מיט צוויי בענדלעך. אַ מכה וועט אַ גנב צוקומען! נאָר גאָרנישט. הײַנטיקע צײַטן — כוליגאַנעס, עקספּראָפּריאַציעס... אַ קשיא אַף אַ מעשה... זיץ איך מיר אַזוי, הייסט

עס, איינער אליין. דאָס הייסט, נישט איינער אליין. עס פאָרן נאָך פּאַסאַ־זשירן, נאָר נישט קיין יידן. וואָס האָב איך פון זיי? נישטאָ מיט וועמען צו מאַכן אַ זעקס־און־זעכציק. דערווײַל, אַזוי ווי איך זיץ מיר פאַרזאָרגט און בענק נאָך אַ ייִדן, עפנט זיך די טיר פון אונדזער וואַגאָן — דאָס איז געווען גוטע עטלעכע סטאַנציעס ביז אָדעס — און עס קומען נישט אַרײַן צוויי פּאַסאַזשירן? און דווקא אחינו בני ישראל. איך דערקען אַ ייִדן באַלד, ער מעג אײַך גיין אָנגעטאָן ווי אַכצן פּאָניעס און מעג מיט אײַך ריידן נישט נאָר אױף רוסיש, אפילו אױף טערקיש. די צוויי פּאַסאַזשירן זײַנען געווען איינער אַן עלטערער, דער אַנדערער אַ ייִנגערער, און ביידע אָנגעטאָן אין פײַנע פעלצלעך, מיט פײַנע היטלען, אָבער טאַקע וואָס פײַן הייסט! אַוועקגעשטעלט די טשעמאָדאַנעס, אויסגעטאָן די פעלצלעך, אַראָפּ־גענומען די היטלען, פאַרררייבערט צו פּאַפּיראָסן, מיר אויך געגעבן אַ פּאַפּיראָס — און מע רעדט. פריִער, געוויינטלעך, רעדט מען בלשון יוונית, דערנאָך יידיש. „פון וואַנעט איז אַ ייִד? ווּהין פאָרט איר?" — „ווּהין פאָרט איר?" — „קיין אָדעס". — „קיין אָדעס? איך פאָר דאָך אויך קיין אָדעס". — „פאָרן מיר, הייסט עס, אַלע דרײַ קיין אָדעס". אַהין־אַהער, מע האָט זיך צערעדט. „ווייסט איר, וואָס פאַר אַ יום־טוב בײַ אונדז איז הײַנט?" — „דהיינו?" — „איר האָט פאַרגעסן? חנוכה!" — „אוי, חנוכה? חנוכה איז דאָך אַ מצווה צו מאַכן אַ קערטל! אַ זעקס־און־זעכציק!" — „גערעכט!" — כאַפּט זיך אויף דער יונגערמאַן און ציט־אַרויס פונעם אַלטנס קעשענע אַ טאַליע קאָרטן און רופט זיך אָן צום עלטערן: „פּאַפּאַ! לכבוד חנוכה אַ זעקס־און־זעכציק?"...

די משמעות — אַ טאַטע מיט אַ זון. טשיקאַווע צו זען, ווי אַ זון שפּילט מיט אַ טאַטן אין זעקס־און־זעכציק. איך וואָלט אפילו אַ בעלן געווען אליין מאַכן אַ זעקס־און־זעכציק, נאָר דעם יצר־הרע נאָכגעבן, ווי זאָגט איר, טאָר מען נישט. מיר וועלן זיך באַגנוגענען דערמיט, וואָס מיר וועלן קוקן, ווי יענער שפּילט...

איבערגעקערט אַ טשעמאָדאַן, אַוועקגעשטעלט צווישן די פיס — מע וואַרפט־אויס קאָרטן. דער טאַטע איז ערשטע האַנט, דער זון צווייטע האַנט, און מע שפּילט אין זעקס־און־זעכציק. איך זיץ בײַ דער זײַט און קוק־אַרײַן צום אַלטן. טוט מיך דער אַלטער אַ פרעג פאַרבײַגייענדיק, אויב מיר איז באַקאַנט דאָס שפּיל פון זעקס־און־זעכציק? צעלאָך איך

מיך מן הסתם: אַ שײנע מעשה, נאָר אַ קורצע. איך בין אַלײן דער מחבר פֿון זעקס־און־זעכציק, פֿרעגן זײ מיך, אױב איך שפּיל אין זעקס־און־זעכציק! און איך זיץ מיר אַזױ מן הצד און קוק, װי די צװײ, דער טאַטע מיטן זון, שפּילן אין זעקס־און־זעכציק. און איך בין שטאַרקער פֿון אײַזן: דער אַלטער הינערפּרעסער מאַכט געװג, אַז מע קאָן שטאַרבן. שטעלט אײַך פֿאָר: אַ מענטש האָט אין דער האַנט צװײ מאָל טרײַומף מיטן נײַנטל, צװײ שטאַרקע פּיק מיט אײן מאָל טרעף, — גײ־זשע אָפּ מיטן טרעפֿל, װעסטו צוקױפֿן נאָך אַ מאָל טרײַומף צו אַ פֿערציק און אפשר קאָנען דעקן? נײן! אמער, גײט ער בעסער מיטן ייִנגערן פּיק און בלײַבט שטײן, װי אַ לײמענער גולם, מיט אַ נאַקעט צענטל פּיק! נעמט דאָך מסתמא דער זון, די צירונג, און דעקט, און גײט־אַרױס צו אים פֿרײַער מיט אײן מאָל יום־טוב, נאָך אַ מאָל יום־טוב, װי גאָט האָט געבאָטן, ציט־אָפּ דאָס צענטל פּיק, דעקט־אױף אַ צװאַנציק — און אַ גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע. דרײַ אױגן, װי די בעכער!

דאָס איז געװען אײן מאָל אַ גאַנג.

דאָס אַנדערע מאָל איז געװען נאָך ערגער. טאַקע הימל־שרײַענד! הערט אַ מעשה: אַ ייִד האָט זײַן אײגנס זעקס אױגן. עס פֿעלט אים סך־הכּל אײן אױג. און דער פּאַרטנער, דער זון הײסט עס, האָט ערשט צװײ. אין האַנט איז באַם אַלטן תּרח אַזױ גרױס װי דרײַ מאָל טרײַומף מיט אַ צװאַנציק. כאַפּט ער און דעקט־צו און גײט נישט אָפּרופֿן יום־טוב. נײן. ער זאָגט בעסער צװאַנציק. גײט דער פּאַרטנער, דער זון הײסט עס, און ציט־אָפּ באַ אים דעם צװאַנציק מיט אַ טרײַומף און מיט נאָך אַ קאָרט און זאָגט אַלײן צװאַנציק — און פֿאַרטיק מיט דרײַ אױגן! טוט עס מיך אַ טראָג־אױף: אַ װיסטער אַ פֿינצטערער חנוכה!... נײן, איך קאָן שױן מער נישט צוזען. „האָט קײן פֿאַריבל נישט, זאָג איך צום אַלטן גאַנאַמניק, באַ מיר איז אַ פּרינציפּ נישט אַרײַנמישן זיך בעת יענער שפּילט. נאָר איך װאָלט אַ בעלן זײַן װיסן, מאַכט מיך קלאָר, װאָס איז דער שכל, װאָס איר האָט געדעקט? נײן, זאָגט מיר, איך בעט אײַך, װאָס פֿאַר אַ רעכענונג האָט איר דאָ געהאַט? ממה־נפשך: האָט אײַער פּאַרטנער שראַגע, זײַט איר דאָך אװדאי אינדערהײם. אלא װאָס דען? טאָמער האָט ער נאָלד? געזונטערהײט! מיט װאָס ריזיקירט איר דאָ? מיט אײן אױג, בעת איר האָט זעקס און יענער צװײ? מע דאַרף דאָך זײַן ערגער װי געשמדטו!“...

ענטפערט ער מיר נישט דאָס צווייטע וואָרט, דער אַלטער כלב, נאָר דער זון, דער קדיש, שמייכלט: „דער פּאַפּאַ, זאָגט ער, שפּילט שוואַך, שוואַך. דער פּאַפּאַ, זאָגט ער, קאָן נישט שפּילן אין זעקס־און־זעכציק". „אײַער פּאַפּאַ, זאָג איך, טאָר נישט שפּילן אין זעקס־און־זעכציק. אין זעקס־און־זעכציק, זאָג איך, לאָזט מיך!" ווײַל אָבער דער אַלטער הונט נישט אָפּ־טרעטן בשום אופן און שפּילט ווײַטער, און מאַכט אַזעלכע געננ, אַז מען קאָן באַקומען די אַפּאָפּלעקציע! קוים מיט צרות האָב איך מיך אײַנגעבעטן, דער אַלטער שמאַראַווידלעק זאָל מיר איבערגעבן די האַנט מער נישט אַף צוויי־דרײַ פּאַרטיעס. „לכבוד חנוכה, זאָג איך, לאָזט מיך אויך פּאַרדינען אַ מצווה"...

„ווי טײַער שפּילן מיר?" — מאַכט צו מיר דער קדיש. — „ווי טײַער איר ווילט". — „צו איינערלעך?" — „לאָז זײַן צו איינערלעך. נאָר מיט אַ תנאי, זאָג איך אין אַ ליצנות, דער פּאַפּאַ אײַערער זאָל אײַך נישט אַרײַנקוקן, זאָג איך, אין בלאַט אַרײַן און זאָל אײַך חלילה נישט געבן קיין עצות"... ווערט אַ געלעכטער, און מיר הייבן אָן שפּילן. איין פּאַרטיע, די אַנדערע, די דריטע. עס גייט מיר, קיין עין־הרע, דורך טיר און דורך טויער. מײַן פּאַרטנער הייבט זיך אָן צו היצן. ער וויל, זאָגט ער, שטעלן צוויי מאָל אַזוי פיל. ווילסט צוויי מאָל, לאָז זײַן צוויי מאָל אַזוי פיל. ווערט ער מסתמא באַגראָבן צוויי מאָל אַזוי פיל און היצט זיך נאָך מער. ער וויל, זאָגט ער, פיר מאָל אַזוי פיל. ווילסט פיר מאָל, לאָז זײַן פיר מאָל אַזוי פיל. און ער ווערט ווידער באַגראָבן. ווערט ער שוין גוט אין כעס: ער וויל, זאָגט ער, אַף אַ כף־האער. שטעלט זיך אוועק דער אַלטער צדיק, דער פאָטער הייסט עס: ער וועט נישט דערלאָזן! הערט ער אים אָבער, דער תכשיט, אין טראָק, און עס גייט באַ אונדז אַף אַ כף־האער — און ער פאַרשפּילט. ווערט דער אַלטער תנא בייז, הייבט זיך אויף און זעצט זיך אָבער באַלד צוריק אוועק, קוקט מיר אַרײַן אין די קאָרטן, זינגט בעת־מעשה אונטער און שמאָרעט־צו מיט דער נאָז — און מײַן פּאַרטנער ברענט, ווי אַף פּאָקן. וואָס מער ער פאַרשפּילט, מער היצט ער זיך. וואָס מער ער היצט זיך, מער פאַרשפּילט ער. דער אַלטער אינדיק איז אויסער זיך! ער בייזערט זיך, זידלט זיך, קוקט־אַרײַן צו מיר אין די קאָרטן, זינגט־אונטער און שמאָרעט־צו מיט דער נאָז. און דער זון, די צאַצקע, אַ קאָן נאָך אַ קאָן, ער ברענט, ווי אַ

שטרויענער דאַך. „זאָל איך שלעכטס האָבן, — זאָגט צו אים דער פּאָטער — אויב דו װעסט װײַטער שפּילן!" „פּאַפּאַ! — בעט זיך בײַ אים דער זון. — מער נישט, אַז נאָך איין קאָן. אַנישט, זאָל איך נישט דערלעבן אױפשטיין פֿון דעם אָרט!" „מער נישט, אַז איין קאָן, זאָג איך צום אַלטן פּאָקערלאָ, װאָס װעט אײַך אַרן?"...

הכּלל, מע גיט קאָרטן — דאַנקען גאָט, ער האָט געװוּנען. איך בין שוין אַליין אױך צופֿרידן, װאָס ער האָט געװוּנען. װײַל ער אָבער, זאָגט ער, נאָך אַ קאָן. נאַרישקײטן. מע קאָן דאָך נישט זײַן אַזױ גראָב, בעת יענער האָט זיך אַזױ פֿאַרשפּילט. נאָך דעם קאָן — נאָך אַ קאָן, און נאָך אַ קאָן, און נאָך אַ קאָן. װאָס טױג אײַך, עס האָט זיך איבערגעדרייט דאָס רעדל אינגאַנצן אױף זײַן זײַט. „נו? — רוף איך מיך אָן צום אַלטן המן, — פֿאַר װאָס בײזערט איר זיך איצטער נישט אױף אײַער קדיש?" „איך װעל אים שוין אינדערהיים, זאָגט ער, געבן אַ װײסטן סוף. ער װעט מיך האָבן צו געדענקען!"

אַזױ זאָגט דער אַלטער גנבֿ און הערט נישט אױף צו קוקן מיר אין די קאָרטן אַרײַן און אונטערזינגען און אונטערהוסטן און צושמאָרעצן מיט דער נאָז. מיר איז באַלד נישט געפֿעלן זײַן אַרײַנקוקן צו מיר אין בלאַט און זײַן זינגען מיט זײַן הוסטן מיט זײַן שמאָרעצן מיט דער נאָז. נאָר כּל־זמן מיר איז געגאַנגען דאָס קערטל, האָב איך מיך מיישבֿ געװען: „זינג, הוסט, שמאָרע מיט דער נאָז"... איצט, אַז עס האָט אָנגעהױבן גיין צוריק, איז מיר אַרײַן אַ געדאַנק, איך זאָל מיך צוהערן צו זײַן זינגען מיט זײַן הוסטן מיט זײַן שמאָרעצן מיט דער נאָז, צי שטעקט דאָ נישט דרינען אָקאָרשט אַ שמד־שטיק? דערװײַל גיט מען קאָרטן. אַ פּאַרטיע נאָך אַ פּאַרטיע — שלעכטס! איך האַלט אין איין פֿאַרשפּילן. איך גיי אַלע מאָל אָפּ אָן אַ זײַט, בינד־אױף די זײַט־קעשענע, צי־אַרױס אַ הונדערטער נאָך אַ הונדערטער. עס האַלט שױן שמאָל. עס טאָגט! פּלוצעם נעמט מיך אָן דער אַלטער באַנדיט בײַ דער האַנט: „זאָל איך שלעכטס האָבן, זאָגט ער, אױב איך װעל אײַך לאָזן שפּילן, זאָגט ער; ס'איז בײַ אײַך דער לעצטער הונדערטער". װער איך מסתמא אױפֿגע־בראַכט: „פֿון װאַנען װײסט איר, אַז ס'איז בײַ מיר דער לעצטער הונ־דערטער?" — און אים אױף־צו־להכעיס שטעל איך אַװעק דעם גאַנצן הונדערטער.

ערשט דעמאָלט, אַז איך האָב מיך אײַנגאַנצן אויסגעלײדיקט און איך האָב מיך געגעבן אַ כאַפּ, אַז איך בין נקי, ריין ווי אַ טעלער און נאַקעט ווי די מאַמע האָט מיך געהאַט, און ס'איז שוין נישט געווען מער וואָס צו שטעלן אין קאָן, און מײַן פּאַרטנער האָט גענומען פּאַרשפּילען זיך אַף אַלע קנעפּלעך און די בעקלעך האָבן אים געפּלאַמט — ערשט דעמאָלט האָב איך גענומען אַרומקוקן זיך, ווּ איך בין אַף דער וועלט? עפּעס האָט מיר דאָס האַרץ געזאָגט, אַז איך האָב מיך אַרײַנגעכאַפּט אין דער טומאה, אַז איך בין אַרײַן אין אַ נעץ... עס האָט מיר אָנגעהויבן אויסווײַזן, אַז דער טאַטע איז נישט קיין טאַטע און דער זון איז נישט קיין זון... מיר איז נישט געפעלן זייער קוקן, וואָס זיי האָבן זיך איבער־געקוקט, מיטן אויפשטיין פונעם זון און אַוועקגיין אַף אַ זײַט און מיטן נאָכגיין פונעם טאַטן. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דער אַלטער האָט עפּעס אַ זאָג געגעבן דעם יונגן, און איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז דער יונגער האָט עפּעס אַרײַנגערוקט דעם אַלטן אין יד אַרײַן...

דער ערשטער געדאַנק איז בײַ מיר געווען: אפשר זיך אַרויסוואַרפן דורכן פענצטער?"... נאָכדעם האָב איך מיר געזאָגט: „ניין, אַ מעסער זיי ביידן איבערן האַלדז, אָדער אַ פּיסטויל זיי אין האַרצן אַרײַן, אָדער גלאַט אָנפאַלן אַף זיי, כאַפּן פאַרן גאָרגל און נעמען ווערגן, ווערגן!... נאָר גיי מאַך, אַז איך בין איינער און זיי זײַנען צוויי. און דערווײַלע דער צוג לויפט. די רעדער קלאַפּן. דער קאָפּ דרייט זיך. אין האַרצן ברענט אַ פײַער... וואָס וועט זײַן? אָט־אָט, אָקערשט ווי מע זעט נישט, זײַנען מיר אין אָדעס. וואָס וועל איך טאָן? ווּהין וועל איך גיין? וואָס וועל איך זאָגן?... איך טו אַ קוק — מײַנע חברה־לײַט נעמען זיך צו די טשע־מאָדאַנעס. „ווּ זײַנען מיר?" „אין אַ שטאָט, מאַכן זיי צו מיר, וואָס זי הייסט אָדעס". איך טו מיך אַ כאַפּ צו דער קעשענע — איך האָב דאָך נישט אפילו מיט וואָס דעם טרעגער צו באַצאָלן! עס באַשלאָגט מיך אַ קאַלטער שוויים. עס שטייען בײַ מיר טרערן אין די אויגן. די הענט טרייסלען זיך מיר. איך גיי־צו צום אַלטן קצב: „איך האָב, זאָג איך, צו אײַך אַ בקשה... כאָטש איין פינפאונצוואַנציקער"... „וואָס זאָגט איר מיר? זאָגט אים" — מאַכט צו מיר דער אַלטער גזלן און ווײַזט מיר אָן אַפן יונגן. דער יונגער זשוליק דרייט זיך די וואָנצעס, מאַכט זיך, ווי ער הערט נישט. דער לאָקאָמאָטיוו פײַפט. סטאָפּ — מיר זײַנען שוין אין

אָדעס. דער ערשטער, וואָס איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון וואַגאָן — דאַרפֿט איר שוין אַליין פֿאַרשטיין, אַז דאָס בין געווען איך. און אַ גוואַלד האָט געמאַכט אויך נישט קיין אַנדערער. מיט די לעצטע כּוחות האָב איך געגומען שרײַען: „זשאַנדאַר! זשאַאַנדאַר!!"... און עס האָט נישט פֿיל גענומען, און עס איז אויסגעוואַקסן אַ זשאַנדאַר, און נאָך אַ זשאַנדאַר, און נאָך צוויי זשאַנדאַרן, און נאָך דרײַ זשאַנדאַרן... נאָר ביז עפּעס־וואָס, איז שוין דער יינגערער ימח־שמוניק נעלם געוואָרן. געבליבן איז נאָר דער אַלטער מתושלח, וועלכן איך האַלט־צו בײַ דער האַנט שטאַרק־שטאַרק, ער זאָל נישט אַנטלויפֿן. וואָס טויג אײַך, ס'איז געוואָרן אָפּן וואָקזאַל אַ צונויפֿלויף פֿון מענטשן, ערדטרעטעניש! און מע האָט אונדז אַרײַנגעבעטן ביידן אין אַ באַזונדער חדר אַרײַן. דאָרט האָב איך דערציילט די גאַנצע מעשׂה פֿון אלף ביז תיו. נישט געזשאַלעוועט אַ טרער, אויסגעגאָסן מײַן גאַנץ ביטער האַרץ. מײַן געשיכטע, ווײַזט אויס, האָט זיי רעכט אָנגענומען באַם האַרצן, וואָרעם מע האָט זיך באַלד אַ נעם געטאָן צום אַלטן כּשוף־מאַכער, ער זאָל אויפֿדעקן דעם גאַנצן אמת. לאָזט זיך אויס, אַז ווער־וואָס? ער ווייס נישט פֿון וואָס צו זאָגן. פֿרעגט אים בחרם: וואָסערע לאָקשן? וואָסערע זעקס־און־זעכציק? וואָסערע קאָרטן? וואָסער זון? ער האָט גאָרנישט קיין זון. גאָרנישט געהאַט קיינמאָל. „אָט דער מענטש איז גערירט"... — אַזוי מאַכט דער אַלטער ממזר און ווײַזט אָפּן קאָפּ, אַז איך בין אַ קראַנקער. „אַזאַ מעשׂה? — זאָג איך, — זאָל מען אים נאָר גוט באַזוכן!" און מע נעמט אים און מע טוט אים אויס, איך בעט איבער אײַער כּבֿוד, ביזן העמד — נישט קיין קאָרטן, נישט קיין געלט! סך־הכּל פֿאַרמאָגט ער אַרום און אַרום צוויי און צוואַנציק מיט זיבעציק, און אַליין זעט ער אויס אַזאַ נעבעך, אַזאַ כּשרע זאַך, אַז איך הייב אָן איבערצוטראַכטן, אפֿשר בין איך טאַקע נישט בײַ אַלע געדאַנקען? אפֿשר האָט זיך מיר געחלומט, אַז דאָס איז אַ טאַטע מיט אַ זון און אַז איך האָב געשפּילט מיט זיי אין זעקס־און־זעכציק, און אַז איך האָב פֿאַרשפּילט אַ פֿאַרמעגן?... וואָס איז געווען דער סוף? — פֿרעגט גאָרנישט. לאָמיר בעסער צעשלאָגן זיך די געדאַנקען, מאַכן אײַנצווייען אַ זעקס־און־זעכציק לכּבֿוד חנוכּה...

אַזוי לאָזט־אויס דער פּאַרשוין, וואָס זעט־אויס אַ לײַטישער מענטש צו זײַן, אַ קאָמי־וואָיאַזשער, אַזוי ווי איך, און אפֿשר אַליין אַ סוחר. און

עס וואַקסט־אויס בא אים אין די הענט אַ טאַליע קאָרטן, און ער וואַרפט־אויס, ווער ס׳זאָל זײַן ערשט — „ווי טײַער שפּילן מיר?"...

איך קוק אַף מײַן פּאַרשוין, ווי ער וואַרפט די קאָרטן עפּעס צו קונציק, צו גלאַט און צו גיך. צו ווײַסע הענט בא אים. צו ווײַסע און צו ווייכע. און עס פליט מיר דורך אין קאָפּ אַ מיאוסע מחשבה...

— מיט פאַרגעניגן, זאָג איך, וואָלט איך מיט אײַך געמאַכט אַ זעקס־און־זעכציק לכבוד חנוכה, נאָר איך ווייס נישט, זאָג איך, מיט וואָס מען עסט דאָס. וואָס הייסט עס, זאָג איך, אייגנטלעך, זעקס־און־זעכציק?...

מײַן פּאַרשוין האָט מיר געגעבן אַ קוק־אַרײַן אין די אויגן מיט קוים־קוים אַ שמייכעלע אַף די ליפּן, און שטיל, מיט אַ גרינגן זיפץ, אַראָפּגעלאָזט די קאָרטן צוריק אין קעשענע.

אַף דער ערשטער סטאַנציע האָט ער נישט געסטײַעט אונטער די הענט. איך בין אַ בעלן געווען אויסגיין נאָכדעם אַלע וואַגאָנעס צוויי מאָל הין און צוריק — עס איז פון אים קיין זכר נישט געבליבן.

עגדע געשיכטע נומער עלף.

געשריבן אין יאָר 1910

געשיכטע נומער צוועלף

גימנאזיע

ווינטער. אקעגן מיר זיצט א ייִד פון מיטעלע יאָרן, מיט א געל בערדל, שוין אביסל גרויליך. א טכוירן טולופל, אביסל אָפּגעבאָרעט. מיר האָבן זיך צערעדט.

— דער ערגסטער שונא, הערט איר, — רופט ער זיך אָן צו מיר —וועט אײַך נישט טאָן דאָס, וואָס א מענטש קאָן טאָן זיך אַליין, ובפרט אז עס מישט זיך אַרײַן א ייִדענע, א ווײַב הייסט עס. אקעגן וואָס, מיינט איר, זאָג איך עס? אקעגן מיר אליין טאקע. אָט נעמט מיך, למשל, ווי איר זעט מיך אָטאָ — דאכט זיך, וואָס? א ייִד, כלעבן, א מיטלמעסיקער. אָף דער נאָז בא מיר שטייט נישט אויפגעשריבן: צי האָב איך געלט, צי האָב איך קיין געלט נישט, צי אפשר בין איך גאָר דערונטער? עס קאָן זײַן, אז אמאָל האָב איך דווקא יאָ געהאַט געלט, און נישט אזוי געלט אַליין, געלט איז בלאָטע — פרנסה האָב איך געהאַט, און בכבוד, און שטיל, נישט געפלויגן, נישט געטראַסקעט, ווי אנדערע, וואָס האָבן ליב פּי־פּו־פּאַ. ניין! איך גיי מיט דעם גאַנג, אז שטיל און פּאַמעלעך איז בעסער. שטיל און פּאַמעלעך האָב איך מיר געהאַנדלט, שטיל און פּאַמעלעך א פּאָר מאָל געשטעלט זיך און פּאַמעלעך אָפּגעעקט מיט די סוחרים, און ווידער גענומען זיך שטיל און פּאַמעלעך צו דער ארבעט. איז דאָך אָבער פאַראַן א גאָט אָף דער וועלט, האָט ער מיך מזכה געווען מיט מײַן

אייגנס אַ ווײַב... זי איז דאָ נישטאָ, קאָנען מיר ריידן אָפּענטלעך... אַ ווײַב, הייסט דאָס, ווי אַלע ווײַבער, דאָס הייסט, אַזוי אָפּן קוק איז זי אַפילו דווקא גאָר נישקשהדיק. אַן „אָסאָבע", קיין עין־הרע, צוויי מאָל אַזוי די גרויס ווי איך, און נישט קיין מיאוסע, טאַקע אַ יפת־תואר, קאָן מען זאָגן, און נישט קיין נארישע, אַ קלוגע, מע קאָן זאָגן אַ גאַנץ קלוגע, אַ בר־דעת, אַ גאַנצער מאַנצביל — און דאָס איז ערשט דער רעכטער חסרון: אוי, נישט גוט, הערט איר, אַז דאָס ווײַב איז אַ מאַנצביל! טויזנט מאָל קלוג — אַז דער אייבערשטער האָט פּאָרט באַשאַפן פריִער אָדם הראשונען און נאָכדעם שוין חוהן. גייט־זשע אָבער רעדט מיט איר, זאָגט זי: „וואָס דער אייבערשטער האָט באַשאַפן פריִער אײַך און נאָכדעם אונדז — דאָס איז, זאָגט זי, זײַן עסק; נאָר דאָס, זאָגט זי, וואָס ער האָט מיר, זאָגט זי, אַרײַנגעגעבן אין פּיאַטע מער שכל, ווי דו האָסט אין קאָפּ, בין איך אין דעם, זאָגט זי, כּלל נישט שולדיק". „אַקעגן וואָס, זאָג איך, איז דאָס געקומען צו רייד?" „אַקעגן דעם, זאָגט זי, איז דאָס געקומען צו רייד, וואָס פאַר אַלצדינג דאַרף מיר דאַרן דער קאָפּ; אַפילו דאָס קינד, זאָגט זי, אַרײַנגעבן אין גימנאַזיע באַדאַרף אויך אין זינען האָבן איך". „ווּ שטייט דאָס, זאָג איך, געשריבן „גימנאַזיע"? איך קאָן נישט באַשטיין, זאָג איך, אַז ער זאָל די תורה אויסלערנען אין דער היים?" „איך האָב דיר שוין טויזנט מאָל, זאָגט זי, געזאָגט, אַז דו וועסט בײַ מיר נישט פּועלן, איך זאָל, זאָגט זי, גיין קעגן דער וועלט; די וועלט איז זיך, זאָגט זי, נוהג, אַז קינדער גייען הײַנט אין גימנאַזיע". „נאָך מײַן שכל, זאָג איך, קוּמט־אויס, אַז די וועלט איז משוגע". „נאָר דו איינער, זאָגט זי, ביסט אַ קלאָרער! די וועלט, זאָגט זי, זאָל גיין מיט דײַן שכל, וואָלט זי טאַקע געהאַט אַ שיין פּנים!" „איטלעכער מענטש, זאָג איך, גייט זיך מיט זײַן שכל. „מײַנע שונאים, זאָגט זי, און מײַנע פרײַנטס שונאים מעגן דאָס פאַרמאָגן אין קעשענע, אין קאַסטן און אין שאַפע, וואָס דו פאַרמאָגסט אין קאָפּ, וואָלט שוין דעמאָלט געווען אַף איין אופן". „אַז אָך און ווי איז, זאָג איך, דעם מאַנצביל, אַז אַ נקבה דאַרף אַף אים זאָגן מבינות!"... „אַז אָך און ווי איז, זאָגט זי, דער נקבה, וואָס האָט אַזאַ מאַנצביל, וואָס די נקבה זאָל דאַרפן זאָגן אַף אים מבינות!"... הײַנט גייט טענהט זיך אויס מיט אַ ווײַב! אַז איר זאָגט איר דאָס, ענטפערט זי אײַך בוידעם, איר זאָגט איר אַ וואָרט, גיט זי אײַך אויסגאַב צוועלף,

און טאָמער שוויַיגט איר איר אָפּ, הייבט זי גאָר אָן צו וויינען, אָדער זי נעמט, איך בעט איבער איַיער כבוד, און פאַלט חלשות — זעט איר, דעמאָלט בין איך איַיך שוין אוודאי מקנא! בקיצור, אַהין־אַהער, אויס־געפירט האָט זי, נישט איך. וואָרעם לאָמיר זיך נישט נאַרן, אַז זי וויל, איז עפּעס אַ תירוץ?...

על־כּפּנים, וואָס זאָל איך איַיך דערציילן? — גימענאַזיע! מע באַ־דאַרף, הייסט עס, זיך נעמען־צוגרייטן אים, ער זאָל אַריַין, ראשית חכמה, אין „מלאַדשי פּריגאָטאָוויטעלנע". אוודאי איז עס אַ גרויסע תורה: אַ קלייניקייט — „מלאַדשי פּריגאָטאָוויטעלנע"! דאַכט מיר, אַז באַ אונדז אַ ליאַדע חדר־ייִנגל, אַ דרדקי, וועט זיי אַלע פאַרשטעקן אין גאַרטל. ובפרט נאָך אַזעלכער, ווי מיַינער, וואָס מע זאָל אויספאָרן אַן אימפּעריע, וועט איר נישט געפינען דעם צווייטן! איך בין דאָך אַ פּאָטער, נישט שיַיך צו זאָגן; נאָר יענער האָט אַ קאָפּ, וואָס סע עקט זיך די וועלט! וואָס טויג איַיך לאַנגע רייד, ער איז אַוועקגעגאַנגען און האָט זיך געשטעלט און האָט געהאַלטן און האָט... נישט אויסגעהאַלטן. וואָס איז די מעשה? ער האָט געכאַפּט אַ צוויי פאַר רעכענען. ער איז, זאָגן זיי, שוואַכלעך אינעם חשבונען, אין „חכמת המאַטעמאַטיקע" הייסט עס. ווי געפעלט איַיך אַזאַ געשיכטע? יענער האָט אַ קאָפּ, וואָס סע עקט זיך די וועלט, מע זאָל אויספאָרן אַן אימפּעריע, דערציילן זיי מיר מעשיות — מאַטעמאַטיקע! בקיצור, ער האָט נישט אויסגעהאַלטן! האָט דאָס מיך אוודאי זייער גוט פאַרדראָסן: ער איז שוין געגאַנגען האַלטן, נעכטיבי וואָלט ער אויסגע־האַלטן. נאָר איך בין דאָך אַ מאַנצביל, נישט קיין נקבה, האָב איך מיך מיישב געווען: אַ שיינע ריינע כּפּרה, אַ ייִד איז געווינט געוואָרן... גייט־זשע אָבער שמועסט מיט איר, אַז זי האָט זיך אַריַינגענומען אין קאָפּ אַ משוגעת: איין מאָל פאַר אַלע מאָל — גימענאַזיע! טענה איך מיט איר: „זאָג מיר, זאָג איך, זאָלסט מיר זיַין געזונט, צו וואָס, זאָג איך, דאַרפסטו דאָס? צו פּריזיוו? — איז ער, ברוך השם, אַ באַוואָרנטער, זאָג איך, אַן איינאָונאַייניצקער. צו פּרנסה? — באַדאַרף איך עס, זאָג איך, אויף אַף כּפּרות: וואָס אַרט מיך, זאָג איך, אַז ער וועט זיַין אַ קרעמער גלַיַיך מיט מיר, צי אַזוי אַ סוחר, ווי אַלע ייִדן? און טאָמער איז אים, זאָג איך, חלילה באַשערט צו זיַין אַ נגיד, אַ באַנקיר, בין איך, זאָג איך, אויך נישט בדלות". אַזוי טענה איך מיט איר. הערט עפּעס די וואַנט?

„גלײַכער אזוי, וואָס ער איז, זאָגט זי, נישט אַרײַן אין מלאדשי פּריגאָ־טאָוויטעלנע". „וואָס איז דען?" „אזוי, זאָגט זי: ער וועט שוין, זאָגט זי, בעסער אַרײַן גלײַך אין סטאַרשע פּריגאָטאָוויטעלנע". מילא, סטאַרשע פּריגאָטאָוויטעלנע איז סטאַרשע פּריגאָטאָוויטעלנע. עס שפּילט בײַ מיר אוודאי אַ גרויסע ראָלע, אַז יענער האָט אַ קאָפּ, מע זאָל אויסשפּאָרן אַן אימפּעריע! וואָס לאָזט זיך אויס דער סוף? ס'איז געקומען צו דעם רעכטן שפּיל — ווידער אַ צוויי. שוין נישט פּאַר מאַטעמאַטיקע; אַ נײַער אומגליק: דאָס אויסלייגעכטס איז בײַ אים נישט ווי מע באַדאַרף, דאָס הייסט, לייגן לייגט ער אויס גוט, נאָר וואָס דען? אַף איין אות איז ער אַביסל דאַסיק: אַף דער „בוקווע יאַטי". דאָס הייסט, שטעלן שטעלט ער אים, דעם „יאַטי", פאַר וואָס זאָל ער אים נישט שטעלן? דער חסרון, זאָגן זיי, ער שטעלט אים נישט דאָרט, וווּ מע באַדאַרף. בין איך בדלות! איך ווייס גאָר נישט, הערט איר, ווי אזוי וועל איך קאָנען פאָרן קיין פּאָלטאַווע און קיין לאָדז אַפן יריד, אַז טאָמער וועט ער חלילה נישט שטעלן דעם „יאַטי" אָט דאָרטן, וווּ זיי ווילט זיך! הכלל, אַז מע האָט אונדז אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, האָט זי דאָך מסתמא אײַנגעלייגט די וועלט; געפלויגן צום דירעקטאָר, געטענהט, אַז ער קאָן, ער יכולט: אַ סימן, זאָגט זי, אָט לאָז מען אים אַרײַנרופן און פאַרהערן איבעראַנײַס, נאָך אַ מאָל פונעם אָנהייב. האָט מען זי דאָך געהערט מסתמא ווי דעם פאַראַ־יאָריקן שניי — געשטעלט אַ צוויי, און נאָך אַ מין צוויי, מיט אַ מינוס אַ צוויי, און גיי רוף מיך קנאַקניסל! אַ גוואַלד, אַ געפילדער: סטײַטש, ווידער נישט אויסגעהאַלטן! זאָג איך צו איר: „נו, אם־כן, זאָג איך, וואָס זאָל מען טאָן? באַדאַרף מען זיך, זאָג איך, טאַקע נעמען דאָס לעבן?! אַ ייִד, זאָג איך, איז געוווינט געוואָרן"... ווערט זי דאָך מסתמא אָנגעצונדן און הייבט דאָך אָן מסתמא צו פײַערן, באַגראָבן און שילטן, ווי זיי קאָנען... נאָר דאָס בין איך אײַך מוחל. אַ רחמנות איז נעבעך געווען אַף אים, אַפן קליינעם, אַ צער בעלי־חיים. סטײַטש, אַזאַ אומגליק: אַלע וועלן זיך אָנטאָן אין ווײַסע קנעפּלעך, און ער נישט!... טענה איך מיט אים: „שוטה איינער וואָס די ביסט! פּרא־אָדם! ס'איז דען אַ היכי־תמצא, זאָג איך, אַז די גאַנצע וועלט זאָל אַרײַן? נאַרעלע, עמעצער מוז דאָך, זאָג איך, בלײַבן אינדערהיים אויך, צי ניין? עלעהיי, זאָג איך, צום פּריזיוו"... ווערט זי מלא כעס און פאַלט אָן אַף מיר מיט אַ גוואַלד:

„אַ שײנער בעל־רחמניק, זאָגט זי. װער בעט דיך, זאָגט זי, זאָלסט אים טרײסטן מיט אַזעלכע קלוגע דבורים? דו זע בעסער, זאָגט זי, מע זאָל פֿון זײַנעטװעגן קריגן עפּעס אַ רעכטן לערער, זאָגט זי, אַ באַזונדערן, אַ רוסישן, אױף גראַמאַטיקע!"...

איר הערט װערטער? שױן צװײ לערערס זאָל איך האַלטן; אײן לערער מיט אײן מלמד איז קאַרג! בקיצור, אַהין־אַהער, אױסגעפֿירט מסתמא האָט זי, נישט איך. װאָרעם אַז זי װיל, איז עפּעס אַ תּירוץ?...

על־כּפּנים, װאָס זאָל איך אײַך דערצײלן? מע האָט צוגענומען אַ נײַעם לערער, אַ רוסישן שױן, נישט חלילה קײן ייִדישן, פֿע!! נאָר טאַקע אַ גױ ממש. װאָרעם גראַמאַטיקע, פֿאַרשטײט איר מיך, אין ערשטן קלאַס אַרײַן — דאָס איז דאָך האַרבער פֿון כרײן. אַ קלײניקײט — גראַמאַ־טיקע! „בוקווע יאַטי"! מילא, איך זאָל אײַך דערצײלן פֿונעם לערער, װאָס גאָט האָט אונדז צוגעשיקט, איז גאָר אַ בזיון אױסצוזאָגן. מיר האָבן געהאַט פֿון אים אָפּגעשניטענע יאָר. ער האָט אונדז אַלעמען גע־מאַכט מיט דער בלאָטע גלײַך, געלאַכט און געשפּעט פֿון אונדז אין די אױגן. למשל, ער האָט, ברענען זאָל ער, קײן אַנדער זאַך אים נישט גע־קאָנט אױסקראַצן, בשעת לערנען מיט אים גראַמאַטיקע, װי קנאָבל: „טשאַסנאָק, טשאַסנאָקאַ, טשאַסנאָקו, טשאַסנאָקאָיו" — דער רוח זאָל אים נעמען! װען נישט זי, װאָלט איך אים אָנגענומען פֿאַרן גאָרגל און װאָלט אים אַרױסגעװאָרפֿן צו אַלדי שװאַרצע יאָר מיט זײַן שײנער גראַ־מאַטיקע! באַ איר איז אָבער אַלצדינג געװען כדאי. װאָס איז? ער װעט װיסן, װוּ מע דאַרף שטעלן אַ „יאַטי" און װוּ נישט. מאָלט אײַך. מע האָט אים דעם װינטער געגנוג אָנגעמוטשעט, און ערשט אַרום שבועות האָט ער באַדאַרפֿט גײן צו דער שחיטה. געקומען נאָך שבועות, איז ער געגאַנגען און געשטעלט זיך און געבראַכט צו טראָגן אַהײם שױן נישט קײן צװײ, נאָר אַ פֿיר מיט אַ פֿינף. אַ שמחה, אַ גדולה — מזל־טוב! מזל־טוב?... שאַט, כאַפּט זיך גאָר נישט אַזױ מיטן מזל־טוב! מע װײס נאָך נישט אַקוראַט, צי ער איז אַרײַן; דאָס װעט מען ערשט װיסן אַרום אױגוסט. פֿאַר װאָס נישט באַלד? גײט פֿרעגט זײ! נאָר װאָס זאָל מען טאָן? אַ ייִד איז געװױנט געװאָרן...

געקומען אױגוסט, איך טו אַ קוק — מײַנע רוט נישט; פֿונעם דירעקטאָר צום ספּעקטאָר, פֿונעם ספּעקטאָר צום דירעקטאָר. „װאָס לױפֿסטו

הײנט אַרום, זאָג איך צו איר, װי אַ פּאַרסמטע מויז, זאָג איך, פון שמונין צו בונין?״... „װאָס הייסט, זאָגט זי, װאָס איך לויף? ביסט נישט קיין היגער? דו װייסט, אפנים, נישט, זאָגט זי, װאָס עס טוט זיך אָפּ הײַנטיקע יאָרן, זאָגט זי, אין די גימענאַזיעס מיט די פּריצעגטן?״... כך הווה — װאָס לאָזט זיך אויס? ער איז דאָך טאַקע נישט אַרײַן! פאַר װאָס, װילט איר װיסן? דערפאַר, װאָס נישט קיין צװיי פינפן. ער זאָל געװען, זאָגן זיי, האָבן צװיי פינפן, װאָלט ער אפשר, זאָגן זיי, אַרײַן. איר הערט? — אפשר! געפעלט אײַך דער „אפשר״? מילא, װאָס איך האָב געהאַט פון איר — דאָס בין איך אײַך מוחל. אַ רחמנות איז נעבעך געװען אָף איס, אָפּן קליינעם; ליגט מיטן פּנים אין קישן און הערט נישט אויף צו װיינען. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז מע האָט אים געמוזט נעמען אַ נײַעם לערער, טאַקע אַ סטודענט פון דער גימענאַזיע, און מע האָט אים גענומען צור גרייטן שוין אין דעם צװייטן קלאַס אַרײַן, נאָר באופן אחר, װאָרעם צװייטע קלאַס איז נישט קיין שפּילעכל: אַהינצוצו דאַרף מען שוין, אַ חוץ מאַטעמאַטיקע און גראַמאַטיקע, אויך געאָגראַפיע, מיט טשיסטאָפּיסאַניע, מיט איך װיים אַליין נישט װאָס! כאָטש אַז מע װיל צוריק, נאָט אײַך דרײַ גראָשן; אַ שטיקל מהרש״א איז אַ סך שװערער פון אַלע זייערע לערנעכטסן, און אפשר שכלדיקער אויך. נאָר װאָס זאָל מען טאָן? אַ ייִד איז געװוינט געװאָרן...

בקיצור, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה אוראָקן: אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי — די אוראָקן. אָפּגעדאַװנט און איבערגעביסן — די אוראָקן. אַ גאַנצן טאָג — אוראָקן. ביז שפּעט באַנאַכט הערט מען װי ער טאַראַ־באַנעט: „אימעניטעלנע־דאַטעלנע, סלאָזשיטעלנע־װיטשיטאַטעלנע״ — עס גרילצט אַזש אין די אויערן! װער עסן? װאָס שלאָפן? „גענומען נעבעך אַ נפש, זאָג איך, און מע מוטשעט אים אומזיסט - אומנישט! ס'איז זאָג איך, אַ צער בעלי־חיים, דאָס קינד, זאָג איך, װעט חלילה קראַנק װערן!״ „בײַס זיך אָפּ, זאָגט זי, די צונג!״ װאָס טויג אײַך, ער איז אָװעקגעגאַנגען װידער אַ מאָל צו דער שחיטה און ער האָט געבראַכט צו טראָגן גאַלע פינפן! װאָס דען? יענער האָט אַ קאָפּ, מע זאָל אויספּאָרן אַן אימפּעריע! איז, דאַכט זיך, גוט? איאָ? געקומען צום שפּיץ, מע האָט אַרויסגעהאַנגען אין דער גימענאַזיע די נעמען פון אַלע צוגענומענע קינדער אָף דער װאַנט, מע טוט אַ קוק — נישטאָ מײַנער! אַ גװאַלד, אַ

געשריי: סטײַטש, אזא רציחה! גאָלע פינפן!!! אַט וועט זי גיין, אַט וועט זי לויפן, אַט וועט זי זיי אזוי און אזוי!... בקיצור, זי איז געגאַנגען און געלאָפן — אזוי לאַנג, ביז מע האָט זי געבעטן, זי זאָל אויפהערן דולן אַ קאָפּ, דאָס הייסט, מע האָט זי פּשוט, צווישן אונדז רײדנדיק, מחילה, דורכגעטריבן. און אַז מע האָט זי דורכגעטריבן, איז זי ערשט דעמאָלט אַרײַנגעפאַלן אין שטוב אַרײַן מיט אַ גוואַלד עד לב השמים: „סטײַטש, זאָגט זי, וואָס פאַר אַ פּאַטער ביסטו? דו זאָלסט זײַן, זאָגט זי, אַ געטרײַער פאָטער, אַ וואַרעמער, אזוי ווי אַנדערע פּאַטערס, וואָלסטו, זאָגט זי, אויך געפונען זכות־אבות, אַזוי ווי אַנדערע, צום דירעקטאָר, פּראָטעקציעס, קענטשאַפטן!“... געפעלט אײַך אַן אײַנפאַל פון אַ ייִדענע? „קאַרג, אַפּנים, וואָס איך טראָג אָפּן קאָפּ די זמנים מיט די ירידים, מיט די קוויטלעך, מיט די וועקסלען, מיט די פּראָטעסטן, מיט די איבעריקע צרות? צי דו ווילסט אפשר, זאָג איך, איך זאָל זײַן אַן אָנזעצער איבער דײַן גימענאַזיע מיט דײַנע קלאַסן, וואָס ליגן מיר שוין, זאָג איך, אָט אדאָ?!“... וואָרעם מע איז דאָך, ווי זאָגט איר, נישט מער ווי אַ מענטש, און איטלעכער מענטש האָט דאָך אַ גאַל, שיסט מען אויס... נאָר אויסגעפירט האָט מסתמא זי, נישט איך. וואָרעם אַז זי וויל, איז עפּעס אַ תירוץ?...

על־כּפּנים, וואָס זאָל איך אײַך דערציילן? איך האָב גענומען זוכן זכות־אבות, קענטשאַפט; איך האָב מיר געשוואַרצט דאָס פּנים, געליטן בזיונות, וואָרעם יעדער פרעגט אַ קשיה, און איז גערעכט. „איר זײַט, קיין עין־הרע, זאָגן זיי, רב אהרן, אַ ייִד אַ בעל־הבית און האָט איין שטיקל בן־יחיד, — וועלכער גוטער יאָר טראָגט אײַך, איר זאָלט זיך מיט אים שטופּן ווו מע דאַרף נישט?“... נו, גיי דערציילט זיי מעשיות, אַז איך האָב מײַן אייגנס אַ ווײַב ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, וואָס האָט זיך אַרײַנגענומען אַ משוגעת אין קאָפּ אַרײַן: גימענאַזיע און גימענאַזיע און גי־מע־נאַ־זיע! וואָס טויג אײַך, איך בין, ווי איר זעט מיך אָטאָ, אַליין אויך נישט פון די גרויסע שלימזלניקעס. איך האָב מיר מיט גאָטס הילף אויסגעטראָטן אַ שטיקל וועג, גלײַך אהין ווו מע באַדאַרף, און האָב מיך דערשלאָגן צום אָדון־בפקדך אין קאַבינעט אַרײַן, צום דירעקטאָר הייסט עס, און האָב מיך אָוועקגעזעצט מיט אים אײַנטענהן, אַזוי און אַזוי — איך קאָן, ברוך השם, ריידן מיט אַ פּריץ, אַז איך וויל, די צונג פּיקן באַדאַרף מען מיר נישט. „טשטאָ וואָס אוגאָדנאָ?“ —

פרעגט ער מיך און בעט מיך זיצן. זאָג איך אים שטיל אפן אויער:
„גאָספּאָדין דרעקטאָר, זאָג איך, מי, זאָג איך, ליודי נע באָגאַטיע, נאָ
או נאַס, זאָג איך, יעסט, מאַלענקע סאָסטאָיאַניע אי אָדין כאַראַשעי זאַ־
מעטשאַטעלנע, זאָג איך, מאַלטשיק, קאַטאָרע, זאָג איך, כאָ־
טשעט אוטשיטסאַ; אי יאַ, זאָג איך, כאָטשו; נאָ מאָיאַ זשענאַ, זאָג איך,
אָטשען כאָטשעט;”... מאַכט ער צו מיר נאָכאַמאָל: „טשטאָ וואַס או־
גאָדנאָ?” זאָג איך צו אים נאָכאַמאָל און רוק מיך צו צו אים נאָך
נענטער: „פּריצוניו, זאָג איך, מי, זאָג איך, ליודי נע באָגאַטיע, נאָ או
נאַס, זאָג איך, יעסט, זאָג איך, מאַלענקע סאָסטאָיאַניע אי
אָדין כאַראָשעי, זאַמעטשאַטעלנע מאַלטשיק, קאַטאָרע, זאָג איך, כאָטשעט
אוטשיטסאַ; אי יאַ, זאָג איך, כאָטשו; נאָ מאָיאַ זשענאַ, זאָג איך, אָטשען
כאָטשעט!”... און קוועטש אים דעם „אָטשען”, ער זאָל מיך פאַרשטיין...
איז דאָך עס אָבער אַ גוייִשער קאָפּ, שטויסט ער זיך נישט וואָס איך מיין,
און מאַכט צו מיר שוין מיט כעס: „טאַק טשאָ־זשע וואַס אוגאָדנאָ?!”
גיי איך און לייג אַריין די האַנט אין קעשענע פּאַוואָלינקע און נעם־אַרויס
פּאַוואָלינקע און מאַך צו אים פּאַוואָלינקע: „איזוויניטיע, גאָספּאָדין
דרעקטאָר, מי, זאָג איך, ליודי נע באָגאַטיע, נאָ או נאַס, זאָג איך, יעסט
מאַלענקע, זאָג איך, סאָסטאָיאַניע אי אָדין כאַראָשעי, זאַמעטשאַטעלנע
מאַלטשיק, קאַטאָרע, זאָג איך, כאָטשעט אוטשיטסאַ; אי יאַ, זאָג איך,
כאָטשו; נאָ מאָיאַ זשענאַ, זאָג איך, אָטשען כאָטשעט!” און קוועטש
דעם „אָטשען” נאָך שטאַרקער, און נעם און רוק אים אַרייַן... בקיצור
— יאָ! ער האָט פאַרשטאַנען וואָס איך מיין, און גייט און נעמט־אַרויס
אַ ביכעלע און פרעגט מיך אויס, ווי אַזוי איך הייס, און ווי אַזוי הייסט
דער זון מייַנער, און אין וואָסער קלאַס וויל איך, ער זאָל אַרייַן?... קלער
איך מיר: „אָט אַזוי־זשע רייד!” און איך מאַך אים קלאָר, אַז הייסן
הייס איך כץ, אהרן כץ, און מייַנער הייסט משה, מאָשקע הייסט עס, און
אַרייַן, וויל איך, זאָל ער אין דריטן קלאַס. רופט ער זיך אָן צו מיר:
וויבאַלד אַז איך הייס כץ און מייַן זון הייסט משה, מאָשקע הייסט עס,
און וויל אַרייַן אין דריטן קלאַס, זאָל איך אים ברענגען, זאָגט ער, צו
פירן אין יאַנואַר, וועט ער דעמאָלט געוויס אַרייַן. איר פאַרשטייט? שוין
גאָר אַנדערע דבורים! אַפנים, אַז מע שמירט, פאָרט מען?... דער חסרון

איז נאָר, וואָס נישט באַלד. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? מע הייסט וואַרטן, דאַרף מען וואַרטן. אַ ייִד איז געוווינט געוואָרן...

געקומען יאַנואַר — ווידער אַמאָל אַ טאַרעראַם, אַ לויפעניש אַהין, אַהער, הײַנט־מאָרגן דאַרף זײַן אַן אַסיפה, אַ סאָוועט הייסט דאָס. עס וועלן זיך צונויפקלײַבן דאָרטן דער דירעקטאָר מיטן ספּעקטאָר מיט אַלע לערערס פון דער גימנאַזיע, און ערשט נאָך דער אַסיפה, נאָכן סאָוועט הייסט דאָס, וועט מען וויסן, צי ער איז אַרײַן, צי ניין. געקומען צו דער רעכטער אַרבעט — מײַנע איז נישטאָ אינדערהיים; נישטאָ קיין וואַרע־מעס, נישטאָ קיין סאַמאָוואַר. נישטאָ גאָרנישט. ווו איז זי ערגעץ? זי איז אין גימנאַזיע איז זי. דאָס הייסט, נישט אין גימנאַזיע, נאָר בײַ דער גימנאַזיע; דרייט זיך אַרום אין דרויסן אַפן פראָסט פון גאַנץ פרי אָן און וואַרט, ביז מע וועט זיך צעגיין פון דער אַסיפה, פונעם סאָוועט הייסט דאָס... דער פראָסט ברענט, אַ זאַווערוכע, ס'קערט די וועלט — און זי דרייט זיך אַרום אין דרויסן בײַ דער גימנאַזיע און וואַרט. אַ שיינע מעשה! דאַכט מיר, דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז וויבאַלד מע זאָגט־צו, איז מסתמא הייליק, ובפרט... איר פאַרשטייט? נאָר גיים רעדט מיט אַ ייִדענע! בקיצור, זי וואַרט אַ שעה, ווי וואַרט צוויי, זי וואַרט דרײַ, זי וואַרט פיר; אַלע קינדער זײַנען זיך שוין לאַנג צעגאַנגען אַהיים פון דער גימנאַזיע, און זי וואַרט נאָך. וואָס טויג אײַך, זי האָט אָבער אַזוי לאַנג געוואַרט, ביז זי האָט זיך פאַרט דערוואַרט: עס עפנט זיך די טיר און עס גייט־אַרויס פון דאָרטן איינער פון די לערערס. שפּרינגט זי צו צום לערער און טוט אים אַ כאַפּ, צי ווייסט ער נישט, מיט וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט די אַסיפה, דער סאָוועט הייסט דאָס? זאָגט ער: פאַר וואָס זאָל ער נישט וויסן? מע האָט, זאָגט ער, צוגענומען אַרום פינף־און־אַכציק קינדער, דרײַ־און־אַכציק קריסטלעכע און צוויי ייִדישע. פרעגט זי: וועמען? זאָגט ער: איינעם אַ שעפּסלזאָן און איינעם כּץ. דערהערט דעם נאָמען כּץ, מײַנע — פּײַל אויסן בויגן, פאַלט־אַרײַן אין שטוב אַרײַן מיט אַ גדולה: „מזל־טוב! איך דאַנק דיר, רבונו של עולם! איך דאַנק דיר! צוגענומען! צוגענומען!"... און בשעת מעשה שטייען איר טרערן אין די אויגן. מיר, פאַרשטייט זיך, טוט אוודאי אויך הנאה די מעשה, נאָר גיין טאַנצן בין איך נישט מחויב; דערויף בין איך דאָך עפּעס אַ מאַנצביל, נישט קיין נקבה... „איך זע־אַרויס, מאַכט זי צו מיר, אַז בײַ

דיר איז דאָס ווינציק וואָס אָנגעלייגט?״ „פֿון וואַנען, זאָג איך, לערנסטו דיר אַזוי דעם פּשט?״ „אַזוי, זאָגט זי, וואָרעם די ביסט אַ קאַלטער מלאך. דו זאָלסט, זאָגט זי, וויסן, ווי אַזוי דאָס קינד נעבעך צאַפּלט, וואָלסטו אַזוי נישט געזעסן. דו וואָלסט שוין לאַנג, זאָגט זי, געלאָפֿן אים באַשטעלן אַ מונדירל, זאָגט זי, און אַ היטעלע און אַ רענצעלע, זאָגט זי, און מאַכן, זאָגט זי, אַ סעודה פֿאַר גוטע פֿרײַנט״. „וואָס עפּעס פּלוצעם אַ סעודה אין מיטן דרינען, זאָג איך, ס׳איז אַ בר־מצווה? צי אַ קנס־מאָל?״ אַזוי מאַך איך צו איר גאַנץ רויִק, וואָרעם איך בין דאָך עפּעס אַ מאַנצביל, נישט קיין נקבה... ווערט זי ברוגז און הערט גאָר אויף צו ריידן! און אַ ווײַב אַז זי הערט אויף צו ריידן, איז דאָך טויזנט מאָל ערגער ווי געשאָלטן, וואָרעם אַז זי שילט, הערט מען כאָטש אַ קול פֿון אַ מענטשן, און אַזוי — גיי רייד צו דער וואַנט!... בקיצור, וואָס זאָלט איר דאָ קלערן? מסתמא האָט זי אויסגעפֿירט, נישט איך. וואָרעם אַז זי וויל, איז עפּעס אַ תירוץ?...

על־כּפּנים, מע האָט געמאַכט אַ סעודה, מע האָט צונויפֿגערופֿן פֿרײַנט און גוטע פֿרײַנט, און מײַנעם האָט מען אָנגעטאָן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, אַ מונדיר זייער אַ שיינעם מיט ווײַסע קנעפּלעך, אַ היטעלע און פֿון פֿאָרנט אַ צאַצקע — אַ גובערנאַטאָר!... אָן אים, אָנעם קליינעם הייסט עס, האָט מען באמת געהאַט אַ מצווה נעבעך, באמת אַרײַנגעזעצט אַ נײַע נשמה, ממש מחיה געווען. ער האָט געשײַנט, זאָג איך אײַך, ווי די זון אום תּמוז! דער עולם האָט געטרונקען לחיים, געווינטשעוועט: „ער זאָל לערנען געזונטערהייט און ענדיקן געזונטערהייט די גימנאַזיע, און זאָל גיין און גיין״... „עט, זאָג איך, דאָס איז דווקא נישט אַזוי נייטיק; מע וועט זיך באַגיין, זאָג איך, אָן דעם אויך. לאָז ער מיר נאָר דורכגיין די ערשטע עטלעכע קלאַסן גימנאַזיע, זאָג איך, מאַך איך אים חתונה, אם ירצה השם, מיט גאָטס הילף״... רופֿט זיך אָן מײַנע מיט אַ שמייכעלע און קוקט בשעת מעשה אויף מיר מיט אויגן: „זאָגט אים, אַז ער האָט, זאָגט זי, מחילה, אַ גרויסן טעות: ער גייט נאָך, זאָגט זי, מיטן אַלטן שניט״... „זאָגט איר, אַז איך זאָל, זאָג איך, האָבן די ברכות, וואָס דער אַלטער שניט איז, זאָג איך, געווען בעסער פֿונעם נײַעם שניט״... זאָגט זי: „זאָגט אים, אַז ער איז, לאָז ער מיר מוחל זײַן...״ ווערט צווישן עולם אַ געלעכטער: „אוי, זאָגן זיי, רב אהרן, האָט איר אַ ווײַב, קיין עין־הרע!

אַ קאַזאַק, נישט קיין װײַב!"... בתוך כך האָט דער עולם גענומען צו גלעזלעך װײַן, גוט אַ לעק געטאָן, איז מען געװאָרן, װי זאָגט ער, לעבע־דיק, און מע האָט געכאַפּט אַ רקודל גאָר אױף אַן אַנדער אופן; מע האָט אונדז גענומען ביידן אין קאָן אַרײַן, און דעם קליינעם אויך אין מיטן, און מע האָט געהעפּעט גאָר קיין מעשה נישט, טאַקע ביזן װײַסן טאָג אַרײַן. אינדערפרי זײַנען מיר אװעק מיט אים אהינצוצו. געקומען אהינ־צוצו, איז נאָך מסתמא פרי, צוגעשלאָסן טיר און טויער, נישטאָ, װי זאָגט ער, קיין משוגענער הונט אין דער װײַבערשער שול. אָנגעשטאַנען זיך אין דרויסן און גוט אָנגעפּרוּװירן זיך אױפן פראָסט, האָבן מיר זיך פשוט מחיה געװען, אַז מע האָט אונדז געעפנט די טיר און מע האָט אונדז, ברוך השם, אַרײַנגעלאָזט אינעװייניק. גיך האָבן אָנגעהויבן צונויפקומען זיך די חברה קליינװאַרג מיט די רענצלעך אױף די פּלייצעס. ס'איז גע־װאָרן אַ ליאַרעם, אַ טומל, אַ געראַדערײַ, מיט אַ הו־האַ — אַ יריד! בתוך כך קומט־צו צו אונדז עפּעס איינער מיט גאָלדענע קנעפּ, אַ לערער פון דער גימנעזיע װײַזט אויס, און מיט אַ בויגן פּאַפּיר אין די הענט, און טוט מיך אַ פרעג: װאָס דאַרף איך? װײַז איך אים אױף מײַנעם, אַז דאָס האָב איך אים געבראַכט צו פירן אין חדר, אין גימנע־נאַזיע הייסט דאָס. פרעגט ער מיך: אין װעלכן קלאַס? זאָג איך: אין דריטן; ערשט נישט לאַנג, זאָג איך, צוגענומען. פרעגט ער מיך: װי אַזוי איז דער נאָמען זײַנער? זאָג איך: קאַץ, משה קאַץ, דאָס הייסט — מאָשקע קאַץ. זאָגט ער: מאָשקע קאַץ? מאָשקע קאַץ איז בײַ אים ניטאָ אין דריטן קלאַס; פאַראַן, זאָגט ער, בײַ אים אַ קאַץ, אָבער ניט קיין מאָשקע, נאָר מאָרדוך קאַץ... זאָג איך: „קאַקאַי מאָרדוך? מאָשקע, אַ ניע מאָרדוך!" מאַכט ער צו מיר: „מאָרדוך", און טיטשעט מיר דאָס פּאַפּיר אין פּנים אַרײַן. איך אים: מאָשקע! און ער מיר: מאָרדוך! בקיצור, מאָשקע־מאָר־דוך, מאָרדוך־מאָשקע, מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג געמאָשקעט און געמאָר־דוכט, ביז מיר זײַנען געװאָר געװאָרן אַ שיינע מעשה: װאָס סע האָט גע־זאָלט זײַן מײַנעם, איז געװען יענעם. איר פאַרשטייט אַ חתונה? טעות גוי מותר... מע האָט טאַקע צוגענומען איינעם אַ קאַץ — יאָ! — נאָר על־פּי טעות, אַן אַנדערן, נישט אונדזערן. פאַראַן, פאַרשטייט איר מיך, צװיי קעץ בײַ אונדז אין שטאָט!...

װאָס זאָל איך אײַך זאָגן? איר האָט באַדאַרפט זען דאָס צער בעלי־

חיים פון מײַנעם, בשעת מע האָט אים געהייסן, מחילה, אראָפּנעמען די צאַצקע פונעם היטעלע! אַ כּלה צום באַדעקנס באַדאַרף געווים אַזוי פיל טרערן נישט פאַרגיסן, וויפל מײַנער האָט יענעם טאָג אויסגעגאָסן! וואָס איך האָב אים נישט געבעטן — נישט מיט גוטן, נישט מיט בייזן! „זעסטו, זאָג איך צו איר, וואָס דו האָסט אָנגעאַרבעט פאַר אַ חתונה? האָב איך דיר, זאָג איך, נישט געזאָגט, אַז דײַן גימענאַזיע איז פאַר אים אַ שחיטה? גאָט זאָל העלפן, זאָג איך, עס זאָל אונדז כאַטש, זאָג איך, אָפּלויפן גלאַט, ער זאָל דאָס חלילה, זאָג איך, נישט אויסקרענקען"... לאָזן מײַנע שונאים, זאָגט זי, קרענקען, אַז זיי ווילן. מײַן קינד, זאָגט זי, מוז אַרײַן אין גימענאַזיע! איז ער נישט אַרײַן, זאָג זי, איצטער, וועט ער אַרײַן אם ירצה השם, איבעראַיאָר; איז ער נישט אַרײַן, זאָגט זי, דאָ, וועט ער אַרײַן אין אַן אַנדער שטאָט — אַרײַן מוז ער, סײַדן, זאָגט זי, איך וועל חלילה צומאַכן אַן אויג און די ערד וועט מיך צו־דעקן!" — איר הערט דבורים? און ווער, מיינט איר, האָט אויסגע־פירט — איך, צי זי? לאָמיר זיך נישט נאַרן — אַז זי וויל, איז עפּעס אַ תירוץ?...

על־כּפּנים, איך וועל אײַך שוין קיין סך נישט מאריך זײַן. איך האָב מיך דאָס אַביסל אָנגעהעצקעט מיט אים, אויסגעווען מיט אים ווו די וועלט האָט אַן עק, ווו ערגעץ אַ שטאָט, ווו ערגעץ אַ גימענאַזיע — דאָרט זײַנען מיר געווען, זיך געשטעלט, געהאַלטן, און דווקא אויסגעהאַלטן, און דווקא גוט אויסגעהאַלטן, און דווקא נישט אַרײַן. פאַר וואָס? אַלץ איבער די פּריצענטן! איר מעגט מיר גלייבן, איך האָב מיך דעמאָלט אַליין אָנגעקוקט, ווי אַ משוגענעם: שוטה! וואָס? וואָס איז דאָס פלִיען, וואָס דו פליסט אַרום פון איין שטאָט אין דער אַנדערער? צו וועלכע גוטע יאָר באַדאַרפסטו דאָס האָבן? נו, און אַז ער וועט שוין אַרײַן, וואָס וועט דעמאָלט זײַן?" ניין, זאָגט אײַך וואָס איר ווילט — נצחון איז אַ גרויסע זאַך! ס'איז שוין באַ מיר אַליין אַרײַן אין אַ מין עקשנות, פאַרשטייט איר מיך, און דער אייבערשטער האָט רחמנות געהאַט און האָט מיר צוגעשיקט אין פּוילן אַ גימענאַזיע אַזעלכע אַ „קאָמערטשעס־קע", וואָס אַהינצוצו נעמט מען צו אַף איטלעכן קריסט, להבדיל, איינעם אַ יידן, סע מאַכט אויס אַזוי גרוים ווי פּופּציק פּריצענט הייסט עס. נאָר וואָס דען? יעדער ייִד, וואָס וויל, אַז זײַן קינד זאָל אַרײַן, מוז ער קומען

צו גיין מיט זײַן קריסט, איז אויב ער האַלט אויס, דער קריסט הייסט דאָס, און מע טראָגט־אַרײַן פֿאַר אים די קלינגערס, פּראַוואָאוטשעניע הייסט דאָס, איז דעמאָלט פֿאַראַן אַ שטיקל האָפֿענונג... אַנשטאָט איין פּעקל האָט מען דעמאָלט אױף זיך, הייסט דאָס, צוויי. איר פֿאַרשטייט? גענוג סע טריקנט מיר דער מח אױף מײַנעם, באַדאַרף מיר נאָך דאַרן דער קאָפּ אױף יענעמס, וואָרעם טאָמער האַלט נישט אויס חלילה עשו, איז דעמאָלט יעקב אין דער ערד... כך הווה. איידער איך האָב געקריגן דעם קריסט, איינעם אַ שוסטער, כאַליאַוואַ הייסט ער, איז מיר אָנגעקומען מיט גרינע ווערעם. צום סוף, ס'איז געקומען צו דעם רעכטן שפּיל, מיינט איר, אַז מײַן שוסטער איז נישט אַרײַן אין דער אדמה, אַזוי ווי קורח? און דווקא אױף „זאַקאָן באָזשע"! וואָס טויג אײַך, מײַנער האָט זיך נע־מוזט בכבודו ובעצמו אָװעקזעצן מיט אים חזרן „זאַקאָן באָזשע"... אײַ, די קשיא: ווי קומט מײַנער צו „זאַקאָן באָזשע"? דאָס זאָלט איר נישט פֿרעגן, וואָרעם אַז יענער האָט אַ קאָפּ, מע זאָל אויספֿאָרן אַן אימפּעריע, איז דאָך נישט שײַך!... בקיצור, גאָט האָט געהאָלפֿן די גוטע שעה, די גליקלעכע — זיי זײַנען ביידע אַרײַן. זײַט איר שוין פֿאַרטיק? געקומען צום אַרײַנשרײַבן אין די ביכער אַרײַן, אַרויסנעמען אַ קוויטאַנציע — מײַן גוי איז נישטאָ! וואָס איז די מעשה? ער וויל נישט, דער ערל, אַז זײַן זון זאָל זיך געפֿינען צווישן אַזוי פֿיל יהודים, כאַטש נעם גיב אים אַ קרענק! ער זאָגט: צו וואָס נוצט עס אים, אַז אַלע טירן זײַנען פֿאַר אים סײַ־ווי־סײַ אָפֿן און ער קאָן אַרײַן וווּהין ער וויל? און גייט זאָגט אים אפֿשר, אַז ער איז אומגערעכט! „וואָס־זשע, זאָג איך, ווילסטו, פּאַני כאַליאַוואַ?" זאָגט ער: „גאָרנישט". בקיצור, אַהין־אַהער, מענטשן, גוטע ברידער — מע איז אַוועק מיט אים אין אַ טראַקטיר, געמאַכט אַ כוסה, איינע און צוויי און דרײַ —איידער כ'האָב דערלעבט זען דאָס גוטע קוויטל, אַז ער איז אַרײַן, זײַנען מיר די אויגן אַרויסגעקראָכן, און דאַנקען השם יתברך, כ'האָב געמאַכט אַ ברכה „ברוך שפּטרני".

געקומען אַהיים — אַ נײַע צרה! וואָס איז שוין ווײַטער? מײַנע האָט זיך איבערגעלייגט און באַטראַכט: סטײַטש, אַן איינאַונאיינציקער, איין אויג אין קאָפּ, וועט ער זײַן דאָרטן, און מיר — דאָ? ווײַבאַלד אַזוי, צו וואָס טויג איר, זאָגט זי, איר וועלט? „וואָס־זשע, זאָג איך, ווילסטו, למשל?" זאָגט זי צו מיר: „וואָס זאָל איך וועלן? דו ווייסט נישט, וואָס

איך וויל? איך וויל, זאָגט זי, זײַן מיט אים". „נו? און די שטוב?" — זאָג איך. „די שטוב, זאָגט זי, איז אַ שטוב"... האָט איר עפּעס צו איר? וואָס טויג אײַך, זי האָט זיך אויפגעזעצט און איז אַוועקגעפאָרן מיט אים אַהינצוצו, און איך בין געבליבן איינער אַליין איבער דער גאַנצער שטוב. מאַלט אײַך אַ שטוב — אַזאַ יאָר אַף מײַנע שונאים! דאָס לעבן איז געוואָרן אויס לעבן, דאָס געשעפט איז געוואָרן אויס געשעפט. אַלצדינג איז געגאַנגען אָרצה, און מיר האָבן געהאַלטן אין איין שרײַבן בריוולעך; איך שרײַב צו איר, זי שרײַבט מיר אָפּ; בריוולעך אַהין, בריוולעך אַהער: „שלום לזוגתי היקרה"... „שלום לבעלי היקר"... „אין גאָטעס ווילן, שרײַב איך איר, וואָס וועט זײַן דער תכלית? מע איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש! אָן אַ בעל־הביתטע, משטיינס געזאָגט"... בקיצור, עס האָט מיר געהאָלפן, ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. אויסגעפירט מסתמא האָט זי, נישט איך. וואָרעם אַז זי וויל, איז עפּעס אַ תירוץ?...

על־כּפּנים, איך ענדיק אײַך שוין די מעשה. איך האָב מיך צעבראָכן, צעלאָמט, געמאַכט אַ תל פונעם געשעפט, אויסגעפאַרקויפט, בדיל־הדל געוואָרן, און האָב מיך אַריבערגעפעקלט, מחילה, אַהין, צו זיי. געקומען אַהין, צו זיי, אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך, ווו בין איך אין דער וועלט, שמעקן, אויסשמעקן, קוים מיט צרות איך האָב מיך אַרויפגעשלאָגן אַף אַ שטיקל דרך, געמאַכט אַ שטיקל שותפות מיט איינעם אַ סוחר, אפילו אַזוי אַ גאַנץ לײַטישער מענטש, אַ פײַנער בעל־הבית, אַ וואַרשעווער פון די נאַלעווקים, און אַ שטיקל גבאי אין שול; נאָר אין תוך אַרײַן אַ דרייער, אַ שווינדלער, אַ קעשענע־גנב — מיך שיער אומגליקלעך געמאַכט! פאַרשטייט איר שוין מסתמא, ווי דער קאָפּ איז מיר דעמאָלט געווען אין דער ערד? דערווײַל, איך קום צו גיין איינמאָל אַהיים, מײַנער גייט מיר אַקעגן עפּעס מאָדנע, רויטלעך אַפן פנים און אָן אַ צאַצקע אַפן היטל. מאַך איך צו אים: „הער נאָר, משהל, ווו איז ערגעץ די צאַצקע דײַנע?" מאַכט ער צו מיר: „וואָסער צאַצקע?"... זאָג איך: „דאָס קנעפּל". זאָגט ער: „וואָסער קנעפּל?"... זאָג איך: „דאָס קנעפּל, וואָס אַפן היטל; ערשט אַף יום־טוב געקויפט אַ נײַ היטל מיט אַ נײַער צאַצקע!"... ווערט ער נאָך רויטער ווי פריִער און מאַכט צו מיר: „אַראָפּגענומען"... זאָג איך: „וואָס הייסט אַראָפּגענומען?" זאָגט ער: „איך בין פרײַ"... זאָג איך: „וואָס הייסט דו ביסט פרײַ"... זאָגט ער: „מיר זײַנען אַלע פרײַ"... זאָג

איך: „וואָס הייסט איר זײַט אַלע פרײַ?" זאָגט ער: „מיר גייען שוין
נישט"... זאָג איך: „וואָס הייסט איר 'גייט שוין נישט?" זאָגט ער: „מיר
האָבן געמאַכט יד־אחת, מיר זאָלן נישט גיין"... זאָג איך: „וואָס הייסט
איר האָט געמאַכט יד־אחת? וואָס פאַר מאַכערס? וואָס פאַר יד־אחתני־
קעס? — זאָג איך, — דערויף האָב איך מיך טאַקע אויסגעבראַכט, מפקיר
געווען פון דײַנעטוועגן, דו זאָלסט נאָכדעם קאָנען מאַכן יד־אחת?! אַז
אַך און וויי, זאָג איך, צו דיר און צו מיר און צו אונדזע אַלעמען! גאָט
זאָל געבן, זאָג איך, עס זאָל זיך כאָטש נישט אויסלאָזן צו ייִדישע קעפּ,
וואָרעם אומעטום, זאָג איך, איז דאָך דער ייִד דאָס כפּרה־הינדל!"...
אַזוי מאַך איך צו אים און הייב אָן פײַערן, זאָגן מוסר, ווי געוויינטלעך
אַ פאָטער רעדט מיט אַ קינד. איז דאָך אָבער פאַראַן אַ ווײַב, זאָל מאַריך
ימים ונשים זײַן, קומט זי צו לויפן און ליגט מיר אוועק אַ מענה־לשון,
אַזוי און אַזוי, אַז איך בין שוין גאָר אויסגעוועבט געוואָרן, אַז איך הייב
נישט אָן צו וויסן, זאָגט זי, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, אַז עס איז
הײַנט געוואָרן, זאָגט זי, אַן אַנדער וועלט גאָר, אַ קלוגע וועלט, אַן אָפענע
וועלט, אַ פרײַע וועלט, אַ וועלט, זאָגט זי, פון אַלע גלײַך, אוים אָרעם,
אוים רײַך, אוים הארעלע־קנעכטעלע, אוים שעפעלע־שערעלע, אוים הינ־
טעלע־האַוקעלע, אוים קעצעלע־דראַפּעלע, אוים מײַזעלע־בײַסעלע... „טע־
טע־טע, זאָג איך, פון וואַנען האָט זיך גענומען צו דיר, מײַן ווײַב, אַזאַ
מאָדנע שפּראַך? עפּעס אַ נײַ לשון, זאָג איך, נײַע ווערטער! אפשר וואָלסטו
שוין, זאָג איך, אײַן אײַנוועגס אַרויסגעלאָזט די הינער, זאָג איך, פון דער
שטײַג, קיש־קיש, קורע נאַ סוואָבאָדע?"... ווערט זי אָנגעצונדן, גלײַך ווי
איך וואָלט אויף איר אויסגעגאָסן צען עמער זודיק וואַסער — און נגנו!
— ווי זיי קאָנען... מילא, מוז מען שוין אויסהערן די דרשה ביזן סוף.
איז אָבער דער חסרון, וואָס ס'איז אָן אַ סוף. „ווייסטו וואָס, זאָג איך,
שאַ, זאָג איך, אָבער לאָז זײַן גענוג, זאָג איך, און שלאָג מיך אין האַרצן:
חטאתי, זאָג איך, עויתי ופשעתי, זאָג איך, און אָן עק, זאָג איך. אַבי
לאָז זײַן שטיל!" וויל זי נישט הערן, נישט זען. „ניין, זאָגט זי, זי וויל
וויסן, למאי, און סטײַטש, און גוואַלד, און בפירוש, און אדרבה, און וואָס
הייסט עס, און ווי געשיקט זיך עס, און נאָכאַמאָל, און טאַקע נאָכאַמאָל
דאָס אײגענע!"...

. . . .
. . . .
. . . .

איך בעט אײַך — וועד האָט דאָס אויסגעטראַכט אַ... ווײַב?

ענדע געשיכטע נומער צוועלף.

געשריבן אין יאָר 1902

געשיכטע נומער דרייצן

פונעם פריזיוו

— פון וואנען איך פאר? — רופט זיך אן צו מיר א ייד א הויכער, א דארער, א בארדיקער, מיט א פלוסן היטל; ער האט נאר־וואס אפגע־דאוונט און לייגט־צונויף דעם טלית און תפילין. — פון וואנען איך פאר? אז אך און וויי איז מיר, איך פאר פונעם פריזיוו פאר איך. דאס איז מיינער טאקע א זון, אט דער יונגערמאן, וואס ליגט אט דא אויסגע־צויגן אף דער באנק. דאס פאר איך מיט אים פון יעהופעץ פאר איך. געווען בא אדוואקאטן זיך אן עצה האלטן, און אין איינוועגס בא פרא־פעסארן הארכן, וואס וועלן זיי זאגן וואס? א פריזיוו האט מיר גאט צו־געשיקט. פיר מאל געשטאנען, און נאך נישט פארטיק. און דווקא א בן־יחיד, איינאונאיינציקער הייסט דאס, א ריינער, אן אמתער, א כשרער פערוויזראדניק... וואס קוקט איר מיך אן וואס? ס'איז אייך פריקרע? איר מעגט דאס הארכן מעגט איר עס.

די היסטאריע פון דער געשיכטע איז אזא מעשה: אליין בין איך א מעזערעטשער פון מעזערעטש; א נולד בין איך, דאס הייסט א געבאָ־רענער, ווי מע זאגט, א מאזעפעווקער; א נכתב, א צוגעשריבענער הייסט דאס, א וואראטיליווקער; דאס הייסט, אמאל בין איך, נישט היינט גע־דאכט, געזעסן אין וואראטיליווקע בין איך, נאר היינט זיץ איך אין מעזערעטש. ווער איך בין און ווי אזוי איך הייס — איז אייך קיין גרויסע

נפקא־מינה, דאַכט מיר; נאָר מײַן זונס נאָמען מוז איך אײַך יאָ זאָגן וואָרעם עס געהער זיך אָן צום ענין, און שטאַרק! הייסן הייסט ער איציק, דאָס הייסט אברהם־יצחק, נאָר רופן רופט מען אים אַלטער; אַזוי האָט זי אים אַ נאָמען געגעבן, מײַנע זאָל געזונט זײַן, מחמת ער איז אַ ציטעריקער, איינאונאיינציקער איז ער, אַ בן־יחיד. דאָס הייסט, מיר האָבן געהאַט, אַ חוץ אים, נאָר אַ יינגל האָבן מיר געהאַט, אַ יינגערן פון אים מיט אַ יאָר אָדער אַנדערהאַלבן, אים צו לענגערע יאָר; ער האָט געהייסן אײַזיק האָט ער געהייסן. באַדאַרף זיך טרעפן אַן אומגליק, מע האָט אים קינדווײַז, אײַזיקן הייסט דאָס, איבערגעלאָזט איינעם אַליין (איך בין, נישט הײַנט געדאַכט, דעמאָלט נאָך געווען אַ וואָראַטילעווקער בין איך נאָך געווען, דאָס הייסט, איך בין געזעסן אין וואָראַטילעווקע); איז זיך מיישב דאָס קינד, אײַזיק הייסט דאָס, און קריכט־צו גלײַך אונ־טערן סאַמאָוואַר און גיסט־אויס אויף זיך אַ זודיקן סאַמאָוואַר, נישט פאַר אײַך געדאַכט, און קאָכט זיך אָפּ, אים צו לענגערע יאָר, אויף טויט קאָכט ער זיך אָפּ! פון דעמאָלט אָן איז ער, איציק, אברהם־יצחק הייסט דאָס ,געבליבן אַ בן־יחיד, און זי האָט אים פאַרצויגן, מײַנע זאָל געזונט זײַן, געגעבן אַ נאָמען אַלטער.

ווערט איר דאָך פרעגן: סטײַטש, אַ בן־יחיד, איינאונאיינציקער, וואָס געהער זיך אָן מיט אים אַ פּריזיוו, וואָס? הערסטו, אָט דאָס איז דאָך דער גאַנצער פּאַרדראָס! שאַ! אפשר מיינט איר, חס ושלום, אַז ער איז אַ געזונטער יונג, ווי עס גיט זיך אויס אַמאָל אַ קינד, וואָס וואַקסט אין ראָסקאָש? האָט איר אויך אַ טעות. איר ווערט פאַר אים קיין צוויי גראָשן נישט געבן; אַ פאַרזעעניש, אַ קראַנקער! שייך צו זאָגן אַ קראַנקער? קיין קראַנקער, חלילה, איז ער נישט, נאָר אַ געזונטער אוודאי נישט. אַן עבירה, ער שלאָפט איצטער, וויל איך אים נישט וועקן; אָט ווערט ער אויפשטיין, ווערט איר זען אַ סנאָסט פון אַ מענטשן, הויט און ביינער, לאַנג און שמאָל, אַ פּנימל ווי אַ פּײַג, גרוגרת דרבי צדוק, און אַ וווקס, משטיינס געזאָגט, אויסגעצויגן ווי אַ לולב, אינגאַנצן געראָטן אין איר, אין מײַנער, זאָל געזונט זײַן, אויך אַ הויכע און אַ מאָגערע, אַן איידעלע הייסט דאָס... הײַנט פרעג איך אײַך: באַדאַרף איך עפּעס אין זינען האָבן אַ פּריזיוו, אַז דין און לאַנג איז ער, טויגן טויג ער נישט, און אַ ווילגאָטשע האָט ער?

ס'איז געקומען צום פּריזיוו — ווער מיר ווילגאָטע? וואָס מיר ווילגאָטע? עס הייבט זיך גאָרנישט אָן! וואָס איז די מעשה? די מעשה איז אַ פּשוטע מעשה. דאָס אַנדערע ייִנגל מײַנס, אײַזיק, דער וואָס האָט זיך קינדווײַז, נישט פֿאַר אײַך געדאַכט, אָפּגעקאָכט מיטן סאַמאָוואַר, האָט מען פֿאַרגעסן, אַפּנים, אויסשטרײַכן פֿון די מעטריקעס. בין איך דאָך אַוועקגעלאָפֿן צום קאַזיאָנעם רב, צום שוטה, מיט אַ גוואַלד: „סטײַטש, גזלן, רוצח אײנער, וואָס האָט איר געהאַט צו מיר? למאַי האָט איר נישט אויסגעמעקט מײַן אײַזיקן למאַי?" פֿרעגט ער מיך, דער טיפּש: „ווער איז געווען דער אײַזיק?" „וואָס הייסט, זאָג איך, אײַזיקן ווייסט איר נישט? מײַן זון אײַזיק, דער וואָס האָט איבערגעקערט אויף זיך דעם סאַמאָוואַר", זאָג איך. „וואָסער סאַמאָוואַר?" — מאַכט ער. „גוט מאָרגן, זאָג איך, איר זײַט אַ היגער? אַ גוטער קאָפּ אויף אײַך! אויף אַזאַ קאָפּ, זאָג איך, איז קוט קנאַקן נים... ווער געדענקט נישט, זאָג איך, די מעשה מיט מײַן אײַזיקן, וואָס האָט זיך אָפּגעקאָכט מיטן סאַמאָוואַר? איך פֿאַרשטיי נישט, זאָג איך, וואָס זײַט איר דאָס פֿאַר אַ ראַבינער בײַ אונדז אין שטעטל, אַז קיין שאלות, זאָג איך, פּאַסקודעט איר נישט, דערויף איז פֿאַראַן, זאָג איך, אַ רב, זאָל מאריך ימים זײַן; איז, דאַכט זיך, אַ יושר, איר זאָלט כאָטש אַכטונג געבן, זאָג איך, אויף די געשטאָרבענע זאָלט איר; אלא נישט — צו וואָס באַדאַרף מען אײַך מיט אײַער טאַקסע?"... צום סוף, הערט וואָס ס'לאָזט זיך אויס. אומזיסט־אומנישט האָב איך אים אָפּגעזידלט, דעם שיינעם רב, וואָרעם די מעשה מיטן סאַמאָוואַר איז גאָר געווען נישט דאָ אין מעזערעטש, ס'איז גאָר געווען בשעת מיר זײַנען, נישט הײַנט געדאַכט, געזעסן אין וואָראָטילייווקע. איר פֿאַרשטייט אַ מעשה? ס'איז מיר גאָר אַרויסגעפֿלויגן פֿון קאָפּ איז דאָס מיר!

קיצור הדבר, וואָס טויג אײַך היסטאָריעס — זאַכן — מעשיות, ביז איך האָב מיך אַ ריר געטאָן, פּאַפּירן אַהער, פּאַפּירן אַהין, האָט מײַן אברהם־יצחק, איציק הייסט דאָס, וואָס מע רופֿט אים אַלטער, אָנגעווווירן די גאַנצע ווילגאָטע. נישטאָ קיין ווילגאָטע! נישטאָ קיין ווילגאָטע? שלעכט! אַ גוואַלד, אַ געפֿילדער, סטײַטש, אַ בן־יחיד, אײנאַונאײנציקער, אַ ריינער, אַן אמתער, אַ כשרער פּערוויזראַדניק, און אָן אַ שום ווילגאָטע! נאָר גיי שרײַ חי וקיים — פֿאַרפֿאַלן!

האָבן מיר דאָך אָבער אַ גרויסן גאָט אויף דער וועלט! גייט מײַן

אַלטער, איציק הייסט דאָס, און שלעפּט נישט אַרויס דעם גרעסטן זשע־רעב, נומער 699? די פּריסוטסטווע האָט זיך דעמאָלט געווגט. דער פּרינ־צעדאַטל אַליין האָט אים געגעבן אַ זעץ אין פּלייצע: „בראַוואָ, איצקאָ, מאָלאָדיעץ!״ די גאַנצע שטאָט האָט מיר מקנא געווען: נומער זעקס־הונ־דערט־ניין־און־ניינציק! אָט אַ גליק! מזל־טוב! מזל־טוב!... מיט מזל זאָלט איר לעבן! — פּונקט ווי איך וואָלט דאָ אויסגענומען דאָס גרויסע גע־ווינס, די רי״ש אלפים!

נאָר אונדזערע ייִדעלעך... ס'איז געקומען צום פּריִאָם — אַז מע האָט אָנגעהויבן צו בראַקעווען, בראַקעוועט מען נאָך! אַלע זײַנען גע־וואָרן מיט אַ מאָל ווײסטע פּינצטערע קאַליקעס; דער מיט אַזאַ חסרון, דער מיט אַזאַ חסרון...

קיצור הדבר, וואָס טויג אײַך היסטאָריעס — זאַכן — מעשיות, ס'איז אָנגעקומען צו מײַן זונס נומער 699, און מײַן איציק, אַלטער הייסט דאָס, האָט נעבעך געמוזט מיט זײַן כבוד שטעלן זיך צום פּריִאָם מיט אַלע שנײַדערס און מיט אַלע שוסטערס, און עס איז געוואָרן בײַ מיר אין שטוב אַ געוויין. שײַך זאָגן אַ געוויין? אַ יללה, חושך! מײַן ווײַב, זאָל געזונט זײַן, לייגט־אײַן די וועלט, די שנור חלשט: סטײַטש, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַ בן־יחיד, איינאונאיינציקער, אַ ריינער, אַן אמתער, אַ כשרער פּערוויזראָדניק — און אַן אַ פּיצל ווילגאָטע?! און ער, מײַן זון הייסט דאָס, גאָרנישט, גלײַך ווי נישט אים מיינט מען: „וואָס עס וועט זײַן מיט כל ישראל, וועט זײַן מיט רב ישראל״. — אַזוי זאָגט ער כלומרשט מיט אַ ווערטל, און דער פּופּיק בשעת מעשה ציי־טערט אים מסתמא גוט, וואָס זאָלט איר דאָ קלערן?

האָבן מיר דאָך אָבער אַ גרויסן גאָט אַף דער וועלט! פירט מען אַרײַן מײַן איציקן, מחילה, אַ נאַקעטן, נעמט דער דאָקטער באַטראַכטן מײַן איציקן, אַלטערן הייסט דאָס, אויסמעסטן אים אין דער לענג און אין דער ברייט, טאַפּן, קוקן, מוטשען, אַהער־אַהין — וואָס, משטיינס געזאָגט, אַז ער טויג ניט, דער הונט (דאָס הייסט, טויגן טויג ער, נאָר פּאַר קיין סאָלדאַט טויג ער נישט): ער באַפּט נישט סך־הכל קיין דריטהאַלבן ווערשקעס אין דער ברייט באַפּט ער נישט! ניע גאָדיען, אַ ווײַסער בי־ליעט... ווידער אַ מאָל אַ שמחה, אַ גדולה, מזל־טוב, מזל־טוב!... מיט מזל זאָלט איר לעבן!... צונויפגעקומען זיך די משפּחה, געשטעלט משקה,

געטרונקען לחיים. דאַנקען השם יתברך, געפּטרט דעם פּריזיוו!

נאָר אונדזערע ייִדעלעך... מיינט איר דאָך, אַז עס האָט זיך נישט געפונען אַ שייגעץ, וואָס איז אַ בעלן געווען מסרן אין דער גובערניע, אַז איך האָב „געשמירט״? וואָס טויג אײַך, ס'איז נישט אַוועקגעגאַנגען צוויי חדשים פונעם פּריזיוו, קומט מיר אָן אַ פּאַפּיר, אַז מע בעט מײַן איציקן, אַלטערן הייסט דאָס, ער זאָל זיך מטריח זײַן אַהינצוצו, אין דער גובערסקי פּריסוטסטוויע, נאָך אַ מאָל, „נאַ וואָספּיטאַניע״ הייסט דאָס. געפעלט אײַך, אַשטייגער, די גוטע שורה, האַ? אַ שיינע חתונה! מײַן ווײַב, זאָל געזונט זײַן, לייגט־אײַן די וועלט, די שנור חלשט: סטײַטש, סטײַטש, צוויי מאָל צום פּריזיוו, אַ בן־יחיד, איינאָונאַיינציקער, אַ ריינער, אָן אמתער, אַ כשרער פּערוויזראַדניק!

קיצור הדבר, וואָס טויג אײַך היסטאָריעס — זאַכן — מעשיות, אַז מע רופט אין דער גובערניע אַרײַן, קאָן מען קיין חזיר נישט זײַן און מע מוז פאָרן. געקומען אין דער גובערניע, הייב איך דאָך מסתמא אָן אַרומלויפן, אַהין־אַהער, טאָמער זכות־אָבות, אַ גוט וואָרט — גיי שרײַ „אני שלמה״, דערציייל יענעם אַ מעשה, אַ בן־יחיד, איינאָונאַיינציקער, און נישט קיין געזונטער דערצו, — מאַכט ער נאָך דאָס גרעסטע געלעכטער! און מײַן זון? אַ שענערן לייגט מען אין קבר אַרײַן. נישט מחמת דער פּריזיוו; ער הערט, זאָגט ער, דעם פּריזיוו הערט ער אין דער לינקער פּיאַטע; אויב ס'איז אים באַשערט, זאָגט ער, דינען וועט ער דינען; נאָר וואָס דען? ער קאָן נישט איבערטראָגן אונדזערע יסורים קאָן ער נישט, דאָס הייסט, די יסורים פון די ווײַבער קאָן ער נישט צוזען: אַ גובערסקי פּריסוטסטוויע, אַ קשיה אויף אַ מעשה, טאָמער, איך ווייס? ס'איז דאָך נאָר אַ גורל, ווי זאָגט איר, אַ לאָטעריע איז דאָך עס!

האָבן מיר דאָך אָבער אַ גרויסן גאָט אויף דער וועלט! מע האָט אַרײַנגעפירט מײַן איציקן, אַלטערן הייסט דאָס, אין דער גובערסקי פּרי־סוטסטוויע, איך בעט איבער אײַער כבוד, אַ נאַקעטן, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, און מע האָט אים גענומען ווידער אַ מאָל פון מה־טובו, באַטראַכטן אין דער לענג און אין דער ברייט, ווידער אַ מאָל טאַפּן, קוקן, מוטשען. וואָס, משטיינס געזאָגט? אַז ער טויג נישט, דער הונט (דאָס הייסט, טויגן טויג ער, נאָר פאַר קיין סאָלדאַט טויג ער נישט). איינער

האָט זיך אפילו געשטעלט אקעגן און געפּרוּווט אַ זאָג טאָן: „גאָדיען". האָט אים דער דאָקטער אָפּגעהאַקט: „ניע גאָדיען!" דער זאָגט: „גאָדיען", דער זאָגט: „ניע גאָדיען". „גאָדיען, ניע גאָדיען" — אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז דער גובערנאַטאָר אַליין האָט זיך מטריח געווען פֿונעם בענקל, צוגעגאַנגען, אַ קוק געטאָן און געזאָגט: „סאָוּוערשענאָ ניע גאָדיען", דאָס הייסט — ער טויג אַף ניין־און־ניינציק כּפּרות... האָב איך באַלד אוועק־געקלאַפּט אַ דעפּעש אַהיים, געוויינטלעך פֿאַרשטעלט: „מזל־טוב! טאָוואַר אָקאָנטשאַטעלנע זאַבראַקאָוואַן".

דאַרף זיך טרעפֿן אַף מײַן גליק, וועט איר האָרכן אַ שיינס, אַז מײַן דעפּעש קומט־אָן נישט צו מיר אַהיים, נאָר צו מײַנעם אַ געשוועסטער־קינד, מײַן נאָמען טאַקע הייסט ער, אַ ייִד אַ נגיד, און, איך בעט איבער אײַער כּבוד, אַ גרויסער דבר־אַחר. און ס'איז קיין חידוש נישט — ער האַנדלט מיט אָקסן האַנדלט ער. האָט ער געהאַט אַרויסגעטריבן טאַקע אין דער אייגענער גובערניע אַ פּאַרטיע אָקסן און אַרויסגעקוקט אַף אַ דעפּעש, אַז די אָויגן זײַנען אים שיער נישט אַרויס. קאָנט איר פֿאַרשטיין, ווי אַזוי אים איז געוואָרן אָפּן האַרצן, אַז מע האָט אים אָפּגעגעבן מײַן דעפּעש: „טאָוואַר אָקאָנטשאַטעלנע זאַבראַקאָוואַן"... איך האָב געמיינט, ער וועט מיך אויפֿעסן אַ לעבעדיקן, אַז איך בין געקומען אַהיים. איר פֿאַרשטייט אַ השגה פֿון אַ נגיד אַ דבר־אַחר, וואָס האַנדלט מיט אָקסן? גענוג ער נעמט־איבער פֿרעמדע דעפּעשן, איז ער נאָך גערעכט!...

אַצינד וועלן מיר זיך אומקערן נאָכאַמאָל צוריק צו יענער צײַט, ווען איך בין נאָך געזען, נישט הײַנט געדאַכט, אין וואָראָטיליוווקע, און מײַן איציק, אַלטער הייסט דאָס, איז נאָך געווען אַ קליין קינד איז ער נאָך. ויהי היום טרעפֿט זיך אַ מעשׂה, עפּעס אַ רעוויזיע אין שטאָט, מע איז אַרומגעגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב און מע האָט איבערגעשריבן איטלעכן באַזונדער, פֿון קליין ביז גרויס, ווי אַזוי ער הייסט און וויפֿל ער איז אַלט, און וויפֿל קינדער האָט ער, צי זכרים, צי נקבות, און ווי אַזוי רופֿט מען זיי?... אַז ס'איז געקומען צו מײַן איציקן: ווי אַזוי רופֿט מען אים? זאָגט מײַן ווײַב, זאָל געזונט זײַן: אַלטער. איז זיך מיישב יענער, מע זאָגט אים אַלטער — אַ שיינע ריינע כּפּרה; גייט ער און פֿאַרשרײַבט: „אַלטער".

אוודאי קומט מיר אָן פּונקט אין אַ יאָר אַרום נאָכן פּריזיוו אַ

נײַע בשורה: מע זוכט מײַן זון אַלטערן, ער זאָל זיך שטעלן מחילה צום פּריזיוו אין וואָראָטיליוווקע! — וואָס סע האָט זיך מיר געחלומט יענע נאַכט און הײַנטיקע נאַכט און אַ גאַנץ יאָר! נאַ דיר אַזאַ נײַס! ברוך הבא, אַ ייִד רב אַלטער!

קיצור הדבר, וואָס טויג אײַך היסטאָריעס — זאַכן — מעשיות, מע רופֿט מײַן איציקן, אַלטערן הייסט דאָס, נאָכאַמאָל צום פּריזיוו גאָר איבעראַנײַס! מײַן ווײַב, זאָל געזונט זײַן, ליגט־אײַן די וועלט, די שנור חלשט. סטײַטש, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, מע זאָל אויספֿאָרן די גאַנצע וועלט פֿון איין עק ביזן אַנדערן עק, אַז אַ בן־יחיד, איינאונאיינציקער, אַ ריינער, אַן אמתער, אַ כשרער פּערוויזראַדניק זאָל באַדאַרפֿן שטיין דרײַ מאָל צום פּריזיוו! נאָר גיי רייד טערקיש, רייד טאַטעריש — וואָס טוט מען וואָס? בין איך אַוועקגעלאָפֿן צו אונדזער „אָבטשעסטווע", געמאַכט אַ גוואַלד, קוים געפּועלט, צען ייִדן זאָלן אָפּשווערן און חתמנען זיך, אַז זיי וויסן פּאָזיטיוו, אַז איציק איז אברהם יצחק, און אברהם־יצחק איז אַלטער, און אַז אַלטער און איציק און אברהם־יצחק זײַנען אַלע איין פּאַרשוין.

באַקומען דאָס פּאַפּיר, בין איך אַוועק מיטן פּאַפּיר קיין וואָראָטיליוווקע. געקומען קיין וואָראָטיליוווקע — אַ גאַסט! וואָס מאַכט אַ ייִד רב יאָסל? וואָס טוט איר הי? וויל איך דאָך מסתמא נישט אויסזאָגן — צו וואָס דאַרף איך עס? גלײַכער אַז אַ ייִד וויים ווינציקער. „גאָרנישט, זאָג איך, איך באַדאַרף דאָ האָבן צו אַ פּריץ"... „מכח וואָס?"... „מכח פּראָסע, זאָג איך, איך האָב געהאַנדלט, זאָג איך, פּראָסע האָב איך געהאַנדלט, געגעבן אַן אַדערויף, נישטאָ נישט קיין פּראָסע, נישט קיין אַדערויף, פֿאַרפֿאַלן, זאָג איך, די קו מיטן שטריקל!" און לאָז מיך אַוועק גלײַך אין דער פּריסוטסטווע. איך קום אין דער פּריסוטסטווע קום איך, טרעף איך דאָרט אַ שרײַבער פֿון די שרײַבערס און דערלאַנג אים דאָס פּאַפּיר. איבערגעלייענט דאָס פּאַפּיר, ווערט ער מלא רציחה, דער שרײַבער הייסט דאָס, און טוט מיר אַ שמיץ דאָס פּאַפּיר אין פּנים אַרײַן מיט אַ מין פֿײַער, מע זאָל באַהיט און באַוואָרנט ווערן! סטופּאַיטיע — גיין זאָלט איר, הייסט דאָס, צו אַלדי רוחות מיט אַלע אײַערע נעמען און מיט אַלע אײַערע ייִדישע מאַניפֿאַרגעס! „איר ווילט זיך, זאָגט ער, אויסדרייען פֿונעם פּריזיוו, זשידי מאַשעניקי, זאָגט ער, ווערט באַ אײַך פֿון

אברהם — יצחק, און פֿון יצחק — איציק, און פֿון איציק — אַלטער. נײַן, באַ אונדז גייען נישט אָן אַזעלכע שטיקלעך, שאַכער־מאַכער!״... „נו, קלער איך מיר, וויבאַלד „שאַכער־מאַכער״, מיינט ער מסתמא אַ קערבל״... און איך נעם־אַרויס אַ מטבע און וויל אים אַרײַנרוקן אין האַנט אַרײַן, און רוף מיך אָן צו אים שטילערהייט: „איזוויניטיע, וואַשע וויסאָקע־פּראַוואָזשיטעלסטווע!״... אַז ער כאַפּט זיך נישט אויף מיט אַ געשריי: „ווזיאַטקי!?״... עס זײַנען זיך צונויפֿגעלאָפֿן נאָך שרײַבערס, און, וואָס טויג אײַך, מע האָט מיר געגעבן דעם וועג האָט מען מיר... אַזאַ־נ־אומגליק — באַדאַרף איך אָנטרעפֿן גראָד אַף אַ „נקי־כפּימניק״!... מאָלט אײַך, עס רעדט זיך נאָר אַזוי, אַז ער נעמט נישט — צווישן ייִדן ווערט מען נישט פֿאַרפֿאַלן; איך האָב געפֿונען אַ ייִדן, וואָס דורך אים נעמט ער... עס האָט געהאָלפֿן ווי אַ טויטן באַנקעס — און ס׳איז געבליבן, אַז איך האָב נאָך אַ זון, וואָס ער הייסט אַלטער. זאָל ער מוחל זײַן, אַלטער הייסט דאָס, זיך שטעלן אין וואָראָטיליוועקע צום פּריזיוו זאָל ער זיך. אַ גוט פּעקל!

ווי אַזוי איך האָב איבערגעלעבט דאָס יאָר — בין איך שטאַרקער פֿון אײַזן בין איך! כאָטש אַז מע וויל שמועסן צוריק, וואָס האָב איך, שוטה, מורא צו האָבן? צען מאָל פּריזיוו, אַז איך וויים, אַז ער טויג נישט, דער הונט (שײַך זאָגן, טויג נישט? טויגן טויג ער, נאָר פּאָר קיין סאָלדאָט טויג ער נישט); ובפֿרט, אַז מע האָט אים שוין צוויי מאָל אַרויסגעבראַקעוועט האָט מען אים. נאָר צוריק בין איך זיך מיישב: אַ פֿרעמדע שטאָט, אַ פּריסוטסטווע מיט „נקי־כפּימניקעס״, אַ קשיה אַף אַ מעשה?...

האָבן מיר דאָך אָבער אַ גרויסן גאָט אַף דער וועלט! מײַן אַלטער, איציק הייסט דאָס, האָט ווידער אַ מאָל געצויגן אַ זשערעב, ווידער אַ מאָל זיך געשטעלט צום פּריִאָם, און גאָט האָט אַ נס געטאָן, די וואָראָטיליוועקער פּריסוטסטווע האָט אויך געזאָגט „ניע גאָדיען״, און האָט אים אַרויסגעגעבן אויך אַ ווײַסן בילעט. האָבן מיר שוין, מיט גאָטס הילף, צוויי ווײַסע בילעטן!

געקומען אַהיים — ששון ושמחה! געמאַכט אַ סעודה, צונויפֿגערופֿן כמעט די גאַנצע שטאָט, געהוליעט, געטאַנצט ביז טאָג. ווער איז העכער איך אַצינד? און ווער איז צו מיר גלײַך? אַ קיסר!

אצינד װעלן מיר זיך אומקערן צוריק צו מײַן אײַזיקן, עליו־השלום, דער װאָס האָט, אים צו לענגערע יאָר, איבערגעקערט אַף זיך דעם סאַ־מאָװאר נאָך קינדװײַז, — װעט איר הערן א שײנס װעט איר הערן. איר פֿאַרשטײט א מעשה? גײ זײַ א נביא, אז דער שײנער רב דער קאַזיאָנער פֿון װאָראָטילעװקע װעט אים פֿאַרגעסן אױסמעקן פֿון די מעטריקעס, דעם געשטאָרבענעם הײסט דאָס, און עס װעט זיך רעכענען אַף מיר א חוב, אז איך האָב נאָך ערגעץ א זון אײַזיק, װאָס באַדאַרף זיך שטעלן הײַנ־טיקס יאָר צום פּריזיװ! נאַ דיר אַזאַ מײַן באָמבע! װאָס איז דאָס פֿאַר אַן אומגליק אַף מיר? װער מיר אײַזיק? אײַזיק איז שױן לאַנג אַף דער אמתער װעלט! אַזױ טענה איך, האַלט מיך אַן עצה מיט אונדזער ראַבי־נער: װאָס טוט מען, װאָס? זאָגט ער: „ס'איז נישט גוט!" „פֿאַרװאָס, זאָג איך, איז נישט גוט, פֿאַרװאָס? „דערפֿאַר, זאָגט ער, װײַל איציק און אײַזיק איז אײן נאָמען". „װי אַזױ, זאָג איך, איז איציק און אײַזיק אײן נאָמען, הכּם אײנער?" זאָגט ער: „איציק איז יצחק, יצחק איז איסאַק, איסאַק איז איזאַק און איזאַק איז אײַזיק"... א גוטער משל!

קיצור הדבר, װאָס טױג אײַך היסטאָריעס — זאָכן — מעשיות? מע זוכט מײַן אײַזיקן, מע טרענט פֿון מיר די אָדערן, איך זאָל אים שטעלן צום פּריזיװ זאָל איך אים! אין שטוב באַ מיר איז געװאָרן א נײַער געװײן. שײך זאָגן, א געװײן? חורבן בית־המקדש. ערשטנס, האָט מײַן װײַב, זאָל לעבן, זיך דערמאָנט אינעם געשטאָרבענעם, אױפֿגעװעקט די אַלטע װוּנדן. „נעכײַ װאָלט ער, זאָגט זי, בעסער לעבן און שטײן איצטער צום פּריזיװ, אײדער, זאָגט זי, ער זאָל ליגן אין דער ערד און די בײנער זײַנע זאָלן פֿױלן"... והשנית, האָט זי מורא, טאָמער חלילה איז טאַקע, לא יעלה ולא יבוא, װי דער ראַבינער זאָגט, אַז איציק איז יצחק, יצחק איז איסאַק, איסאַק איז איזאַק און איזאַק איז אײַזיק, איז דאָך טאַקע נישט פֿרײלעך!... אַזױ זאָגט זי, מײַן װײַב זאָל געזונט זײַן, און לײגט־אײַן די װעלט, און מײַן שנור, געװײנטלעך, חלשט! א װער־טעלע אױסצורײדן — א בן־יחיד, אײנאַונאײנציקער, א רײנער, אַן אמתער, א כּשרער פּערװיזראַדניק, דרײַ מאָל געשטעלט זיך צום פּריזיװ, צװײ װײַסע בילעטן — און איז נאָך נישט פּאַרטיק!...

האָב איך גענומען, הײסט דאָס, די פֿיס אַף די פּלײצעס און בין זיך דורכגעפֿאָרן קײן יעהופּעץ בין איך זיך, אַן עצה האַלטן זיך מיט

אַ רעכטן אַדוואָקאַט, און אַגב האָב איך טאַקע מיטגענומען מײַן זון, איך זאָל זײַן מיט אים באַם פּראָפעסאָר, הערן וואָס דער פּראָפעסאָר וועט זאָגן, צי טויג ער, צי טויג ער נישט, כאָטש איך ווייס אַליין גאַנץ גוט, אַז ער טויג נישט, דער הונט (שייך זאָגן, ער טויג נישט? טויגן טויג ער, נאָר פּאַר קיין סאָלדאַט טויג ער נישט)... און אַז איך וועל הערן וואָס דער אַדוואָקאַט וועט מיר זאָגן און וואָס דער פּראָפעסאָר וועט מיר זאָגן, וועל איך שוין דעמאָלט קאָנען שלאָפן רויִק, אויפהערן האָבן צו טאָן מיטן פּריזיוו... צום סוף, וואָס לאָזט זיך אויס? עס לאָזט זיך אויס, אַז די אַדוואָקאַטן מיט די פּראָפעסאָרן ווייסן אַלע מער פון אַ טויטן ווייסן זיי. אַז דער זאָגט אַזוי, און דער זאָגט אַזוי; וואָס איינער זאָגט, דרינגט דער אַנדערער קאַפּויר. דול און משוגע צו ווערן! וועט איר הערן.

צום ערשטן אַדוואָקאַט האָב איך אָנגעטראָפן אַף איינעם אַ גראָבן קאָפּ אַ שטומפּיקן, און דווקא מיט אַ גרויסן שטערן און מיט אַ גלאַטן קאָפּ, אַ ליסינע, כאָטש נעם קאַטשע־אויס אַף איר אַ בלאַט לאָקשן. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, דער חכם, ווער איז אַלטער, און ווער איז איציק, און ווער איז אברהם־יצחק, און ווער איז געווען אײַזיק? דערציייל איך אים דאָך איבער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אַז אַל־טער און איציק און אברהם־יצחק — דאָס איז איין מענטש, און אײַזיק איז דער, וואָס האָט איבערגעקערט אַף זיך דעם סאַמאָוואַר, בשעת איך בין נאָך געווען אַ וואָראָטיליוווקע, אין וואָראָטילויוקע הייסט עס... מיין איך, אַז איך בין שוין מיט אים פאַרטיק. צום סוף טוט ער מיך אַ פרעג גאָר איבעראַנײַס: „פּאַזוואָלטי, שטייט נאָר שטיִט, ווער־זשע איז צווישן זיי דער עלטערער, איציק, צי אַלטער, צי אברהם־יצחק?” „אָט האָסטו דיר! — מאַך איך צו אים, — איך האָב אײַך שוין, דאַכט זיך, פופצן מאָל געזאָגט האָב איך אײַך, אַז איציק און אברהם־יצחק און אַלטער איז אַלץ איין פאַרשוין, דאָס הייסט, דער אמתער נאָמען זײַנער איז איציק, דאָס הייסט אברהם־יצחק, נאָר רופט מען אים אַלטער, די מאַמע זײַנע, זאָג איך, האָט אים אַזוי פאַרצויגן, און אײַזיק, זאָג איך, איז דער, וואָס האָט איבערגעקערט אַף זיך דעם סאַמאָוואַר, זאָג איך, בשעת איך בין נאָך געווען אַ וואָראָטילויוקער, אין וואָראָטילויוקע הייסט עס”... „ווען־זשע, מאַכט ער, וואָסער יאָר הייסט דאָס, איז געשטאַנען אברהם־אַלטער, מיין איך, יצחק־אײַזיק, צום פּריזיוו?” „וואָס בעלעבעטשעט ער?

— זאָג איך. — וואָס האָט איר צונויפגעמישט קאַשע מיט באָרשט? דאָס ערשטע מאָל אויף מײַן לעבן, זאָג איך, טרעפט זיך מיר, אַז אַ ייִד זאָל טראָגן אויף זיך אַזאַ גוייִשן קאָפּ, זאָג איך! מע זאָגט דאָך אײַך, אַז יצחק און אַברהם־יצחק און איציק און אײַזיק און אַלטער — דאָס איז אַלץ איין מענטש! איין מענטש!" — „שאַט, זאָגט ער, שרײַט ניט אַזוי, וואָס שרײַט איר?"... איר האָרכט? ער איז נאָך גערעכט!...

בקיצור, כ'האָב אַ שפּײַ געטאָן און אַוועקגעגאַנגען צו אַן אַנדער אַד־וואָקאַט, און האָב אָנגעטראָפן שוין דווקא אויף אַ גמרא־קעפּל האָב איך אָנגעטראָפן, נאָר אַביסל שוין צו פֿיל איבערגעשפּיצט. ער האָט זיך געריבן דעם שטערן און געלערנט דעם פּשט, געדרייט, געמוטשעט די זאַקאָנעס, גענדרונגען, אַז נאַ אָסנאָוואַניע טאַקאָי טאָ סטאַטיאַ האָט די מעזערעטשער פּריסוטסטווע אים גאָר ניט געטאָרט צושרײַבן. נאָר וואָס דען? ס'איז פֿאַראַן אַ זאַקאָן, זאָגט ער, אַז וויבאַלד די פּריסוטסטווע האָט אים יאָ צוגעשריבן, דאַרף אים יענע פּריסוטסטווע אויסשרײַבן, „וויקליוטשאַיען" הייסט עס. און ווידער איז פֿאַראַן, זאָגט ער, אַ זאַקאָן, אַז די פּריסוטסטווע האָט אים צוגעשריבן און יענע פּריסוטסטווע האָט אים ניט אויסגעשריבן, „וויקליוטשאַיעט" הייסט עס, מוז זי אים אויסשרײַבן, „וויקליוטשאַיען" הייסט עס. און ווידער איז פֿאַראַן אַ קאַסאַציע, אַז וויבאַלד יענע פּרי־סוטסטווע וויל ניט אויסשרײַבן, „וויקליוטשאַיען" הייסט עס...

בקיצור, אַזאַ זאַקאָן און אַזאַ זאַקאָן, אַזאַ קאַסאַציע און אַזאַ קאַסאַ־ציע — ער האָט מיר אָנגעקאַסאַציעט אַ פֿולן קאָפּ האָט ער מיר אָנגעקאַ־סאַציעט, און איך האָב געמוזט גיין צו אַ דריטן האָב איך געמוזט, און האָב אָנגעטראָפן אויף אַ נײַעם שלים־מזל, נאָך גאָר אַ יונג אַדוואָקאַטל, נאָר־וואָס פֿון דער נאָדל אַרויס, דאָס הייסט, וואָס האָט ניט לאַנג געענ־דיקט „יורי", זייער אַ צוגעלאָזט מענטשל אַפֿילו, מיט אַ צינגעלע ווי אַ גלעקל — און סע קלינגט. ווײַזן ווײַזט אויס, אַז ער לערנט זיך נאָך ריידן לערנט ער זיך, מחמת אַז ער רעדט, זעט מען, אַז ער האָט הנאה האָט ער, ממש סע קומט אים צו אַ שטיק געזונט. ער האָט זיך אַזוי צערעדט, אַזוי צעפֿלאַקערט, געהאַלטן אַ גאַנצע דרשה געהאַלטן, אַז איך האָב געמוזט אים איבערשלאָגן אין מיטן און זאָגן: „זייער פֿײַן, זאָג איך, איר זײַט אוודאי זייער גערעכט; נאָר וואָס טויג מיר, זאָג איך, אײַער ווייגען, וואָס איר

באוויינט מיך? איר גיט מיר בעסער אן עצה, זאָג איך, מיט מײַן זון וואָס טו איך, טאָמער חלילה טוט מען אים אַ רוף טאָמער?"

קיצור הדבר, וואָס טויג אײַך היסטאָריעס — זאָגן — מעשׂיות, איך האָב מיך דערשלאָגן צום רעכטן, צום אמתן אדוואָקאַט. דאָס איז, פאַרשטייט איר מיך, שוין אַן אדוואָקאַט פון די אַלטע אדוואָקאַטן, אַן אדוואָקאַט, וואָס פאַרשטייט אַ ענין. איך האָב אים אויסדערציילט די גאַנצע געשיכטע פון אלף ביז תּיו, און ער איז געזעסן די גאַנצע צײַט צוגעמאַכט די אויגן און געהאָרכט. אויסגעהערט, מאַכט ער צו מיר: „שוין? האָט איר שוין געענדיקט? פאָרט אהיים, ס'איז בלאָטע, מער ווי דרײַ הונדערט קערבלעך שטראָף וועט איר נישט צאָלן". „אָט דאָס איז גאָר? — זאָג איך. — ע! איך זאָל וויסן, אַז דאָ שמעקט נאָר מיט דרײַ הונדערט קערבלעך שטראָף! איך האָב מורא פאַר מײַן זון האָב איך מורא!" „וואָסער זון?" „וואָס הייסט, זאָג איך, וואָסער זון? מײַן אַלטער, איציק הייסט דאָס!" „וואָס געהער זיך דאָס אָן, זאָגט ער, מיט איציקן?" „וואָס הייסט, זאָג איך, וואָס סע געהער זיך אָן? טאָמער, חלילה, שלעפּט מען אים נאָך אַ מאָל טאָמער?" „ער האָט דאָך, זאָגט איר, אַ ווייסן בילעט". „ער האָט, זאָג איך, צוויי ווײַסע בילעטן!" „נו, אם כן, וואָס־זשע ווילט איר?" „וואָס זאָל איך וועלן? ווילן וויל איך גאָרנישט; איך האָב נאָר מורא, זאָג איך, אַזוי ווי מע זוכט איצטער אײַזיקן, און אײַזיק איז נישטאָ, און אַזוי ווי אַלטער, איציק הייסט עס, שטייט פאַרשריבן אברהם־יצחק, און יצחק — אַזוי זאָגט דער ראַבינער אונדזוערער דער לעקיש — איז איסאַק, און איסאַק איז איזאַק, און איזאַק איז אײַזיק, קאָן מען חלילה זאָגן אַף מײַן איציקן, אָדער אברהם־יצחקן, אַלטערן הייסט דאָס, אַז ער איז דאָס דער אײַזיק!" „נו, וואָס־זשע איז, מאַכט ער; אדרבה, נאָך גלײַכער! אויב איציק איז אײַזיק, וועט איר פאַרשפּאָרן צאָלן שטראָף אויך. ער האָט דאָך, זאָגט איר, אַ ווײַסן בי־לעט?" „צוויי, זאָג איך, ווײַסע בילעטן! די בילעטן האָט אָבער איציק, נישט אײַזיק". „איר זאָגט דאָך, מאַכט ער, אַז איציק איז אײַזיק?" „ווער זאָגט דען, זאָג איך, אַז איציק איז אײַזיק?" „אָט האָט איר דאָך נאָר־וואָס, זאָגט ער, געזאָגט, אַז איציק איז אײַזיק!" „איך זאָג? ווי קאָן איך, זאָג איך, זאָגן אַזאַ זאַך, אַז איציק איז גאָר אַלטער, און אײַזיק איז דער, וואָס האָט איבערגעקערט אַף זיך דעם סאַמאָוואַר, בשעת איך בין נאָך

געוועזן א וואָראָטילייווקער, אין וואָראָטילייווקע הייסט עס!״... ווערט ער אָנגעצונדן און הייסט מיר גיין: „סטופאַיטיע, זאָגט ער, ווי, זאָגט ער, נאַדאָיעדליווע, זאָגט ער, יעווריי״, זאָגט ער!... איר פאַרשטייט וואָס דאָס הייסט? דאָס הייסט: איך בין א נודניק. איר הערט? איך בין א נודניק! איך!!!

עונדע געשיכטע נומער דריַיצן.

געשריבן אין יאָר 1902

געשיכטע נומער פערצן

מע טאָר נישט זײַן קײן גוטער!

— מע טאָר נישט זײַן קײן גוטער! — מאַכט צו מיר אַ ליטװישער ייִד מיט אַ גילקע אױף דער נאָז און נעמט בײַ מיר אַ פּאַפּיראָס אױף צו פֿאַררײכערן. — הערט איר, װאָס איך זאָג אײַך? מע טאָר נישט זײַן קײן גוטער! איבער מײַן גוטסקײט, איבער מײַן פֿאַדלע װײכן כאַראַקטער, האָב איך מיר אַלײן אָנגעאַרבעט אַ חתונה, אױסגעהאָדעװעט אַן אומגליק בײַ זיך אין שטוב, צװײ אומגליקן! איר מעגט דאָס האָרכן!

גאָט האָט מיך געװאָלט מזכה זײַן מיט אַ מצװה, האָט ער מיר צוגעשיקט אַ יתומה מיט אַ יתום. דער אײבערשטער האָט מיך געשטראָפֿט, מיר נישט געגעבן קײן קינדער, האָב איך מיר אַלײן גענומען; גענומען פֿרעמדע קינדער, זײ געטאָן גוטס, געמאַכט פֿאַר לײַט, צאָלן זײ מיר איצטער מיט שטײנער.

קודם דאַרף מען אײַך דערצײלן פֿון דער יתומה, פֿון װאַנען האָט זיך צו מיר גענומען אַ יתומה? איז אַזױ די מעשה. מײַן װײַב האָט געהאַט אַמאָל אַ שװעסטער, אַ ייִנגערע, פּערל האָט זי געהײסן. איז זי געװען, פּערל הײסט דאָס, װאָס זאָל איך אײַך זאָגן, אײן פֿאַרשװין אין דער װעלט. זײ זײַנען אַלע שײנע. דאָס הײסט, מײַן װײַב איז נאָך הײַנט אױך אַ שײנע ייִדענע. פֿאַר זײער שײנקײט פֿלעגט מען זײ נעמען װי זײ שטײען און גײען, אָפּגילטן. בין איך אײַך נישט אױסן.

אַז זי האָט חתונה געהאַט, די שװעגערן מײַנע, האָט מען געזאָגט, אַז זי האָט געטראָפֿן אַ שמאַלץ־גרוב, אַ גליק, װאָס טרעפֿט זיך אײן מאָל אין הונדערט יאָר, אַ גבֿירישן קינד, װאָס האָט באַדאַרפֿט ירשענען אַ

זיידן א גביר און א טאטן א גביר און א פעטער א „בעזדעטניק״ א גביר — פון אלע זײַטן גבירים. א גליק! בין איך אײַך נישט אויסן. איז אָבער דער חסרון, וואָס דער יונגערמאַן אליין איז געווען א דער־רוח־וויים־וואָס. דאָס הייסט, אזוי איז ער אפילו געווען א גאנץ פײַנער יונגער־מאַן, נישט קיין נארישער און נישט קיין גראָבער יונג, און א גוטער מענטש, א צוגעלאָזטער, א פריילעכער. נאָר וואָס דען? א שארלאַטושקע! לאָז ער מיר מוחל זײַן, ער איז שוין אַף דער אמתער וועלט. דהיינו, וואָס הייסט א שארלאַטושקע? ער האָט ליב געהאט א קערטל. אָבער ווי אזוי, מיינט איר, ליב געהאַט? דאָס חיות מיט דער נשמה! צוליב א קערטל וואָלט ער אײַך געגאנגען הונדערט מײַל צו־פוס. תחילת איז גע־ווען א „זעקס־און־זעכציק״, א ייִדישע „אַקע״, א „סטוקלקע״, א „טערטל־מערטל״ — צווישן אייגענע, איין מאָל אין חודש, אין די לאַנגע ווינ־טערדיקע נעכט... נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן אָפטער און אָפטער, מיט יונגעלײַט, מיט ווײַסע־חברהניקעס, מיט ווי ערגעץ א שלאַק, א פּוסטע־פּאַסניק, א לײַדיקגייער. און איר זאָלט וויסן זײַן, אז דאַרט ווו א קערטל, איז שוין אַלצדינג, וואָס אין דער קאָרט! ווער קוקט דעמאָלט אַף א מנחה? ווער רעדט פון אַן א היטל? פון חלול־שבת? און כדומה אזעלכע זאַכן, וואָס זײַנען שייך צו ייִדישקייט? און ווי אַף־צו־להכעיס, איז פּערל, מײַן שוועגערין הייסט דאָס, געווען א פרום ווײַבל, א כשרס, און האָט מסתמא נישט געקאָנט לײַדן זײַנע שײנע חפציות מיט זײַנע גענג. איז זי געלעגן טאָג ווי נאַכט מיטן פּנים אין קישן און האָט געוויינט אַף אירע יאָר און טעג, אזוי לאַנג, ביז זי האָט אָנגעהויבן אונטערצוקרענקען, פריִער פּאַ־וואָלינקע, נאָכדעם שטאַרקער און שטאַרקער. וואָס טויג אײַך, פּערל איז געשטאָרבן. בין איך אײַך נישט אויסן.

פּערל איז געשטאָרבן און האָט געלאָזט א קינד, א מיידל פון א יאָר זעקס־זיבן. דער מאַן איז געווען ערגעץ אין אלדי שווארצע יאָר אין אָדעס; ער האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין דעם שפּילן אזוי ווײַט, אז ער האָט געמאַכט א תל פון זײַן געלט און פון זײַן טאַטנס געלט און פונעם זיידנס ירושה — א תל־עולם איז פון אים געוואָרן! ס׳איז גאָר א סברה, אז ער האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט ערגעץ אין א טורמע. נאָכדעם האָט ער זיך א צײַט ארומגעשלײַעט ערגעץ, באַקומען עפּעס א מאָדנע קרענק און איז געשטאָרבן אין פרעמדע תכריכים. אָט האָט איר אײַך אַף א מינוט

א סך־הכל פון א געזינדל און אט אזוי איז בא מיר פארבליבן זייער טעבטערל, א יתומהלע נעבעך, ר ייזל הייסט זי. איך האב זי גענומען צו זיך נאך קינדוויַיז, ווארעם קיין קינדער, פארשטייט איר מיך, האב איך נישט, דער אייבערשטער האט מיך געשטראפט — לאז זי זיַין א קינד. וואלט געווען גוט, איז אבער דער חסרון, וואס צו גוט טויג אף כפרות! בא אן אנדער פעטער וואלט אזא מיידל א יתומה געוואקסן אין קיך, געווען א הילף אין שטוב, געשטעלט דעם סאמאוואר, געפאלגט א גאנג און דאס גלייַכן, און בא מיר איז זי געווען פארעכנט פאר אן אייגן קינד — דאס אייגענע קליידל מיט די אייגענע שיך מיטן אייגענעם עסן, וואס מיַין וויַיב. וואס איז שייך זאגן — בא איין טיש גליַיך מיט אונדז. בין איך איַיך נישט אויסן.

שפעטער, אז די דאזיקע רייזל האט אנגעהויבן אונטערוואקסן, האב איך זי אוועקגעגעבן לערנען צו א שריַיבער. און פון דעם אמת קאן מען נישט אוועקגיין — זי איז געווען א געראטן קינד, א שטילס, אן ערלעכס, א גוטס און א קלוגס, און שיין — שיין ווי די גאנצע וועלט. איך האב זי באמת ליב געהאט, ווי מיַינס אן אייגן קינד. קינדער, ווייסט איר דאך, וואקסן, ווי פעטשעריצעס; איידער מע קוקט זיך ארום, אהא — מע דארף שוין קלערן מכה חתונה מאכן. און ווי אף־צו־להכעיס, איז מיַין פלימעניטשקע געוואקסן טאקע נאר ווי אף הייוון, הויך און שיין און געזונט און אן אסאבע — א רויז. מיַין וויַיב האט איר ביסלעכוויַיז אפגעלייגט אביסל גרעט, „פאוועלע", העמדער, ליַילעכער, ציכלעך. איך, פון מיַין זיַיט, האב גאר אנדערש נישט גערעכנט, ווי צו געבן איר עטלעכע הונדערט קערבלעך נדן אויך. און מע האט איר אנגעהויבן ריידן שידוכים. ווּעמען רעדט מען אזא מיידל א יתומה? אז קיין עלטערן האט זי נישט, א טאטן האט זי געהאט, לאז ער מיר מוחל זיַין, עפעס נישט אזא פיַינעם מענטשן, און קיין טויזנטערס נדן קאן איך איר נישט אנידערלייגן. באדארף מען איר געפינען איר גליַיכן, א יונגנמאן אזעלכן, וואס זאל איר קענען געבן ברויט. ווו־זשע קריגט מען אזעלכעס, אז קיין בעל־הבתישן שידוך קאן מען נישט גרייכן, און קיין בעל־מלאכה וויל איך נישט — זי איז דאך פארט מיַינע א שטיקל אייגענע, מיַין וויַיבס א שוועסטערס א מיידל? האט מיר גאט צוגעשיקט א בחורל א פריקאזטשיק פון א יאר עטלעכע און צוואנציק, וואס פארדינט שוין זייער שיין

אַ קערבל און קלײַבט אַ קערבל און האָט שוין אַ קערבל. בקיצור, איך האָב אַ רייד געטאָן מיטן בחור — יאָ, סע גייט אַ גאַנג, ווי איך בין אַ מענטש. זי איז אים דווקא געפעלן. איך האָב אַ רייד געטאָן מיט איר — ווער? וואָס? אַן אײַזערנע וואַנט! וואָס איז די מעשה? זי וויל אים נישט און זי דאַרף אים נישט, און גענוג! ווער דען, זאָג איך, וועט דיך נעמען? דעם באַראָן הירשס אַן אייניקל? ענטפערט די וואַנט — אַזוי ענטפערט זי. קוקט־אַראָפּ און שווײַגט. בין איך אײַך נישט אויסן.

אַצינד באַדאַרף איך אײַך איבעררײַסן אין מיטן דער מעשה און אײַך דערציילן אַ נײַע מעשה, וואָס געהער זיך טאַקע אָן מיט יענער מעשה, דאָס הייסט, די מעשה און יענע מעשה זײַנען טאַקע איין מעשה.

איך האָב געהאַט אַזוי גרויס ווי אַ יינגערן ברודער משה־הערשל, האָט זיך מיט אים געטראָפֿן אַ מעשה — ס'איז באַ מיר אַ מעשה מיט גאָלע מעשיות: — נישט דאָ געדאַכט, נישט פֿאַר קיין מענטשן געדאַכט, ער איז געוועזן אין מרחץ פּרייטיק און האָט זיך געוואָלט אָפּגיסן מיט קאַלט וואַסער, האָט ער געכאַפּט אַ שעפל מיט זודיק וואַסער און האָט דאָס איבערגעקערט אַפֿן קאָפּ און האָט זיך אָפּגעקאָכט, און האָט זיך געמוטשעט אַ טאָג אַכט און איז געשטאָרבן, און האָט איבערגעלאָזט אַ ווײַב מיט איין קינד — אַ יינגל פֿון אַ יאָר זעקס, פּייסי הייסט ער. האָט נישט געדויערט קיין האַלב יאָר און מע האָט איר אָנגעהויבן ריידן שידוכים. האָט דאָס מיך זייער אָנגענומען באַם האַרצן, און איך בין אַוועקגעגאַנגען צו איר, צו מײַן שוועגערן הייסט עס, און זאָג איר: „אויב דו ווילסט חתונה האָבן, גיב מיר אָפּ דאָס קינד". האָט זי זיך תּחילת אַביסל געבערעקלט, כּלומרשט נישט געוואָלט הערן, נישט זען. אַהער־אַהין — בקיצור, איך האָב באַ איר געפּועלט. זי האָט מיר דאָס קינד געבראַכט, און אַליין איז זי אַוועק ערגעץ קיין פּוילן, דאָרטן חתונה געהאַט, און מע זאָגט, ס'איז איר נישט שלעכט... מילא, בין איך אײַך נישט אויסן.

האָט מיך שוין, הייסט דאָס, גאָט געבענטשט מיט אַ זון אויך. איך זאָג „מיט אַ זון", ווײַל איך האָב אים טאַקע צוגעשריבן צו זיך פֿאַר אַ זון, און דאָס יינגל איז דווקא אַ געראָטן יינגל, אָבער טאַקע וואָס גע־ראָטן הייסט. ער איז דאָך מײַנעם אַ ברודערס אַ זון, איז דאָך נישט שייך, איך זאָל אים אײַך לויבן. נאָר איר מעגט מיר גלייבן באמונות, אַז נאָך

אזא פּיסי וועט איר נישט געפינען — איך וועל אײַך נישט זאָגן אין דער גאַנצער וועלט, נאָר בא אונדז אין שטאָט און נאָך אין עטלעכע שטעט מיט עטלעכע גובערניעס, אַז איר וועט אויספאָרן, געפינט איר נישט דעם צווייטן. וואָס, אשטייגער, ווילט איר? לערנען איז לערנען, שרײַבן איז שרײַבן, חשבונען איז חשבונען. אפשר ווילט איר פראַנצויז — רעדט ער אײַך פראַנצויז. טאָמער ווילט איר פידל — שפּילט ער אײַך פידל. הײַנט איז ער, קיין עין־הרע, א וווקס, א פּאַרשוין, און א פּיסק, און... און... אַז מע שמועסט א געראָטענער, איז דאָך נישט שייך צו זאָגן! און דערצו גיב איך אים נאָך עטלעכע טויזנט קערבלעך נדן אויך, וואָרעם ער איז דאָך מײַן ברודערס א קינד און מײַנער א צוגעשריבענער, כמעט א זון הייסט דאָס, און קיין נחת־דרגא, ברוך השם, איז ער אויך נישט, — קו־קו־קומט אים שוין עפּעס א פײַנע כלה, האַ? וואָס זאָגט איר? אוודאי האָט מען אים גערעדט די גרעסטע, די שענסטע שידוכים אין דער וועלט, און אוודאי האָב איך איבערגעקליבן. וואָס דען? עפּעס אָט־אַזוי־אָ גיט מען אוועק אזא יונגאַטש? בין איך אײַך נישט אויסן.

הכלל, האָט מען מיר אָנגעשלאָגן שידוכים פון דער גאָרער וועלט: פון קאַמעניץ, און פון יעליסאַוועט, און פון האָמעל, און פון לובען, און פון מאָהליוו, וואָס אין דער ליטא, און פון באַרדיטשעוו, און פון קאַמינ־קע, און פון בראָד. מע האָט מיר אָפּגעשאָצטן מיט גאָלד; צען טויזנט, און צוועלף טויזנט, און פופצן טויזנט, און אכצן טויזנט — איך האָב נישט געוואָלט, וווּהין איך זאָל מיך וואַרפן. האָב איך מיך מיישב געווען: דאָס טויג מיר קריכן אין דער פרעמד, מי יודע וווּהין און צו וועמען? בעסער, ווי זאָגט מען, א נאָענטער שוסטער, איידער א ווײַטער רב. פאַראַן בא אונדז אין שטאָט א ייִד א נגיד, האָט ער א מיידל א בת־יחידה מיט שײנע עטלעכע טויזנט קערבלעך נדן, און דאָס מיידל אליין איז אויך זייער א פײַן מיידל, און ווילן וויל מיך יענער, — פאַר וואָס זאָל דאָס נישט זײַן קיין שידוך? האַ? ובפרט שדכנים זײַנען פאַראַן בא אונדז, ברוך השם, צוויי, לויפן זיי אַרום הין און צוריק, פון מיר צו יענעם און פון יענעם צו מיר, און טרײַבן האַלדז־און־נאַקן, ס'זאָל שוין גיכער זײַן, זיי האָבן קיין צײַט נישט, פאַרשטייט איר, זיי האָבן אליין

טעכטער אַף חתונה מאַכן, און נאָך דערוואַקסענע דערצו. בין איך אײַך נישט אויסן.

הקיצור, ס׳איז געבליבן, מיר זאָלן זיך צונויפקומען אַף אַ „וואָרט". איז דאָך אָבער היינטיקע צײַטן נישט דאָס, וואָס אַמאָל, אַמאָל האָט מען אַ שידוך געטאָן מיט אַ קינד הינטער די אויגן גאָר, געקומען צו גיין אהיים, אָפּגעגעבן מזל־טוב און גענוג. היינט איז גאָר געוואָרן אַ מאָדע, אַז מע מוז פריִער איבעררײדן מיט די קינדער, זיי זאָלן זיך פריִער אָנקוקן און זאָגן, צי זיי זײַנען זיך געפעלן, צי ניין? מע פאַרשפּאָרט זיי גאָר זאָגן — זיי זעען זיך אַליין... איז דאָך אודאי גוט. נעם איך מײַן בחור און טו אים אַ פרעג: „געפעלט דיר, אשטייגער, פייסיניו, אזעלכע און אזעלכע?" ווערט ער רויט אַזוי ווי פײַער און ענטפערט נישט דאָס צווייטע וואָרט. „געשווייגן איז גערעדט", טראַכט איך מיר; „קיין תשובה איז אויך אַ תשובה". אֵי, וואָס ער איז רויט געוואָרן? מסתמא האָט ער זיך פאַרשעמט. און ס׳איז געבליבן, הייסט דאָס, אַז מע קומט זיך צונויף אויפדערנאַכט, פריִער, געוויינטלעך, בא דער כלה, נאָכדעם וועט מען זײַן בא מיר — נו, וואָס באַדאַרף מען נאָך? באַקט מען לעקעך און מע גרייט זיך אַף אַ וועטשערע, ווי געוויינלעך. בין איך אײַך נישט אויסן.

ויהי היום, איך שטיי־אויף אינדערפרי, גיט מען מיר אָפּ אַ בריוו. פון וואַנען איז אַ בריוו? עפּעס אַ בעל־עגלה האָט געבראַכט צו פירן. איך נעם דעם בריוו, עפן־אויף דעם בריוו, איך הייב אָן לייענען דעם בריוו — איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ מין בריוו? אָט וועט איר באַלד הערן. דאָס שרייבט מיר מײַן פייסי, אַז איך זאָל נישט קיין פאַראיבל האָבן, וואָס ער איז אוועקגעפאָרן מיט רייזלען — איר הערט ווערטער? — אָן אונדזער וויסן חתונה האָבן — איר הערט ווערטער? אַז איך זאָל זיך גאָר נישט פרוּוון, זאָגט ער, אפילו זיי זוכן, וואָרעם זיי זײַנען שוין ווײַט־ווײַט, זאָגט ער, פון דאַנען — איר הערט ווערטער? און אַז זיי וועלן, אם ירצה השם, האָבן חופה וקידושין, זאָגט ער, וועלן זיי נאָכדעם קומען צוריק... ווי געפעלט אײַך עפּעס אַזאַ מין בריוול? מילא, פון מײַן ווײַב שמועסט מען נישט: זי איז געפאַלן דרײַ מאָל חלשות, וואָרעם ס׳איז דאָך דורך איר דער סקאַנדאַל; רייזל איז דאָך איר פּלימעניצע, נישט מײַנע. „נאַ, זאָג איך צו איר, האָסט אויסגעהאָדעוועט אַ שלאַנג אַף דײַן שוים"... און האָב מײַן גאַנץ ביטער

הארץ אויסגעלאָזט צו איר, געוויינטלעך, מכבד געווען, ווי זי איז ווערט. בין איך אײַך נישט אויסן.

איך באַדאַרף אײַך נישט דערציילן, איר פאַרשטייט אַליין, ווי ווײַט דאָס האָט מיך געברענט און געבראָטן. סטײַטש, מע נעמט אַ פרעמד קינד, אַן אָרעמע, אַ נאַקעטע יתומה, מע האָדעוועט זי אויס און מע וויל זי גליקלעך מאַכן — גייט זי און טוט־אָפּ אַזאַ זאַך, פּירט־אַרויף מײַן ברודערס קינד אויף אַ גליטש! איך האָב געשריִען, געטופּעט מיט די פיס, געריסן אויף זיך די האָר פונעם קאָפּ — שיער נישט משוגע געוואָרן! און צוריק ווידער האָב איך מיך באַטראַכט: וואָס, אַשטייגער, וועט מיר העלפן מײַן כעס? וואָס וועל איך מאַכן מיט מײַן טופּען מיט די פיס? מע באַדאַרף עפּעס אָנהייבן טאָן, טאָמער וועל איך נאָך פאַרכאַפּן און וועל קאָנען עפּעס העלפן? האָב איך מיך, ראשית חכמה, אַ וואָרף געטאָן צו „גאַטשאַלסטווע”, אונטערגעשמירט מיט אַ כאַבאַרל, און האָב אויפֿגעגעבן, אַז בײַ מיר איז געווען אַ פּלימעניצע אַזעלכע און אַזעלכע, האָט זי מיך באַגנבעט און האָט איבערגערעדט מײַן זון, ער איז געווען בײַ מיר פאַרשריבן פאַר אַ זון, און איז מיט איר אַנטלאָפן, איך ווייס נישט וווּהין. נאָכדעם האָב איך אָנגעהויבן שיטן מיט געלט, צעשיקט דעפּעשן אין אַלע ארבע פּנות העולם, אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון דער סביבה — און גאָט האָט מיר געהאָלפן, מע האָט זיי געפּאַקט. ווו האָט מען זיי געפּאַקט? טאַקע נישט ווײַט פון אונדז, אין אַ קליין שטעטל. מזל־טוב!

אַז ס'איז אָנגעקומען צו מיר די גוטע ידיעה, אַז מען האָט זיי געפּאַקט, האָבן מיר זיך אויפגעזעצט מיט נאַטשאַלסטווע און מיר זײַנען געפאָרן גלײַך אַהין, אין יענעם שטעטל אַרײַן. מילא, איך זאָל אײַך דערציילן פון דער נסיעה — איז נישט שייך צו זאָגן. איך בין געווען אין איינע פּחדים. איך האָב אַלץ מורא געהאַט, טאָמער, אַ קשיה אויף אַ מעשה, מע שטעלט דאָרט אַ חופּה, איז דאָך פאַרפאַלן, ווי זאָגט ער, די קו מיטן שטריקל... גאָט האָט מיר געהאָלפן, מיר זײַנען געקומען צו פאָרן — זיי האָבן נאָך קיין חופּה נישט געשטעלט. נאָר וואָס דען? אַ נײַער אומגליק: אַזוי ווי איך האָב אײַנגעגעבן, אַז מע האָט מיך באַגנבעט, לכן האָט מען זיי דערווײַלע, ביז עפּעס־וואָס, אײַנגעזעצט. אײַנגעזעצט — איז דאָך מיר געוואָרן שלעכט, געמאַכט אַ גוואַלד, אַז באַגנבעט האָט מיך זי, די פּלי־

מעניצע הייסט דאָס, און ער, דער זון חייסט דאָס, ער האָט זיך דאָך געדעכנט פאַר מײַן זון, איז רײַן. עס קומט צו עפּעס, מע וויל אים שוין אַרויסלאָזן, פּייסין הייסט דאָס, מאַכט ער: „אויב מע האָט געגנבעט, האָבן זיי, זאָגט ער, ביידע געגנבעט". איר הערט ווערטער? דאָס האָט זי אים, די ימח־שמהניצע, אַרויפגעפירט, ער זאָל אַזוי זאָגן. אַ הולטײַקע קאָן!... נו, טאָר מען זײַן אַ גוטער? באַדאַרף מען רחמנות האָבן אױף אַן אָרעמער יתומה? איך פרעג אײַך אַליין — איז כדאי? וואָס טויג אײַך, עס האָט מיך געקאָסט געגנוג בלוט, ביז איך האָב זיי אַרויסגענומען, וואָרעם צוליב אים האָב איך געמוזט זי אויך אָפּרייניקן — און מיר זײַנען געקומען אַהיים. בין איך אײַך נישט אויסן.

געוויינטלעך, האָב איך זי צו מיר אין שטוב מער נישט אַרײַנגעלאָזט. איך האָב איר אָפּגעדונגען אַ קוואַרטיר און קעסט טאַקע בײַ אירן אַ קרוב אין אַ דאָרף, משה־מאיר הייסט ער, אַ פּראָסטער ייִד, אַ דאָרפסמאַן, און מײַן פּייסין האָב איך גענומען אַהיים, גענוג גערעדט איבער אים: „סטײַטש, איך נעם דיך און שרײַב דיך צו צו מיר, ווי אַן אייגענעם זון, און וויל דיר געבן עטלעכע טויזנט קערבלעך נדן, און מאַך דיך פאַרן יורש מיט אַלצדינג, — גייסטו און מאַכסט מיר אַזאַ סקאַנדאַל!" זאָגט ער: „וואָס איז דאָ דער סקאַנדאַל? זי איז אײַך אַ פּלימעניצע, איך בין אײַך אַ פּלימעניק — אַלץ איין יחוס". זאָג איך: „וואָס גלײַכסטו זיך צו איר? דײַן טאַטע איז געווען, זאָג איך, מיר אַן אייגענער ברודער און אַ לײַטישער מענטש, און איר פאָטער איז געווען, זאָל ער מיר מוחל זײַן, אַ שאַרלאַטושקע, זאָג איך, אַ קאַרטיאָזשניק"... איך טו אַ קוק — מײַן ווײַב חלשט. אַ טאַרעראַם, אַ געפילדער. וואָס איז? זי קאָן נישט הערן, למאי מע רעדט אױף איר שוועסטערס מאַן. זיי זײַנען שוין, זאָגט זי, ביידע אױף דער אמתער וועלט, באַדאַרף מען זיי לאָזן צו־רו. איר הערט ווערטער? „ער איז אָבער פאָרט געווען, זאָג איך, לאָז ער מיר מוחל זײַן, אַן אויסוווּרף!" זי חלשט ווײַטער — אַזאַ אומגליק, אַ גלות, מע קאָן באַ זיך אין שטוב קיין וואָרט נישט אויסריידן! בין איך אײַך נישט אויסן.

בקיצור, איך האָב מײַן פּייסין גענומען רעכט אין די ידים אַרײַן און האָב אָנגעהויבן אַכטונג געבן, קוקן אױף אים מיט אויגן, ער זאָל מיר נישט מאַכן נאָכאַמאָל דאָס שפּיל. און גאָט האָט מיר געהאָלפן, ער איז

אוועקגעגאַנגען בדרך הישר, האָט זיך געלאָזט אײַנרײדן און איז געוואָרן א חתן צו מזל, נישט פון אזא אי־אי־אי, נאָר פּאָרט פון א בעל־הבתיש אָרט, מיט אַ מחותן, מיט אַ נאָמען, מיט נדן, מיט... מיט... מיט... ווי מיר שטייט־אָן — און איך בין געווען אפן זיבעטן הימל. איז דאָך גוט, איאָ? האָט־זשע צײַט, וועט איר עפּעס הערן אַ מעשה.

איך קום צו גיין פון געשעפט איינמאָל אהיים עסן אָנבײַסן, איך וואַש מיך, זעץ מיך צום טיש, מאַך המוציא, איך קוק מיך ארום — נישטאָ פּייסי! פליט מיר דורך אַ מחשבה אין קאָפּ: אפשר האָט ער ווידער געמאַכט אַ ויברח? איך נעם מיך צו מײַנער: ווּ איז פּייסי? זאָגט זי: זי ווייס נישט. אָפּגעגעסן, לויף איך ארוים אין שטאָט, אהער, אהין —קיינער ווייס נישט! שיק איך דאָך אוועק אַ שליח אין דאָרף אַרײַן צום קרוב, צו משה־מאירן, געוואָרע ווערן, וואָס מאַכט עפּעס רייזל? ענטפערט ער מיר דורך אַ בריוול, אַז זי איז נאָך נעכטן אוועקגעפאָרן, געזאָגט, אַז זי פאָרט אין שטאָט אַרײַן אַף קבר־אבות. האָב איך געגנוג מסתמא געאַרבעט, אויסגעלאָזט מײַן גאַנץ ביטער האַרץ צום ווײַב, געוויינטלעך, וואָרעם ס'איז דאָך דורך איר אַלע אומגליקן — ס'איז דאָך איר פּלימע־ניצע! בין איך אײַך נישט אויסן.

איך לויף אוועק אין פּאָליציע, איך קלאַפּ אומעטום דעפּעשן, צע־שיק מענטשן, שיט מיט גאָלד — נישטאָ, ווי אין וואַסער אַרײַן! איך אַר־בעט, איך שרײַ, איך בין אוים מענטש — עס העלפט נישט! וואָס טויג אײַך — ס'איז אוועקגעגאַנגען דרײַ וואָכן, איך בין שיער נישט משוגע געוואָרן! פּלוצעם קומט מיר אָן אַ בריוו מיט אַ מזל־טוב, אַז זיי האָבן, ברוך השם, חתונה געהאַט אין אַ גוטער שעה, און האָבן שוין הײַנט פאַר מיר קיין מורא נישט — איר הערט ווערטער? אַז מע וועט שוין איצט נאָך זיי מער נישט נאָכלויפן, מע וועט שוין אַף זיי קיין בלבולים נישט אויסטראַכטן — איר הערט ווערטער? אַז זיי האָבן זיך ליב געהאַט פון קינדווײַז אָן און האָבן, דאַנקען גאָט, דערגרייכט אַלצדינג, וואָס זיי האָבן געוואָלט. אי, ווּ וועלן זיי נעמען אַף צו לעבן? זאָל מען זיך פאַר זיי גאָרנישט זאָגן: ער לערנט און גרייט זיך צום עקזאַמען אַרײַן אין אוני־ווערזיטעט שטודירן אַף דאָקטער, און זי לערנט זיך אַף אקושאָרקע — איר הערט ווערטער? און דערווײַל גיבן זיי בײדע שטונדן און פאַרדינען, מיט גאָטס הילף, ביז פופצן קאַרבן אַ חודש, קאָסט זיי די דירה זעקס

מיט א האַלבן, אכט צאָלן זיי פאַר עסן, און אַפן איבעריקן איז גאָט א פּאָטער — איר הערט ווערטער?... נו־נו, קלער איך מיר, איר ווערט אביסל פריִער אונטערפּגרן גוט פאַר הונגער, ווערט איר זיך אָנהייבן בעטן בא מיר, וועל איך אײַך באַווײַזן, ווער עלטער איז! און צו מײַן ווײַב זאָג איך: „הײַנט זעסטו, זאָג איך, וואָס הייסט א ביטערער שורש? פון אזא טאַטן א שאַרלאַטאַן, א קאַרטיאָזשניק, זאָג איך, קאָן דען עפּעס אַרויסקומען רעכטס?" וכדומה אַזעלכע שטעכווערטער זאָג איך צו איר, און איר זאָלט זאָגן, זי זאָל דאָס מיר ענטפערן דאָס אַנדערע וואָרט! „פּלעגסט דאָך, זאָג איך, אַמאָל חלשן, אַז איך האָב גערעדט אַף דײַן שוואָגערוק, פאַרוואָס חלשטו הײַנט נישט?" ענטפערט די וואַנט? אזוי ענטפערט זי. „דו מיינסט, זאָג איך, אַז איך וויים נישט, אַז דו האַלטסט מיט זיי, אַז דו ביסט מיט זיי יד־אחת, זאָג איך, אַז סע וואַקסט אינגאַנצן פון דיר?" זי שווײַגט, ענטפערט נישט דאָס אַנדערע וואָרט. וואָס קאָן זי מיר, אשטייגער, ענטפערן, אַז זי פילט, אַז איך בין גערעכט? זי וויים, אַז סע פאַרדריסט מיך. פאַר וואָס קומט מיר — פאַר מײַן גוטסקייט, מע זאָל מיר אַזוי צאָלן? בין איך אײַך נישט אויסן.

נאָר איר מיינט אַוודאי, איר זײַט שוין פאַרטיק? האָרט אויס, איר וועט נאָך האָרכן שענערס.

בקיצור, ס'איז אַוועקגעגאַנגען א יאָר, בריוולעך שרײַבן זיי, נאָר פון געלט דערמאָנען זיי נישט א וואָרט. פּלוצעם קומט מיר אָן א מזל־טוב — זי האָט געהאַט א יִינגל און מע רופט אונדז אַפן ברית! רוף איך מיך אָן צו מײַן ווײַב: „מזל־טוב דיר מיט דײַן נחת, אָן אָנגעלייגטער ברית, זאָג איך, און א נאָמען נאָך דײַן שיינעם שוואָגערוק"... ענטפערט זי מיר נישט, נאָר זי ווערט בלייך ווי א וואַנט, טוט זיך אָן און גייט אַוועק פון שטוב. קלער איך מיר: מסתמא וועט זי באַלד קומען. איך וואַרט א שעה, איך וואַרט צוויי, איך וואַרט דרײַ, איך וואַרט פיר, ס'איז שוין פאַרנאַכט, ס'איז שוין שטאָק־נאַכט — נישטאָ זי! א שיינע מעשה, נאָר א קורצע! וואָס טויג אײַך — זי איז אַוועקגעפאָרן צו זיי, און פון דעמאָלט אָן, שוין באַלד צוויי יאָר, זי קומט נישט צוריק און הייבט גאָר נישט אָן צו קלערן מכח קומען אהיים! האָט איר געהערט אַמאָל אזא מעשה? פריִער האָב איך געוואַרט, טאָמער וועט זי מיר שרײַבן א בריוול. און אַז איך האָב געזען, זי שרײַבט נישט, האָב איך איר אַוועקגעשריבן

א בריוול, און שרײַב איר: „היתכן? וואָס פֿאַר אַ פּנים האָט דאָס פֿאַר דער וועלט?!" ענטפֿערט זי מיר, אַז איר וועלט איז דאָרטן, בײַ אירע קינדער — איר הערט ווערטער? אַז דאָס אייניקל, וואָס איז געבוירן געוואָרן, — ער הייסט דווקא הערשעלע, נאָך מײַן ברודער הערשל — איז בײַ איר טײַערער פֿון אַכצן וועלטן. ס'איז אַזאַ הערשעלע, זאָגט זי, וואָס מע קריגט דאָס נישט, מע זאָל אויספֿאָרן די גאַנצע וועלט פֿון איין עק ביזן אַנדערן. און ווינטשעוועט מיר, איך זאָל זיך עלטערן אין עושר און אין כבוד אַליין אָן איר — איר הערט ווערטער?...

שרײַב איך דאָך איר נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און זאָג איר מיטן האַרבן וואָרט, אַז איך וועל נישט שיקן קיין גראָשן! ענטפֿערט זי מיר, אַז זי דאַרף נישט מײַן געלט — איר הערט ווערטער? שרײַב איך איר ווידער אַוועק אַ בריוו, אַז איך בין זיי אַלע מעביר־נחלה און וועל אַפּזאָגן דאָס גאַנצע געלט אַף עולמות! פֿוילט זי זיך נישט און ענטפֿערט מיר אָפּ, אַז זי האָט צו מיר קיין טענות נישט — איר הערט ווערטער? אַז זי לעבט דאָרטן בײַ די קינדער מיט כבוד, הלוואי ווײַטער נישט ערגער, וואָרעם פּייסי איז שוין אַרײַן אין אוניווערזיטעט און רייזל איז שוין באַלד אַן אַקושאָרקע. זיי פֿאַרדינען שוין אַזוי גרויס, ווי זיבעציק קאַרבן אַ חודש — איר הערט ווערטער? און מכח מעביר־נחלה זײַן, זאָגט זי, מעג איך מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן אַוועקשענקען אפֿילו הײַנטיקן טאָג וועמען איך וויל, אפֿילו אַף אַ קלויסטער — איר הערט ווערטער? און לאָזט־אויס, אַז איך בין אַ ריינער משוגענער. די וועלט, זאָגט זי, שטעקט מיך אַרום מיט פֿעדערן פֿאַר דער מעשה, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן. „וואָס איז דאָ, זאָגט זי, דער אומגליק? וואָס דײַן ברודערס זון האָט גענומען מײַן שוועסטערס טאָכטער? וואָס שטייט דיר דאָ אַזוי נישט אָן, דו נאַרישער לעקיש?" — איר הערט ווערטער? „דו זאָלסט, זאָגט זי, זײַן דאָ און אַ קוק טאָן אַפֿן קינד, אַף הערשעלען, ווי ער ווײַזט מיטן פֿינגער אַפֿן זיידנס פּאָטרעט און מאַכט „דיעדיאַ", וואָלסטו זיך, זאָגט זי, אַליין געגעבן דרײַ פּעטש" — איר הערט ווערטער? אַזוי שרײַבט זי מיר פֿון דאָרטן. בין איך אײַך נישט אויסן...

נו, באַדאַרף מען נישט זײַן שטאַרקער פֿון אײַזן? ווי מיינט איר, ברענט דאָס מיך, אַשטייגער, אַז איך קום צו גיין אַהיים און דריי מיך אַרום איינער אַליין צווישן די פֿיר ווענט? איך הייב מיך אָן באַרעכענען:

וואָס איז מײַן לעבן, איך בעט אײַך, אױף דער וועלט? פֿאַר וואָס קומט מיר אַזאַ סוף? פֿאַר וואָס קומט מיר אַזאַ־נ־עלטער? פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען? פֿאַר מײַן גוטסקייט? פֿאַר מײַן פֿאַדלע ווייכן כאַראַקטער?... האָט קיין פֿאַריבל נישט: אַז איך הייב אָן ריידן דערפֿון איז פֿאַר דאָסאַדע שטעלן זיך מיר טרערן, און איך קאָן נישט, איך קאָן נישט ריידן!

אוי, מע טאָר נישט זײַן קיין גוטער. הערט איר? מע טאָר נישט זײַן קיין גוטער!

ענדע געשיכטע נומער פֿערצן.

געשריבן אין יאָר 1903

גע שיכטע נומער פופצן

א גשרף

— אונדזוערע ייִדן — הער איך דרשענען א ייִדן הינטער מײַנע פּלייצעס און פּאַסאַזשירן הערן אים צו — אונדזוערע ייִדן, הערט איר, ס׳איז דאָך נישט שייך צו זאָגן, גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד, ס׳איז אַן עמא פּזיזא — וואָס איז די טײַטש? — מיט א ייִדן איז נאָר גוט קוגל עסן, דאַווענען פון איין סידור, און ליגן אַף איין בית־הקברות, און א רוח אין זיי אין טאַטן, און גאָרנישט!...

איר פרעגט, וואָס בין איך אַזוי אָנגעדרודלט און וואָס ליאַפּע איך אַזוי אַף ייִדן? איר זאָלט האָבן אַף זיך מײַן פּעקל און ייִדן זאָלן אײַך אַזוי טאָן, ווי מע טוט מיר, וואָלט איר אָנגעכאַפּט מענטשן אין די גאַסן, אָדער איר וואָלט געשלאָגן מיט א שטעקן! נאָר גאָרנישט, איך בין אַזא ייִד, וואָס קאַטאָרע איך האָב פֿײַנט קריגן זיך מיט א וועלט. איך גיי תּמיד מיט דעם גאַנג: לאָז מײַנס איבערגיין, אָדער ווי שטייט דאָרט: עולם כמנהגו — וואָס איז די טײַטש? — לאָז זיך מיט זיי גאָט רעכענען, און א רוח אין זיי אין טאַטן, און גאָרנישט!...

הערט א מעשה: איך בין אַליין, נישט פאַר אײַך געדאַכט, א באָהס־לעווער, פון א קליין שטעטל פון באָהסלעוו, א קליינס, נאָר א ווױלס, פון די שטעטלעך, וואָס מע זאָגט אַף זיי, אַז מע זאָל זיי געדיכט זייען און שיטער אויפגיין; פון די שטעטלעך, וואָס אַז מע וויל עמעצן רעכט באַ־שטראָפן, זאָל מען אים נישט פאַרשיקן קיין סיביר — פּע! — צו אונדז קיין באָהסלעוו זאָל מען אים פאַרשיקן, און מאַכן אים פאַר א קרעמער, און געבן אים קרעדיט, ער זאָל קאָנען רעכט אָנזעצן, און נאָכדעם זאָל

ער האָבן אַף זיך אַ שרפה, פאַרברענט ווערן מיט האַק און פּאַק, נישט אַרויסצוראַטעווען אַ פּאָדעם, און באַהסלעווער ייִדן זאָלן זאָגן, אַז דאָס האָט ער אַליין געמאַכט „בורא מאורי האש”, בכדי... איר פאַרשטייט דאָך שוין מסתמא, וואָס באַהסלעווער ייִדן קאָנען אויסטראַכטן און קאָנען זאָגן און טאַקע אַוועקשרײַבן אַהינצו, ווו מע באַדאַרף, און אַ רוח אין זיי אין טאַטן, און גאָרנישט!...

דערפון קאָנט איר שוין פאַרשטיין, מיט וועמען איר האָט צו טאָן; איר האָט צו טאָן מיט אַן אומגליקלעכן מענטשן, וואָס איז דרײַ מאָל אומגליקלעך, מיט אַ מענטשן, וואָס האָט אַף זיך אַ דרײַענדיק־פּעקל: ערשטנס, בין איך אַ ייִד, צווייטנס, בין איך אַ באַהסלעווער ייִד, און דריטנס, בין איך אַ באַהסלעווער ייִד אַ נשרף, און נאָך וואָס פאַר אַ נשרף — פון די אמתע „פּרים הנשרפים”, וואָס אין סידור!! איך בין, הייסט עס, הײַנטיקס יאָר אָפּגעברענט געוואָרן. ווי אַזוי, מיינט איר? ווי אַ שטרויענער דאָך! איך בין אַרוים ממש בחרבי ובקשתי — וואָס איז די טײַטש? — ווי די מאַמע האָט מיך געהאַט. און ווי סע פירט זיך, באַדאַרף איך מסתמא יענע נאַכט אַקוראַט נישט זײַן אין דער היים! ווו בין איך געווען? איך בין געווען נישט ווײַט פון אונדז, אין טאַראַשטשע בין איך געווען, בײַ מײַנער אַ שוועסטער אַף אַ קנס־מאָל בין איך געווען. געווען זייער אַ פײַנער קנס־מאָל, מיט אַ סעודה, מיט זייער פײַנע פּעסט, נישט באַהסלעווער פּאַרכעס. איר קאָנט פאַרשטיין, אַז מע האָט אויסגעטרונקען אָנדערהאַלבן עמער בראָנפן, אַחוץ ביר און אַחוץ ווײַן. קורץ, מע האָט פאַרבראַכט די צײַט כדבעי — וואָס איז די טײַטש? — ווי גאָט האָט געבאָטן. פּלוצעם קומט מיר אָן אַ דעפּעש: „זשענאַ באָליען, דיעטי באָליען, טיאָשטשאַ באָליען, אָטשעם אָפּאַסנע!” האָב איך דאָך מסתמא געכאַפּט די פּיס אַף די פּלייצעס און הלך משה־מרדכי אַהיים! איך קום אַהיים — אַ חתונה! נישט קיין שטוב, נישט קיין קלייט, נישט קיין סחורה, נישט קיין קישעלע, נישט קיין העמד אַפן לײַב. בגפו יבוא בגפו יצא — וואָס איז די טײַטש? — געווען אַן אָרעמאַן און אַרוים אַן אביון... דאָס ווײַב נעבעך וויינט, די קינדער —אַף איר קוקנדיק, נישטאָ ווו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן. אַ שטיקל גליק באָטש, וואָס ס׳איז געווען געסטראַכירט, און דאָ, פאַרשטייט איר מיך, ליגט דער הונט באַגראָבן... נאָר דאָס אַליין וואָלט

נאָך געווען אַ האַלבע צרה. איז אָבער געווען דער גאַנצער אומגליק, וואָס דאָס מאָל איז געווען נישט דאָס ערשטע מאָל; מחמת איך האָב שוין, דאַרפט איר וויסן, אַמאָל, נישט היינט געדאַכט, געבערענט, אויך באַנאַכט איז דאָס געווען, און אויך בשעת איך בין נישט געווען אינדערהיים. נאָר דעמאָלט איז דאָס, דאַנקען גאָט, אָפּגעלאָפן גלאַט: געקומען דער אינספּעקטאָר, איבערגעשריבן די געבערענטע שמאַטעס, אָפּגעשאַצט דעם היזק, זיך אויסגעגלייכט, פיין, שיין, אַ רענדל אַראָפּ, אַ רענדל אַרויף, און אַ רוח זיי אין טאַטן, און גאָרנישט!...

איז דאָס געווען איין מאָל אַ מעשה. איצטיקס מאָל אָבער האָט מען מיר צוגעשיקט אַן אינספּעקטאָר, זאָל גאָט שומר ומציל זיין אַלע יידן! אַ רשע מרושע! און אַף מיין גליק — אַ נקי־כּפּימניק, ער נעמט נישט!... האָט איר געהערט אַ מעשה? — ער נעמט נישט, און גיי מאַך! זוכט ער און נישטערט און גריבלט און גראָבט, וויל זיך דעביוווען, איך זאָל אים קלאָר מאַכן, וויאַזוי האָט דאָס געברענט, און פון וואַנען? און וויפל איז פאַרברענט געוואָרן? און פאַר וואָס איז נישט געבליבן קיין שריד ופליט? קיין סליד אפילו?... „אַ, זאָג איך, מיין טענה!... איך טענה אויך דאָס אייגענע! גייט, זאָג איך, פרעגט באַם רבונו־של־עולם"... „ס'איז נישט גלאַט, זאָגט ער, מיינט נישט, אַז אַזוי גיך נעמט איר באַ אונדז געלט"... געפעלט אייך אָביסל אַ חכם? ער שרעקט די גענדז. פּונקט ווי דער סליעדאָוואַטעל אונדזערער וויל מיך כאַפּן באַ דער צונג, דער־טאַפּט אַ מלופּום־קינד: „סקאַזשי־נאַ, מאַשקע, זאָגט ער צו מיר, סקאַזשי מניע, ליובעזנעי, אַטטשעוואָ טי קאַזשדי ראַז גאָריש?" — דאָס הייסט, איך זאָל אים גיין זאָגן, וואָס איז דער שכל, וואָס איך ברען אַלע מאָל? „אָט פּאָזשאַרא, זאָג איך אים, וואַשע בלאַהאָראָדיע" — פון אַ שרפה ברען איך... „פּאַרוואָס האַסטו, זאָגט ער, עפּעס גראָד געסטראַכירט פריער מיט צוויי וואָכן, איידער דו האָסט געברענט?" „וואָס דען, זאָג איך, האָסטו געוואָלט, פּריץ, איך זאָל סטראַכירן מיט צוויי וואָכן שפּעטער?"... „פּאַרוואָס, זאָגט ער, ביסטו גראָד נישטאָ אינדערהיים, בשעת דו ברענסט?" „נו, און אַז איך זאָל זיין אינדערהיים, זאָג איך, בשעת מעשה, וואָלט דיר שוין געווען גרינגער?"... „פּאַרוואָס, זאָגט ער, האָט מען דיר געטעלעגראַפירט, אַז די קינדער זיינען שלאָף, און דאָס ווייב איז שלאָף, און די שוויגער איז פאַרביי?" „בכדי, זאָג איך, איך זאָל

קומען צו פֿאָרן וואָס גיכער"... „פֿאַרוואָס האָט מען דיר נישט געשריבן בעסער דעם אמת?" „בכדי, זאָג איך, איז זאָל מיך נישט דערשרעקן"... „אויב אַזוי, מאַכט ער צו מיר, פֿאַרשטיי איך שוין, ווו איך האַלט מיט דיר. זאָלסט וויסן זײַן, זאָגט ער, אַז איך זעץ דיך אײַן". „פֿאַרוואָס און פֿאַר ווען? — זאָג איך, — וואָס האָסטו צו מיר? דו נעמסט, זאָג איך, אַ מענטשן, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיק, און מאַכסט אים אומגליק־לעך! ס'אַ קונץ, זאָג איך, קוילן? ווילסט קוילן — קוילע! דו פֿאַרגעסט, זאָג איך, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ זאַקאָן און ס'איז דאָ אַ גאָט אױף דער וועלט"... איז ער געוואָרן אָנגעצונדן: „דו רעדסט נאָך מיט גאָט? דו אַזעלכער און אַזעלכער!"... נאָר וואָס הער איך אים, אַז איך בין ריין, ריין ווי גינגאָלד, ווי זאָגט ער: אַל תהי בז לכל בשר — וואָס איז די טײַטש? — אַז מע עסט נישט קיין קנאָבל, הערט זיך נישט נאָך, און אַ רוח אין זיי אין טאַטן, און גאָרנישט!...

וואָלט געווען גוט; איז דאָך אָבער באַהסלעוו! קאָן עפּעס אַ באַהסלע־ווער ייִד לײַדן, אַז יענער זאָל נעמען אומזיסט געלט? האָט מען זיך צעלאָזט מיט פּאַפּירן, מיט מסירות הייסט דאָס. אַ סך האָבן אָוועקגע־שריבן דורך דער פּאָסט, און אַ סך האָבן זיך אַליין מטריח געווען מיט זייער כבוד אין דער „אָבשטשעסטווע" אַרײַן, מיך געמסרט, אַז דאָס האָב איך אַליין געמאַכט „בורא מאורי האש"... איר הערט, שקצים קאָ־נען?... אַז דאָס בין איך אומיסטנע אָוועקגעפֿאָרן יענע נאַכט פֿון דער היים, בכדי... איר פֿאַרשטייט, הולטאַיעס קאָנען?... און אַז ס'איז בײַ מיר קיינמאָל נישט געווען, זאָגן זיי, אַזוי פֿיל סחורה, וויפֿל איך ווײַז־אָן, און אַז די חשבונות, מיט די ביכער, וואָס איך האָב צוגעשטעלט זײַנען פֿאַלשע חשבונות, און זיי וועלן דאָס אויפֿווײַזן, זאָגן זיי, מיט אותות ומופתים, מיט המנס מסירות, מיט... מיט... מיט אַ רוח אין זיי אין טאַטן, און גאָרנישט!...

נאָר ווער הערט זיי, איך בעט אײַך, אַז איך בין פּאָרט ריין, ריין ווי גינגאָלד?... מילא, דאָס וואָס זיי זאָגן, אַז איך אַליין האָב געמאַכט „בורא מאורי האש", איז דאָך גלאַט בלאָטע. אַ מינדסט קינד פֿאַרשטייט דאָך, אַז מע וויל שוין אָפּטאָן אַזאַ זאַך, טוט מען דאָס נישט אַליין. סע געפֿינט זיך שוין אַזעלכער, אַ שליח פֿון די „מלאכי־השרת", וואָס ער טוט דאָס אָפּ פֿאַר אַ דרײַערל... וואָס? נישט אַזוי? ווי אַזוי איז בײַ

אײַך?... און דאָס װאָס זײ זאָגן, אַז איך בין אומיסטנע אװעקגעפאָרן פון דער היים, איז אַ שטותערײַ. ס'איז פּאָרט געװען אַ קנס־מאָל באַ מײַן שװעסטער. איך האָב אײנאונאײנציקע שװעסטער אין טאַראַשטשע, מאַכט זי חתונה די מיטלסטע טאָכטער, זאָל איך נישט פאָרן אָפּן קנס־מאָל? טאַקע אַ יושר? איך פרעג אײַך אַלײן: װי װאָלט געװען, אַשטײגער, װען איר האָט אײנאונאײנציקע שװעסטער, און זי טוט אַ שידוך מיט דער מיטלסטער טאָכטער, װאָלט איר געזעסן אינדערהײם און נישט געפאָרן צו דער שװעסטער אָפּן קנס־מאָל? נײן, װאָס שװײַגט איר? צי, אַשטײגער, איך זאָל זײַן אַ נביא און טרעפן, אַז גראָד דעמאָלט, װען מײַן שװעסטער אין טאַראַשטשע טוט אַ שידוך מיט דער מיטלסטער טאָכטער, װעט באַ מיר אין באָהסלעװו זײַן אַ שרפה! אַ גליק כאָטש, װאָס איך האָב געסטראַ־כירט. און געסטראַכירט האָב איך טאַקע איבער די הײַנטיקע שרפות. קומט דער זומער, איז נישט אויסצוהאַלטן פון די שרפות, װאָס אין די קלײנע שטעטלעך. אײן שרפה נאָך דער אַנדערער. אָדער אין מיר אַ שרפה, אָדער אין באַברויסק, אָדער אין רעטשיצע, אָדער אין ביאַליסטאָק — דער עולם ברענט!... האָב איך מיך מיישב געװען: כל ישראל חברים — װאָס איז די טײַטש? — אַלע ייִדן ברענען; נו, איז װוּ בין איך? װאָס באַדאַרף איך, שוטה בן פּיקהאָלץ, שטײן אין ריזיקע מיט אַ קראָם, פאַרלאָזן זיך אַף נסים, אַז איך קאָן זי פאַרסטראַכירן? נו, און װײַבאַלד סטראַכירן, פאַרװאָס זאָל איך שױן נישט סטראַכירן װי סע געהער צו זײַן? ממה נפשך, אַז עסן חזיר, זאָגט ער, לאָז כאָטש רינען איבערן באָרד. דער רוח װעט די „אָבשטשעסטװע" נישט נעמען, און איבער מײַנע עט־לעכע קערבלעך װעט זי אָרעמער נישט װערן, און אַ רוח אין זײ אין טאַטן, און גאָרנישט!...

בין איך מיר אַװעקגעגאַנגען גאַנץ פײַן צו מײַן אַגענט און זאָג אים: „הער נאָר אויס, זײַנװל, אַזוי און אַזוי איז די מעשה. דער עולם ברענט, למאי זאָל איך שטײן אין ריזיקע? איך װיל, דו זאָלסט מיר פאַרסטראַכירן מײַן קראָם". „טאַקע באמת?" — מאַכט ער און קוקט אַף מיר מיט אַ מאָדנע שמײכעלע „װאָס שמײכלסטו, זאָג איך, װי אַ פּגר אומגעװאַשן?" „איך האָב, זאָגט ער, הנאה און סע טוט מיר באַנג". „װאָס הײסט, זאָג איך, דו האָסט הנאה און סע טוט דיר באַנג?" „באַנג טוט מיר, װאָס איך האָב אײַך, זאָגט ער, אײנמאָל געסטראַכירט. און

הנאה האָב איך, וואָס דאָס אַנדערע מאָל וועל איך אײַך שוין נישט סטראַכירן". „וואָס איז די מעשה?" — זאָג איך. „אַזוי, זאָגט ער, ווײַל איר האָט מיך איינמאָל אָפּגענאַרט". „ווען האָב איך דיך אָפּגענאַרט?" „דעמאָלט, ווען איר האָט געברענט". „זאָג כאָטש „נישט הײַנט געדאַכט", דו גראָבער יונגאַטש!" „נישט הײַנט געדאַכט, נישט דאָ געדאַכט, נישט פאַר קיין ייִדן געדאַכט!" — זאָגט ער און לאַכט מיר גלײַך אין פּנים אַרײַן. אַ שייגעץ קאָן!... מאָלט אײַך, איך האָב אָפּגעזוכט אַן אַנדער אָרט אָף צו סטראַכירן. אַ גרויסע דאגה! המבלי אין קברים במצרים — וואָס איז די טײַטש? — קאַרג אָבשטשעסטוועס פאַראַן באַ אונדז? טאַטעניו! אַגענטן, ווי די הינט! האָב איך דערטאַפּט אַ יונגנמאַן, וואָס איז נאָר־וואָס אַראָפּ פון קעסט און איז געוואָרן אַן אַגענט פון אַן „אָבשטשעסט־ווע" און זוכט אַרבעט. נו, ווי פאַרשטייט איר, מסתּמא האָט ער מיך פאַר־סטראַכירט, און טאַקע אָף עשׂרת אלפים רו"כ — פאַר וואָס נישט? איך בעט אײַך, סע שטייט מיר נישט אָן צו האָבן נאָך מער ווי פאַר צען טויזנט שמאַרדאָוועצעס סחורה אין קלייט? „טאָוואַר וואָבאַראָטי" — וואָס איז די טײַטש? — הײַנט איז נישטאָ, מאָרגן איז פאַראַן... אַי, זיי זאָגן איצט, די באַהאַסלעווער ייִדן, הייסט עס, אַז איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט אַזוי פיל סחורה? ווער הערט זיי? לאָזן זיי גיין דערווײַזן, לאָזן זיי זאָגן, לאָזן זיי ריידן, לאָזן זיי בילן, לאָז אַ רוח אין זיי אין טאַטן, און גאָרנישט!...

דאָס גליק איז געווען, וואָס בשעת מעשה, בשעת איך האָב געסטראַ־כירט, האָט באַ אונדז אין באַהאַסלעוו קיינער נישט געוווּסט פון דער מעשה, איז טאַקע דערפאַר אָפּגעלאָפן די מעשה גלאַט... און ערשט נאָכ־דעם, אַז עס האָט זיך געמאַכט דאָס אומגליק, איך בין אָפּגעברענט גע־וואָרן דאָס אַנדערע מאָל, הייסט עס, האָבן אחינו בני ישׂראל באַלד אַ וואָרף געטאָן זיך צו די אַגענטן: ווו איז געווען געסטראַכירט? און ווען איז געווען געסטראַכירט? און אָף וויפל איז געווען געסטראַכירט?... און אַז מע איז געוואָר געוואָרן, אַז אָף צען טויזנט, איז געוואָרן אַ רעש — הימל עפן זיך! סטײַטש, צען טויזנט?! משה־מרדכי וועט נעמען צען טויזנט קאַרבן!... האָב אײַך אַכציק שוואַרצע יאָר! וואָס אַרט אײַך, אַז משה־מרדכי וועט נעמען צען טויזנט? וואָס האָט איר מורא, טאָמער פאַרדינט חלילה משה־מרדכי אַ קערבל? און ווי וואָלט געווען פאַרקערט,

ווען משה־מרדכי זאָל דאַרפֿן דערלייגן צו דער שׂרפֿה, וואָלט איר אים אומגעקערט?... אַ קלייניקייט באַהסלעוו! איר שפּילט זיך מיט באַהסלעוו? אַ שטאָט פֿון גאָלע ערלעכע לײַט! צדיקים! קאָנען קיין עוולות נישט פֿאַר־טראָגן!... דאַכט זיך, איך ווייס? מע זעט פֿאַר זיך אַזאַ אומגליק, יענער שפּרינגט־אַרום קוים מיט די נפֿשות, האָט אַזאַ היזק!... און אַז ער האָט נישט אַזאַ היזק, איז וואָס? מאָלט אײַך, די מכּות מעג זיך זיי זעצן, וויפֿל איך וועל דאָ פֿאַרדינען מער... מיין איך ווינציקער ווי צען טויזנט! נו, בכן? און אפֿילו איך זאָל דאָ פֿאַרדינען די גאַנצע צען טויזנט, איז וואָס? וואָס?... ווּעמען באַדאַרף דאָס ווי טאָן דער קאָפּ?... יענער ברענט — לאָז ער ברענען! ברענט אויך, ווערט פֿאַרברענט!... אַרײַנגיין אין יענעמס פּאָלאַזשעניע, טאָמער איז גאָר אַ מצווה? טאָמער איז גאָר יענער אַ מטופּל מיט קינדער? טאָמער האָט יענער אַ טאָכטער חתונה צו מאַכן, אַ קינד אַ גאָלד, אַ געראָטענע און מיט אַלע מעלות? טאָמער האָט יענער קוים דערלעבט און האָט נאָך נישט קיין שדכנות צו באַצאָלן אפֿילו? טאָמער האָט יענער אַ יינגל אַ זעלטענעם קאָפּ, וואָס רײַסט זיך, וויל נעבעך לער־נען, און ס'איז נישטאָ מיט וואָס? טאָמער מוטשעט זיך יענער, ציט פֿון זיך די קליי, צוליב וואָס? צוליב ווײַב און קינדער! — דאָס וויל קיינער נישט באַרעכענען! איטלעכער רעכנט מיך נאָר אָפּ פֿון דער זײַט, אולי ירחם — וואָס איז די טײַטש? — טאָמער חלילה פֿאַרדין איך דאָ! און לאָמאי זאָל איך פֿאַרדינען? און אַ רוח אין זיי אין טאַטן, און גאָרנישט!...

נאָר וואָס דען? איך וועל אײַך זאָגן דעם אמת. מילא, אַז די קרע־מער פֿאַרגינען מיר נישט, איז כאָטש נישט אַזוי פֿאַרדראָסיק: אָרעמעלײַט זײַנען מקנא, לאָמאי איך נעם געלט און זיי נישט; אָבער מיט די נגידים וואָס געהער זיך דאָס אָן? מער פֿון אַלעמען ברענט מיך אָפּ אונדזער גבירים זונדל. אונדזער גביר האָט אַ זונדל, הייסט ער „משה חכם מה הוא אומר" — אַ ווויל יידל, אַ וואַרעמס, אַ קלוגער יונגאַטש און אַ ווייך הערצל, האָט פֿײַנט פּראָצענט, אַ ווילדער בעל־צדקה און אַ בעל־יושר און גלאַט אַ פֿײַן מענטשל... אַלע מאָל, ווען ער דערזעט מיך, שטעלט ער מיך אָפּ: „וואָס הערט זיך עפּעס מיט אײַער פּעקל? איך האָב, זאָגט ער, געהערט, אַז איר האָט נעבעך געהאַט אַ גרויסן היזק!"... און בשעת מעשה לייגט ער אַרײַן די הענט אין די קעשענעס, שטעלט־אַרום דאָס בײַכל, קוקט מיט בהמהשע אויגן און מאַכט אַזאַ פּנים, אַז סע גלוסט

זיך אים געבן פּעטש, אוי גלוסט זיך!... נאָר מע מוז שווײַגן. וואָס זאָל מען טאָן? פּשוט, זאָגט ער, נבלה ואַל תצטרך — וואָס איז די טײַטש? — אַ קניפּ אין באַק, די פאַרב זאָל שטײן... לאָז נאָר גאָט געבן, ס'זאָל שוין אָפּלויפן די סליעדסטװע, איך האָב אַף זיך אַ סליעדסטװע האָב איך, אַלע מאָל רופט מען מיך צום סליעדאָוואַטעל, אַלע מאָל אַן אַנדער שאלה... כאָטש סע אַרט מיך, ווי דער פּאַראַיאַריקער שניי, וואָרעם וואָס, משטיינס געזאָגט? וואָס הער איך זיי, אַז איך בין ריין ווי גינגאָלד?... דערוויײַלע, ביז עפּעס וואָס, האָט מען בא מיר גענומען אַ חתימה, אַז איך טאָר נישט אָפּפאָרן פון דער היים, און איך פאָר דווקא אַרום, ווי איר זעט מיך, טאָג ווי נאַכט, די באַהסלעוועער יִדן אַף־צו־להכעיס! כל דכפין ייתי ויצרך — וואָס איז די טײַטש? — ווער עס וויל, לאָז ער מיר נאָכ־פאָרן, און לאָזן זיי מיך לאָדן צום ונתנה־תוקף, און אַ רוח אין זיי אין טאַטן, און גאָרנישט!...

קערט איר אפשר מיינען, ווײַבאַלד איך האָב אַף זיך אַזאַ פּעקל, וויל מסתמא די „אָבשטשעסטווע" מיט מיר נישט אָפּענדיקן פאַר דער שרפה? אַזוי פיל מכות זאָל זיך זעצן דעם באַהסלעוועער גבירס זונדל אַף זײַן נאַריש פּנים, וויפל טויזנטער איך קאָן בא זיי נעמען! אי, וועט איר דאָך פרעגן: פאַרוואָס נעם איך נישט? — ע! קענט איר דאָך מיך נישט! איך בין דאַרפט איר וויסן, אַ ייִד אַ גזלן; נישט אַזוי גיך בײַסט מען מיך אײַן. איך גיי מיר מיט מײַן גאַנג: איז ווײַבאַלד החילות לנפול — וואָס איז די טײַטש? — אַז עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, איז נפול תפּול — וואָס איז די טײַטש? — לאָז זיך עס גיין ווי סע גייט זיך... אי, די סליעדסטווע? די סליעדסטווע איז אַ סליעדסטווע! וואָס האָב איך מורא, אַז איך בין פאָרט ריין, ריין ווי גינגאָלד?... ס'איז נאָר שלעכט דערוויײַלע, וואָס סע וואַקעוועט זיך מײַן געלט אומזיסט, און וואָס איך בין דערוויײַלע געענגט, איך ווער שיער נישט דערוואָרגן פאַר ענגשאַפט! אָט דאָס איז ביטער! ס'איז אָבער טאַקע אַ פאַרדראָסיקע זאַך, כ'לעבן: דאָס געלט, וואָס איך דאַרף נעמען, וועל איך דאָך נעמען, עס וועט זיך זיי דען עפּעס העלפן? הײַנט למאי זאָל מען מיך ציִען אומזיסט־אומנישט? גיט מיר אָפּ מײַן געלט, טענה איך, מײַן געלט גיט מיר אָפּ! רוצחים, וואָס האָט איר צו מײַנע קינדער? —טענה איך, — איך וויל דען עפּעס בא אײַך אַ סך? גיט מיר אָפּ מײַנע צען טויזנט קערבלעך, מײַנע קינדערס

געלט —ס'איז דען מײַן געלט? ס'איז מײַנע קינדערס געלט! גיט מיר אָפּ מײַנע קינדערס געלט, און לאָזט מיך צו־רו, און לאָז דאָס חאָבן אַן עק, און אַ רוח אין אײַער טאַטן, און גאָרנישט!...

נאָר וואָס העלפֿט טענהן? וואָס העלפֿט שרײַען? דערווײַלע איז שלעכט, שלעכט, ביזן עק אַרײַן שלעכט! פֿון געשעפֿט אָפּגעשלאָגן זיך, חתונה אָפּגעשטעלט, נדן איז נישטאָ, קינדער לערנען דאַרף מען, געלט קאָסט, ברוך השם, אַלע טאָג, מע ברענגט זיך אויס. הײַנט די יסורים! מע שלאָפֿט דען? מע הייבט נישט אָן צו שלאָפֿן! מע האָט טאַקע קיין מורא נישט; וואָרעם וואָס האָב איך מורא צו האָבן, אַז איך בין פֿאַרט ריין, ריין ווי גינגאָלד? נאָר גאָרנישט, מע איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש, עס גייען־דורך אַלערליי רעיונות, מחשבות: ס'איז אַ סליעדסטוועע, מיט אַ פּרעקאָראָר, מיט באָהסלעוועס ייִדן, וואָס ווילן אײַך גיין עדות זאָגן און שווערן, אַז זיי האָבן אײַך אַליין געזען ארומגיין באַנאַכט מיט אַ הבדלה אָפּן בוידעם... איר שפּילט זיך מיט באָהסלעווער ייִדן? גלייבט מיר, ס'איז פֿאַראַן באַ אונדז אײנער אַ דוויד־הערש — זאָל איך עס פֿאַרדינען אַלע וואָך מיט אײַך אינאײנעם, וואָס דער דוויד־הערש קאָסט מיך שוין לאַ־יחרץ־געלט! און דווקא אַ גוטער ברודער, און דווקא אַ טאַטנס אַ קינד, און דווקא מיט אַ שמייכעלע, און דווקא מיט אַן „אם־ירצה־השם" און מיט אַ „גאָט־וועט־העלפֿן", און מיט אַ רוח אים אין טאַטן, און גאָרנישט!...

הײַנט פֿאַרשטייט איר שוין, וואָס באָהסלעוו איז? בין איך שוין גערעכט, וואָס איך בין אַזוי אויפֿגעטראָגן אויף אונדזערע ייִדן? וואַרט־צו, לאָז מיר נאָר גאָט העלפֿן, איך נעם־אָפּ מײַנע עטלעכע קערבלעך, וועל איך זיך שוין מיט זיי צערעכענען! קודם־כל בין איך מנדר אויף דער שטאָט, איך קאָן נישט זאָגן וויפֿל, נאָר נישט ווינציקער וויפֿל אונדזערע נגידים; איך וועל מיך שטעלן, מעגט איר מיר זיכער גלייבן, ווי דער שענסטער נגיד: אַן עליה אין שול די שענסטע, מיטן גרויסן „בעבור־שנדר־עשרה־פּונט־גרות־על־בית־המדרש", ס'זאָל קלינגען, און לאָזן זיי צע־זעצט און צעשפּרונגען ווערן! פֿונעם „בקור־חולים" און פֿון דער „תּלמוד־תורה" שמועסט מען ניט: אין „בקור חולים" אַרײַן אַ האַלב טוץ זאָגנענע העמדער פֿאַר די קראַנקע, און אַלע תּלמוד־תורה־ייִנגלעך שפּאָגל־נײַע אַרבע כּופֿותלעך... און ערשט נאָכדעם מאַך איך חתונה די טאָכטער מײַנע. נאָר

אַלץ הייסט חתונה! איר קערט אוודאי מיינען, אַז איך נעם גלאַט אַזוי און מאַך חתונה, ווי אַלע ייִדן מאַכן חתונה? פֿע! קענט איר דאָך מיך גאָר נישט, ווער איך בין! איך, אַז איך מאַך חתונה, מאַך איך אַ חתונה, אשר לא חתונו אבותינו — מע האָט נאָך בײַ אונדז אַזאַ חתונה נישט געהערט און נישט געזען! אַ שאַלאַש איבערן גאַנצן שול־הויף! כּלי־זמר קאָן איך באַשטיין דווקא פֿון סמילע! אָן אָרעם־מאָלצײַט פֿאַר דרײַ הונ־דערט אָרעמעלײַט, מיט דער פֿײַנער סעודה, מיט די גוטע קוילעטשלעך און מיטן רעכטן ביסל בראָנפֿן, און מיט דער שיינער נדבֿה, אַ פּיטאַקל אויף צווייען... און אַף דער חופּה־וועטשערע — דווקא די גאַנצע שטאָט, אָבער טאַקע פֿון איין עק ביזן אַנדערן עק, און די שונאים, וואָס האָבן מיך געוואָלט דערטרינקען, דווקא אויבן־אָן, און דווקא לחיים, און דווקא אַ טאַנץ, און נאָך אַ טאַנץ, און נאָך אַ טאַנץ! שפּילט, כּלי־זמר, אַף וואָס די וועלט שטייט, און לאָמיר, ייִדן, טאַנצן!... אָט אַזאַ ייִד בין איך! איר קענט מיך גאָרנישט. הערט איר, וואָס איך זאָג אײַך? איר הייבט מיך גאָרנישט אָן צו קענען! איך, אַז איך צעהוליע זיך, איז בײַ מיר געלט בלאָטע — נאָך אַ קוואָרט בראָנפֿן און נאָך אַ קוואָרט בראָנפֿן, און תּמות נפֿשי עם פּלשתּים — וואָס איז די טײַטש? — איר זאָלט, קינדער, צעזעצט ווערן טרינקענדיק, און וואָן פֿון שטוב, און אַ רוח אין אײַער טאַטנס טאַטן, און גאָרנישט!

ענדע געשיכטע נומער פֿופֿצן.

געשריבן אין יאָר 1903

געשיכטע נומער זעכצן

ניטא קיין מזל!

— איר רעדט פון גנבים? — רופט זיך אן איינער אן אפגעפוצטער פארשוין מיט א רענצל אין האנט, וואס ער היט עס, ווי דאס שווארצאפל פונעם אויג (דאס איז געווען באנאכט אין וואקזאל צווייטער קלאס; מיר זיינען געזעסן זאלבאדריט און געוואַרט אפן קוריער, וואס האט פארשפעטיקט אף א שעה מיט א פערטל, און גערעדט פון גנבים און גנבות). — פון גנבים רעדט איר? גנבים לאזט מיך. ווו האט איר אף דער וועלט נאך אזוי פיל גנבות, ווי אין אונדזער בראנזשע? א קלייני-קייט בריליאנטן? דער יצר־הרע פון בריליאנטן איז אזוי גרויס, אז צווישן די קונים גופא זיינען פאראן גנבים. און נישט אזוי נאך צווישן די קונים, ווי צווישן די קונהטעס, צווישן די דאמען. מיר קוקן אף יעדע דאמע, וואס מיר קענען זי נישט, מיט זיבן און זיבעציק אויגן. און נישט אזוי גיך גנבהט מען בא א יוּוועליר סחורה. איך קען מיך בארימען, אז זינט איך בין א סוחר און האנדל מיט בריליאנטן, האט מען מיך נאך קיינמאל נישט באגנבהט. נאר אז ס'איז באשערט אן אומגליק, וועט איר הערן וואס סע קאן זיך טרעפן.

איך אליין בין סך־הכל נישט קיין יוּוועליר. דאס הייסט, א יוּוועליר בין איך, נאר איך פארנעם מיך נישט מיט יוּוועלירעריי. איך בין נישט מער ווי א סוחר, וואס האנדלט מיט בריליאנטן. איך קויף און פארקויף בריליאנטן, צום מיינסטן, אנגרא, און, צום מיינסטן, אין דער פרעמד, אף די ירידים, אדער אזוי, אז עס מאכט זיך ערגעץ א קונה, נעם איך מיר מיין רענצל, אט דאס־א, אין האנט, זעץ מיך אף דער באן און פאר.

דערווײַל טרעפט זיך אַ מעשה, איך ווער געוואָר, אַז אין יעהופּעץ איז דאָ אַ גביר, מאַכט ער חתונה אַ טאָכטער. באַדאַרף ער דאָך מסתמא בריליאַנטן. איז אפילו, אַז מע וויל שמועסן צוריק, איז אין יעהופּעץ אויך פאַראַן געווג יוּוועלירן, אפשר מער, ווי מע דאַרף. נאָר איינס צום אַנדערן קער זיך נישט אָן. עס מעג זיך זײַן אכצנטויזנט יוּוועלירן, איר גיט מיר נאָר אַהער אַ קונה, וועל איך שוין ווײַזן, ווער ס'וועט לייזן געלט, איך צי זיי. פאַרקויפן בריליאַנטן איז אַ מלאכה, וואָס מע דאַרף קענען. מע דאַרף וויסן, וואָס צו ווײַזן, און ווי צו ווײַזן, און וועמען צו ווײַזן. איך דאַרף מיך פאַר אײַך נישט אַרויסשטעלן, און בסך־הכל האָב איך פּײַנט באַרימערײַ. נאָר אַז איר וועט אַ רייד טאָן וועגן מיר מיט יוּוועלירן, וועלן זיי אײַך אַלע זאָגן, אַז מיט מיר קאָנקורירן איז נישט גרינג. דאָרט, וווּ אַן אַנדערער וועט לייזן אַ הונדערטער, וועל איך לייזן דרײַ. איך קען די מלאכה.

הכלל, פאָר איך, הייסט עס, קיין יעהופּעץ. מיטגענומען האָב איך מיט זיך, לאָז זיך אײַך דאַכטן, אַ היפּש ביסל סחורה, לאָמיר דאָס אַלע פאַרמאָגן, וואָס ס'האָט אָנגעטראָפן, כאָטש ס'איז אַרײַן אין אָט דעם דאָזיקן רענצל. און איך האָב מיך אָוועקגעזעצט און זיץ. פאַרשטייט זיך, אַז זיצן זיץ איך אָנגעשפּאַרט האַרט אַף מײַן רענצל, טרעט נישט אָפּ פון אָרט. און פון שלאָפן איז שוין אָפּגערעדט. אַז מע פאָרט מיט סחורה, שלאָפט מען נישט. מיט יעדן נײַעם פּאַרשוין, וואָס קומט־אַרײַן אין וואַגאָן אַרײַן, רײַסט זיך מיר אָפּ אין האַרצן: אפשר איז דאָס אַ גנב? אַף דער נאָז שטייט נישט אויפגעשריבן בײַ קיינעם.

גאָט האָט געהאָלפן, אָפּגעפאָרן אַ טאָג מיט אַ נאַכט, נישט געגעסן, נישט געשלאָפן, געקומען קיין יעהופּעץ צום גביר, אַרויס מיט דער קראָם, גערעדט, גערעדט, זיך אָנגערעדט, ווי אַ פּויק, און, ווי דער שטייגער איז, געלייזט אַ מכה, נישט קיין געלט.

די גבירים, איך וויל אַף זיי קיין שלעכטס נישט ריידן, נאָר עס מעג אַף זיי קומען אַ גוטע חלירע. זיי קאָכן־אויס דאָס וואַסער. קוקן־אָן, טאַפּן־איבער יעדן אַרטיקל, שפּיגלען זיך, צאַצקען זיך, און קומט צו עפּעס — אַ נעבעכדיקער טאָג. מילא, וואָס זאָל מען טאָן? יאָ געלייזט, נישט געלייזט, מע דאַרף לויפן ווײַטער. טאָמער ווייסט איר, וואָס וועט מען פאַרשפּעטיקן? גאָרנישט, מע לויפט. כאַפּ איך מסתמא אַ דראָשקע און

לויף צו דער באַן. דערווײַל הער איך, עמעצער פֿון הינטן שרײַט מיר: „פּעטער, פּעטער!" איך קוק מיך אום — אַ יונגערמאַן לויפֿט מיר נאָך, האַלט אַ רענצל אין האַנט, פּונקט אַזאַ רענצל ווי מײַנס, און זאָגט צו מיר:

— אַט האָט איר פֿאַרלוירן!...

אַ צרה, אַ שלאַק! דאָס איז דאָך מײַן רענצל! ווו? ווען? ווי אַזוי? אַז ס'איז באַשערט, האָט זיך עס אַרויסגעגליטשט בײַ מיר פֿון דער האַנט, און אָט דער יונגערמאַן האָט דאָס אויפֿגעהויבן — און גאָרנישט, וואָס פֿרעגט איר? איך נעם מיך צו מײַן יונגנמאַן, איך קוועטש אים די האַנט, איך דאַנק אים: „אַ דאַנק אײַך, גאָט זאָל אײַך געבן, זאָג איך, געזונט און הצלחה. „אַ דאַנק, זאָג איך, און נאָך אַ מאָל אַ דאַנק". מאַכט ער צו מיר: „נישטאָ פֿאַר וואָס". זאָג איך: „וואָס הייסט, נישטאָ פֿאַר וואָס? איר האָט דאָך מיך, זאָג איך, בײַ מײַן לעבן דערהאַלטן. איר האָט דאָך, זאָג איך, פֿאַרדינט אַזאַ מצווה, אַז די וועלט מיט יענער וועלט איז פֿאַר אײַך קאַרג. זאָגט מיר, זאָג איך, וויפֿל זאָל איך אײַך געבן? זאָגט, שעמט זיך נישט". און איך וויל מיך אַ נעם טאָן צו דער קעשענע. מאַכט ער צו מיר: „ווײַבאַלד איר אַליין זאָגט, אַז ס'איז אַזאַ גרויסע מצווה, זאָגט ער, הײַנט למאי זאָל איך זי, זאָגט ער, פֿאַרקויפֿן פֿאַר געלט?" דערהערט פֿון אים אַזעלכע דבורים, כאַפּ איך מסתמא אַרום מײַן יונגנמאַן און הייב אים אָן קושן: „גאָט אַליין זאָל אײַך, זאָג איך, באַצאָלן דערפֿאַר, וואָס איר האָט מיט מיר געטאָן! קומט כאָטש אַרײַן מיט מיר, זאָג איך, וועלן מיר עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן, זאָג איך, טרינקען אַ גלעזל ווײַן". „אַ גלעזל ווײַן, זאָגט ער, מהכתיתי, פֿאַר וואָס נישט?" און מיר זעצן זיך אויף ביידע אָפּ דער דראָשקע, און ווער מיר באַן? וואָס מיר באַן? מיר פֿאָרן שוין אין „קאַפֿע" עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן.

געקומען אין „קאַפֿע", האָב איך גענומען אַ באַזונדער קאַבינעט, געהייסן דערלאַנגען פֿון כל טוב און אַוועקגעזעצט זיך מיטן יונגנמאַן אַביסל שמועסן. דער דאָזיקער יונגערמאַן, אויסער וואָס ער האָט מיך, מע קאָן זאָגן, בײַ מײַן לעבן דערהאַלטן, איז מיר גלאַט געפֿעלן געוואָרן. אַ סימפּאַטישער יונגערמאַן מיט אַ סימפּאַטיש פּנים, מיט טיפֿע, שוואַרצע, ערנסטע אויגן — אַ יונגערמאַן אַ גאָלד. און דערצו נאָך אַ שעמעוודיקער

— סכנות. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל זיך גאָר נישט זשעניִרן און זאָל זיך הייסן געבן צום טיש וואָס זײַן האַרץ גלוסט, פֿונעם שענסטן און פֿונעם בעסטן. און וויפֿל ער האָט זיך געהייסן געבן, האָב איך מסתמא געהייסן געבן צוויי מאָל אַזוי פֿיל. און מיר האָבן גוט אויסגע־טרונקען און רעכט פֿאַרביסן, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. חלילה נישט אַף אָנצושכורן זיך. אַ ייִד איז נישט קיין שכור. נאָר „ויהי כטוב לב המלך ביין", זאָג איך צו מײַן יונגנמאַן: „איר ווייסט כאָטש, זאָג איך, וואָס איר האָט מיט מיר געטאָן? דאָס, וואָס איר האָט מיר מציל געווען, זאָג איך, אַזאַ פֿאַרמעגן — פֿון דעם, זאָג איך, שמועסט מען נישט. לאָמיר דאָס ביידע, זאָג איך, פֿאַרמאָגן, וואָס איך בין אַף דער סחורה שולדיק. ס'איז פֿריִער גאָטס, זאָג איך, נאָכדעם פֿרעמדס. איר האָט מיך פּשוט, זאָג איך, דערהאַלטן באַ מײַן כבוד און באַ מײַן לעבן, וואָרעם מײַנע קרעדיטאָרן, זאָג איך, ווען איך קום אַהיים אָן דעם דאָזיקן רענצל, וואָלטן געווים געמיינט, אַז דאָס איז עפּעס אַ מאַניפּאָרגע, וואָס אונדזערע לײַט ייִוועלירער מאַכן אָפּטלעך. זיי זעצן־אָפּ דאָס ביסל סחורה און לאָזן אַרויס אַ קלאַנג, אַז מע האָט זיי באַגנבהט. מיר וואָלט, זאָג איך, הערט איר, געקומען נאָר קויפֿן אַ שטריקל און אויפֿהענגען זיך אַפֿן ערשטן בוים! לחיים, זאָג איך, גאָט זאָל אײַך ממלא זײַן, ווי איר ווינטשט אײַך אַליין, זאָג איך, און זײַט מיר געזונט, זאָג איך, לאָמיר זיך צעקושן, וואָרעם מע דאַרף, זאָג איך, פֿאָרן". און איך געזעגן מיך אָפּ און איך צעצאָל מיך אין „קאַפּע" און טו מיך אַ כאַפּ צו מײַן רענצל — וואָס מיר רענצל? ווער מיר יונגערמאַן? נישטאָ!

און איך בין געפֿאַלן חלשות.

געפֿאַלן חלשות, האָט מען מיך געמינטערט. אָפּגעמינטערט — בין איך ווידער אַ מאָל געפֿאַלן חלשות. און אַז מע האָט מיך שוין גוט אָפּגע־מינטערט, האָב איך ערשט דעמאָלט געמאַכט אַ גוואַלד, אויפֿגעהויבן די גאַנצע יעהופּעצער פּאָליציע אַף די פֿיס, צוגעזאָגט אַ פֿעט שטיקל, אַרומ־געלאָפֿן מיט זיי אין אַלע גוטע ערטער, אויסגעווען אַלע מײַזנלעכער, זיך באַקענט מיט אַלע וועלט־גנבֿים — מײַן יונגערמאַן איז ווי אין דער ערד אַרײַן! איך בין שוין געבליבן אָן כּחות, ס'איז מיר נמאס געוואָרן די וועלט. און איך האָב מיך אוועקגעלייגט באַ זיך אַף דער סטאַנציע אַף אַ בענקל און טראַכט מיר, ווי אַזוי מאַכט מען אַן עק מיטן לעבן? קוילן

זיך מיט א מעסער? הענגען זיך אף א שטריק? אָדער גאָר אַרײַנוואַרפן זיך אין דניעפּר אַרײַן? און אַזוי ווי איך ליג מיר פאַרטיפט אין טרויע־ריקע מחשבות, הער איך, מע קלאַפּט. ווער איז? מע איז געקומען מיך נעמען אין פּאָליציע: מע האָט געכאַפּט דעם פויגל מיטן רענצל, מיט דער גאַנצער סחורה!

דאַרף איך אײַך דערציילן, וואָס מיט מיר איז געווען, אַז איך האָב דערזען מײַן רענצל מיט מײַנע בריליאַנטן? איך בין ווידער א מאָל גע־פאַלן חלשות. בא מיר איז א טבע פון חלשן. און אַז איך בין געקומען צו זיך, גיין איך צו צו מײַן יונגנמאַן און רוף מיך אָן צו אים: „איך פאַרשטיי נישט, זאָג איך, מאַכט מיך קלאָר, איך ווער שיער נישט משוגע. וואָס איז דער שכל, זאָג איך, וואָס אַז איר האָט געפונען מײַן רענצל, זײַט איר מיר נאָכגעלאָפן און אָפּגעגעבן מיר און אפילו נישט געוואָלט נעמען פאַר דער מצווה קיין באַצאָלט, און אַז איך האָב מיך נאָר אָפּגע־קערעוועט אף א ווײַלע, גייט איר און גנבהט־אַוועק בא מיר מײַן גוטס, מײַן פאַרמעגן, מײַן נשמה? איר האָט דאָך מיך, זאָג איך, שיער אומ־גליקלעך געמאַכט. עס איז דאָך מיר אָפּגעגאַנגען, זאָג איך, א מינוט צום טויט!"... קוקט ער אף מיר, דער יונגערמאַן הייסט עס, מיט די טיפע ערנסטע שוואַרצע אויגן, און מאַכט צו מיר גאַנץ געלאַסן: „וואָס געהער זיך אָן, זאָגט ער, דאָס צו דעם? א מצווה איז א מצווה, און גנבהנען — דאָס איז, זאָגט ער, מײַן פּרנסה"... „יונגערמאַן, זאָג איך צו אים, ווער, זאָג איך, זײַט איר?" „ווער, זאָגט ער, זאָל איך זײַן? איך בין, זאָגט ער, נעבעך א ייִד א גנב און א בעל־מטופּל מיט קינדער און א גרויסער שלימזלניק. איך האָב, זאָגט ער, קיין עין־הרע, א גרינגע פּרנסה, נאָר איך האָב צו מײַן פּרנסה קיין הצלחה נישט. דאָס הייסט, איך קאָן מיך נישט באַקלאָגן. דאַנקען גאָט, גנבהנען, זאָגט ער, גנבהט זיך אפילו קיין מעשה נישט; נאָר דער חסרון איז, זאָגט ער, וואָס נישט אַלע מאָל גערוט עס מיר. נישטאָ קיין מזל!"...

ערשט אַז איך בין געזעסן אין באַן, האָב איך מיך אַרומגעזען, אַז איך בין א פערדישער קאָפּ. מיט א קלייניקייט וואָלט איך דעמאָלט געקאָנט אויסקויפן דעם דאָזיקן גנב. למאי זאָל איך זײַן זײַן גואל־הדם? לאָז ער איבערגיין אף אַנדערע הענט...

זײַט איר אפשר א בעלן אף א פּאָר בריליאַנטענע אוירינגלעך אין

גלײַכן געלט? װעל איך אײַך עפּעס װײַזן. איר האָט אַזעלכע בריליאַנטן נישט געזען אפֿילו אין חלום. פּרימאַ שבפּרימאַ!...

ענדע געשיכטע נומער זעכצן.

געשריבן אין יאָר 1910

געשיכטע נומער זיבעצן

באַשערט אַן אומגליק

ברייטלעך און געלאַסן, מיט געפּערלטע ווערטער, האָט אונדז דער־ציילט אַ מעשה, טאַקע פון זיך אַליין, אַ שיינער ייִד מיט אַ שבתדיקער קאַפּאָטע און מיט אַ ברייטן דעניק אויפן זײַדענעם קאַשקעט און מיט אַן אויסגעצוואָגן פּנים, אַביסל פאַרזאָרגט און מיט קנייטשן אויפן ברייטן ווײַסן שטערן:

— אַז ס'איז באַשערט, הערט איר, אַן אומגליק, טרעפט דאָס אײַך גלײַך אין שטוב אַרײַן. איר מעגט זײַן מיט אַכצן קעפּ, וועט איר זיך פון דעם נישט אויסבאַהאַלטן. איך בין מיר, ווי איר זעט מיך, אַ ייִד אַ ספּאָקאָינער, אַ רויִקער, כ'פּלי נישט, כ'לויף נישט, כ'האָב פײַנט קהלשע געשעפטן, איך אַנטלויף פון גבאות, סנדק, חתן־בראשית, דאָס, יענץ, וכדומה.

קיצור, דאַרף זיך טרעפן אַ מעשה, בײַ אונדז אין שטעטל איז גע־שטאָרבן אַ ייִד, מנשה־גוי", וואָרעם ער איז געווען, זאָל ער מיר מוחל זײַן, אַ פּראָסטער נפש, נישט געקאָנט כמעט דאַווענען, ווי זאָגט מען עס, קיין צלם פאַר קיין אַלף, נישט לייענען, נישט שרײַבן, נישט דאָס, נישט יענץ, וכדומה.

קיצור, אַ פּראָסטער שלש־סעודות, נאָר אַן ערלעכער מענטש, אַן אָרנטלעכער ביז גאָר; דאָס וואָרט איז געווען הייליק, יענעמס קערבל קודש־קדשים, און קאַרג, קאַרג! — זיך לאָזן אַרויסנעמען בײדע אויגן פאַר איין גראָשן, דאָס גאַנצע לעבן געקליבן געקליבן, געקליבן געקליבן — און סאַמע אינמיטן... געשטאָרבן. מילא, געשטאָרבן — געשטאָרבן.

אַז מנשה איז געשטאָרבן, קומט מען צו גיין צו מיר און מע זאָגט מיר: באשר אזוי ווי מנשה איז געשטאָרבן און האָט איבערגעלאָזט גאַנץ פײַנע עטלעכע קערבלעך, מיט חובות, מיט בעל־הבתישקייט, מיט הײַזער, מיט דאָס, מיט יענץ, מיט וכדומה, — לכן, אזוי ווי ס'איז נישטאָ, ווער ס'זאָל פירן די געשעפטן, די קינדער נעבעך זײַנען נאָך קליינע קינדער, פיר ייִנגלעך און איינס אַ מיידל, און זי אליין, די אלמנה מיינט מען, איז אַ ייִדענע, לכן זאָל איך זײַן דער בעל־הבית, דער אפיטרופוס, דער אַפּעקון הייסט עס. ווײַל איך דאָך מסתמא נישט הערן, נישט זען: וואָס טויג מיר אַפּעקון — אפיקומן? וואָס דאַרף איך דאָס? האָט זיך אָנגע־הויבן אַן עסק: סטײַטש, איר זײַט באַ אונדז דער איינציקער אין שטאָט, דאָס, יענץ, וכדומה, אַן עבירה אַזאַ פאַרמעגן, און וואָס וועט זײַן דער תכלית פון די קינדער, קליינע קינדער נעבעך, פיר ייִנגלעך און איינס אַ מיידל? וואָס וועט אײַך אַרן? זײַט איר דער אַפּעקון, און זי, די אלמנה מיינט מען, וועט זײַן די אַפּעקונשע!... בעט איך זיך באַ זיי רחמים: וואָס ווילט איר האָבן פון מיר? וואָס בין איך באַ אײַך פאַר אַן אפיקומן, אַז איך ווייס אפילו נישט מיט וואָס מען עסט דאָס?... האָבן זיי דאָך אָנגע־הויבן ווידער אַ מאָל: און סטײַטש, און ווו איז מענטשלעכקייט, און טאָקע אַ מצווה אויך, און דאָס, און יענץ, און וכדומה...

קיצור, איך האָב נישט געקאָנט אָפּזאָגן און בין געוואָרן אַן אפיקומן, אַן אַפּעקון הייסט עס, אַ „געטווערדעוועטער”, אינאיינעם מיט איר טאָקע, מיט דער אלמנה מיינט מען. און אַז איך בין געוואָרן, מיט גאָטס הילף, אַן אפיקומן, אַן אַפּעקון הייסט עס, האָב איך קודם־כל גענומען מאַכן אַ סך־הכל, וואָס האָבן זיי געלט, די קינדער נעבעך? צונויפגעשלאָגן ווו ס'איז געווען ערגעץ אַביסל אייגנס, אַ שטוב, אַ קלייט, אַ פערד, אַ בהמה, אַ דאָס, אַ יענץ, אַ וכדומה — פון אַלצדינג האָב איך געמאַכט געלט... נישט אזוי גרינג, מאָלט אײַך, איז דאָס מיר אָנגעקומען, וואָרעם מנשה, עליו השלום, איז געווען אַ ייִד אַ נגיד, אַ פאַרפונדעוועטער, ווי מע זאָגט, אַ „בעל־הגוף”. וויפל מע האָט אים געשאַצט, האָט ער געהאָט מער... נאָר קיין חשבון איז באַ אים נישט געווען קיינמאָל. געווען, זאָל ער מיר מוחל זײַן, אַ ייִד אָן אַ פּען. אַלע מאָל האָט זיך אָפּגעזוכט אַן אַנדער חוב. געווען צעשטעקט אין דער גאַנצער וועלט, פון איטלעכן איז אים געקומען געלט. האָב איך באַדאַרפט, פאַרשטייט איר מיך, דאָס

אלצדינג טראָגן אָפּן קאָפּ, צונויפנעמען, מאַכן געלט, אַ ברירה האָב איך געהאַט? און אַלצדינג אַליין, וואָרעם זי, די אַפּעקונשע מיינט מען, איז אַ „טאָפּ־ייִדענע", ווייס נישט פון דאַנען אַהין. אפילו אַן ערלעכע, נאָר אַ כשרע בהמה. פרעגט זי בחרם, וואָס איז אַ גוט וועקסל, וואָס איז אַ שלעכט וועקסל, וואָס איז דאָס, וואָס איז יענץ, וואָס איז וכדומה!...

קיצור, איך האָב צונויפגעשלאָגן די עטלעכע קערבלעך, אַ היפּשע פּויטיקע. צונויפגעשלאָגן מיט צרות, מיט לייד די עטלעכע קערבלעך, באַדאַרף מען זען טאָן מיט זיי, וואָרעם וואָס וועט זײַן דער תכלית, אַז זיי וועלן עסן פונעם גרייטן? קינדער נעבעך דאַרפן האָבן אַ העמדעלע, אַ שיכעלע, אַ דאָס, אַ יענץ, אַ וכדומה. הײַנט עסן? מע וועט אַזוי לאַנג עסן, ביז מע וועט אויפעסן אינגאַנצן. וואָס וועט זײַן נאָכדעם? אַ מענטש אַן אָרנטלעכער, פאַרשטייט איר מיך, איז מחויב פאַרזאָרגן דעם תכלית. האָב איך אָנגעהויבן קלערן, אַהער־אַהין, וואָס מאַכט מען מיטן געלט? אַ געשעפט? — ווער וועט דאָס פירן, אַז זי, די אַפּעקונשע מיינט מען, איז, משטיינס געזאָגט, אַ בהמה, און די קינדער נעבעך זײַנען קינדער?... פאַרלײַען? אוועקגעבן דאָס אויף פּראָצענט? — טאָמער זעצט יענער אָן, ווער וועט נאָכדעם זײַן שולדיק? דער אפיקומן! האָב איך מיך מיישב געווען: וואָס דאַרף מען אַ בעסער געשעפט, ווי מײַן געשעפט האָ? און וואָס דאַרף מען אַ גרעסערן בטוח, ווי איך? האָ? איך האָב, ברוך השם, קרעדיט אומעטום, אויף אַלע ירידים, און אַ נאָמען האָב איך — ביז מײַן לעבן זאָל איך קיין ערגערן נאָמען נישט האָבן. נישט גלײַכער טויזנט מאָל, איך זאָל אַרײַנבראָקן די עטלעכע קערבלעך צו מיר אין קראָם אַרײַן? האָ? אונטערפרישן מיט נאָך סחורה און מיט נאָך סחורה? האָ? און פאַר מזומנים אַז מע קויפט סחורה, האָט דאָך דאָס טאַקע גאָר, זאָגט איר, אַן אַנדער פּעם, וואָרעם איטלעכער וויל זיך זען מיט אַ מזומן קערבל. מזומנע קערבלעך איז הײַנט, פאַרשטייט איר מיך, ווינציק פאַראַן. אומעטום איז נאָר פּאַפּיר, נאָר וועקסל, אַ שרײַב אַהער, אַ שרײַב אַהין, אַ דאָס, אַ יענץ, אַ וכדומה...

קיצור, כ'האָב אַרײַנגעלייגט דאָס גאַנצע געלט צו מיר אין געשעפט אַרײַן, און ס'איז אַוועקגעגאַנגען קיין מעשה נישט, דאָס הייסט, נישט שלעכט, טאַקע גאָר נישט שלעכט! דער פּדיון, פאַרשטייט איר מיך, איז

געוואָרן אַ סך גרעסער, וואָרעם אַז ס'איז פֿאַראַן אַ סך סחורה, לייזט זיך גאָר אַנדערש, ווי זאָגט איר: אַז ס'איז פֿאַראַן אַ סך פֿיש אין טײַך, כאַפּט זיך גאָר אַנדערש. נאָר וואָס דען? איין זאַך איז געווען שלעכט: די הוצאה! איך בין געוואָרן אַ צווייענדיקער בעל־הוצאה. צוויי געזינד־לעך, קיין עין־הרע!... איך מיט מײַן הויז־געזינד, קיין עין־הרע, שמועסט מען נישט. נו, און זי, די אלמנה מיינט מען, באַדאַרף, און די קינדער נעבעך באַדאַרפֿן, פֿינף קינדער פֿרעמדע, פֿיר ייִנגלעך, איינס אַ מיידל. נישט קיין קלייניקייט! שוכן און קליידן, אין חדר געבן, דעם שרײַבער צאָלן. הײַנט אַמאָל אַ פּאָר, אַ נאַשערײַ, אַ דאָס, אַ יענץ, אַ וכדומה — מע קאָן דאָך אַנדערש נישט! וואָס וועט יענער זאָגן? אַ שלעכטער אַפּיקומן — צוגענומען דאָס געלט און זשאַלעוועט די יתומים אַ גראָשן אויף אַ צוקערקע... אײַ, וואָס איך האָרעווע, דריי זיך דעם קאָפּ, פּאָר נאָך סחורה, האָב אויף זיך אַ בוך מיט חובות, מיט שלעק, מיט צרות, מיט דאָס, מיט יענץ, מיט וכדומה? — דאָס איז נישט יענעמס עסק! קיין שותפֿות האָט זי דאָך, די אלמנה מיינט מען, מיט מיר נישט געמאַכט, מיר זאָלן זיך טיילן אויף דער האַלב!... אײַ, זי האָט מיר אַרײַנגעלייגט געלט? איז, ערשטנס, ליגט דאָס געלט אין סחורה, און והשנית, ליגט דאָס נישט אומזיסט, איך צאָל דאָך פּראָצענט!... און וואָס איז ווערט דער טאַרע־ראַם, וואָס איך האָב צו טאָן טאָג ווי נאַכט, טאָ דאָס, טאָ יענץ, טאָ וכדומה? גיי זײַ אַן אַפּיקומן! האָב אין זינען נעבעך פֿרעמדע קינדער, צי זיי ווילן לערנען, צי זיי ווילן נישט? צי זיי גייען אַהין, וווּ מע דאַרף, צי וווּ מע דאַרף נישט? צי דאָס, צי יענץ, צי וכדומה? וואָס בין איך — טאַקע זייער אַפּיטראָפּוס, וואָס איך בין מחויב זיי צו באַוואָרענען? מע קאָן הײַנטיקע צײַטן, זאָגט איר, קיין אייגענע קינדער נישט באַוואָרענען, ובפֿרט אַז גאָט העלפֿט, עס גיט זיך נאָך אײַן אַ שלעכט קינד — איז גאָר אַ ברכה פֿון גאָט! מנשה, זאָל מיר מוחל זײַן, איז געווען אַ ייִד אַ פּראָסטאַק, נאָר אַן ערלעכער ייִד כאָטש; און קינדער האָט ער איבער־געלאָזט — זאָל זיך גאָט מרחם זײַן! איינס ערגער פֿונעם אַנדערן! מילא, די עלטערע זײַנען נאָך צו דערלײַדן: איינער איז אַ טויבער, נעבעך אַ דערשלאָגענער, האָב איך אים געמאַכט פֿאַר אַ בעל־מלאכה. דער אַנדע־רער איז גלאַט אַ אידיאָט, נאָר אַ שטילער, טשעפּעט קיינעם נישט און דאַרף גאָרנישט. דער דריטער האָט זיך באַוויזן קינדווײַז יאָ אַ געראָטע־

נער, נאָר אַז ער איז אונטערגעוואַקסן, האָט ער זיך צונויפגעקאָמפּאַניעט מיט ווי ערגעץ אַ שלעפּער און איז געוואָרן אַ שאַרלאַטאַן, מע זאָל באַהיט און פּאַוואָרנט ווערן!... ער האָט אַזוי לאַנג געבושעוועט, געוואַיעוועט, געאַרבעט, געדאָסט, געיענצט, געעוכדומהט, אַז איך האָב אים געמוזט געבן עטלעכע קערבלעך — און גיי געזונט קיין אַמעריקע! פון קינדוויַיז אָן האָט דאָס אים געצויגן קיין אַמעריקע! און מיר זיַינען פּטור געוואָרן... און דאָס מיידל האָב איך חתונה געמאַכט, געגעבן כמעט טויזנט קאַרבן נדן, אויסגעקליידט, געפּראַוועט אַ חופּה מיט כלי־זמר, מיט דאָס, מיט יענץ, מיט וכדומה, אַלצדינג ווי עס געהער צו זיַין, כמעט ווי באַ אַן אייגענער טאָכטער. וואָס דען? ס'איז עפּעס אַ תירוץ? וואָס, משטיינס געזאָגט? אַז קיין טאַטן נעבעך האָבן זיי נישט, און זי, די מאַמע מיינט מען, איז אַ בהמה — ווער וועט זיך פאַר זיי שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט, אַז נישט איך?... „שוטה! אָפּגעריסענער נאַר! — פלעגט צו מיר אָפטמאָל זאָגן מיַין אַלטע, — אוודאי באַדאַרפסטו זיך מפקיר זיַין פון פרעמדע קינדערס וועגן! אָט וועסטו זען, ווי מע וועט דיר אָפּדאַנקען מיט שטיינער פאַר דיַין אַפּיקומן, וואָס דו ביסט!”... אַזוי פלעגט זי צו מיר זאָגן, און זי האָט געטראָפן: מע דאַנקט מיר אָפּ, מע דאַנקט מיר אָפּ מיט שטיינער, און נאָך מיט וואָסערע שטיינער! אָט וועט איר באַלד האָרכן, וואָס איך האָב אָפּ זיך פאַר אַ פּעקל. איך בין שטאַרקער פון אַיַיזן, הערט איר, אַז איך טראָג עס אַריבער...

קיצור, פון אַלע קינדער, וואָס מנשה, עליו השלום, האָט איבערגעלאָזט, איז דאָ איינער, דער קלענערער פון אַלע, הייסט ער דניאַלטשיק — איז דאָס, ברוך השם, אַ געראָטנס, אַ צאַצקעלע, אַ דניאַלטשיק פון גאָט! פון קינדוויַיז אָן איז דאָס געווען טאַקע עפּעס נאָר אַן אָנשיקעניש, און געַנוג. ער האָט געקאָנט זיך פאַרגינען צו פינף יאָר פּאַטשן די מאַמע זיַינע מיט אַ כאָלעווע פון אַ שטיוול איבער די פּיסקעס, און דווקא שבת אינדערפרי פאַרן דאַוונען! אַראָפּרײַסן באַ איר דעם שלייער, בשעת עס זיצט אַ פרעמדער מענטש — דאָס איז באַ אים געווען אַ וואָכעדיקער גאַנג! די ייִדענע, זאָג איך איַיך, איז אַן אַיַיזערנע ייִדענע, אַז זי האָט דאָס געקאָנט אַריבערטראָגן פון אים! טאָג ווי נאַכט האָט מען געהאַט צו טאָן מיט דניאַלטשיקן. אַלע מאָל, ווען איך בין געקומען אַהין, האָב איך זי געטראָפן, די אַלמנה מיינט מען, זיצן און וויינען, מיט אַ טענה:

פֿאַר וואָס האָט זי גאָט געשטראָפֿט מיט אַזאַ קינד? פֿאַר וואָס איז ער נישט אויסגעדרונגען באַ איר אין בויך, איידער ער האָט גאָר באַדאַרפֿט געבוירן ווערן אַף דער וועלט? דאָס, וואָס דניאלטשיק האָט איר געטאָן, קאָן מען גאָר נישט איבערדערציילן. ער האָט אַרויסגעגנבֿעט וווּ ס'איז געוועזן באַ איר אַ שטיקל צירונג, אַ פֿינגערל, אַן אוירינגל, אַ שנירל פּערל, אַ זײַדן טיכל, אַ לעמפּל, אַ מעסערל, אַן אַלטע פּאָר ברילן, אַ דאָס, אַ יענץ, אַ וכדומה — אַלצדינג איז באַ אים געוועזן אַ קרן, אַלצדינג האָט ער אַרויסגעטראָגן פֿון שטוב, פֿאַרקויפֿט און אויסגעגעבן אַף צוקערקעס, מיט ניס, מיט קאַוועגעס, מיט גוטן טיטון פֿאַר זיך און פֿאַר זײַנע חבֿרים. מאָלט אײַך, שיינע חבֿרימלעך! שלעפּערס, גנבֿים, שכּורים — דער רוח ווייס אים, וווּ ער האָט זיי דערטאַפּט! וואָס ער האָט געהאַט האָט ער אַוועקגעגעבן די חבֿרים זײַנע: אַ נײַע פּאָר שטיוול, אַ קאַפּעלוש, דאָס אייבערשטע העמד פֿון זיך... „דניאלטשיק, וואָס טוסטו? אַ נײַע פּאָר שטיוול גייסטו און גיסט אַוועק?"... „נאַפּליעוואַט! — זאָגט ער, — אַ רחמנות, יענער גייט נעבעך באָרוויס"... וואָס זאָגט איר אַף דעם בעל־רחמנות?! פֿון געלט שמועסט מען נישט: וווּ ער האָט דערטאַפּט אַ מזומנעם גראָשן — האָט ער אַוועקגעגעבן דער חבֿרה זײַנער. „דניאל־טשיק, אום גאָטעס ווילן, וואָס טוסטו דאָס?"... „נאַפּליעוואַט! — זאָגט ער, — יענער האָט אויך אַ נשמה, יענער באַדאַרף אויך עסן"... ווי געפֿעלט אײַך אַזאַ מין פֿילאָזאָף, אַ מכניס־אורח? אַז מע שמועסט אַ כּלי שלמה, אַן „אויסוווּרפֿלינג" פֿון דער נאַטור! און אפֿשר מיינט איר — אַ נאַריש יִינגל, אָדער חלילה נישט קיין שיין קינד? — אַ דורכגעטריבע־נער, אַ שיינער יונג, אַ געזונטער, אַ פֿריילעכער, אַ זינגער און אַ טענצער, נאָר עפּעס אַ בלוט אַזאַ טרפֿהס, צו־נ־אַלדי שוואַרצע יאָר!... וואָס האָבן מיר מיט אים נישט איבערגעטאָן? געפּרוּווט זיך מיט גוטן, געפּרוּווט זיך מיט בייזן; געהאַלטן דרײַ טאָג מיט דרײַ נעכט באַזונדער אין אַ קאַמער פֿאַרשלאָסן, געשלאָגן מיט אַן אַראַפּניק, צעבראָכן אַף אים אַ גוטן יאַמ־שאָוון שטעקן פֿון אַ דרײַערל — מײַנעם אַן אייגענעם שטעקן... ווי אַן אַרבעס אָן דער וואַנט! אַוועקגעגעבן אים צו אַ בעל־מלאָכה, געוואָלט מאַכן פֿון אים אַ זייגערמאַכער, אַ גאָלדשמיד, אַ סטאָליער, אַ כּליזמר, אַ קאָוואַל, אַ דאָס, אַ יענץ, אַ וכדומה — אוממעגלעך! ער וויל נישט אַרבעטן, כאָטש נעם צעשנייַד אים אַף צווייען! „וואָס וועט זײַן פֿון

דיר, דניאלטשיק?" „אַ פּרינציפּיעלע", — זאָגט ער און לאַכט נאָך. „אַ פּרינציפּיעלע? — אַן אַרעסטאַנט, אַ גנב וועט פון דיר זיין!" „נאַפּליעוואַט!" — מאַכט ער און דרייט זיך אוים און ווערט פאַרשווּנדן.

קיצור, מיר האָבן אַ שפּיי געטאָן אויף אים, געלאָזט וואַקסן, און ס'איז אויסגעוואַקסן פון אים אַ תכשיט, וואָס זאָלט איר קלערן! דאָס הייסט, גנבהנען האָט ער אויפגעהערט; ס'איז שוין נישט געווען כמעט וואָס. נאָר גלאַט, די הנהגה זיינע, די שיינע חברימלעך און די פּאַסטעמפּקעלעך זיינע, מיט אַ מין הלבשה: אַ רויט העמדל איבער די הויזן מיט אַ פּאָר גרויסע שטיוול, האָר האָט ער זיך פאַרלאָזט, ווי אַ דיאַק, די מאָרדע האָט ער זיך אָפּגעגאָלט — אַ פיין בחורל!... צו מיר האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט קיין העזע צוטרעטן. אַז ער האָט עפּעס באַדאַרפט האָבן, האָט ער געשאָסן דורך איר, דורך דער מאַמע מיינט מען. און די מאַמע איז אַזאַ בהמה, אַז זי האָט אים נאָך ליב אויך, דעם טייערן קדיש. ס'איז פאַר איר אַלצדינג רעכט! איינמאָל קום איך אַרוים אין קליט אַריין, איך טו אַ קוק — מיין חברה־מאַן איז דאָ, ער וואַרט אויף מיר.

— ברוך־הבא, אַ גאַסט, דניאלטשיק, זאָג איך. וואָס וועסטו זאָגן עפּעס גוטס?

— איך בין געקומען, מאַכט ער, אייך זאָגן, אַז איך האָב חתונה.

— מזל טוב, זאָג איך, אין אַ גוטער שעה. פאַר וועמען האָסטו חתונה?

— פאַר אסנהן, — מאַכט ער.

— וואָסער אסנה?

— אונדזער אסנה, מאַכט ער, די וואָס זי איז געווען בא אונדז אין שטוב.

— אַלע בייזע ווייסטע חלומות! — זאָג איך, — פאַר אַ דינסטמויד האָסטו חתונה?

— נאַפּליעוואַט! — מאַכט ער, — אַ דינסטמיידל איז דען קיין מענטש נישט?

— אַז אָך און ווי, זאָג איך, איז דער מאַמע דיינער! ביסטו געקומען, הייסט עס, מיך רופן אויף דער חתונה?

— ניין! — מאַכט ער, — איך בין געקומען צו אייך מכח מלבו־

שים, מכח אויסקלײַדן זיך צו דער חתונה. מיר האָבן אויסגערעכנט, איך מיט אסנהן, אז מיר דאַרפֿן האָבן אַזוי: מיר א גאַרניטער א קאָרטענעס, און א גאַרניטער פֿון פּאַרוסינע אַף זומער, און העמדער א טוץ אונטער־שטע, און אײבערשטע א האַלב טוץ; און אסנהן — ־ציץ אַף א קלײדל, און אײן קלײדל א װעלנס, און זאָנע א גאַנץ שטיקל אַף העמדער, מאַראָ־זאַװס זאָנע, און פֿוטער אַף א בורנוס, און שאַלעכלעך צװײ, און א האַלב טוץ נאָזטיכלעך, און אַביסל דאָס, און אַביסל יענץ, און אַביסל וכדומה...

— און װײַטער גאָרנישט? — זאָג איך און האַלט זיך קוים אײַן פֿאַר געלעכטער.

— און װײַטער גאָרנישט. — מאַכט ער.

קיצור, דאָ האָב איך מיך שוין מער נישט געקאָנט אײַנהאַלטן; ס'איז מיט א מאָל אָנגעפֿאַלן אַף מיר אזא געלעכטער, אז איך בין שיער אַראָפּגעפֿאַלן פּונעם בענקל. — און אַף מיר קוקנדיק, האָבן זיך צעלאַכט אַלע מײַנע מענטשן. מיר האָבן שיער צעטראָגן די קלײט פֿאַר געלעכטער! אז איך האָב מיך גוט אויסגעלאַכט, רוף איך מיך אָן צו מײַן שײנעם חתן:

— זאָג מיר נאָר, איך בעט דיך, דניאַלטשיק־סערדצע, האָסט עפּעס אַרײַנגעלײגט צו מיר א גרויסן חלק אין קלײט אַרײַן, װאָס דו ביסט געקומען צו מיר מיט אזא צעטל?

— איך װײס נישט, מאַכט ער צו מיר, איך װײס נישט אַקוראַט, װיפֿל עס נעמט זיך אָן אַף מײַן חלק. נאָר װעדליק דאָס געלט, װאָס ס'איז געבליבן פֿון מײַן טאַטן, אז מע זאָל דאָס טײלן אַף פֿינף חלקים, װעט דאָס אַף מײַנע חתונה־קלײדער כאַפּן, און עס װעט נאָך עפּעס, דאַכט מיר, בלײַבן אַף נאָך דער חתונה אויך...

קיצור, װאָס זאָל איך אײַך זאָגן? אז ער האָט מיר אויסגערעדט די דאָזיקע װערטער, איז גלײַך װי עמעצער זאָל מיר געבן מיט א פּיסטויל אין האַרצן, אָדער אָפּשיטן מיט פֿײַער, אָדער אָפּגיסן מיט הײס װאַסער, אָדער איך װײס אַלײן נישט מיט װאָס! ס'איז מיר פֿינצטער געװאָרן אין די אויגן! איר פֿאַרשטײט? לא די װאָס איך האָב געהאַט מיט זײ צו טאָן אַזוי פֿיל יאָרן, געטראָגן אַף זיך אַן אלמנה נעבעך מיט פֿינף קינדער, אַלעמען פֿאַרזאָרגט און חתונה געמאַכט, און געדאַסט, און געיענצט, און

געוכדומהט, צום סוף וואקסט־אויס אזא שייגעץ אף מײַן קאָפּ און גיט מיר אָנצוהערעניש וועגן חלקים גאָר!...

— נו, נישט מײַנע ווערטער? — מאַכט צו מיר מײַנע, — האָב איך דיר נישט געזאָגט, אַז מע וועט דיר אָפּדאַנקען מיט שטיינער?...

קיצור, וואָס טויג אײַך, איך האָב געגעבן אַלצדינג, וואָס ער האָט געוואָלט. וואָס וועל איך גיין האָבן צו טאָן מיט אַזאַ שנעק? עס פּאַסט גאָר נישט פאַר מיר! נאַ, גיי צו אַלדי שוואַרצע יאָר, ווערג זיך, ווער פאַר־ברענט, פאַרשרפֿהט, אַבי פּטור ווערן פון אַ שלאַק!... מיינט איר, אַז איך האָב שוין דערמיט געפּטרט? וואַרט־אויס, וועט איר ערשט הערן. אין אַ חודש אַרום נאָך דער חתונה קומט ער צו גיין צו מיר, דער שיינער יונ־גערמאַנטשיק, איך זאָל אים, למען השם, באַלד געבן צוויי הונדערט מיט דרײַ און צוואַנציק קערבלעך.

— וואָס איז פאַר אַ חשבון צוויי הונדערט מיט דרײַ און צוואַנציק קערבלעך? — פרעגט איך אים.

— אַזוי טרעפט אָן, מאַכט ער צו מיר גאַנץ קאַלטבלוטיק, דאָס בירשענקל מיטן ביליאַרד.

— וואָסער בירשענקל? וואָסער ביליאַרד?

— איך האָב מיר געמאַכט, זאָגט ער, אַ געשעפט: איך האָב איבער־גענומען אַ בירשענקל מיט אַ ביליאַרד. אַסנה וועט פאַרקויפן ביר און איך וועל זײַן באַם ביליאַרד, אַכטונג געבן, ווי מע שפּילט אַף ביליאַרד. מע קאָן דערפון, זאָגט ער, האָבן שיין פּרנסה.

— אַ שיינע פּרנסה! — זאָג איך צו מײַן נײַעם בעל־פּרנסה, — עס פּאַסט טאַקע פאַר דיר אַזאַ פּרנסה, אַ שענקל מיט אַ ביליאַרד!

— נאַפּליעוואַט! — מאַכט ער, — אַבי נישט צונעמען בײַ יענעם. איין מאָל אין טאָג אַ שטיקל טרוקן ברויט, אַבי נישט קיין פרעמדס...

ווי געפעלט אײַך, אשטייגער, דניאַלטשיק רעדט מיט פילוסופיה!...

— געזונטערהייט! — זאָג איך, — פאַרקויפט אײַך ביר און שפּילט אײַך אַף ביליאַרד. וואָס געהער זיך דאָס אָן מיט מיר?

— עס געהער זיך אָן, זאָגט ער, מיט אײַך, ווײַל איר דאַרפט געבן געלט, צוויי הונדערט מיט דרײַ און צוואַנציק קערבלעך.

— וואָס הייסט, איך דאַרף געבן? — זאָג איך, — פון וואָסער געלט, אשטייגער?

— פֿון מײַן טאַטנס געלט, מאַכט ער און פֿאַרקרימט זיך אַפֿילו נישט־

איר װעט מיר גלייבן? עס האָט זיך מיר בשעת מעשה געגלוסט אָנ־נעמען אים פֿאַרן קאַרק און אַרױסװאַרפֿן אים פֿון קלײט צו אַלדי שװאַרצע יאָר!... נאָר צוריק האָב איך מיך מיישב געװען: מיט װעמען װעל איך מיר דאָ, משטײנס געזאָגט, פּאַסקודיקן די הענט? כאַפּט אים דער װאַטנ־מאַכער! לאָז מײַנס איבערגײן!...

— זאָג מיר, דניאַלטשיק, מאַך איך צו אים, דו װײסט כאָטש, װיפֿל ס'איז פֿון דײַן טאַטן געבליבן געלט?

— נײן, מאַכט ער, װאָס דאַרף איך עס װיסן? איך װעל נאָך צײַט האָבן צו װיסן איבער־אַ־יאָר, אם ירצה השם, אַז ס'װעט מיר װערן אײן און צװאַנציק יאָר, װעל איך בא אײַך דעמאָלט אָפּנעמען דין־וחשבון... דערװײַל גיט מיר די צװײ הונדערט דרײַ און צװאַנציק קערבלעך, לאָם איך גײן.

דערהערט אַזעלכע דבורים, איז מיר פֿינצטער געװאָרן אין די אױגן. מײנט איר, פֿאַר װאָס? נישט מחמת איך האָב חלילה מורא פֿאַר עמעצן, װאָרעם װאָס האָב איך מורא צו האָבן? איך האָב קאָרג אױסגעבראַכט זיך אָף זײ? אַ װערטעלע אױסצורײדן — אױסגעהאַלטן אַזױ פֿיל צײַט אַן אַלמנה נעבעך מיט פֿינף קינדער, אַלעמען פֿאַרזאָרגט און חתונה גע־מאַכט, און געדאָסט, און געיענצט, און געװכדומהט, — קומט אַזאַ שנעק און רעדט גאָר פֿון אָפּנעמען בא מיר דין־וחשבון!

קיצור, איך האָב אַרױסגענומען און האָב אים געגעבן צװײ הונדערט דרײַ און צװאַנציק קאַרבן, און געבעטן גאָט, ער זאָל מיך כאָטש לאָזן צו־רו... און ס'איז טאַקע אַװעקגעגאַנגען אַ צײַט, איך האָב נישט אָנגעקוקט דעם פּנים זײַנעם. פּלוצעם, איך קום אַמאָל צו גײן אַהײם — אַהאַ, ער איז דאָ!... עס האָט זיך מיר אָפּגעריסן אין הארצן, אַז איך האָב אים דער־זען. נאָר אַרױסבאַװײַזן אים, אַז עס אַרט מיך, טאָר מען נישט. מאַך איך זיך תמעװאַטע און רוף מיך אָן צו אים:

— אָ! אַ גאַסט! װאָס איז די מעשה, דניאַלטשיק, װאָס מע זעט דיך נישט? װאָס מאַכסטו עפּעס אין געזונט? װי גײט דאָס דיר אין די „גע־שעפֿטן"?

— געזונט, מאַכט ער, נאַפּליעװאַט! נאָר די געשעפֿטן זײַנען נישט

אין בעסטן.

„מזל טוב דיר! — טראכט איך מיר, — זאָלסט דערלעבן אָנזאָגן בעסערע בשורות!... דאָס שמעקט שוין מיט פריש געלט״...

— דהיינו, וואָס איז? — זאָג איך, — עס לייזט זיך נישט קיין געלט?

— וואָסער געלט? ווער רעדט פון געלט? געלט, מאַכט ער, נאַפּליע־וואַט! איך האָב שוין נישט קיין בירשענק, איך האָב שוין נישט קיין ביליאַרד, איך האָב שוין נישט קיין ווײַב. זי האָט מיך אָוועקגעוואָרפן, אסנה הייסט עס. נאָר כאַפּט זי דער רוח, נאַפּליעוואַט! איך פאָר־אַוועק, זאָגט ער, קיין אַמעריקע, מײַן ברודער רופט מיך שוין לאַנג קיין אַמעריקע.

דערהערט, אַז ער פאָרט קיין אַמעריקע, איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרצן. ער האָט מיטאַמאָל באַקומען חן אין מײַנע אויגן. איך זאָל מיך נישט שעמען, וואָלט איך אים אַרומגעכאַפּט קושן...

— קיין אַמעריקע? — זאָג איך, — מהכתיתי. אַמעריקע, זאָגט מען, איז אַ פרײַ לאַנד. מענטשן, זאָגט מען, ווערן דאָרט גליקלעך, זײַנען מאַסף ממון. ובפרט, אַז מע האָט נאָך דאָרטן אַן אייגענעם, איז נאָר גוט... ביסטו געקומען, הייסט דאָס, זיך געזעגענען מיט מיר? זייער פײַן פון דײַן זײַט... זאָלסט כאָטש נישט פאַרגעסן דאָרטן אַמאָל אַרײַנשרײַבן אונדז אַ בריוול. פאָרט היימישע מענטשן, ווי זאָגט ער... דניאל, אפשר כאַפּט דיר נישט אויף הוצאות? קאָן איך דיר געבן צו־שטײַער...

— צוליב דעם, זאָגט ער, בין איך טאַקע אַרײַנגעקומען צו אײַך. גיט מיר דרײַ הונדערט קאַרבן, דאַרף איך האָבן.

— דרײַ הונדערט קאַרבן? — זאָג איך, — עס וועט אפשר זײַן אביסל צו פיל? טאָמער וואָלט געווען גענוג ק״ן?

— וואָס באַדאַרפט איר זיך מיט מיר דינגען? איך ווייס דען נישט, אַז איך זאָל אײַך זאָגן פיר הונדערט, וועט איר מיר געבן פיר הונדערט אויך, און פינף הונדערט אויך, און זעקס הונדערט אויך?... נאָר איך באַדאַרף נישט קיין געלט, נאַפּליעוואַט! איך באַדאַרף נאָר דרײַ הונדערט קאַרבן אויף הוצאות.

אַזוי מאַכט ער צו מיר, דניאלטשיק הייסט עס, און קוקט מיר גלײַך אין די אויגן אַרײַן. „דרײַ הונדערט מכות, קלער איך מיר, זאָל זיך מײַנע שונאים זעצן אויפן לײַב! איך זאָל כאָטש וויסן — אַן עק, אַז דערמיט

האָט זיך פֿאַרשלאָסן די ערד, און ער וועט שוין אויפֿהערן קומען צו מיר אַלע מאָל דאָסן און יענצן און וכדומהן!״...

קיצור, כ׳האָב ארויסגענומען און אָפּגעציילט אים דרײַ הונדערטער אחת ואחת, און נאָך געקויפֿט אַ מתנה דעם עלטערן ברודער זײַנעם, אַ גאַנצן פֿונט טיי וויסאָצקים, מיט גוטע פּאַפּיראָסן אַ טויזנט, מיט עטלעכע פֿלעשלעך כרמל־ווײַן, און חוץ לזה האָט אים מײַן ווײַב אָפּגעבראָטן אַ קאַטשקע, מיטגעגעבן בולקעס מיט מאַראַנצן, מיט צרות, מײַנע שונאים, מיט האַרצווייטיק, מיט דאָס, מיט יענץ, מיט וכדומה אַפֿן וועג, און מיר האָבן אים אַרויסבאַגלייט צום באַן, זיך גאַנץ פֿײַן אָפּגעזעגנט מיט אים, צעקושט, ווי מיט אַן אייגן קינד, געוויינט מיט טרערן, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפֿן, פֿאָרט אַף מײַנע הענט אויסגעוואַקסן, און טאַקע אַ וווילער יונג, למאַי זאָל איך לייקענען? ער איז נאָך אַביסל פֿאַרשײַט, ווײַטער האָט ער אַ האַרץ, אַף מיר אַזאַ יאָר! איך וועל אײַך זאָגן דעם ריינעם אמת: אַביסל בין איך געווען צופֿרידן, וואָס ער איז אַוועקגעפֿאָרן, פּטור געוואָרן פֿון אַ פֿריטשעפּע... און אַביסל האָט מיר ווי געטאָן דאָס האַרץ: אַ יונג קינד, נעבעך גע־ונד, מי יודע וווּהין ער קאָן פֿאַרפֿאָרן, און וואָס סע קאָן פֿון אים ווערן דאָרטן?... ער זאָל כאָטש שרײַבן אַמאָל אַ בריוול... און אפֿשר איז גלײַכער, ער זאָל גאָר נישט שרײַבן. לאָז ער זיך לעבן דאָרטן הונ־דערט און צוואַנציק יאָר און זײַן גליקלעך! איך האָב געבעטן גאָט פֿאַר אים, ווי פֿאַר אַן אייגן קינד, מעגט איר מיר גלייבן!...

כך הווה. עס איז נישט אַוועקגעגאַנגען קיין צוויי יאָר אַפֿילו פֿון זינט ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַמעריקע, עפֿנט זיך נישט די טיר און עס קומט נישט אַרײַן עפּעס אַ מין דײַטש מיט אַ הויכן קאַפּעלוש, אַ שיינער יונגאַטש, אַ געזונטער, אַ ברייטבייניקער און אַ פֿריילעכער, און כאַפּט מיך נישט אַרום קושן?

— וואָס איז די מעשה? — זאָגט ער, — איר האָט מיך נישט דערקענט, צי איר מאַכט זיך, אַז איר דערקענט מיך נישט?

— טפֿו זאָלסטו נישט ווערן! דניאַלטשיק, ס׳איז דו? — זאָג איך מיט אַ געלעכטער בלומרשט, און אין האַרצן קאַכט אין מיר אַ פֿײַער, און איך טראַכט מיר: „פֿאַר וואָס ביסטו דאָרטן נישט דערהרגעט געוואָרן, מײַנע שונאים, ערגעץ אַפֿן באַן, אָדער דערטרונקען געוואָרן אַפֿן ים?״...

—ווען קומסטו אָן, דניאַלטשיק, און וואָס טוסטו הי?

— קומען קום איך אַן, זאָגט ער, היינט אינדערפרי. און וואָס טו איך הי? איך בין, זאָגט ער, געקומען צו אייך זיך צערעכבענען.

דערהערט אָט דאָס וואָרט „זיך צערעכבענען", איז מיר שוין גע־וואָרן דריי לעבער אין האַרצן. וואָס פאַר חשבונות האָט ער מיט מיר, דער שאַרלאַטאַן?... נאָר איך האָב מיך אָנגענומען מיט האַרץ און רוף מיך אָן צו אים:

— וואָס האָסטו זיך נאָך באַדאַרפט מטריח זיין אַזש פון דאָרטן אַהער? ממה־נפשך, האָסט געוואָלט מאַכן אַ חשבון, האָסטו געקאָנט אָפּשיקן מיר דורך דער פּאָסט, וואָס מיר קומט־אַרויס...

— וואָס אייך קומט־אַרויס? — זאָגט ער מיט אַ שיין געלעכטערל — איך ווייס נישט, פון וועמען עס קומט־אַרויס... איך האָב מורא, אַז עס קומט פון אייך אַרויס...

— וועמען? — זאָג איך, — דיר אפשר קומט־אַרויס?...

— מיר, זאָגט ער, און מיינע ברידער און מיין שוועסטער — אונדז אַלעמען. איך בין דאָס געקומען אומיסטנע פון אַמעריקע זיך צערעכבענען מיט אייך פאַר אונדז אַלעמען... איך וויל אַ חשבון פונעם טאַטנס געלט, וואָס אייך קומט — וועט איר זיך אָפּנעמען; וואָס אונדז קומט — וועט איר אונדז אַרויסצאָלן. און טאָמער וועט גיין דאָרטן אין אַ קלייניקייט, איז נאַפּליעוואַט; מיר וועלן מסתמא דורכקומען, חלילה זיך נישט קריגן... וואָס־זשע מאַכט איר עפּעס? וואָס מאַכן די קינדער אייערע? איך האָב זיי געבראַכט איטלעכן באַזונדער אַ מתנה...

מיר איז אָפּגעגאַנגען אַ מינוט צו הלשון, אָדער כאַפּן אַ בענקל און פּלעטן אים דעם קאָפּ... איך האָב מיך איינגעהאַלטן און האָב אים גע־הייסן קומען, אם ירצה השם, נאָך שבת, וועלן מיר זיך רעכענען, און אַליין בין איך אָפּגעפאָרן פון דער היים זיך צעפּרעגן בײַ אַדוואָקאַטן, וואָס טוט מען, ווי אַזוי ווערט מען פּטור פון דעם דאָזיקן פּעקל?... די אַדוואָקאַטן אָבער, ווייס זיי דער גוטער יאָר, צי זיי ווייסן טאַקע נישט, צי זיי מאַכן זיך נישט וויסנדיק?... דער זאָגט, אַז וויבאַלד ס'איז איבער־געלאָפן מער פון צען יאָר, איז פאַרפאַלן. דער זאָגט: ניין, בין איך אַן אפּיקומן, אַן אַפּעקון הייסט עס, מעג איבערגיין הונדערט יאָר, דין־וחשבון באַדאַרף איך אָפּגעבן... פרעג איך אַ קשיה: „ווי אַזוי זאָל איך געבן דין־וחשבון, אַז איך האָב נישט קיין בוך און קיין שום חשבונות?"...

זאָגט דער אַדוואָקאַט: „איז טאַקע נישט גוט"... „נישט גוט, זאָג איך, ווײס איך אַלײן; איר גיט מיר בעסער אַן עצה, וואָס טוט מען?" איז נישטאָ קײן ווערטער!... איך בין אַן אײַזערנער, הערט איר, אַז איך האַלט דאָס אױס! צו וואָס האָט דאָס מיר געטױגט, פֿרעג איך אײַך, דער גאַנצער משא־ומתן מיטן קלאַפּאַט, מיטן גאַנצן דאָס, מיטן יענץ, מיטן וכדומה? וועלכער רוח האָט מיך געטראָגן, איך זאָל ווערן אַן אַפּיקומן אױף פֿרעמדע קינדער? וואָלט דען נישט געווען גלײַכער טױזנט מאָל, איך זאָל געווען דעמאָלט ליגן אױף אַ היציק שלאַפֿקײט, אָדער אױסברעכן זיך אַ פֿוס, אָדער אַזױ עפּעס אַן אומגליק זאָל מיך געווען טרעפֿן, אַבי נישט האָבן אױף זיך אַזאַ פּעקל, מיט אַן אַפּיקומן, מיט אַן אַלמנה נעבעך, מיט יתומים, מיט אַ דניאַלטשיק, מיט אַ חשבון, מיט אַ דאָס, מיט אַ יענץ, מיט אַ וכדומה?...

ענדע געשיכטע נומער זיבעצן.

געשריבן אין יאָר 1902

געשיכטע נומער אכצן

רוף מיך קנאקניסל

אקעגן מיר, באם פענצטער, זיצט א יידל מיט א שמייכלענדיק פנים און מיט אזעלכע אויגן, וואס ווילן זיך ארײַנקלײַבן צו אײַך אין הארצן ארײַן. דאס יידל קוקט שוין לאנג ארויס, איך זאל אים זאטשעפען, נאר איך האלט מיך פון דער ווײַטן. עס ווײַזט אויס, אז ס'איז אים נמאס געווארן זיצן אינצווייען מיט א יידן אין וואגאן און שווײַגן. צעלאכט ער זיך פלוצעם צו זיך אליין און רופט זיך אן צו מיר:

— איר פרעגט, וואס איך לאך? איך האב מיך דערמאנט א שטיקל, ווי אזוי איך האב אפגענארט יעהופעץ, כא־כא! יא, ווי איר קוקט מיך אן — איך, איך משה־נחמן פון קענעלע, א ייד מיט א הוסט און מיט א זאדישקע, דאכט זיך, איא? האב איך אפגעטאן א שפיצל יעהופעץ, אבער א שפיצל, כא־כא, זיי וועלן מיך האבן צו גדענקען! אט גיט מיר נאר עטלעכע מינוט צײַט, איך וועל מיך אויסהוסטן — אוי, א הוסט, אף פורישקעוויטשן געזאגט געווארן! — וועט איר הערן, וואס א ייד קאן.

ויהי היום, קום איך מיר צו פארן איינמאל קיין יעהופעץ. וואס פארט אזא ייד, ווי איך, מיט א הוסט און מיט א זאדישקע, קיין יעהופעץ? געוויינטלעך, צום פראפעסאר. איך בין מיט מײַן הוסט און מיט מײַן זאדישקע, ווי איר קאנט זיך פארשטעלן, אן אפטער גאסט אין יעהופעץ. אפילו נישט אזא־נ־אנגעלייגטער גאסט, ווארעם ווי טאר איך, משה־נחמן פון קענעלע, זײַן אין יעהופעץ, אז איך האב נישט קיין שום „פראוואזשיטעלסטווע"?... נאר אז מע האט א הוסט מיט א זאדישקע און מע דארף צום פראפעסאר, יעדנא ס'דרוגים, איז עפעס א תירוץ? באהאלט

מען זיך. מוטשעט מען זיך. קומט מען אינדערפרי, און באַנאַכט אַנט־לויפט מען. אַנישט, כאַפּט מען אַ „פּראָכאָדנאָיע״ און מע קומט נאָכאַ־מאָל. אַבי נישט גיין „פּאָעטאַפּאָם״. איך זאָל, הערט איר, חלילה דאַרפן גיין „פּאָעטאַפּאָם״, ווייס איך נישט, אויב װאָלט איך דאָס אויסגעהאַלטן. איך וואָלט, דאַכט מיר, דרײַ מאָל געשטאָרבן פאַר בושה אַליין. וואָרעם, ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך, דאַנקען גאָט, אַ שטיקל בעל־הבית בײַ אונדז אין קענעלע מיט אַ „אימושטשעסטווע״: אַ דירה אָן אײגענע, מיט אַ בהמהלע, און מיט טעכטער צוויי, איינע אָן אויסגעגעבענע און די אַנדערע אויף חתונה צו מאַכן. יעדנאָ ס׳דרוגים, וואָס איז שייך!...

הכלל, קום איך צו פאָרן קיין יעהופּעץ צום פּראָפעסאָר. איצטיקס מאָל — נישט צום פּראָפעסאָר, נאָר צו די פּראָפעסאָרן. דאָס הייסט, אויף אַ קאָנסוליום פון גאַנצע דרײַ פּראָפעסאָרן, הייסט עס. איך האָב געוואָלט, פאַרשטייט איר מיך, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, דערגיין אַ טאָלק, וויסן וואָס בין איך מיט זיי — מילכיק, צי פליישיק? אַז בײַ מיר איז אַ זאַדישקע — דאָס זײַנען זיי, הייסט עס, אַלע מודה, נאָר וואָס מע טוט צו דער זאַדישקע, איך זאָל אירער פּטור ווערן — דאָס איז שוין, זעט איר, עפּעס אַנדערש. זיי מוטשען זיך נעבעך. זיי פּרוּוון זיך. זיי גייען, ווי זאָגט איר, האַרט בײַ די ווענט. למשל, איך קום צו גיין צו מײַן אַלטן פּראָפעסאָר, סטריצל הייסט ער, אַ דימענט פון אַ פּראָפעסאָר. נעמט ער און פאַרשרײַבט מיר אַ רעצעפּט „קאַדעיני סאַכאַרי פּולווערטי״. קאָסט דאָס נישט טײַער און ס׳איז זיסלעך אָפּן טעם. קום איך צו אַן אַנדער פּראָפעסאָר. גייט ער און פאַרשרײַבט מיר „טינקטורא אָפּיע״, טראָפּנס אַזעלכע, האָבן זיי אַ טעם פון חלשות. קום איך צום דריטן פּראָפעסאָר, פאַרשרײַבט ער מיר אויך טראָפּנס, האָבן זיי כמעט דעם זעלביקן טעם, נאָר הייסן הייסן זיי נישט „טינקטורא אָפּיע״, נאָר „טינקטורא טעביאַקאַ״. זײַט איר שוין פאַרטיק? קום איך צו אַ פרישן פּראָ־פעסאָר, נעמט ער און פאַרשרײַבט מיר גאָר אַ מין ביטערניש מיטן נאָ־מען „מאָרפיום אַקווע אַמיגדאַלאַריאום״. איר חידושט זיך, וואָס איך קען לעטײַן? איך קען אַזוי לעטײַן, אַזוי ווי איר ענגליש, נאָר אַז מע האָט אַ הוסט מיט אַ זאַדישקע מיט אַ טובערקולאָז, יעדנאָ ס׳דרוגים, קאָן מען זיך אויסלערנען לעטײַן אויך.

הכלל, בין איך געקומען קיין יעהופּעץ אויף אַ קאָנסוליום. ווי שטעלט

זיך אַף אַזאַ ייִד, ווי איך, אַז ער קומט קיין יעהופּעץ? געוויינטלעך, נישט אין קיין האָטעל און נישט אין קיין גאַסטינעץ. ערשטנס, רייַסן זיי די הויט. און אַגב, ווי קאָן איך מיך אָפּשטעלן אין אַ האָטעל, אַז איך האָב נישט קיין שום „פּראַוואָזשיטעלסטווע"? שטעל איך מיך אָפּ אַלע מאָל באַ מייַנעם אַ שוואָגער. איך האָב מייַן אייגנס אַ שוואָגער אַ שלים־מזל, איז ער אַ ייִד אַ מלמד, און אַן אָרעמאַן איז ער, חוץ זייַן שאָדן אָף פּורישקעוויטשן געזאָגט געוואָרן, און אַ מטופּל מיט קינדער — זאָל דער אייבערשטער היטן! נאָר וואָס דען? גאָט האָט אים געהאָלפֿן, ער האָט אַ „פּראַוואָזשיטעלסטווע" האָט ער, און דווקא אַ כשרע „פּראַוואָזשי־טעלסטווע". ווי קומט צו אים אַ „פּראַוואָזשיטעלסטווע"? — בראָצקי! ער איז אַ „סלוזשיטל" באַ בראָצקין. חלילה נישט קיין דירעקטער פֿון זאַוואָדן, נאָר ער איז אין בראָצקים שול אונטן באַ די שנייַדערס אַ בעל־קורא איז ער. אַ „דוכאָוונע ליצאָ", אָדער, ווי מע רופֿט עס דאָרטן, „אַן אַבראַדטשיק". און וויבאַלד אַן „אַבראַדטשיק", אַזוי מעג ער שוין זיצן אָף מאַלאָוואַסילקאָווסקי, דאָרט ווו דער געוועזענער פּאָליצמייַסטער איז אַמאָל געזעסן. זיצט ער, הייסט עס, אָף דער מאַלאָוואַסילקאָווסקי, טאַקע נישט ווייַט פֿונם געוועזענעם פּאָליצמייַסטער, און מוטשעט זיך, קוים־קוים וואָס ער קומט־אויס מיטן שטיקל ברויט. דער גאַנצער אַרויסקוק זייערער מסתמא איז אָף מיר. איך בין, הייסט עס, דער נגיד אין דער משפּחה, משטיינס געזאָגט... קום איך צו פֿאָרן קיין יעהופּעץ, האַלט איך באַ זיי סטאַנציע, עס איך באַ זיי אַ וואַרעמעס, אַ וועטשערע, פֿאָלגט מען מיך אַ גאַנג — יעדנאַ ס־דרוגים, פֿאַלט זיי אַמאָל אַרייַן אַ קערבל, אַמאָל צוויי, אָף פּורישקעוויטשן געזאָגט געוואָרן... איצטיקס מאָל אָבער, איך קום צו פֿאָרן, איך זע — מייַנע לייַט זייַנען חושך, גייען אַרום אָן קעפּ. „וואָס איז די מעשה?" „ס'איז שלעכט". „דהיינו?" „אַבלאַוועס". „פּכע, כ'האָב געמיינט, זאָג איך, מי יודע וואָס! אַבלאַוועס — דאָס איז דאָך אַן אַלטע מכה, זאָג איך, נאָך מששת ימי־בראשית"... „ניין, זאָגן זיי, אַבלאַוועס צו אַבלאַוועס איז נישט גלייַך. איצט, זאָגן זיי, איז נישטאָ די נאַכט, ס'זאָל נישט זייַן קיין אַבלאַווע. און כאַפּט מען אַ ייִדן, איז יהיה מי שיהיה — איינס־צוויי־דרייַ, מיטן עטאַפּ". „נו, און געלט?" „בלאָטע". „אַ קערבל?" „בלאַ". „אַ דרייַערל?" „אפילו נישט אַ מיליאָן!" „אויב אַזוי, זאָג איך, איז דאָך טאַקע גוט פּאַסקודנע". „פּאַסקודנע צו

פּאַסקודנע, זאָגן זיי, איז נישט גלײַך. קודם, זאָגן זיי, איז שטראָף. און נאָכדעם ערשט — מיטן עטאַפּ. הײַנט דער סקאַנדאַל פאַר בראַצקין!"...
„מילא, זאָג איך, בראַצקי הײַנט, בראַצקי מאָרגן, איך קאָן, זאָג איך, צוליב בראַצקין, זאָג איך, מיט מײַן געזונט נישט שפּעקולירן. איך בין געקומען, זאָג איך אַף אַ קאָנסולים פון פּראָפעסאָרן, קאָן איך צוריק, זאָג איך, נישט אַנטלויפן". הכלל, טענות אַהין, טענות אַהער — דער טאָג שטייט נישט. מע דאַרף לויפן צו די פּראָפעסאָרן מכח אַ קאָנסולים. וואָס מיר קאָנסילום? ווער מיר קאָנסילום? אַז דער קאָן קומען ערשט מיטוואָך פאַר האַלבן טאָג, און דער — מאָנטיק נאָך האַלבן טאָג, און יענער נישט פריִער ווי איבעראַכטאָג דאָנערשטיק. הײַנט גיי! אַ מעשה אַף דרײַ וואָכן מיט אַ מיטוואָך! וואָרעם וואָס גייט זיי אָן, למשל, וואָס משה־נחמן פון קענעלע האָט אַ זאַדישקע מיט אַ הוסט, און שלאָפט נישט קיין נעכט, אַף פּורישקעוויטשן געזאָגט געוואָרן?... דערווײַל ווערט נאַכט. עסט מען וועטשערע און מע לייגט זיך שלאָפן. איך ווער נאָר־וואָס אַנט־שלאָפן, איך הער: טראַך־טאַרעראַך! איך רײַס־אויף די אויגן: „ווער איז?" „מיר זײַנען פאַרפאַלן!" זאָגט צו מיר דער שוואָגער מײַנער, דער שלים־מזל, שטייט איבער מיר אַ טויטער מענטש און טרייסלט זיך, ווי אַ הושענא. „וואָס טוט מען, זאָג איך, איצטער?" „אדרבה, זאָגט ער, זאָג דו, וואָס טוט מען?" „וואָס, זאָג איך, זאָל מען טאָן, ס'איז ביטער". „ביטער צו ביטער, זאָגט ער, איז נישט גלײַך. ס'איז, זאָגט ער, ביטער אַזוי ווי גאַל". און אין דרויסן באַ דער טיר: טראַך־טאַרעראַך! די קליינע קינדער נעבעך האָבן זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ גוואַלד, מיט אַ געוויין: „מאַ־מע"! שטיקט זי זיי, די מוטער הייסט עס, און ווערגט זיי, ס'זאָל זײַן שטיל — אַ שיינע חתונה! „ע, טראַכט איך מיר, משה־נחמן פון קענעלע, דו ביסט גוט אין דער אַרבעט, אַף פּורישקעוויטשן געזאָגט געוואָרן!" און עס פאַלט מיר אַרײַן פּלוצעם אַ קאָמבינאַציע אין קאָפּ און איך רוף מיך אָן צו מײַן שוואָגער: „שאַ, זאָג איך, ווייסטו וואָס, דוויד? זיי דו איך, און איך וועל זײַן דו". קוקט ער אַף מיר, ווי אַ לעמעשקע: „וואָס הייסט?" „דאָס הייסט, זאָג איך, מיר וועלן זיך בײַטן מיט די יוצרות. דו וועסט מיר געבן דײַן פּאַס, איך וועל דיר געבן מײַן

פאס; וועסטו זיין משה־נחמן, און איך וועל זיין דוויד". א טומפיקער מח! קוקט אף מיר, ווי א זינדיקער מענטש, פארשטייט נישט, וואס מע רעדט צו אים. „בהמה, זאג איך, וואס פארשטייסטו דא נישט? דאכט זיך, א פראסטע קאמבינאציע, זאג איך. א מינדסט קינד קאן עס פארשטיין. דו וועסט זיי ווייזן מיין פאס, און איך וועל זיי ווייזן דיין פאס, יעדנא ס'דרוגים — האסטו דאס צעקייט, צי מע דארף עס דיר צעקייען און לייגן אין מויל אריין?"

אפנים, ער האט דאס צעקייט, און מיר האבן גענומען זיך בייטן מיט די יוצרות. איך אים מיין פאס, ער מיר זיין פאס. און דארטן די טיר ווערט שיער נישט צעשפרונגען: טראך־טארעראך! טראך־טארעראך! „סייטשאס! — זאג איך, — וואס האט איר אזוי קיין צייט נישט? דער טייך ברענט נישט!" — זאג איך. און צו מיין שוואגער רוף איך מיך אן: „גערענק־זשע, דוויד, דו הייסט שוין נישט מער דוויד, נאר משה־נחמן"... און איך לאז מיך צו דער טיר. — „ברוך הבא, גנעסט!" — א גאנצע כאליאסטרע, יוצר משרתים ואשר משרתיו. ווי זאגט איר, א גדולה, פריילעך אין שטעטל...

ס'פארשטייט זיך, אז קודם האט מען זיך גענעבן א נעם צו מיין שוואגער דעם שלים־מזל. וואס עפעס צו אים? ווייל איך האב מיך נעהאלטן, פארשטייט איר מיך, מעשה מענטש, ווי זאגט איר, א קניפ אין באק, די פארב זאל שטיין. און ער — אף פורישקעוויטשן געזאגט געווארן. האט מען אים מסתמא א כאפ געטאן: „אטקודעווא, גאספאדין יעוורייז?" — נישטא קיין לשון. שטעל איך מיך ארוים פארן מליץ־יושר און מאך צו אים: „יהודי בלא, וואס שווייגסטו? דבר! דבר זיי, אז דו ביסט משה־נחמן פון קענעלע". און צו זיי טו איך מיך א ווארף מיט תחנונים: „אזוי און אזוי, זאג איך, וואשע וויסאקע פראוואזשיטעלסטווע, זאג איך, אן ארעמער קרוב נעבעך. שוין לאנג, זאג איך, נישט געזען זיך, געקומען צו מיר פון קענעלע". און אינעווייניק אין הארצן שטיקט מיך, איך ווער שיער נישט צעשפרונגען פאר געלעכטער. כא־כא! איר פארשטייט? איך, משה־נחמן פון קענעלע, בעט רחמים פאר משה־נחמנען הייסט עס, פאר מיר אליין טאקע, כא־כא־כא! איז אבער די צרה, וואס מיין ריידן מיט מיינע בקשות האבן געהאלפן, ווי דער פאראיאריקער

שניי, און מע האָט מײַן בחור אויפגעכאַפּט, ווי דער רוח דעם מלמד, און מע האָט אים אָפּגעפירט גאַנץ פײַן אין חד־גדיא אַרײַן, מיטן גאַנצן קנאַק, ווי גאָט האָט געבאָטן. און מיך האָט מען אויך געוואָלט צונעמען. דאָס הייסט, מע האָט שוין טאַקע מיך געהאַט צוגענומען; מע האָט מיך אָבער באַלד אַרויסגעלאָזט. וואָרעם וואָס העט איך זיי, איך בעט אײַך זייער? אַ מענטש מיט אַ „פּראַוואָזשיטעלסטווע" שוואַרץ אַף ווײַס, בפירוש פֿאַרשריבן אין בראָצקים שול באַ די שנײַדערס אַן אָבראַדטשיק, און אַ קערבל אויך מסתמא, יעדנאָ ס'דרוגים, איר פֿאַרשטייט? „כאַראַשאָ, זאָגן זיי צו מיר, גאָספּאָדין אָבראַדטשיק. דו גיי דיר דערווײַל אַהיים עסן קוגל. מיר וועלן דיר שוין נאָכדעם באַווײַזן, ווי אַזוי צו האַלטן קאָנטראַבאַנדע אַף דער מאַלאָוואַסילקאָווסקי!"... מיט אַ פֿרישן קוילעטש, הייסט עס, גלײַך אין פּנים אַרײַן, כאַ־כאַ!...

זאָל איך אײַך דערציילן ווײַטער? מילא פֿון קאָנסולים איז דאָך שוין אָפּגערעדט. ווער האָט אין זינען געהאַט אַ קאָנסולים, אַז מע האָט גאָר באַדאַרפֿט ראַטעווען דעם שוואָגער? פֿון וואָס, מיינט איר, ראַטעווען? פֿונעם עטאַפּ? חלילה! דאָס האָט נישט געהאָלפֿן. מיטן עטאַפּ איז ער געגאַנגען, נאָך אַ מין גיין! אַף פּורישקעוויטשן געזאָגט געוואָרן! איידער מיר האָבן אים דערלעבט זען אין קענעלע, דעם שלים־מזל, זײַנען אונדז, הערט איר, שיער די אויגן אַרויסגעקראָכן. און אַז מע האָט אים שוין קוים אַמאָל געבראַכט צו פֿירן קיין קענעלע, האָט ער ערשט געהאַט אַף זיך אַ נײַעם אומגליק. אַ פֿרעמדן פּאַס מיט אַ פֿרעמדן נאָמען, יעדנאָ ס'דרוגים, פֿרעגט נישט. איך האָב מיט אים געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. לאָס איך עס פֿאַרדינען, הערט איר, אַלע דרײַ חדשים, וואָס סע האָט געקאָסט. אַחוץ וואָס איך האָב אַף זיך אַ פּעקל, איך מוז אים נאָך עד היום אויסהאַלטן מיט ווײַב און קינדער. וואָרעם ער טענהט, אַז איך האָב אים אומגליקלעך געמאַכט, טענהט ער. ער זאָגט, אַז איבער מיר האָט ער אָנגעווירן די גאַנצע „פּראַוואָזשיטעלסטווע" מיט דער שטעלע באַ בראָדצקין. און עס קאָן זײַן, אַז ער איז אפֿשר נישט אינגאַנצן אומגערעכט אויך. דער עיקר איז אָבער, כאַ־כאַ, נישט דאָס. דער עיקר איז דער אײַנפֿאַל, די קאָמבינאַציע, איר פֿאַרשטייט? דאַכט זיך, וואָס? אַ יידל פֿון קענעלע, מיט אַ הוסט און מיט אַ זאַדישקע און מיט אַ טובער־קולאָז אויך, אַף פּורישקעוויטשן געזאָגט געוואָרן, יעדנאָ ס'דרוגים, און

און א שום „פּראַוואָזשיטעלסטווע״, — פונדעסטוועגן, אַז מע דאַרף, קומט ער זיך קיין יעהופּעץ, שטעלט זיך אָפּ אַף מאַלאַוואַסילקאָווסקי, נישט ווײַט פונעם געוועזענעם פּאָליצמייסטער, און — רוף מיך קנאַקניסל!

ענדע געשיכטע נומער אַכצן.

געשריבן אין יאָר 1911

געשיכטע נומער ניינצן

דער צענטער

ניין ייִדן זײַנען מיר געווען אינעם גאנצן וואגאן. ניין ייִדן. אונדז האט געפעלט א צענטער, צו א מנין.

אייגנטלעך, איז געוועזן א צענטער אויך. נאר דער צענטער איז געווען בא אונדז ספק ייִד, ספק קריסט. א שטילשווײַגנדיקער פארשוין מיט א גאלדענעם פענסנע. א ראבעטיני פנים מיט קלײַען, נאר אן א בארד. א נאז א ייִדישע, נאר וואנצעם — מאדנע פארדרייט ארויף. אויערן אפגעשטאנענע, נאר א האלדז א רויטער. די גאנצע צײַט האט ער זיך געהאלטן פון אונדז גאנץ באזונדער. געקוקט אין פענצטער און געפײַפט. געזעסן איז ער געווײנטלעך אן א היטל. און א רוסיש בלאט אף די קני. און שא, קיין ווארט נישט ארויסגעלאזט. דורכוים מעשה רום. אן עכטער פאניע. הא? נאכאמאל: זאל דאס טאקע זײַן א גוי? סטײַטש, ס'איז דאך אבער פארט נישט קיין גוי. בלאטע! א ייִד א ייִדן וועט נישט נארן. א ייִד א ייִדן וועט דערקענען פאר א מײַל אין א פינצטערער נאכט. גוואלד, דער צלם־אלקים! ניין, ס'א ייִד. אזא שטיק גאלד, ווי א ייִד דאס איז! און ווידער צוריק, טאמער ניין? א קשיה הײַנטיקע צײַטן... האבן מיר זיך מיישב געווען: אויך די אייגענע מעשה. א ייִד, נעבעך וויל, מע זאל כאטש מיינען, אז ער איז א גוי — לאז אים וויל באקומען. וואס־זשע טוט מען אבער — אונדז גייט־אפ א צענטער? מיר האבן א יארצײַט אין וואגאן. איר מיינט, עפעס גלאט א יארצײַט? א יארצײַט נאך א טאטן? אדער נאך א מאמע? ניין. דאס איז געווען א יארצײַט נאך א קינד. נאך א זון. איין־און־איינציקן זון האט א ייִד

באַגראָבן. קוים אויסגעבעטן, מע זאָל אים אַרויסגעבן פון דער טורמע, שוין לאַחר המעשה, מע זאָל אים ברענגען צו קבר־ישׂראל... דער פּאָטער שווערט, אַז ער איז געווען גאָט די נשמה. צו גיך, זאָגט ער, האָט מען אים אָפּגעמשפּט. דאָס הייסט, אַ חברה־מאַן צווישן חברה איז ער אפילו, זאָגט ער, געווען, נאָר הענגען איז אים, זאָגט ער, נישט געקומען. מע האָט אים אָבער געהאַנגען — פאַרפאַלן! איז די מוטער באַלד נאָך אים אוועקגעגאַנגען. דאָס הייסט, נישט אַזוי גיך. אָהאָ! זיך פריִער אָנגע־מוטשעט. אַליין געמוטשעט זיך און אויך אים גרוי און אַלט געמאַכט.

— וויפל, מיינט איר, בין איך אַלט מײַן אייגנס?

מיר קוקן אַלע אָפּן דאָזיקן פאַרשוין און ווילן טרעפן, וויפל אַלט ער איז. ס'איז אוממעגלעך: יונגע אויגן, גרויע האָר. אַ געקנייטשטער שטערן, אַ שמייכלענדיק־וויינענדיק פּנים. און דער גאַנצער נפש — עפּעס אַ מאָדנער. טאָקע אַ פּידזשאַק, נאָר אַ לאַנגלעכער. טאָקע אַ קאַפּעלושל, נאָר פאַררוקט אַהינטער. טאָקע אַ בערדל, נאָר שטאַרק פאַרקײַלעכיקט. און אויגן... אַך, אויגן! אַזעלכע אויגן, ווען איר זעט איין מאָל, וועט איר זיי שוין קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגעסן. שמייכלענדיק־וויינענדיקע, אָדער וויינענדיק־שמייכלענדיקע אויגן... וואָלט ער כאָטש באַקלאָגט זיך, וואָלט ער כאָטש געלאָזט אַ טרער. איז ניין. דווקא פריילעך און דווקא לעבעדיק — אַ מאָדנער, מאָדנער נפש.

— הכלל, ווי נעמט מען אַ צענטן? — האָט זיך איינער אָפּגערופן און געוואָרפן אַן אויג אָפּן פּײַפער, וואָס מאַכט זיך גלײַך ווי ער הערט נישט, קוקט אין פענצטער אַרײַן און פּײַפט־אויס עפּעס אַ באַקאַנטן ניגון, דאַכט זיך, אַז „קעקוואָק".

— וואָס הייסט, אַ צענטער? — רופט זיך אָן נאָך איינער, — מיר האָבן דען נישט קיין מנין?

און ער האָט גענומען ציילן מיטן פינגער: נישט איינס, נישט צוויי, נישט דרײַ...

— אָן מיר! — האָט זיך אָנגערופן דער פּײַפער, דווקא אַף יידיש. מיר זײַנען אַלע געבליבן דערשטוינט.

— איר זײַט דען קיין ייד נישט?

— אַ ייד בין איך, נאָר איך האַלט נישט פון די זאַכן.

אַ היפּשע ווײַלע זײַנען מיר געזעסן אַלע, ווי געפּלעפט, געקוקט

איינס אַף דאָס אַנדערע אָן לשון. נאָר איין בעל־יאָרצײַט האָט זיך נישט פאַרלוירן. מיט זײַן פרײלעך־װײנענדיקן שמייכל האָט ער זיך אָנגערופן צום יונגנמאַן דעם פײַפער:

— הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָלט איר לעבן. אײַך קומט א גאָלדענע מעדאַל.

— פאַר וואָס א גאָלדענע מעדאַל?

— איך וועל אײַך זאָגן, ס׳איז אַביסל א צו לאַנגע מעשה. אויב איר ווילט זײַן א צענטער צום מנין, זאָג איך אָפּ אַף א מינוט קדיש נאָך מײַן זון, וועל איך אײַך דערציילן א שיינע געשיכטע.

און דער פריילעכער בעל־יאָרצײַט נעמט אַרויס א פעטשיילע, גאַרטלט זיך אַרום דעם פּידזשאַק און שטעלט זיך אַוועק מיטן פּנים צו דער וואַנט:

— אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה...

איך ווייס נישט, ווי אַזוי איר. איך בין מיך מודה, אַז איך האָב ליב א וואָכעדיקע מנחה. איין וואָכעדיקע שמונה־עשרה איז בא מיר זיסער פון צען חזנישע קונצנדיקע שטיק, שבתדיקע דריידלעך מיט יום־טובדיקן שטייגער. די שמונה־עשרה פון דעם בעל־יאָרצײַט דאָ אין וואַגאָן איז געווען מיט אַזוי פיל האַרץ, מיט אַזוי פיל נשמה, אַז עס האָט אונדז אַלעמען צענומען. און מיר דאַכט, אַז אפילו דעם צענטן פאַרשוין דעם פײַפער — אויך. האָרכן א טאַטן, ווי ער זאָגט קדיש נאָך א זון — איז עפּעס אויך נישט פון די קליינע זאַכן. און דערצו האָט דער בעל־יאָרצײַט געהאַט א זיסע האַרציקע שטימע, וואָס האָט זיך געגאָסן ווי א בוימל גלײַך אין די ביינער אַרײַן. און איבערהויפּט — דער קדיש! נאָר א שטיין האָט דער קדיש געקאָנט נישט רירן...

קורץ — דאָס איז געווען שוין איין מאָל א מנחה.

אָפּגעדאַוונט און אָפּגעבונדן די פעטשיילע, האָט זיך אונדזער בעל־יאָרצײַט אַוועקגעזעצט אַקעגן דעם צענטן פאַרשוין און מיט א פריילעך־וויינענדיק פּנים, ווי זײַן שטייגער איז, האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן די געשיכטע, וואָס ער האָט אים צוגעזאָגט. בעת־מעשה האָט ער זיך געגלעט דאָס בערדל און גערעדט פּאַוואָלינקע, ווי א מענטש, וואָס האָט צײַט:

— די מעשה, וואָס איך וויל אײַך, יונגערמאַן, דערציילן, איז, איי־

גענטלעך, נישט איין מעשה, נאָר דרײַ מעשיות. דרײַ קלײנינקע מעשהלעך.

די ערשטע מעשה האָט זיך געטראָפֿן אין א דאָרף, בא א רענדאר. געזעסן אין א דאָרף א רענדאר מיט א רענדארקע. דאָס דאָרף איז געווען א גרויס דאָרף. גויִים א סך, ייִדן נישט איינער. א יחיד הייסט עס. אדרבה, נאָך בעסער. פּרנסה בשפע. ווי זאָגט מען: זיצן זאָל מען צווישן גויִים... איין זאַך נאָר האָט זיי געפֿעלט — קינדער. א צײַט נישט געווען בא זיי קיין קינדער. איז זיי נישט אײַנגעגאַנגען דאָס לעבן. ערשט אױף דער עלטער האָט גאָט רחמנות געהאַט. די רענדארקע איז פֿארגאַנגען אױף טראָגן און האָט געבוירן דעם רענדאר למזל א ייִנגל. א בן זכר. א גדולה! דאַרף מען, הייסט עס, פּראַווען א ברית, ווי גאָט האָט געבאָטן, אפֿן אַכטן טאָג האָט מײַן רענדאר גאַנץ פֿײַן אײַנגעשפּאַנט פֿערד־און־וואָגן און איז אוועק אין שטאָט ארײַן, אראָפּגעבראַכט דעם רב מיטן שוחט מיטן שמש מיט נאָך פֿינף ייִדן. א וואָרעמעס האָט די רענדארקע מסתמא צוגעגרייט א גרויסאַרטיקן. אַלצדינג פֿײַן ארום און ארום. מע טוט זיך א כאַפּ — נישטאָ קיין מנין. עס פֿעלט א צענטער. וואָס איז די מעשה? א רענדארישער קאָפּ. ארײַנגערעכנט די רענדארקע אויך אין קאָן. איז מסתמא געוואָרן א גרויס געלעכטער. אהין־אַהער — דער טאָג שטייט נישט. וואָס טוט מען? א גרויס דאָרף. גויִים א סך. ייִדן, להבדיל, נישט איינער. שלעכט! מע טוט א קוק — עס פֿאָרט צו גלײַך צו דער קרעטשמע א בויד. און אין בויד — א בעל־עגלה. לאָז זײַן א בעל־עגלה, אבי א ייִד... „ברוך הבא!" „שלום עליכם!" „קומט ארײַן, וועט איר זײַן א צענטער!"... די שמחה איז געווען נישט צו באשרײַבן. הײַנט זעט, וואָס פֿאַר א גרויסן גאָט מיר האָבן. א גאַנץ דאָרף מיט גויִים קאָנען גאָרנישט מאַכן. קומט איין ייִד, א בעל־עגלה, דאַכט זיך — אהא, שוין גוט!

די צווייטע מעשה, מײַן ליבער ייִד, האָט זיך געטראָפֿן שוין נישט אין א דאָרף, נאָר אין שטאָט. און דווקא אין א ייִדישער שטאָט. שבת איז דאָס געווען. פֿרײַטיק־צו־נאַכטס, הייסט עס, נאָך ליכטבענטשן. גע־קומען פֿון שול. אָפּגעמאַכט קידוש, זיך געוואַשן. מע זעצט זיך צום טיש — איז זיך מיישב א ליכט און הייבט אָן שמעלצן זיך. שטעלט מען אוועק מסתמא א שבת־קוילעטש אָקעגן שנויץ — עס העלפֿט נישט. אראָפּגעפֿאַלן דער שנויץ אפֿן טיש, אָנגענומען דאָס טישטוך. אָט באַלד ווערט א שׂרפֿה. וואָס טוט מען? פֿארלעשן? טאָר מען נישט — שבת!

האָבן זיך צונויפגעקליבן די שכנים, די גאַנצע גאַס. אַ גוואַלד, אַ געפּיל־דער: ייִדן, מיר זײַנען פֿאַרפֿאַלן!"... מע טוט אַ קוק — בוועדער דער שבת־גוי. „בוועדער־סערדצע! טשי טי באַטשיים אָנאַ דושע סוויטלאַ?"... אַף ייִדיש הייסט עס: צי זעסטו, גוי, ווי דאָרט איז ליכטיק?... און בוועדער, כאָטש אַ גױיִשער קאָפּ, האָט פֿאַרשטאַנען וואָס מע מיינט. אַ שפּײַ אַף דער האַנט און מיט צוויי גראָבע גויִישע פֿינגער האָט ער געגעבן אַ נעם־אַפּיר דעם שנויץ — אוים שרפֿה. נו, פֿרעג איך אײַך: איז גאָטס וווּנדער דען אָפּצושאַצן? קיין עין־הרע, אַזוי פֿיל ייִדן האָבן גאָרנישט געקאָנט מאַכן. געקומען איין גוי — אָפּגעראַטעוועט אַ גאַנצע שטאָט.

אַצינד באַדאַרף מען אײַך, הייסט עס, דערציילן די דריטע מעשה. דאָס האָט שוין געטראָפֿן, פֿאַרשטייט איר מיך, באַם רבין אַליין. דער רבי זאָל לעבן האָט געהאַט אַ בן־יחיד, און דווקא אַ געראָטענעם בן־יחיד, מיט אַלע מעלות, ווי עס גיט זיך אײַן באַ אַ רבין. האָט מען אים מסתמא יונג חתונה געמאַכט, געגעבן אַ ווײַב, מיט נדן, מיט אייביקע קעסט, און אָוועקגעזעצט, ער זאָל זיצן און לערנען. זיצט ער און לערנט. וואָלט אַלצדינג געווען גוט און פֿײַן — ווען־זשע? ס'זאָל נישט זײַן קיין „פּריזיוו" אַף דער וועלט. כאָטש אַפֿילו, אין פֿלוג, וואָס הערט דעם רבינס זון אַ פּריזיוו? אַז, ראשית, איז ער אַ בן־יחיד, איין־און־איינציקער. והשנית, טאָמער וועט דאַרפֿן קאָסטן געלט, וועט אין געלט קיין מניעה נישט זײַן. איז אָבער געוואָרן אַ ביטערע צײַט, משטיינס געזאָגט. מע האָט אָנגעהויבן נעמען באַ ייִדן בני־יחידים, און קיין געלט העלפֿט שוין אויך נישט. אַפֿילו קיין צענטויזנט! ביטערע נאַטשאַלסטווע, אַ רשע אַ דאָקטער — שלעכט, שלעכט! וואָס טויג אײַך, מײַן ליבער יונגערמאַן, מע האָט אַרײַנגעפֿירט דעם רבינס זון אַ נאַקעטן. דאָס ערשטע מאָל אַף זײַן לעבן איז אים אויסגעקומען צו שטיין בגלוי־ראש, אָן אַ היטל הייסט עס. און דאָס איז געווען זײַן גליק. וואָרעם אָפּן קאָפּ האָט זיך באַוויזן באַ אים, נישט פֿאַר אײַך גערעדט, אַ צאַצקע, און דווקא נישט קיין געמאַכטע. אַ סברה, אַז דאָס איז אים פֿאַרבליבן נאָך פֿון קינדערוויַיז. געווען אַ קינד אַן עקשן. זיך נישט געלאָזט צוואָגן... פֿאַרשטייט זיך אַז מע האָט אים געגעבן דעם וועג.

הײַנט פֿרעג איך אײַך, מײַן ליבער יונגערמאַן, וואָס זײַט איר. ווערט? אַ ייִד זײַט איר, און אַ גוי ווילט איר זײַן, און דאָס דריטע זײַט

איר במילא — נו, קומט אײַך נישט קײן גאָלדענע מעדאַל?...

. . . .

אױף דער ערשטער סטאַנציע איז אונדזער „צענטער" נעלם געוואָרן.

ענדע געשיכטע נומער ניינצן.

געשריבן אין יאָר 1910

געשיכטע נומער צוואנציק

דריטער קלאס

דאס איז, אייגנטלעך, שוין נישט קיין געשיכטע, נאר גלאט א שמועס, א פּאר ווערטער פאַרן געזעגענען זיך און אן עצה פון א גוטן פריינט.

האַלטנדיק באַם צעשיידן זיך מיט אייך, פריינט־לעזער, ווילט זיך מיר צום סוף, אויס דאנקבארקייט, וואס איר האט אויסגעהערט פון מיר אזוי פיל געשיכטעס, אייך מיט עפּעס־וואס נוצלעך זיין, זאגן אייך עטלעכע ווארעמע ווערטער פון א פּראקטישן מענטשן, פון א קאמי־וואיאַזשער. הערט מיך אויס און פארשרייבט מיינע ווערטער.

אז איר פאָרט אין באַן, געוויינטלעך א לענגערע שטרעקע, און איר ווילט וויסן, אז איר פאָרט, דאס הייסט, איר ווילט הנאה האבן פון אייער נסיעה, זאלט איר אייך נישט דערוועגן פאָרן נישט ערשטע, נישט צווייטע קלאס.

מילא, פון ערשטן קלאס איז אפגערעדט. זאל אייך גאט היטן! דאס הייסט, איך מיין נישט דאס פאָרן. דאס פאָרן אליין איז אין ערשטן קלאס אפילו גאנץ נישקשהדיק. ווייך און גראם און רייך — מיט אלע באקוועמלעכקייטן. איך רייד נישט פונעם פאָרן. איך רייד פון די מענטשן, פון די פּאסאזשירן. וואס פאר א מעם, פרעג איך אייך, האט דאס פאר א ייִדן פאָרן איינער אליין און נישט ריידן א וואָרט? איר קאנט דאך אזוי חלילה פארגעסן ריידן! און אפילו אז איר טרעפט שוין דארט אמאל א פּאסאזשיר איינמאל אין א יובל, איז דאס אדער א גראבער פּריץ מיט געשוואלענע באקן, ווי באַ א טרובאטש, וואס שפּילט אף א טראמבאן,

אָדער אַ שטומער אויסלענדער מיט קעסטלדיקע הויזן, וואָס איז צוגעזאָטן געוואָרן צום פענצטער, נישט אָפּצורייסן אים, עס מעג ברענען דער גאַנצער וואַגאָן. מיט אַזעלכע פּאַרשוינען אַז איר פאָרט, קומען אײַך אַלערליי טרויעריקע געדאַנקען און נישט ווילנדיק דערמאָנט איר אײַך אינעם טויט... צו וואָס טויג עס אײַך?

אין צווייטן קלאַס, מיינט איר, איז בעסער? איר זיצט אין איין וואַגאָן מיט אַלערליי פּאַרשוינען, די זעלבע מענטשן, דאַכט זיך, וואָס איר, מיטן זעלבן יצר־הרע. זיי ווילן נעבעך ריידן אַ וואָרט, גייען־אויס וויסן, וווּהין איר פאָרט, און פון וואַנען איר זײַט, און וואָס איר זײַט. נאָר מע זיצט, ווי די טאָקן, און מע קוקט איינס אָפן אַנדערן. מע האָט אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער — און שאַ!

פּונקט אַקעגן אײַך זיצט איינער אַ פּראַנט מיט אַ לאַנגן נאָגל און מיט שיינע וואָנצעס, וואָס איר וואָלט געמעגט שווערן, אַז ער איז אײַך קענטלעך, איר האָט אים ערגעץ געזען, נאָר איר ווייסט נישט וווּ; עס דאַכט זיך אײַך, אַז ער באַדאַרף זײַן מזרע היהודים, דאָס הייסט, פון אונדזעריקע... נאָר גיי מאַך, אַז יענער דברט נישט! ער האָט פאַרדרייט די וואָנצעס אַרויף, קוקט אין פענצטער און פײַפט!

אויב איר ווילט אַזאַ פּאַרשוין דערגיין די יאָרן, באַגראָבן, ער זאָל קיין תחית־המתים נישט אויפשטיין, זאָלט איר זיך ווענדן צו אים אָף וואָס פאַר אַ שפּראַך איר ווילט, בשעת אַקעגן זיצן קריסטן, און ווער שמועסט נאָך — דאַמען. נאָר בעסער איר זאָלט אים אַ פרעג טאָן אָף רוסיש:

— יעסלי יאַ ניע אָשיבאַיוס, יאַ אימיעל אודאָוואָלסטוויע ווסטריעטיטסאַ ס'וואַמי וו'בערדיטשעוויע?... אָף אונדזער לשון וועט עס הייסן אַזוי גוט ווי: „אויב איך בין מיך נישט טועה, האָב איך געהאַט דאָס פאַרגעניגן זיך צו טרעפן מיט אײַך אין בערדיטשעוו?”... — דאָס איז ערגער טויזנט מאָל ווי אין טאַטן אַרײַן געשאָלטן!

אָדער, אויב איר טרעפט זיך אויף מיט אַזאַ פּאַרשוין ערגעץ אין פּאָדאָליע אָדער אין וואָלין, קאָנט איר אָנהייבן צו ריידן מיט אים אָף פּויליש:

— פּשעפּראַשאַם פּאַנאַ! יעזשעלי סיען ניע מילען זנאַלעם איטצאַ פּאַנאַ ז'יאַרמעלינצאַו, סטורי ביל וו'לאַסקאַך או יאַסנאָוועלמאָזשענעגאָ

פּאָטאָצקעגאָ?... אױף ייִדיש גערעדט, װעט דאָס הײסן: „איך בעט איבער אײַער כבוד, אױב איך האָב קײן טעות, בין איך געװען באַקענט מיט אײַער פֿאָטער פֿון יאַרמעלינעץ; ער איז געװען אַ חשוב באַם גראַף פּאָטאָצקי"... קײן גרױסע באַלײדיקונג איז דאָ טאַקע נישט פֿאַראַן, נאָר יאַרמעלינעץ און אַ חשוב באַם גראַף פּאָטאָצקי שמעקט מיט „ייִד"... נאָר שאַ! אָט װעל איך אײַך בעסער דערצײלן אַ געשיכטע, װאָס איך אַלײן בין געװען דערבײַ.

דאָס איז געװען אין קוריערצוג. נישטאָ קײן דריטע קלאַס, בין איך, באין ברירה, געפֿאָרן צװײטע קלאַס. אַקעגן מיר האָב איך געהאַט אַ פּאַרשױן, ספֿק ייִד, ספֿק קריסט. נאָר דאַכט זיך, מער ייִד אײדער קריסט... און אפֿשר? װער קאָן עס װיסן? אַ שײנער יונג, אַ געגאָלטער, אָנגעטאָן װי אַ ספּאָרטסמען, מיט אַ שװאַרצן פּאַס אױף די װײַסע הױזן, און אַ קאַװאַליער. פֿאַר װאָס זאָג איך: אַ קאַװאַליער? — װײַל ער האָט די גאַנצע צײַט זיך געדרײט אַרום אַ שײנער „באַרישניע", אַ פֿרײלן מיט אַ הױכן שיניאָן און מיט אַ פּענסנע אױף אַ קלײן אױסגעטאָקט נעזל. באַקענט האָט מען זיך טאַקע דאָ אין װאַגאָן און גיך געװאָרן באַפֿרײַנט. זי האָט אים מכבד געװען מיט שאָקאָלאַד, און ער האָט זי אַמוזירט, פֿריִער מיט אַרמענישע און דערנאָך מיט ייִדישע אַנעקדאָטן, און בײדע האָבן געקײַכט פֿאַר געלעכטער, און דערהױפּט האָט מען געלאַכט פֿון די ייִדישע אַנעקדאָטן, װאָס דער פּאַרשױן האָט דערצײלט מיט אַזאַ געשמאַק, װי עס װערט דערצײלט צװישן קריסטן, גאָר נישט געקוקט דערױף, װאָס טאָמער בין איך אַ ייִד און געפֿין מיך באַלײדיקט... קורץ, דער ראָמאַן איז באַ זײ געגאַנגען, װי אױף פּוטער. ער איז שױן אױסגעװאַקסן נעבן איר (פֿריִער איז ער געזעסן אַקעגן איר) און פֿאַרקוקט איר אין די אױגן אַרײַן, און זי האָט זיך געשפּילט מיטן קײטל פֿון זײַן זײגערל, װאָס איז געװען אַרײַנגעשטעקט אינעם שװאַרצן פּאַס אױף די װײַסע הױזן. פּלוצעם — פֿון װאַנען האָט זיך גענומען אױף אַ סטאַנציע — איך האָב שױן פֿאַרגעסן דעם נאָמען — קומט אַרײַן אַ הינקענדיקער ייִד, אַ געלער, אַ פֿאַרשװיצטער, מיט אַ װײַסן פֿאַראַסאָל, שטרעקט־אױס די האַנט צו מײַן ספּאָרטסמען מיטן שװאַרצן פּאַס אױף די װײַסע הױזן, און רופֿט זיך אָן צו אים אױף אונדזער ייִדיש לשון:

— גאַט אײַך אָפּ שלום. איך האָב אײַך דערקענט דורכן פֿענצטער.

איך קאָן אײַך אָפּגעבן אַ גרוס פֿון אײַער פֿעטער זלמן פֿון מאַנעסטרישטש...

פֿאַרשטייט זיך, אַז אױף דער זעלבער סטאַנציע איז מײַן ספּאָרטסמען נעלם געוואָרן, און די „באַרישניע" איז געבליבן אַליין. דערמיט ענדיקט זיך אָבער נאָך נישט די געשיכטע. מײַן „באַרישניע" — שוין געוויס אַ קריסטן, וואָרעם אַז נישט, וואָס האָט דער ספּאָרטסמאַן באַדאַרפֿט אַנטלױפֿן? — האָט אין עטלעכע סטאַנציעס אַרום גענומען פּאַקן זיך, נישט אױסגערעדט צו מיר אַ וואָרט, אַפֿילו נישט אַ קוק געגעבן אין מײַן ווינקל אַרײַן, גלײַך ווי איך בין גאָר אױף דער וועלט נישטאָ. אױף דער סטאַנציע, וווּ זי איז אַראָפּ, האָבן זי אָפּגעוואַרט אַ שײנער ייִד אַ פּאַטריאַרך מיט אַ באָרד, וואָס זעט־אױס ווי אַ מין אַברהם אָבינו, און אַ ייִדענע אַ פֿאַרשוין מיט אַ פּאַריק און מיט גרױסע דימענטן אין די אױערן. „ריוועניו! טעכטערל!" — האָבן אױסגערופֿן דאָס אַלטע פּאָרפֿאָלק און געפֿאַלן דער טאָכטער אױפֿן האַלדז מיט טרערן אין די אױגן.

קײן פּירוש צו דער געשיכטע באַדאַרף איך אײַך נישט מאַכן. איך האָב אײַך נאָר געוואָלט באַקענען מיט די פֿאַרשוינען, וואָס מע באַגעגנט אין צווייטן קלאַס, און באַווײַזן, אַז איר דאַרפֿט נישט פֿאָרן צווייטע קלאַס, וואָרעם אין צווייטן קלאַס זײַט איר אַ פֿרעמדער, צווישן אײגענע אַ פֿרעמדער.

אָבער אַז איר פֿאָרט דריטע קלאַס, זײַט איר באַ זיך אינדערהײם. און ווער שמועסט, אַז אין וואַגאָן זײַנען נישטאָ קײן אַנדערע, נאָר אַחינו בני־ישׂראל — זײַט איר שוין צו פֿיל אינדערהײם. אמת, דריטע קלאַס איז נישט אַזוי באַקוועם, אַ פּלאַץ דאַרפֿט איר פֿאַרכאַפּן מיט גוואַלד; עס איז אַ געווימל, אַ געטומל, אַ האַרמידער מיט אַ הו־האַ; איר ווייסט נישט, וווּ זײַט איר און וווּ זײַנען אײַערע שכנים?... דערפֿאַר אָבער ווערט איר גיך באַקענט אײנס מיטן אַנדערן. אַלע ווייסן, ווער איר זײַט, וווּהין איר פֿאָרט און וואָס איז אײַער טועבֿץ; און איר ווייסט אַלעמען — ווער זיי זײַנען, וווּהין זיי פֿאָרן און וואָס איז זייער טועבֿץ. באַנאַכט פֿאַרשפּאָרט איר שלאָפֿן, וואָרעם איר האָט מיט וועמען צו ריידן; און אַז איר רעדט נישט, ריידן זיי און לאָזן אײַך נישט שלאָפֿן. און וואָס איז דאָס טאַקע פֿאַר אַ שלאָפֿן פּלוצעם גאָר אין וואַגאָן? דאַכט זיך, גלײַכער, אַז מע קאָן ריידן מיט אַ מענטשן, וואָרעם אַז מע רעדט, דעררעדט מען זיך. איך זאָל האָבן די גליקלעכע יאָר, וויפֿל מאָל עס

מאַכט זיך, אַז פון אַזאַ ריידן אין וואַגאָן מיט ווילד־פרעמדע מענטשן ווערט געשלאָסן אַ געשעפט, פּיקט זיך אויס אַ שידוך. אָדער מע ווערט גלאַט געוואָר אַ זאַך, וואָס קומט צונוץ.

למשל, ריידן פון דאָקטוירים, מאָגן־קאַטאַר, „לימאַן", ציינוויייטיק, נערוון, קאַרלסבאַד וכדומה — איז שוין, דאַכט זיך, גאָר פּוסטע רייד, איאָ? פונדעסטוועגן האָט זיך מיט מיר אַליין געטראָפן אַ געשיכטע. איך בין אַמאָל געפאָרן מיט אַ קאָמפּאַניע ייִדן. מע האָט גערעדט פון דאָקטוירים און פון רעצעפּטן. איך האָב דעמאָלט שטאַרק געליטן, נישט פאַר אײַך גערעדט, אָפן מאָגן. האָט מיר איינער, אַ קאָמעניצער ייִד, געגעבן זײַנע אַ רפואה, אַ פּראָשעק אַזעלכן. דעם דאָזיקן פּראָשעק, זאָגט דער קאָמעניצער, האָט ער דווקא נישט פון אַ דאָקטער־מעדיצין, נאָר פון אַ ציין־דאָקטער, אַ דאַנטיסט, אָבער אַן אויסגעצייכנטער פּראָשעק, זאָגט ער, אַ געלער פּראָשעק. דאָס הייסט, דער פּראָשעק אַליין, זאָגט ער, איז אַ ווײַסער, ווי אַלע פּראָשקעס, נאָר אין אַ געל פּאַפּירל. און געשוואָרן האָט מיר דער קאָמעניצער ייִד בײַ זײַן געזונט און בײַ זײַן ווײַב און קינדער, אַז נאָר דעם געלן פּראָשעק האָט ער צו פאַרדאַנקען. ווען נישט דער געלער פּראָשעק, זאָגט ער, וואָלט ער איצט געווען שוין — ע־הע־הע! קיין סך פּראָשקעס, זאָגט ער, דאַרף איך נישט, צוויי־דרײַ פּראָשקעס, זאָגט ער, — און איר ווערט געזונט. אויס מאָגן, זאָגט ער, אויס דאָקטוי־רים, אויס געלטפּרעסערס, אויס בלוטצאַפּערס. אַ רוח, זאָגט ער, אין זייער טאַטנס טאַטן אַרײַן! אויב איר ווילט, זאָגט ער, קאָן איך אײַך געבן אַ צוויי־דרײַ פּראָשקעס פונעם געלן פּראָשעק. איר וועט מיר, זאָגט ער, זאָגן אַ דאַנק...

כך הווה. איך בין געקומען אַהיים און האָב אײַנגענומען איין פּראָ־שעק, דעם אַנדערן, דעם דריטן, איז מיר געוואָרן, נישט באַלד, נאָר שפּעטער, אַרום האַלבע נאַכט, נישט פאַר אײַך גערעדט, אַזוי, אַז איך האָב געפּאָכט מיט דער נשמה. איך האָב געמיינט, ס'איז אַן עק פון מײַן לעבן! מע האָט מיר געבראַכט אַ דאָקטער, צוויי דאָקטוירים, קוים אָפּגעראַטעוועט מיך פון טויט... פון דעמאָלט אָן ווייס איך שוין אַ פּראַק־טיקע, אַז אַ קאָמעניצער ייִד גיט אײַך זײַנע אַ רפואה, אַ געלן פּראָשעק — זאָל אַ רוח אין זײַן טאַטן אַרײַן! אַלצדינג אויף דער וועלט קאָסט רבי־געלט!

אז איר פֿאָרט דריטע קלאַס און עס קומט אײַן דער פֿרי און איר האָט נישט מיט זיך קיין טלית־ותפֿילין, זאָלט איר קיין יסורים נישט האָבן — אויב איר ווילט נאָר, וועט מען אײַך שוין באַזאָרגן מיט אַ טלית און מיט תּפֿילין און מיט אַלצדינג. דערפֿאַר אָבער, אַז איר האָט זיך אָנגעפּאַר־טיקט, עפּנט־אויף, זײַט מוחל, אײַער טשעמאָדאַנטשיקל און הייבט־אָן אויסלייגן וואָס איר האָט: בראָנפֿן איז בראָנפֿן, קיכלעך איז קיכלעך, אייער איז אייער, פּולקע איז פּולקע, פֿישל איז פֿישל. טאָמער געפֿינט זיך בײַ אײַך אַן עפּל, אַ מאַראַנץ, אַ שטיקל שטרודל — נעמט־אַרויס, לייגט־אַנידער, שעמט זיך נישט! אַלע וועלן מיט אײַך פֿאַרבײַסן, קיינער וועט זיך נישט אָפּזאָגן! אונטערוועגנס און בקאָמפּאַניע, פֿאַרשטייט איר מיך, עסט זיך גאָר מיט אַן אַנדערן אַפּעטיט... ווער שמועסט, אַז איר פֿירט מיט זיך אַ גלעזל משקה, האָט איר בעלנים אַ סך און מבֿינים אויף אַ גלעזל ווײַן אָן אַ שיעור. איטלעכער וועט אײַך אָנרופֿן דעם ווײַן מיט אַן אַנדער נאָמען און שאַצן אַן אַנדער מקח: בײַ איינעם וועט ער הייסן אַ „בעסאַראַביער מושקאַט". דער אַנדערער וועט אים אַ נאָמען געבן „אויסלענדישער אַקערמאַן". וועט אויפֿשטיין אַ דריטער און וועט זאָגן מיט כּעס: „וואָסער מושקאַט"? וואָסער אַקערמאַן? ס'איז גאָר אַ „קאַ־ווּעשאַנער באָרדאָ!" וועט אויפֿשטיין נאָך איינער, פֿון אַ ווינקל גאָר, מיט אַ שמייכל פֿון אַן אמתן מבֿין, אַוועקנעמען בײַ אײַך דאָס גלאָז, ווי איינער רעדט: „בהמות שפּאַרן זיך — אויף אַ גלעזל ווײַן לאָזט מיך!"... און נאָכדעם ווי ער וועט האָבן אָפּגעזופּט אַ פּאָר מאָל, וועט ער אַ זאָג טאָן, און די בעקלעך וועלן אים בעת מעשה זײַן פֿאַרפּלאַמט, ווי בײַ אַ בעל־שמחה:

— ווייסט איר, יִדן, וואָס דאָס איז? ניין, איר ווייסט נישט וואָס דאָס איז. דאָס איז נעבעך אַ פּראָסטער, אַן ערלעכער, בעל־הבתישער, אַ כּשרער, אַ ריינער ווימאַראָזיג פֿון באַרדיטשעוו!...

און אַלע געפֿינען, אַז ער האָט רעכט, אַז ס'איז אַן אמתער אַ באַר־דיטשעווער ווימאַראָזיג. און אַז מען נעמט צו ביסלעך „ווימאַראָזיג", ווערט בײַ אַלעמען די צונג אויפֿגעבונדן. דעמאָלט הייבט איטלעכער אָן דערציילן אַלצדינג, וואָס עס טוט זיך בײַ אים, און אויסטאַפּן אַלצדינג, וואָס בײַ יענעם טוט זיך. אַלע ריידן, אַלע אינאיינעם, כּל ישׂראל חבֿרים. און מע ווערט געוואָר איינס בײַ דעם אַנדערן כּל הצרות, מיט אַלע

רדיפות, מיט אַלע גזירות, וואָס עס טוט זיך אָפּ אויף דער וועלט — ס'אַ מחיה!

אַז איר פֿאָרט דריטע קלאַס ערגעץ אין אַ שטאָט אַרײַן און ווייסט נישט, וווּהין איר זאָלט פֿאַרפֿאָרן, באַדאַרפֿט איר נאָר אַ פֿרעג צו טאָן באַם עולם, צי ווייס נישט עמעצער עפּעס אַן אָנשטענדיקע סטאַנציע? און וויפֿל ייִדן עס פֿאָרן מיט אײַך אין וואָגאָן, אַזוי פֿיל סטאַנציעס און האָטעלן האָט איר. איינער גיט אײַך אַן אַדרעס: „האָטעל פֿראַנקפֿורט", און לויבט דאָס אײַך אָפּ אין טאָג אַרײַן: „האָטעל פֿראַנקפֿורט, זאָגט ער, איז ליכטיק און ציכטיק און וואַרעם און ביליק — בזיל־הזול". געפֿינט זיך באַלד אַ צווייטער און זאָגט אײַך: „האָטעל פֿראַנקפֿורט? זאָל אײַך גאָט היטן! — ס'איז דאָרט פֿינצטער און שמוציק און קאַלט און טײַער — מיט גאָלד גלײַך! אויב איר ווילט, זאָגט ער, האָבן הנאה, זאָלט איר זיך אָפּשטעלן אין האָטעל נעוויאָרק!" כאַפּט זיך אַרויס אַ דריטער און זאָגט: „וואָס ווילן זיי טאָן אין האָטעל נעוויאָרק? זיי האָבן זיך פֿאַרבענקט נאָך וואַנצן? הערט נישט, וואָס מע וועט אײַך זאָגן „פֿראַנקפֿורט", „נעוויאָרק"! פֿאָלגט מיך, גיט אַהער דאָס פּעקל אײַערס, וועלן מיר אײַנאיינעם פֿאַרפֿאָרן צו מיר אויף מײַן אַכסניה, אין האָטעל „ראָסיאַ" — דאָרט שטייען ייִדן!"...

אוודאי באַדאַרפֿט איר אײַער טשעמאָדאַנטשיק גוט האָבן אין זינען, מע זאָל עס חלילה, צווישן יאָ און ניין, בײַ אײַך נישט אָפּריידן... נאָר איך בעט אײַך — ווו גנבעט מען נישט הײַנטיקע צײַטן אין אונדזער געבענטשטער מדינה? באַגנבעט ווערן איז, אויב איר ווילט וויסן, מער נישט אַז אַ באַשערטע זאַך. אַז עס וועט אײַך זײַן באַשערט, וועט מען אײַך באַגנבענען אין מיטן העלן טאָג, ווי איר שטייט און גייט, עס וועט אײַך נישט העלפֿן קיין פּאָליציע, קיין זשאַנדאַרן, קיין שמע־ישׂראל. איר וועט בענטשן גומל, אַז איר וועט אַרויס מיטן לעבן...

קורץ, פֿאָרן זאָלט איר דריטע קלאַס. דאָס האָט איר אַ צוואה פֿון אַ גוטן פֿרײַנט און פֿון אַ פּראַקטישן מענטשן — אַ קאָמי־וואָיאַזשער.

ענדע געשיכטע נומער צוואַנציק.

געשריבן אין יאָר 1902

יידישע שרייבער

אינהאַלט:

שלום עליכם — — — — — — — — — — — — — 221

ווי שיין איז דער בוים — — — — — — — — — — 228

אויטאָ־דאַ־פע — — — — — — — — — — — — — 234

מיַין באַקאַנטשאַפט מיט א. ל. לעווינסקי — — — — 242

מ. מ. ווארשאַווסקי און זיַינע לידער — — — — — — 249

א וואָך מיט י. ל. פּרץ — — — — — — — — — — 262

וועגן פרישמאַנס יובילעום — — — — — — — — — 269

פרישמאַן צוגאַסט בא שלום־עליכם — — — — — — 275

מיַין באַקאַנטשאַפט מיט ח. נ. ביאַליק — — — — — — 281

פיר זיַינען מיר געזעסן — — — — — — — — — — 287

שלום־עליכם!

דיאַלאָג

— שלום־עליכם!

— עליכם־שלום!

— פון וואַנען פאָרט מען?

— פון וואַרשע.

— וואָס איז אײַער געשעפט?

— איך בין אַ ייִדישע צײַטונג.

— מה שמכם?

— ייִדישע פאָלקסצײַטונג. און איר, פון וואַנען זײַט איר?

— פון וואַנען זאָל איך זײַן? פון יעהופּעץ.

— וואָס איז אײַער געשעפט?

— וואָס זאָל זײַן מײַן געשעפט? איך בין אַ ייִדישער שרײַבער.

— מה שמכם?

— שלום־עליכם.

— שלום־עליכם? קומט דאָך אײַך שלום־עליכם.

— עליכם ועל בניכם.

— וואָס־זשע מאַכט איר עפּעס, פּאַני שלום־עליכם?

— וואָס זאָלן מיר מאַכן? מע שרײַבט.

— וואָס שרײַבט מען?

— וואָס זאָל מען שרײַבן? וואָס מע זעט, דאָס שרײַבט מען.

— וואָס האָט איר פון אײַער שרײַבן, וואָס איר שרײַבט?

— וואָס זאָל מען האָבן? צרות האָט מען ,בויבערייטיק, האַרצקלעמעניש, בזיונות, יסורים, אנגסטן, גריזאַטע...

— אָט דאָס איז גאָר?

— וואָס נאָך האָט איר געוואָלט?

— איך מיין...

— כבוד? אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך! קיין שרײַבער אויף דער וועלט האָט נישט אַזוי פיל כבוד, וויפל אַ ייִדישער מחבר. אַ קלייניקייט בײַ ייִדן אַ שרײַבער, אַ מענטש וואָס שרײַבט?

— איר מיינט דאָס ערנסט?

— וואָס דען, אין שפּאַס? קוקט זיך צו, וואָס סע טוט זיך אויף אונדזערע יובילייען: ווינטשעוואַניעס מיט „אַטקריטקעס” פון פאַרערער, פון הייסע חסידים און גלאַט פון געטרײַע לעזער שיטן זיך פון אַלע עקן וועלט: פון כתרילעווקע, פון טונעיאַדעווקע, פון טעטרעוועץ, פון שלש־סעודותשאַק, פון גאַלאַגאַנישאַק און פון סטרישטש — און פון וואַנען נישט? הײַנט די קאָרעספּאָנדענציעס, וואָס דער יובילאַר אַליין שרײַבט אַרײַן אין די בלעטער! הײַנט די סעודות, די באַנקעטן, די טאָסטן — הײַנט טראָגן גאַנצע קעפּ! הײַנט די סטיפּענדיעס, די צדקה, וואָס סע ווערט בשעת מעשה צעטיילט אין ארץ־ישראל לטובת הפּועלים!... איר שפּילט זיך מיטן כבוד פון אַ ייִדישן מחבר?

— ניין, נישט דאָס מיין איך; איך מיין...

— פּרנסה? מיטן פולן מויל, אַבי ער האָט צײַט און קאָן נאָך זײַן דערצו אַ מלמד, אַ קרעמער, אַ מעקלער, אַ שדכן, אָדער אַזוי אַ ייִד אַ מקבל, וואָס קאָן גיין איבער די הײַזער צונויפמאַכן אויף זײַן בוך... איר שפּילט זיך מיט אַ ייִדישן מחבר? אַ ייִדישער מחבר איז אַ באַוואָרנטער מענטש.

— וואָס הייסט, ער איז אַ באַוואָרנטער מענטש?

— ער איז באַוואָרנט פון בײדע וועלטן: פון עולם הזה און פון עולם הבא; ער איז באַוואָרנט פון ברויט און פון געזונט, פון גוטע פרײַנט, פון ווײַב און קינדער און פון לײַב און לעבן...

— מיר דאַכט, פּאַני שלום־עליכם, איר רעדט שוין מיט דער גאַל, איר פאַרקריכט שוין אַהין, ווי יענער, וואָס אין יענעם „דור”?... נישט גוט אַזוי. נישט שיין פאַר אַ ייִדישן שרײַבער, וואָס שרײַבט פאַרן פאָלק,

ער זאָל אַזוי ליאַפּען אַף ייִדן. אַ ייִד איז מחויב אָננעמען אַלצדינג פאַר ליב און זאָגן דרײַ מאָל אַ טאָג...

— גם זו לטובה?

— אוודאי גם זו לטובה! וואָרעם וואָס וואָלט געווען, איר זאָלט דאָס אויך נישט האָבן? וואָס פאַר אַ פּנים וואָלטן מיר געהאַט צווישן די פעלקער, מיר זאָלן די איין־און־איינציקע קאַפּאָטע אויך אַראָפּוואַרפן פון זיך? מיר האָבן דען עפּעס אַן אַנדער מלבוש, אַחוץ אונדזער ליטעראַטור, מיט וואָס צו באַווײַזן זיך פאַר דער וועלט?

— איר זײַט אפשר געריכט.

— וואָס הייסט אפשר? געוויס! נאָר לאָמיר ריידן פון עפּעס פריילעכערס.

— ווען האָב איך יאָרצײַט?

— נישט דאָס. איך האָב צו אײַך אַ שטיקל...

— אַ שטיקל בקשה? מסתמא עמעצן באַשרײַבן אַף די גאַזעטן?

— חס ושלום! איך האָב צו אײַך אַ שטיקל געשעפט.

— מכח אַ שדוך?

— ניין... און אפשר יאָ, מכח אַ שדוך.

— ווער איז דער חתן? פון וואַנען איז די כּלה?

— דער חתן איז אין יעהופּעץ, די כּלה איז פון וואַרשע.

— אַביסל אַ ווײַטער שדוך. ווי אַזוי רופט מען זיי?

— די כּלה הייסט ייִדישע פאָלקסצײַטונג, און דער חתן —שלום־עליכם. געפעלט אײַך דער פּלאַן?

— מהכתיתי, אבי...

— אבי וואָס?

— אבי גאָר נישט.

— האַלבע ווערטער האָב איך פײַנט. זאָגט, וואָס קוועטשט אײַך?

— ווער האָט אײַך געזאָגט, אַז עס קוועטשט מיך? עס הייבט מיך נישט אָן צו קוועטשן! הכלל, וואָס־זשע ווילט איר?

— וויל איך, אַזוי ווי איך בין אַ ייִדישע גאַזעט, און איר זײַט אַ ייִדישער שרײַבער, זאָלט איר שרײַבן, און איך וועל דרוקן.

— וואָס זאָל איך שרײַבן?

— פעליעטאָנען... אַף צו לאַכן.

— לאכן? עס גלוסט זיך וויינען...

— איר מעגט אײַך וויינען, אבי דער עולם זאָל לאַכן. איר פֿאַר־שטייט, צי ניין?

— איך פֿאַרשטײ, פֿאַרוואָס זאָל איך נישט פֿאַרשטיין? איר ווילט, איך זאָל מיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ מאַרשעלאָק, אַ פּורים־שפּילער, אַ פּאַיאַץ, אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק, בכדי פֿריילעך מאַכן דעם עולם...

— אָ! אַט דאָס הייבט זיך אָן מיט אַ ייִדישן מחבר! ווער זאָגט דען מאַרשעלאָק, פּורים־שפּילער, פּאַיאַץ, פֿאַרשלעפּטע קרענק? איך האָב נאָר געוואָלט, איר זאָלט שרײַבן אַזוי, אַז ס'זאָל זײַן מיט אַ שפּיצל און מיט אַ וויצל, מיט אַ גלעט און מיט אַ שטאָך, מיט איינעם וואָרט — דער עולם זאָל האָבן הנאה...

— און זאָגן: „אַ רוח אין זײַן טאַטן אַרײַן, אַט דעם שלום־עליכמען! אַ האַנט — זי זאָל אים נאָר אָפּדאַרן! אַ צונג — זי זאָל אים נאָר אָפּ־נעמען!”...

— הײַנט וויל איך, איר זאָלט זיך אַביסל אויסטענהען מיט אונ־דזערע ייִדן, און דווקא אַף זייער גלות־שפּראַך, אַף „מאַמע־לשון”. איר זאָלט זיי זאָגן, אַז איר זײַט טאַקע אַזעלכע און אַזעלכע, איר זײַט אָבער אַזעלכע און אַזעלכע!... דאָס הייסט, איר זאָלט זיי באַגראָבן — נאָר איידל, פֿײַן, לײַטיש... איר פֿאַרשטייט, צי ניין?

— איך פֿאַרשטײ, פֿאַר וואָס זאָל איך נישט פֿאַרשטיין? איר ווילט, איך זאָל מיט זיי שפּילן אין יענעם שפּיל, וואָס מע רופֿט דאָס „קעצעלע־מײַזעלע”?... מהכתיתי, פֿאַרוואָס נישט? אבי...

— אבי וואָס?

— אבי גאָר נישט.

— איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז איך האָב פֿײַנט האַלבע ווער־טער. זאָגט, וואָס קוועטשט אײַך?

— ווער האָט אײַך געזאָגט, אַז עס קוועטשט מיך? עס הייבט מיך נישט אָן צו קוועטשן. הכלל, וואָס ווילט איר נאָך?

— הײַנט וויל איך, איר זאָלט זיי געבן בילדער.

— זיי זאָלן גענעצן?

— דערציילן מעשיות...

— זיי זאָלן קאָנען גרינג אַנטשלאָפֿן ווערן?

— שרײַבן אַ גרויסן ראָמאַן, אַ ראָמאַן מיט אַ ליבע, מיט רירנדיקע סצענעס, ס'זאָל פאַרכאַפּן דעם אָטעם, מיט איינעם וואָרט — ס'זאָל זײַן אַ „ראָמאַן"...

— אין זעקס טיילן מיט אַ פּראָלאָג און מיט אַן עפּילאָג, אַ־לאַ שמ"ר? משונה־ווילדע אומגעלומפּערטע סצענעס, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, למשל: אַ מלמד פון נעסוויזש זאָל ראָמאַנסירן מיט אַ דינסטמיידל רבקה; ער זאָל שרײַבן הייסע בריוולעך, און זי זאָל זינגען זיסע לידלעך; נאָכדעם זאָל ער אוועקפאָרן קיין פּאַריז און אין נײַן חדשים אַרום קומען צוריק אַ באַראָן, אַ מיליאָנער, און טרעפן זײַן געליבטע אין קיך בײַ אפרים שקאָנטיסט, אַ מערדער, אַ באַנדיט, און דאָרטן זאָל זײַן צווישן זיי אַ דועל; ווײַל אים אפרים דער שקאָנטיסט צעשפּאַלטן אַף צווייען, לויפט אוועק דער נעסוויזשער באַראָן צום גובערנאַטאָר און כאַפּט אים אויף פונעם שלאָף און ברענגט אים צו פירן מיט דרײַ זשאַנדאַרן; דערזעען אַזאַ מעשה, כאַפּט דער שקאָנטיסט אַ מעסער און שטעכט זיך, און רבקה די מויד פאַלט אין אָנמאַכט און זינגט בשעת מעשה אַף דײַטש אַזאַ „טראָווערדיק" ליד, אַז אַ שטיין קאָן אויך צעגאַסן ווערן...

— שוין? האָט איר שוין געענדיקט? מע באַדאַרף נישט קיין נעסוויזשער מלמדים זאָלן פאָרן קיין פּאַריז, גובערנאַטאָרן זאָל מען אויפכאַפּן פונעם שלאָף, שקאָנטיסטן זאָלן זיך שטעכן און דינסטמיידלעך זאָלן זינגען אַף דײַטש „טראָווערדיקע" לידער אין קיך. איך פאַרלאַנג פון אײַך, איר זאָלט געבן אַ ראָמאַן, נאָר אַ יידישן ראָמאַן, אַ פאַרליבעניש, נאָר אַ יידיש פאַרליבעניש. איר פאַרשטייט, צי ניין?

— איך פאַרשטיי, פאַרוואָס זאָל איך נישט פאַרשטיין? איר ווילט, איך זאָל אײַך שרײַבן פונעם לעבן, פונעם אמתן יידישן לעבן; איר ווילט, איך זאָל אײַך טאַקע שרײַבן מיט נערוון, מיט בלוט, טאַקע טיף־טיף פונעם האַרצן, דאָס וואָס סע קאָסט געזונט, דאָס וואָס סע מאַכט אַלט פאַר דער צײַט, געקנייטשט דאָס פּנים, גרוי די האָר — אָט דאָס ווילט איר? מהכתיתי, פאַר וואָס נישט? אַבי...

— אַבי וואָס?

— אַבי גאָר נישט.

— ווידער האַלבע ווערטער? אָמער זאָגט, וואָס קוועטשט אײַך?

— ווער האָט אײַך געזאָגט, אַז סע קוועטשט מיך? עס הייבט מיך נישט אָן צו קוועטשן! הכלל, וואָס נאָך ווילט איר?

— איך וויל, איר זאָלט זיך מטריח זײַן כאָטש איין מאָל אין חודש דורכקוקן די אַלע ביכער און ביכלעך, וואָס די שרײַבערס שרײַבן...

— מאַכן קאַליע פּאַפּיר...

— די דרוקער דרוקן...

— אַז מע שמירט, פּאָרט מען; אַז מע צאָלט, דרוקט מען...

— די בוכהענדלער קויפן...

— בײַטן ספרים אַף ספרים, „שילאָ נאַ שווייקאָ"...

— און דער עולם לייענט...

— אַ ברירה האָט ער? מע גיט נישט דער בהמה קיין קלײַען, קײַט זי שטרוי...

— זאָלט איר זיך מטריח זײַן אָט דאָס אַלצדינג דורכקוקן, איבער־לייענען און איבערגעבן נאָכדעם אין קורצן דעם לייענער, אים רעכט צעקײַען, וועלכעס איז גוט און וועלכעס טויג אַף כּפּרות...

— אַ רחמנות אַפּן מאָגן...

— מיט איינעם וואָרט — איר זאָלט שרײַבן קריטיק.

— משטיינס געזאָגט! בין איך מיר אויך אַ בהמה און פּגר אויך אין דער משערעדע...

— נאָר וואָס דען? איך וועל אײַך בעטן, ס'זאָל זײַן שטיל...

— וואָס באַדאַרף מען שרײַען?

— און אָן פײַער...

— און אויך אָן וואַסער...

— און אָן כּעס...

— כּעס איז עבודה־זרה...

— אײַער קריטיק זאָל זײַן אי לעבעדיק, אי גוצלעך, אי ערנסט, אי וויצלעך... איר פאַרשטייט, צי ניין?

— איך פאַרשטיי, פאַר וואָס זאָל איך נישט פאַרשטיין? איר ווילט, איך זאָל פון די שמאָטעס, וואָס מע פאַרפּלייצט מיט זיי אונדזער ליטע־ראַטור־מאַרק, מאַכן אַ גאַנצן צימעס. גריבלען זיך אין אַ קופּע מיסט און אויסזוכן אַמאָל אַ פּערל — אַ גרינגע אַרבעט, מע קאָן פון איר

בלוי באשטיין, זייער געזונט סיי פארן גוף, סיי פאר דער נשמה. נו, מהכתיתי, פארוואס נישט? איך בין גרייט, אבי נאר...

— אבי נאר וואס?

— אבי גאר נישט.

— פע, פאני שלום־עליכם! איך האב אייך שוין וויפל מאל געזאגט, אז איך האב פיינט האלבע ווערטער; מיט מיר באדארפט איר ריידן פראסט; זאגט, וואס באדייט דער „אבי”?... געלט?

— ווער רעדט פון געלט?

— וואס דען? כבוד?

— ווער רעדט פון כבוד?

— וואס דען? געזונט?

— ווער רעדט פון געזונט?

— וואס־זשע דען זאגט איר „אבי”?

— אבי מע זאל לייענען!...

נעשריבן אין יאר 1902

ווי שיין איז דער בוים!

אן עפּיזאָד מיט באַרן, דערציילט לכבוד דעם זיידן ר ב מ ע נ ד ע ל ע, צו זײַן פינף־און־זיבעציקסטן געבורטסטאָג פון זײַן ערשטן אייניקל.*

אויב איר ווילט זיך באַקענען מיטן זיידן נאָענט, אויב איר ווילט מיט אים פאַרברענגען אַ שעה אין פאַרגעניגן, אויב איר ווילט באמת הנאה האָבן, עפּעס נאַשן פונעם זיידן, — איז נישט אין אַ געזעלשאַפט, נישט אַף באַנקעטן, בעת מע דולט אַ קאָפּ מיט טאָסטן און מע שטורעמט מיט אַפּלאָדיסמענטן און מיט הידדם.

אמת, ער וועט זיך אין אַ געזעלשאַפט נישט פאַרלירן. ער וועט זיך נישט באַהאַלטן אין אַ ווינקעלע און וועט זיך נישט שעמען פאַר קיינעם. ער וועט אײַך אָפּענטפערן אַף אַלע אײַערע טאָסטן און אַף אַלע רעדעניש, יעדן באַזונדער, און דווקא קלוג, און דווקא טיף, און דווקא וויציק, און דאָס פּנים וועט אים לײַכטן, ווי אַ מנורה, און איר וועט זיך פילן מיט אים יום־טובדיק, ווי מע קאָן זיך נאָר פילן מיט אַן אמתן תלמיד־חכם. דאָס וועט אָבער זײַן, רבותי, מער נישט אַז רב מענדעלע מוכר־ספרים. דאָס וועט נישט זײַן „דער זיידע".

„דעם זיידן" אויב איר ווילט קענען, גייט מיט אים, זײַט מוחל, אַרויס העט־ווײַט הינטער דער שטאָט אַרויס, דאָרט אַף דער פרײַער לופט,

---

*) איך בין דאָ מוסר מודעה פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז דאָס האָב איך געקרוינט רב מענדעלע מוכר־ספרים מיטן נאָמען „זיידע". דאָס איז געווען מיט אַ פערטל יאָר־הונדערט צוריק. איך בין דעמאָלט געווען נאָך גאָר אַ קונדס און אַ „פאַרשײַטער אייניקל" ווי דער זיידע האָט מיך אָנגערופן אין איינעם פון זײַנע בריוו צו מיר. פון דעמאָלט אָן איז אַוועק אַ גאַנג: זיידע! זיידעניו! — דער זיידע האָט דערלעבט, ברוך־השם, אייניקלעך אַ גאַנצן דור — כן ירבו וכן יפרצו!

ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

אונטער דער הימל־יאַרמעלקע, דאָרט ווו עס וואַקסט אַ בוים, ווו עס שפּראָצט אַ גרעזל, ווו עס פּיטערט זיך אַ קעלבל, ווו עס גרינט זיך אַ וואַלד, ווו עס דרייט זיך אַ מיל, ווו עס לויפט אַ קליינע, ווו עס קוקעט אַ פויגל, ווו עס שפּרינגט אַ וועוורקל, ווו עס פלאַטערט אַ פּערכל, ווו עס שמועצערן היישעריקן, ווו פליגעלעך האָבן זיך צונויפגענומען אַ גאַנצע כאַליאַסטרע און זשומען, און וויגן זיך, און ווידמענען זיך, און זאָגן שירה, גיבן־אָפּ אַ לויבעניש צו גאָט — אַהין, אַהין זאָלט איר אים נעמען, וועט איר זיך דאָרטן ערשט באַקענען מיטן „זיידן", וועט איר דאָרטן ערשט געוואָר ווערן אַקוראַט, ווער דער „זיידע" איז.

איר וועט זען פאַר זיך אין איין צייט אי אַ טיפן דענקער, אי אַ מאָדנעם קינסטלער, אי אַ קינד פון דער נאַטור. און ער וועט זיך אַוועק־זעצן מיט אייך אויף גאָטס ערד, אויף דער גרינער שמעקנדיקער קאָלדרע, וואָס איז באַשפּרענקלט און באַצוויקלט מיט אַלערליי קווייטלעך. און ער וועט, קוקנדיק אין בלויען הימל אַריין, אייך אַרויסזאָגן אַ טיפן געדאַנק, און ער וועט אייך אָפּמאָלן אַ לעבעדיק בילד, און ער וועט אייך דערציילן אַ שיינע מעשה פון אַמאָל, און ער וועט אייך זאָגן אַ קלוגן, שאַרפן, אַ יידישן וויץ, און ער וועט זיך צעלאַכן הילכיק אויף אַ קול, און ער וועט אייך מאַכן צו גלייכער צייט דענקענדיק און לאַכנדיק און פריילעך, און איר וועט זיך פילן אַזוי גוט, ווי נאָך קיינמאָל נישט, און עס וועט אייך באַנג טאָן, פאַרוואָס איר האָט דאָס פריער נישט געוווּסט, און איר וועט חרטה האָבן, פאַרוואָס איר האָט נישט פאַרבאַפּט מיט זיך קיין בלייַשטיפטל אויף צו פאַרשרייבן באַ זיך די דאָזיקע טיפע געדאַנקען, מיט די דאָזיקע לעבעדיקע בילדער, מיט די דאָזיקע שיינע מעשיות פון אַמאָל, מיט די דאָזיקע שאַרפע קלוגע יידישע וויצן. ניין. דער מענדעלע מוכר־ספרים אינעם לעבן איז נישט דער מענדעלע מוכר־ספרים, וואָס אין בוך. מענדעלע מוכר־ספרים אין לעבן איז אַליין אַ בוך.

פון דעם דאָזיקן בוך רייס איך אויס אַ בלעטל און גיב עס דיר, פריינט לעזער, היינט, צום פינף־און־זיבעציק־יאָריקן יובילעום פון אונ־דזער זיידן, לכבוד אונדזער אַלעמענס יום־טוב, דעם יום־טוב פון דער יידישער ליטעראַטור.

בימים ההם — אין יענער צייט, ואני באָדעסאַ — בין איך געזעסן אין אָדעס אויף אַ דאַטשע, ווייט הינטער דער שטאָט, באַם ברעג פונעם

שוואַרצן ים, אַפן „פּאָנטאָן". יאָרן זײַנען געווען גוטע (טאָלמאַטשאָוו איז נאָך דעמאָלט נישט געווען בעל־הבית...) — גוטע, גוטע יאָרן! עס איז אָפּגעגאַנגען נאָר געסט, ליבע גוטע געסט. און גאָט האָט מיר גע־האָלפן. איך האָב געהאַט אַ גאַסט — דער זיידע איז צו מיר געקומען פון שטאָט. געקומען צו־גאַסט. דער זיידע מענדעלע מיט זײַן נושא־כלים, דעם פליגל־אַדיוטאַנט, י. ח. רבניצקי.

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן דעם זיידן מענדעלע אין אַדעם אָן רבניצקין — פונקט ווי עס איז שווער אײַך פאָרצושטעלן זיך, למשל, אַ לולב אָן אַ הדס, אָדער אַ שטאָט אָן אַ „קאַזיאָנע ראַבינער", אָדער אַ וואַרשעווער דאָזאָר אָן אַ זון אַ משומד, אָדער אַ רוסישן פּאַרלאַמענט אָן אַ פּורישקעוויטש... לאָז מיר הונדערט מאָל מוחל זײַן מײַן פרײַנט און מײַן חבר רבניצקי פאַר דעם דאָזיקן פאַרגלײַכן. איך האָב נישט געמיינט אים, חלילה, פּוגע בכבוד זײַן. וואָס האָב איך צו אים? נאָר — איר ווייסט דאָך — אַ שרײַבער אַז ער האַלט אין פאַרגלײַכן, מאַכן פּאַ־ראַלעלן, כאַפּט ער וואָס עס קומט אים פריִער אַפן זינען.

בקיצור, איך האָב געהאַט געסט: דעם זיידן מענדעלע און רבניצקין. אויסגעבאָדן זיך אינעם שוואַרצן ים, ווו דער זיידע האָט אונדז באַוויזן, וואָס הייסט שווימען צו זעכציק יאָר און וואָס הייסט מאַכן קונצן אַפן וואַסער, האָבן מיר גענומען די פיס אין די הענט און געמאַכט אַ שפּאַציר פונעם קליינעם פּאָנטאָן אַפן גרויסן און פונעם גרויסן פּאָנטאָן נאָך ווײַ־טער — און בעת מעשה האָט אונדז דער זיידע דערציילט מעשיות מיט מעשיות, און מיר האָבן געהערט און געוווּנדערט זיך און געקוואָלן און געקליבן נחת, ווי אמתע גוטע געטרײַע אייניקלעך. פּלוצעם שטעלט זיך דער זיידע אָפּ:

— מה נאה אילן זה — וואָס זאָגט איר אױף דעם בוים?

מיר הייבן אויף די אויגן — אַ בוים, שוין איין מאָל אַ בוים! נישט אַזוי דער בוים, ווי די באַרן. אַי, באַרן! בערהאַמאָטן! קײַלעכיקע, געלע, פעטע, זיסע, גלאַטע, ווייכע, הענגען אַראָפּ אױף גראָבע צוגעברוימטע שטע־קעלעך, שיקן אַרויס פון זיך אַ ריח־ניחוח, קוקן אױף אונדז פרײַנטלעך, ווינקען צו אונדז, בעטן זיך: „פּאַרדינט אַ מצווה, ייִדישע קינדער, מאַכט אױף אונדז שהחינו"... און הינטער דעם בוים — נאָך אַ בוים, און נאָך אַ בוים, און אַלע אָפּגעשאָטן מיט באַרן. אַ ים מיט באַרן!

אָן ווערטער האָט דער זיידע אוועקגעשטעלט אַף אונדז זײַנע שאַרפֿע קלוגע אויגן דורך די גלאַנצנדיקעברילן און מיט אַ מעפּיסטאָפעל־שמייכל אַף די דינע באַזילבערטע ליפּן האָט ער אונדז דורכגענומען דורך און דורך, ווי איינער רעדט: „קינדערלעך, איך זע — איר זײַט בעלנים אַף די דאָזיקע באַרן?"... און גלײַך ווי מיר וואָלטן זיך אויפגערעדט פון פריִער אַלע דרײַ, איז געבליבן בײַ אונדז דער הסכם, אַז מיר גייען אין גאָרטן אַרײַן נאָך באַרן.

יידן האָבן פײַנט לאַנג טראַכטן: וואָס באַרן? ווער באַרן? וועמעס באַרן? — דאָס האָבן מיר געלאָזט פרײַ. מסתמא וועט זיך עס מיט דער צײַט פאַרענטפערן. דער עיקר איז: געפינען אַ טויער, אַ גאַנג אין גאָרטן אַרײַן, און דאָרט ווי וועט זיך נישט געפינען אַ בעל־הבית, אַ סטרוזש, אַ גערטנער — פאַר געלט וועלן מיר שוין קריגן באַרן.

און כך הווה. מיר האָבן געפונען אַ טויער. אַפן טויער אַ בלעטל. אַפן בלעטל — אָנגעשריבן מיט גאָלדענע אותיות: „אַנאַטראַ". ווייסן מיר, הייסט עס, אַז אַנאַטראַ — דאָס איז דער בעל־הבית פונעם גאָרטן.

געהערט האָבן מיר, אַז אַנאַטראַ איז אַ גרעק, און אַ פילפאַכער מיליאָנער, און אַ רשע. נאָר צי ער פאַרקויפט באַרן — דאָס איז קיינער נישט מחויב צו וויסן. עס קאָן זײַן, אַז ניין, און עס קאָן זײַן, אַז יאָ. ער מעג זיך זײַן אַ פילפאַכער מיליאָנער, און די באַרן פונעם גאָרטן זאָל ער דווקא פאַרקויפן. דער שכל איז דאָך מחייב: צו וואָס דאַרף עס איין מענטש אַזוי פיל באַרן?...

אָט אַזוי טראַכטנדיק, טרעטן מיר אַרײַן פּאַוואָלינקע אין אַ מחיה־דיקן גאָרטן, שפּאַצירן איבער אויסגעפּוצטע סטעזשקעס, געפלאַסטערט מיט קליינע ים־שטיינדלעך און באַצירט פון ביידע זײַטן מיט אונטער־געשווירענע ביימעלעך, אונטער וועלכע עס קוקן אַרויס שמעקנדיקע בלו־מען, וואָס שמייכלען צו אונדז און גריסן אונדז גאָר פרײַנטלעך: „ברוכים הבאים! סקאָצל קומט! ווילקאָמען!"... און מיר גייען ווײַטער און ווײַטער. פּלוצעם... פון וואַנען האָט זיך גענומען, מיט אַן אימפּעט און מיט אַ הוק, און גלײַך אַף אונדז — אַ הונט. אָבער אַ הונט! אַ קאַלב, נישט קיין הונט. אַ לייב. אַ לעמפּערט! אַ געלע גלאַנצנדיקע פעל. לאַפּעס ווייכע, קײַלעכיקע, ווי בײַ אַ טיגער. אַ מאָרדע אַ שוואַרצע, אַ נאָסע, נאָר אַ

חנעוודיקע. ציין ווײַסע, שאַרפֿע. אויגן רויטע, פֿײַערדיקע, ווי בײַ אַ גזלן.
אַ פֿאַרשוין אַ הונט, נאָר אַ הונט.

איך ווייס נישט, ווי אַזוי איר, נאָר איך — איך בין מיך מודה, וואָס האָב איך מיך דאָ צו שעמען? — איך האָב פֿאַר אַ הונט מורא... שײַך זאָגן מורא? דאָס וואָרט „מורא" איז צו שוואַך אױף אַרויסצוזאָגן אײַך דאָס געפֿיל, וואָס רופֿט אַרויס בײַ מיר אַ הונט. אַלע חיות אױף דער וועלט האָב איך ליב, ליב, גאָר אָן אַ שום אויסנאַמע. אַ הונט האָב איך אויך נישט פֿײַנט. נאָר וואָס דען? איך בין מיט אים נישט זיכער. איך, אַז איך קום אין אַ שטוב אַרײַן און דערזע אַ הונט (בײַ אַ קריסט, געוויינלעך, וואָרעם בײַ אַ ייִדן איז נישטאָ קיין הונט, און אויב ס'איז דאָ בײַ אַ ייִדן אַ הונט, איז דאָס נישט קיין הונט), אַזוי הער איך שוין נישט, וואָס מע רעדט צו מיר. מײַנע געדאַנקען זײַנען דאָרטן, אַרום הונט... אַז ער גייט צו מיר צו נאָענט און שמעקט מיך אַרום און לאַש־טשעט זיך און דרייט מיטן עק, איז מהכתיתי, זייער פֿײַן, מחותנים — אבי טשעפּע מיך נישט. זאָלסט נאָר נישט אַרופֿלייגן אױף מיר די קאַלטע לאַפּע דײַנע און נישט שטופּן מיר די נאַסע מאָרדע אין פּנים אַרײַן. איך האָב דיך ליב, פֿאַרשטייסטו מיך, נאָר פֿון דער ווײַטן...

פֿאַר מײַן חבר רבניצקין וועל איך אײַך נישט זאָגן. אפֿשר האָט ער מורא פֿאַר אַ הונט נאָך מער פֿון מיר? ער וויל מיך אײַנריידן אַפֿילו, אַז ער האָט נישט אַזוי מורא. וואָס איז די מורא? ער האָט דען נישט קיין שירעם? נאָך אַ מין שירעם!... איך האָב אײַך גאָר פֿאַרגעסן זאָגן, אַז מײַן פֿרײַנט רבניצקי גייט נישט אַרויס מפֿתח ביתו אָן אַ שירעם, סײַ זומער, סײַ ווינטער. אַז איר וועט זײַן אין אָדעס און וועט באַגעגענען אין גאַס אַ ייִדן מיט אַ רויט שײַנענדיק פּנים, מיט גוטע, אַביסל פֿאַר־זאָרגטע אויגן, מיט אַ פֿאַרטראַכטן ווײַסן שטערן און מיט אַ שירעם אונטערן אָרעם, כאָטש אין דרויסן איז ווינטער און דער פֿראָסט ברענט, זאָלט איר וויסן, אַז דאָס איז ער, רבניצקי הייסט עס. איך ווייס דעם סוד פֿונעם שירעם: ס'איז פֿאַר אַ הונט. אָי, די קשיא: פֿאַר אַ הונט איז גאָר גוט אַ שטעקן? — האָט נאָר נישט קיין טבע פֿרעגן קשיות.

הקיצור, מיר ביידע, איך און מײַן חבר רבניצקי, אַז מיר האָבן דערזען דאָס באַשעפֿעניש מיטן אָפֿענעם מויל גלײַך אױף אונדז, האָבן זיך אונדזערע נשמות אָפּגעטיילט פֿונעם גוף. אונדזער ערשטער געדאַנק איז

געווען: לויפן! ס'איז אָבער גוט צו לויפן, אז ס'איז דאָ פיס. וואָס וועט איר טאָן, אז די פיס האָט מען בא אײַך אונטערגעהאַקט אקוראַט בא די קנעכלעך, און דאָס האַרץ הענגט בא אײַך אף אַ פאָדעם, און די האָר שטייען קאַפּויר, און די אויגן — אָט־אָט שפּרינגען זיי אײַך אַרויס פון שטערן? ליבער פרײַנט, איר האָט אונדז נישט וואָס צו מקנא זײַן. ווי מיר האָבן ערגעץ אַ שונא, רבונו של עולם, זאָל ער איבערגיין אף דעם שטאַנד, אין וועלכן מיר ביידע האָבן זיך געפונען אין יענער מינוט.

און דער זיידע? — יענעם מאָמענט וועל איך קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ווי נאָר דער כלב האָט געעפנט דאָס מויל און אַ וואָרף געגעבן זיך אף די אומגעבעטענע געסט, אַזוי האָט דער זיידע צונויפגע־לייגט די הענט אפן האַרצן, צונויפגענומען די ליפּן מיט אַ שמייכעלע, אַרײַנגעקוקט אַ ווײַלע דעם הונט גלײַך אין די אויגן אַרײַן און אויסגע־שאָסן אַ געלעכטער מיט אַ הילך — איך מעג שווערן, אַז דער כלב האָט פאַרשטאַנען דאָס געלעכטער. און נישט נאָר פאַרשטאַנען — ער האָט זיך געפונען ווי באַליידיקט. אקעגן אַ האַלבע מינוט זײַנען זיי אַזוי געשטאַנען איינס אקעגן דאָס אַנדערע און געקוקט זיך גלײַך אין די אויגן אַרײַן. און אפשר נאָך ווינציקער ווי אַ האַלבע מינוט. נאָר בא מיר האָט זיך עס געצויגן אַן אייביקייט. דאָס איז געווען אַ שווערער, אַ קריטישער מאָמענט. אַ מענטש און אַ חיה האָבן זיך באַגעגנט און געמאָסטן איינס דאָס אַנדערע מיטן קוק, ווער וועט וועמען גובר זײַן... נאָכדעם איז דעם הונט, אפנים, נמאס געוואָרן די גאַנצע מעשה, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די פײַערדיקע גזלנישע אויגן זײַנע, האָט געגעבן אַ גענעץ מיטן גאַנצן מויל, זיך באַלעקט און אויסגעצויגן, אויסגעטרייסלט די געלע גלאַנצנדיקע פעל, זיך אויסגעקערעוועט צו אונדז, גאָר אָן אַ שום דרך־ארץ, מיטן הינטן, און שמעקנדיק מיט דער נאָז זײַנע אייגענע טריט, האָט ער זיך געלאָזט גיין זײַן וועג.

יענעם טאָג האָבן מיר געגעסן באָרן. נישט קיין שלעכטע באָרן. נאָר דאָס זײַנען געווען באָרן, וואָס מײַן ווײַב האָט געבראַכט צו פירן פון שטאָט.

געשריבן אין יאָר 1910

אויטאָ־דאַפע

דעריננערונגען לכבוד דעם ליטעראַרישן יום־טוב פונעם זיידן „מענדעלע מוכר־ספרים“, געשריבן פון זיין ערשטן איינִיקל.*

דער בנוהג־שבעולם איז, אַז סע שטאַרבט — נישט דאָ געדאַכט, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין שום יידן געדאַכט — אַ גרויסער מענטש, באַקומט מען אים ליב און מע הייבט אָן נאָכזאָגן שבחים נאָך זיין בעט, און מע הייבט זיך אָן דערמאָנען און נאָכדערציילן פון אים מעשיות, עפּיזאָדן, אַנעקדאָטן, אַפאָריזמען, געדאַנקען, ווערטלעך, גלייכווערטלעך, חכמות און נאַרישקייטן — אַלץ גיט אַהער, אַלץ איז אַ סחורה, אַלץ ווערט פאַרצוקערט. איך נעם מיר די שטאַרקייט צו זאָגן, אַז ס'איז אַ נאַרישער מנהג, און אויב איר ווילט — טאַקע אַ שטיקל עוולה אויך. אַ קונץ נאָכן טויט דערציילן שבחים? פאַרוואָס זאָל דער באַטרעפנדער אַליין אויך נישט געניסן פונעם כבוד? פאַרוואָס זאָל ער אַליין נישט זען און נישט הערן די אַלע שבחים מיט די מעשיות, וואָס מע דערציילט זיך אָן פון אים, מיט די עפּיזאָדן, אַנעקדאָטן, אַפאָריזמען, געדאַנקען, ווערטלעך, גלייכווערטלעך, חכמות און נאַרישקייטן? אדרבה, איך גיי נאָך ווייטער: איך זאָג גאָר, אַז ס'איז מער יושר פאַרן לעבן אַלס נאָכן טויט צו איבערגעבן אַזעלכע זאַכן, וואָרעם טאָמער חלילה — לא יעלה ולא יבוא — עס מאַכט זיך אַמאָל, איינער איז מגזם, דערציילט

---

*) איך האָב שוין איין מאָל מוסר מודעה געווען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז דאָס בין איך געווען דער ערשטער, וואָס האָב אָנגערופן מענדעלע מוכר־ספרים מיטן נאָמען „זיידע“, און ער מיך — „איינִיקל“. פון דעמאָלט אָן זיינען מיט גאָטס הילף אויסגעוואַקסן קיין עין הרע, אַ גאַנצער דור מיט „איינִיקלעך“ — כן ירבו!
ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

אף אים אזעלכעס, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, קאָן ער אַרויס־טרעטן אין דער עפנטלעכקייט, ואין החי יכול להכחיש את החי, און זאָגן: „זײַט־זשע מוחל, רב ייִד, איר האָט, דאַכט זיך, אויסגעטראַכט אף מיר, מחילה, א גרויסן ליגן"...

אף איינעם א ליץ דערציילט מען, אַז ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט למדינת הים, אין א ווײַטן וועג אַרײַן, און האָט אַרויסגעלאָזט א קלאַנג, אַז די שיף איז אונטערגאַנגען און ער איז דערטרונקען געוואָרן. לאחר זמן קומט ער צו פאָרן אַהיים און טרעפט מסתמא אַן איבערקערעניש: דאָס ווײַב האָט צוגענומען אַן אַנדערער, די שטוב האָט מען פאַרקויפט, מיט זײַן גוטס האָבן זיך צעטיילט זײַנע גוטע פרײַנט — א חורבן! ער גייט אַרום פון שמונין צו בונין: „האָט איר געהערט אַן אומגליק, אַזאַ־נ־אומגליק?" „צו וואָס האָט דאָס אײַך געטויגט?" „איך האָב גע־וואָלט הערן, וואָס וועט די וועלט זאָגן"...

א יובילעום — דאָס האָבן שוין א סך חכמים געזאָגט — איז געגליכן, להבדיל, צו א לוויה. בדידי הוה עובדא — איך אַליין האָב איבערגעלעבט פאַר א פּאָר יאָרן אַזאַ מין „לוויה", זיך אָנגעהערט אף זיך אַזעלכע שבחים, וואָס זײַנען מיר קיינמאָל נישט געקומען אין חלום. אַן עבירה נאָר, וואָס דער עולם האָט זיך פאַרגעסן און גיך אַנטשוויגן געוואָרן... און מחמת איך וויים דעם טעם פון „יובילעום", ווילט זיך מיר מהנה זײַן דעם „ייִדן", און דעם ייִדנס פילע פרײַנט און פאַרערער, כאָטש מיט איינעם פון די פילע, פילע עפּיזאָדן, וואָס איך האָב וועגן דעם ייִדן צו דערציילן און צו דערציילן.

די מעשה האָט זיך געטראָפן אין אָדעס, באַם ברעג פונעם שוואַרצן ים, אַפן גרויסן פאָנטאַן, זומער אף א דאַטשע — מיט אַלע סימנים, און דער בעסטער סימן וועט זײַן דער נאָמען פון דער דאַטשע „מאַנדראַזשי" — און לאָז דער ייִדע זיך דערמאָנען, ואין החי יכול להכחיש את החי!...

אין יענער צײַט — א יאָר צוואַנציק דאַרף שוין זײַן אין דעם — בין איך געווען אונטערן אײַנפלוס פונעם ייִדן און געשריבן א גרויס אַלעגאָריש ווערק, טאַקע א ראָמאַן, נאָר מיט א פאַרשטעלעניש, כמו ווי להבדיל א מין „קליאַטשע". און מחמת מיר האָט זיך געגלוסט געבן אַן אַלעגאָריע, דאָס הייסט, איך האָב געהאַלטן פאַר די אויגן נישט דאָס ווירקלעכע לעבן, נאָר די „כנסת ישראל", בין איך מסתמא פאַרקראָכן

אין אלף השישי אַרײַן. און, ווי געוויינלעך, בין איך געווען פאַרליבט אין דעם דאָזיקן ווערק, ווי אַ חתן אין זײַן כלה אין די געצײלטע טעג פאַר דער חופּה, געהאַלטן, אַז דערמיט ענדיקט זיך שוין די גאַנצע וועלט! און עס האָט זיך מיר זייער געוואָלט באַווײַזן פאַר עמעצן מײַן געליבטע כלה, מיין איך — מײַן נײַ ווערק. וועמען־זשע באַווײַזט מען אַזאַ אבֿן טובֿ, אַז נישט פאַרן זיידן? סטײַטש, איך האָב אַזאַ מבֿוא: סך הכּל איין האַלבע שעה פון אַדעס, און דאָרט זיצט דער זיידע מענדעלע — ווי זאָגט מען: אַ כשרער טאָפּ מיט אַ כשרן לעפל... נאָר וואָס דען? ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? טראָגן דעם ראָמאַן צום זיידן — צו אַ גרויס פּעקל. מטריח זײַן דעם זיידן צו זיך — עפּעס נישט קיין דרך־ארץ. פאַלט אַ ייִד אויף אַ המצאה: זומער־לעבן, הייסע טעג, מע באַדאַרף פאַר־בעטן צו זיך אויף דער דאַטשע דעם זיידן — געניסן לופט, זיך אָפּבאָדן אין ים, און אַביסל שמועסן. איז אָבער אַראָפּברענגען דעם זיידן נישט אַזוי גרינג, מע באַדאַרף האָבן אַ שעת־הכּושר. גאָט האָט מיר געהאָלפן, עס האָט זיך געפונען אַ שעת־הכּושר — אַראָפּגעבראַכט דעם זיידן. אַ גאַסט אויף אַ גאַנצן מעת־לעת.

די מצווה פון „הכנסת־אורחים" איז, נאָך מײַן נאַרישן שכל, מער לוקסוס ווי מצווה, און אויב עס וואָלט מיר זײַן דערלויבט צו ריידן נאָך מער עפנטלעך, וואָלט איך זאָגן, אַז נישט דערמיט אַליין איז אבֿרהם אָבֿינו געווען אַזוי גרויס, וואָס ער איז געווען אַ מכניס־אורח, וואָרעם וואָס קאָן זײַן מער אָנגענעם ווי אויפנעמען געסט?

נאָר אויב אויפנעמען געסט בכלל איז אַ פאַרגעניגן, איז האָבן פאַר אַ גאַסט דעם זיידן רב מענדעלע — אַ יום־טובֿ. מענדעלע מוכר־ספרים אין אַ געזעלשאַפט איז אַזוי פיל אָריגינעל, אייגנאַרטיק, ווי מענדעלע מוכר־ספרים אין דער ליטעראַטור, און אויב איר ווילט, איז ער אין לעבן נאָך מער בולט, ווי אין בוך. אין דער צײַט וועז אַז מיר באַגעגענען זיך מיט אַנדערע שריפטשטעלער, טרעפט זיך אַמאָל, אַז מיר האָבן דערנאָך חרטה, למאי מיר האָבן זיי געזען אַזוי נאָענט, איז דער זיידע מענדעלע פּונקט דער היפּוך: ער איבערטרעפט אין אַ פּערזענלעכן באַגעגעניש אַלץ־דינג, וואָס איר האָט אײַך פאַרגעשטעלט פריִער אין אײַער פאַנטאַזיע. נאַטירלעך, ער איז נישט מיט הערנער — נאָר איר דערזעט פאַר זיך אַ פאַרשוין אַן אויסערגעוויינלעכן. דאָס איז נישט נאָר אַ זקן שקנה

חכמה, דער אמתער טיפּ פון דעם ייִדישן תּלמיד־חכם; דאָס איז אַ מענטש, וואָס איז פול מיט לעבן, מיט באַוועגונג, וואָס דאָס לעבן טריפט בײַ אים אין אַלע אָדערן, קוקט־אַרויס פון דעם שאַרפן בליק פון די קלוגע אויגן, פון די טיפע קנייטשן פון דעם הויכן שטערן, פונעם יונגן שמייכל וואָס אויף די דינע ליפּן, און איר פרעגט זיך: „אַט דאָס איז מענדעלע מוכר־ספרים?"... בײַ מער נאָענטע, אינטימע באַקאַנטשאַפט דערזעט איר פאַר זיך אַ ייִדן אַ קינד, אַ זקן אַ קונדס, וואָס ווײַסט אײַך באַווײַזן וואָס הייסט מוסקולן, וואָס הייסט גיין גלײַך ווי אַ סטרונע, וואָס הייסט קאָנען שפּאַנען, קאָנען לויפן, קאָנען שפּילן זיך מיט קינדער — און איר וועט פרעגן בײַ זיך: „אַט דאָס איז אַ ייִדישער מחבר, וואָס מע פּײַערט זײַן פינף־און־זיבעציק־יאָריקן יובילעום?" אין דער געזעלשאַפט פון אַזאַ גאַסט הייבט איר אַליין אויך אָן פילן זיך ייִנגער און פרישער און לעבעדיקער, און איר פאַרגעסט מיט אים, ווו די צײַט קומט אַהין, ווו דער טאָג גייט אַוועק.

נאָר „שפּיל, זאָגט מען, דעם חתן וויינענדיקס, ער האָט זיך זײַנס אין זינען". ווי גליקלעך איך בין נישט געווען מיטן טײַערן גאַסט, ווי געשווינט די צײַט איז נישט געלאָפן, איז מיר מײַן ראָמאַן נישט אַרויס פון זינען אפילו אויף איין מינוט. נאָר ווי טרעט מען צו צום עסק? ווי אַזוי נעמט מען גלאַט אָט אַזוי און מע טוט אַ זאָג: „זיידע, איך וועל אײַך לייענען מײַן ראָמאַן?" — האָט אָבער גאָט געטאָן אַ נס. דער זיידע אַליין האָט מיך אַ פרעג געגעבן, אויף דער נאַכט איז דאָס געווען, נאָכן עסן: „וואָס הערט זיך? וואָס שרײַבט מען עפּעס נײַס?" איך האָב דערפילט, ווי דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן קלאַפּן „טיק־טיק־טאַק". דאַנקען גאָט, געקומען די מינוט. און איך האָב מיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט, אַרויסגעצויגן מײַן ליבלינג פון שופלאַד, ווו ס'איז געלעגן צונויפ־געקאַטשעט, ווי אַ הייליקע שריפט, איבערגעבונדן מיט אַ רויטן פאָדעם־זײַד — איך בין שוין גרייט געווען צוטרעטן צום עסק, שוין געוואָלט אָנהייבן לייענען, — אָן מיר איז, הייסט עס, נישט געווען קיין שום מניעה, — האָט מיך אָבער דער זיידע אָנגענומען בײַ דער האַנט: „איצט? ניין. איצט באַדאַרף מען גיין מקבל פּנים זײַן די לבנה, וואָס גייט אויף פונעם ים".

שוין איז דער ים, אַז ער צעשפּילט זיך מיט אַלע זײַנע כוואַליעס באַטאָג

אַף דער שײַן פֿון דער גינגאָלדענער זון. שיין איז ער באַם אונטערגאַנג פֿון דעם רויט־פֿײַערדיקן קוגל, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ, פֿאַלט אַרײַן אין אָפּגרונט אַרײַן, און אַלץ ווערט ווי מיט פֿײַער באַגאָסן. אין אַ פּורפּור־מאַנטל ווערט אײַנגעוויקלט דער עק הימל, און אַ קילע שטילקייט לאָזט זיך אַראָפּ און געוועלטיקט און הערשט אַף דער ערד. טויזנט מאָל שענער איז אָבער דער ים באַנאַכט, ווען עס שנײַדט זיך אויס און באַווײַזט זיך אָפֿן הימל דאָס ווײַסע בלאַט פֿון דער זילבערנער לבֿנה און באַווײַסט און באַזילבערט און באַגיסט מיט ווײַסן חן און מיט זילבערנעם נאַכט־כּישוף די שטילע וואַסערן פֿון באַרויִקטן ים, וואָס קוים־קוים וואָס ער ציטערט און שפּיגלט אָפּ אין זיך די אַלפֿי אַלפֿים ורבוא רבבות פֿינקלדיקע שטערן. ניין, דער זיידע איז גערעכט. נישט איצט איז די צײַט צו לייענען ראָמאַ־נען. עס גלוסט זיך אַפֿילו נישט גיין אין שטוב אַרײַן שלאָפֿן. אַן עבֿירה, אַן עבֿירה אַזאַ נאַכט! מיר פּיקט אָבער אין קאָפּ אַלץ דער ראָמאַן, אַלץ דער ראָמאַן! פֿון וואָס מע זאָל נישט ריידן, איך קום אַף מײַנעם. איך וויל אים כאָטש איבערגעבן די אידעע, אים באַקענען מיטן אינהאַלט. „צו וואָס? זאָגט דער זיידע, — אותיות מחכימות. מאָרגן אינדערפֿרי וועלן מיר זיך אָוועקזעצן אינצווייען און איבערלייענען דעם ראָמאַן פֿון טאָוול ביז טאָוול". אַך, ווי גוט! אַך, ווי גוט!

יענע נאַכט איז קיין שלאָף ניט געקומען אַף מײַנע אויגן. איך האָב מיר פֿאָרגעשטעלט, וואָס וועט זײַן, למשל, אַז איך וועל אים שוין האָבן געהאַט איבערגעלייענט מײַן ווערק אינגאַנצן? וואָס וועט זאָגן דער זיידע? „איך בין אַנטציקט"? „איך בין נתפּעל"? „איך בין איבעראַשט"? ניין. ער איז ניט אַזעלכער, וואָס זאָל זיך צעגיסן אין סענטימענטן, צוקערדיקע ווערטער („לאַקריץ" הייסט דאָס אַף זײַן לשון). עס וועט זײַן געגנוג פֿון זײַן זײַט, אַז ער וועט אַרויסלייגן אַף מיר זײַן האַנט: „נו? יישר כּח! שרײַבט, שרײַבט אַ סך אַזעלכע ווערק, און לאָז דער זיידע האָבן נחת פֿון זײַן אייניקל"...

און אפֿשר קאָן זײַן, אַז ער וועט גאָר ניט זאָגן. לחלוטין גאָרנישט. ער וועט נישט האָבן קיין ווערטער. און דאָס שווײַגן זײַנס וועט זײַן פֿאַר מיר אויך גאַנץ גענוג. אַ „זיידע", וואָס דער „אייניקל" האָט אים אַרי־בערגעיאָגט (איך בין זיך מודה, אַז דער געדאַנק איז אויך געווען), וואָס האָט ער צו זאָגן?... אַביסל האָט מיר ווי געטאָן דאָס האַרץ אָפֿן זיידן,

וואָס איך האָב אים אריבערגעיאָגט. ער איז דאָך עפּעס נישט קיין מאָן־דהוא, עפּעס אַ מענדעלע מוכר־ספרים! אַ קליינִיקייט?! קומט אַ יִינגל, אַ שנעק, אַ שלום־עליכם, און שרײַבט אָן אַ בוך, וואָס שטעלט אַוועק אַזאַ ריז אַף אַ זײַט, לאָזט אים איבער הינטער זיך, — נעבעך, נעבעך!...

יענע נאַכט איז דער זיידע אויך נישט געשלאָפן, נאָר נישט איבער מײַן ראָמאַן — איבער אַן אַנדער מעשה: דאָס חדר, וווּ מיר האָבן באַלייגט דעם גאַסט, איז געווען דאָס צווייטע פונעם קינדער־צימער, האָט דאָס קינד (דאָס „קינד" איז שוין איצטער אַ סטודענט) אַ גאַנצע נאַכט געשריִען אַף ציינדלעך, קיין אויג אים נישט געלאָזט צומאַכן! — „וואָס איז דאָס בײַ אײַך דאַרט פאַר אַ מין שרײַער? — האָט זיך דער זיידע פאַר אונדז געקלאָגט אַף מאָרגן אינדערפרי, — און איך וואָלט וועלן וויסן, וווּ נעמט זיך צו אַ קינד אַזוי פיל כח, קיין עין־הרע ניט?"...

נאָך אַביסל ווערטלען זיך איבערן „שרײַער" און נאָך טיי טרינקען, האָט מיר דער זיידע אַ ווונק געגעבן:

— נו?...

פון אַלע „נו'ען" איז דאָס געווען דער סאַמע בעסטער, סאַמע זיס־טער „נו". אַ גן־עדן־באַלזאַם איז זיך צעגאַנגען אין אַלע מײַנע גלידער, און איך האָב גענומען דעם זיידן און האָב מיך באַזעצט מיט אים בײַ זיך אין קאַבינעט, צוגעמאַכט דאָס פענצטער, פאַרשלאָסן די טירן, אַרויסגע־צויגן די הייליקע שריפט פון שופלאָד, אויפגעבונדן דעם רויטן פאָדעם־זײַד און...

— איך וועל מיך אַוועקזעצן — זאָגט צו מיר דער זיידע — אָט דאָ בײַם פענצטער אַקעגן אײַך, און איר זעצט אײַך אַוועק אַהער צו מײַן לינקן אויער, איך זאָל אײַך קאָנען בעסער הערן. נאָר פריִער דערציילט מיר, וואָס האָט איר געוואָלט?

וואָס איך האָב געוואָלט? — דאָס איז געווען פאַר מיר ווי אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער וואַסער. וואָס איז שײַך?...

— אַ שרײַבער, אַז ער זעצט זיך אַוועק שרײַבן אַ בוך, — גיט מיר דער זיידע צו פאַרשטיין — באַדאַרף זיך פריִער פרעגן: „וואָס וויל איך?"

איך בין זיך מודה: פאַר מיר איז דאָס געווען דאָס אמתע אַמעריקאַ אויפגעדעקט. שוין אַ יאָר פינף אַז איך שרײַב, שוין אָנגעשריבן, ברוך השם, אַזוי פיל זאַכן, און נאָך איינמאָל נישט געפרעגט בײַ זיך: וואָס

וויל איך? וואָס קאָן אַ שרײַבער וועלן? אַ שרײַבער וויל שרײַבן, וואָרעם ער זאָל נישט וועלן שרײַבן, וואָלט ער דאָך קיין שרײַבער נישט געווען... אויסגעדרייט האָב איך מיך פון זײַנע הענט מיט אַ תירוץ, אַז ווײַל דאָס, וואָס איך וויל אים לייענען, איז אַן אַלעגאָריע, וואָס טראָגט אין זיך אַ פאַרבאָרגענעם געדאַנק, וויל איך זען, צי וועט ער כאַפּן אַליין דעם געדאַנק, איידער איך וועל האָבן געענדיקט דאָס גאַנצע ווערק. און איך האָב גענומען לייענען, און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז נישט איך לייען, נאָר אַן אַנדערער לייענט. איך האָב נישט דערקענט מײַן קול — און דאָס האָט מיך געמאַכט אויפגערעגט, נערוועז. נאָר דאָס אַליין וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה — האָט זיך סאַמע אין רעכטן פײַער צעשרײַען מיין קדיש דער שרײַער, כאָטש טו זיך אָן אַ מעשה! אוי, וואָלט איך אים באַוויזן אַ שרײַען! איך בין גרייט געווען אַלע מינוט זיך אויפהייבן, אַרײַנלויפן צום שרײַער אין צימער אַרײַן, אים פאַרשטאָפּן דאָס מויל מיט וואַטע. האָט מיך אָבער דער זיידע ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט מיך אָנגענומען בײַ אַ האַנט, די אויגן האָט ער געהאַלטן צו — דאָס איז אַ סימן, אַז ער הערט מיט קאָפּ — און געהייסן מיר, איך זאָל גאָרניט קוקן אױף קיין זאַך, איך זאָל נאָר לייענען.

וויפל איך האָב אַזוי געלייענט — ווייס איך נישט. אָפּן זייגער האָב איך ניט געקוקט. איך האָב געקוקט נאָר אָפּן זיידן, געוואָלט זען, ווי ווײַט ער איז אַנטציקט, איז אָבער שווער געווען צו זען אױף זײַן פנים וואָס ער טראַכט. אַ מענטש, אַז ער זיצט מיט צוגעמאַכטע אויגן, וועט איר קיינמאָל ניט טרעפן, וואָס ער טראַכט. פּלוצעם עפנט ער אויף די אויגן, נעמט מיך אָן בײַ דער האַנט, קוקט אױף מיר אַריבער די ברילן מיט אַ שמייכל אױף די ליפּן און טוט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— הערט־זשע, איך מוז אײַך איבערשלאָגן אין מיטן דער מעשה. ווי מיינט איר, קאָכט זיך שוין בײַ אײַך וואָרעמעס אין קיך?

— וואָרעמעס? געוויס. איר זײַנט אפשר הונגעריק? וועל איך הייסן עפּעס געבן.

— הונגעריק? חס ושלום! איך וויל נאָר וויסן, אויב עס הייצט זיך דאָרט בײַ אײַך אין אויוון?

— געוויס הייצט זיך אין אויוון.

— אויב עס הייצט זיך, טאָ נעמט און וואַרפט אַרײַן זײַט מוחל, אָט

דאָס גאַנצע העפט אין אויוון אַרײַן און פאַרברענט דאָס אָפן פײַער, וואָרעם דאָס איז נישט אײַער זשאַנר. דאָס איז... דאָס איז — פע!!!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר האָבן נאָך דעם נישט איין מאָל געזען זיך מיטן זיידן, אַ סך מאָל גערעדט וועגן שרײַבן, וועגן דעם, וועלכעס איז מײַן זשאַנר און וועלכעס איז נישט מײַן זשאַנר, — נאָר וועגן יענער מעשה מיטן „פע" און מיטן „אויטאָ־דאַ־פע" האָבן מיר קיינמאָל, קיינמאָל נישט גערעדט מער, קיינמאָל נישט מזכיר געווען אפילו. און דעריבער איז מיר נישט אויסגעקומען עד היום הזה אַרויסצוזאָגן דעם זיידן זאָל לעבן, וויפל איך בין אים דאַנקבאַר! אָך, וואָלט מען באַדאַרפט האָבן, עס זאָל זיך אָפט הייצן בײַ אונדז אין אויוון אין דער צײַט, ווען מיר האַלטן בײַם פאַרענדיקן אַ בוך, וואָס אונדז ווײַזט זיך אויס, אַז ס'איז אַזוי גוט, וואָס בעסער קאָן שוין גאָרנישט זײַן...

נערווי (איטאַליע), ו' חנוכה, התרע"א.

נעשריבן אין יאָר 1910

מײַן באַקאַנטשאַפט מיט א. ל. לעווינסקי

אונדזער ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דעם אַזוי פרי אַפּגעשטאָרבע־נעם לעווינסקי איז געווען, נאַטירלעך, אַ ליטעראַרישע, און אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק, אין דער צײַט פון מײַן „יודישע פאָלקסביבליאָטהעק״. אַף די בלעטער פונעם „המליץ״ (עליו השלום) האָבן מיר זיך באַגעגנט, ביידע אָנגעוואָפנט מיט שטאָלענע פעדערן און מיט אַן אַרסענאַל פון מליצות, און האָבן מלחמה געהאַלטן אַף עטלעכע נומערן „המליץ״, נישט געפאַלן, חלילה, און נישט אונטערגעגעבן זיך איינער דעם אַנדערן, און אָן אַ טראָפּן בלוט — ווי די אמתע גבורי ישראל.

דעם ערשטן פלוצלעכן סטראַטעגישן אָנפאַל האָט ער געמאַכט אַף מיר. ער איז אַרויס מיט אַ „מאמר״: „סטײַטש, שלום־עליכם וויל אָפּ־שמדן אַלע בעסטע העברעער, מאַכן זיי פאַר זשאַרגאָניסטן! שלום־עליכם צאָלט אין טאָג אַרײַן! צוואַנציק קאָפּיקעס אַ שורה זשאַרגאָן! שמע ישראל!!״ און געחתמעט איז געווען: א. ל. לעווינסקי פון גאָרנאָסטאַ־יעווקע.

בין איך אָבער אויך נישט קיין מלופּים־קינד, האָב איך געגעבן אַ נעם אַרויס מײַנע מליצהדיקע קוילן מיט מײַנע העברעיִשע פײַלן, אײַנגע־טונקען (אין גיפט? הלילה!) אין טינט און — והיידא מיט אַ „מאמר״ קעגן דעם לעווינסקין פון גאָרנאָסטאַיעווקע. פאַרשטייט זיך, אַז מער פון אַלע האָט באַקומען פון מיר אַ פּאָרציע גאָרנאָסטאַיעווקע. בײַ יעדן זאַץ און בײַ יעדער פראַזע איז געווען מיט אַ ביטערער איראָניע: „הסופר מגאָרנאָסטאַיעווקע״. מיר צו הילף איז גיך אונטערגעקומען נאָך אַ גבור פון די גבורי־ישראל און גענומען בויקערן דעם גאָרנאָסטאַיעווקער אַנטי־

זשארגאָניסט פון הינטן און פון פאָרנט און פון אַלע זייטן. דער נאָמען פון דעם דאָזיקן גבור איז י. ח. רבניצקי. דער גאַרנאָסטאַיעווקער קונדס, אַפּנים, האָט זיך אָבער ווינציק־וואָס איבערגעשראָקן פאַר אונדז ביידן און האָט געגומען שניידן אַ „מאמר" נאָך אַ „מאמר", און אַלע מאָל מיט מער פייער. און מערקווירדיק! וואָס שאַרפער דער דאָזיקער פייערי־קער אַנטיזשאַרגאָניסט איז אַרויסגעטראָטן קעגן אונדז, מער היימישער איז ער אונדז געוואָרן. עפּעס האָבן מיר אַלע געפילט, אַז דער „שונא" טראָגט אַף זיך אַ פעל פון אַ טיגער און דאַרף זיין דערצו אַ גוט ברו־דערל, „משלנו"...

און כך הווה. דאָס איבעריקע דאַרף איך נישט דערציילן. אַלע ווייסן, וואָס פאַר אַ מין „שונא", וואָס פאַר אַ מין „אַנטי" א. ל. לעווינסקי איז געווען בכלל, ובפרט צו דער ליטעראַטור פונעם יידישן פאָלק, וועלכע איז אים געווען נישט ווינציקער טייער ווי זיינע אייגענע קינדער. מיט אַ ברייט שמייכל איבערן ברייטן פּנים האָט ער מיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט אין אדעס. דאָס האָט באַדאַרפט צו זיין אומגעפער מיט אַ יאָר צוועלף צוריק. אים האָט מיר פאָרגעשטעלט, אויב איך האָב קיין טעות, דער „אבי אבות הגוטברודערלעך", וואָס זיין נאָמען איז לובאַרסקי, נאָר מער באַקאַנט אונטערן נאָמען „אונדזער אברהם אליהו", וואָרעם אברהם אליהו איז היימלעכער אַלס לובאַרסקי... דעמאָלט איז לעווינסקי שוין נישט מער געווען אַ לעווינסקי פון גאַרנאָסטאַיעווקע, נאָר „א. ל. לע־ווינסקי", „רבי קרוב" — און אַך, וואָס מיר ביידע האָבן זיך אָנגעלאַכט, דערמאָנענדיק זיך אָן אונדזער דועל אַף די בלעטער פונעם „המליץ"! עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז מיר זיינען מיט אים באַקאַנט שוין פון מי יודע ווען, און עפּעס אַ מאָדנע ווייכע וואַרעמקייט האָט זיך גע־פילט נעבן אים. נישט געווען דאָס מאָל, וואָס ער זאָל זיין אין „מיין" שטאָט (אין קיעוו) און נישט זיין בא מיר און בא מיין גאַנץ הויזגעזינט אַ ליבער, אַ גוטער, אַ וואַרעמער גאַסט. איך קאָן נישט אָנווייזן פּינקטלעך — ווען, פון וואָסער אַ מאָמענט, עס האָט זיך פאַרבונדן אונדזער גוט־פריינטשאַפט. איך ווייס נאָר, אַז דאָס איז געווען אַ ליבשאַפט אַ לאַנגאָ־נענדיקע, אַן אַלטע ליבשאַפט! זיין געטריישאַפט צו מיר (און מסתמא דאָס זעלבע צו יעדן פון זיינע אינטימע פריינט) איז געווען כמעט אַ איבערנאַטירלעכע. איך וועל געוויס זיין אַ חוטא פאַרן רבונו־של־עולם,

אויב איך וועל זאָגן, אַז איך האָב אַף גאָטס וועלטל מער שונאים ווי גוטע פֿרײַנט. אָבער אַזאַ גוטן פֿרײַנט, ווי לעווינסקי, ווייס איך נישט, אויב איך האָב ווען געהאַט, און גאָט ווייס, אויב איך וועל אים האָבן. איך זאָל, למשל, וועלן זאָגן, אַז לעווינסקי איז מיר געווען געטרײַ, ווי אַ ברודער, וואָלט דאָס געווען נישט נאָר באַנאַל — דאָס וואָלט זײַן אַ באַליידיקונג, אַ פּראָפֿאַנאַציע פֿאַרן געשטאָרבענעם. און איך האָב זייער מורא, אַז דאָס זעלבע, וואָס איר הערט פֿון מײַן מויל, קאָנט איר הערן, ווי געזאָגט, פֿון יעדן איינציקן פֿון אונדזער ענגן קרײַז, פֿון אונדזער ליטעראַריש קלײַזל. אַ גוטן פֿרײַנט, זאָגט די וועלט, דערקענט מען אין אַן „עת־צרה”. מע באַדאַרף לייענען לעווינסקיס בריוו צו מיר קיין אויסלאַנד אינעם באַרימטן יאָר 1905, בעת איך האָב פֿאַרלאָזט דאָס „פֿאָטערלאַנד” און בין אַוועק מיטן וואַנדערשטעקן קיין אַמעריקאַ.

„איך האָב צו אַמעריקאַ גאָר נישט, — אַזוי אומגעפֿער שרײַבט צו מיר לעווינסקי קיין לעמבערג — נאָר איך פֿאַרגין נישט אַמעריקאַ „אונדזער שלום־עליכמען!” „דו פֿאָרסט אַוועק פֿון אונדז, — שרײַבט ער ווײַטער — נאָר געדענקען זאָלסטו, — מאַלע וואָס סע מאַכט זיך — אַז ס'איז דאָ אַ שטאָט אָדעס, און דאָרטן האָסטו פֿרײַנט, וואָס ליבן דיך און וואָס וועלן דיך קיינמאָל נישט פֿאַרלאָזן!”... און זײַן גדולה, זײַן פֿרייד בײַ מײַן צוריקקומען „אַהיים”? דאָס האָט ער מיך אויסגעשריבן נאָך פֿון דער שווייץ קיין אָדעס אַפֿן ליטעראַרישן אָוונט לטובת האַלמנה שטיינבערג מיט אַ גאַנץ בינטל שרײַבערס. אָך! ווער עס האָט נישט געזען לעווינסקין אין יענער צײַט, דער האָט גאָר קיין שיינס נישט געזען. איך לאָז דאָס איבער פֿאַר מײַנע קאָלעגן: ביאַליק, פֿרוג, רבניצקי, שלום אַש און דער זיידע רב מענדעלע זאָל מאַריך ימים זײַן. זיי וועלן דאָס בעסער באַשרײַבן. איך וויל ברענגען דאָ מער נישט אַז איין עפּיזאָד.

דעם גאַנצן טאָג האָט מען לעווינסקין אין ערגעץ נישט געקאָנט געפֿינען. אויסגעזוכט גאַנץ אָדעס — נישטאָ לעווינסקי! ווּ איז לעווינסקי? ער איז פֿאַרנומען מיטן קאָנצערט לטובת האַלמנה שטיינבערג. מיר, די אויבן אויסגערעכנטע, דאַרפֿן זיך אָבער זייער נייטיק מיט אים זען. איז געבליבן, מיר זאָלן זיך מטריח זײַן צו אים אַלע, בנערינו ובזקנינו, אַף דער דאַטשע. דאַכט זיך, אַפֿן „פֿאָנטאַן”. געקומען אַפֿן פֿאָנטאַן — אַ נעכטיקער טאָג. שוין באַלד נאַכט — נישטאָ לעווינסקי! דאָס ווײַב

קלאָגט זיך; ער האָט נאָך באַדאַרפֿט קומען צו וואָרעמעס. ערשט אַרום נאָך מעריב־צײַט — ער איז דאָ. אַ פּאַרטראַגענער, אַ פּאַרטראַסקעטער, אַן אויסגעמאַטערטער, אַ פֿאַרשוויצטער. אַלץ מיטן קאָנצערט געווען פֿאַר־עסקט: „פּראָגראַם... טאַמאַטשאָוו... אָווינאַוויצקי... „גוט. האָסט עפּעס געגעסן?" „האַ? ניין, גאָר פֿאַרגעסן!"

ער האָט פֿאַרגעסן עסן! — אַ וווּנדער אַביסל, אַז אַזאַ מענטש כאַפּט אַן אינפֿלוענצאַ און שטאַרבט אַוועק פּלוצעם אינמיטן דרינען?

נאָך מער בולט קומט אַרויס בײַ מיר לעווינסקיס פּיזיאָנאָמיע אין זײַנע פֿיל צענדליקער בריוו בשעת מײַן קראַנק ווערן. זײַנע העכסט פֿרײַנטלעכע, רירנדיקע בריוו צו מיר קיין נערווי, קיין סאַנטבלאַזיען און קיין לוגאַנאָ אָטעמען מיט אַזוי פֿיל איבערגעבנהייט, וואָס נאָר אַ פֿאָטער צו אַ ליבן קראַנקן קינד איז פֿעיִק אַזוי צו שרײַבן. איטלעכס בריוול הייבט זיך אָן מיט אַ „חביבי יקירי!" און לאָזט זך אויס: „והעיקר כל העיקרים היה בריא, היה בריא וחזק!* נאָך גאָר נישט לאַנג, הײַנטיקן ערב סוכות איז דאָס געווען, ווען דער מלאך־המות איז שוין געשטאַנען הינטער זײַנע פּלייצעס, שרײַבט ער צו מיר פֿאָלגענדעס (ווײַל דאָס איז איינס פֿון זײַנע לעצטע בריוולעך, אויב נישט דאָס לעצטע שבלעצטע, גיב איך עס איבער דאָ כמעט אינגאַנצן, ככתבו וכלשונו ממש):

„... ראשית כל ולפני כל: גמר חתימה טובה וכו'... אלא בחפצי אשר לגמר חתימה טובה עוד יוסיפו לך מלתא זוטרתא: שתזכה בגורל הגדול 200.000. חושב אנכי, אשר לגבי דקודשא בריך הוא, כמו להבדיל אצל בראָדצקי מיעהופיץ, אינו ולא כלום, ולגבי יהודי כמוך יהיה זה ענין. ומה דעתך? וזאת עוד, אשר באם יעלה הדבר בידי להיות בחוץ לארץ בחודש הבא, אשתדל להתראות עמך, אם רק תהיה עדיין בלוגאַנאָ. ואנחנו, חביבי, חכינו ממך „מאומה" לגליון של ראש־השנה און לכל הפחות לסוכות, ואתה, גזלן, החשית. צרה עינך באדעסא שלנו. ומה יהיה גורל „גוטמאָרגנו" אינני יודע; אפשר שיגוע בלא עתו מחסרון כיס או מחסרון דם... ואתה מתרחק ממנו. וכאשר יבנה המקדש תצטרך להביא חטאת שמנה! והעיקר מה שבדעתי עכשיו לכתוב לך הוא בדבר „הפּת־גמים" שלך. כמו שאתה רואה קבצתי לאחד אחד את כל הגלייכווערטלעך

*דער עיקר פֿון אַלע עיקרים — זײַ געזונט, זײַ געזונט און שטאַרק.

וסתם ווערטלעך שלך ובדעתי להדפיס אותם בחוברת אחת יפה מאד, עם הקדמה שלי או של אחד מאנשי שלומנו, הקדמה קצרה אבל מפורשת ומבוארת, ולמכור אותה במחיר נמוך מאד. ואתה, יקירי, נקבה שכרך, כמה שתמצא לנבון, באשר חפץ אנכי לקנות אותה, אם לא לצמיתות, אבל לעשרים שנה (!?) און פּחות מעט... זהו, ידידי היקר, מה שמצאתי נחוץ לכתוב לך עתה. את המחברת גופא אנכי שולח לך מחר. וחדשות, יקירי, אצלנו רק מעט. רבניצקי איז נאָך געל ווי געווען, ווערט אפילו אַביסעלע גרוילעך, אָבער נאָך אַלץ געל, און שווייגט. ביאַליק איז נאָך אַלץ ביאַליק, דאָס הייסט, ער שרייבט ווינציקער שירים און לאַכט פיל, און דער „זיידע" זיצט נאָך אין ווילנא... וכו' בכל הברכות שלך

א. ל. לעווינסקי."

[פון די אַרויסגעבער: מיר גיבן דאָ פאַר די לעזער די איבערזעצונג פון דעם בריוו אַף ייִדיש: ערשטנס און פריִער פון אַלץ — אַ גמר חתימה טובה... נאָר איך וויל, אַז צו דעם „גמר חתימה טובה" זאָל מען דיר צולייגן נאָך עפּעס אַ קלייניקייט: דו זאָלסט אויסנעמען דאָס גרויסע געווינס פון צוויי הונדערט טויזנט. איך מיין, אַז בײַ דעם אייבערשטן, ווי, להבדיל, בײַ בראָדסקין, איז דאָס פון די קליינע זאַכן; בײַ אַזאַ ייִדן אָבער ווי דו וועט דאָס זײַן אַ ענין. ווי מיינסטו? און ווײַטער — אויב מיר וועט זיך אײַנגעבן צו זײַן דעם קומענדן מאָנאַט אין אויסלאַנד, וועל איך זיך סטאַרען צו זען מיט דיר, אויב דו וועסט נאָך דעמאָלט זײַן אין לוגאַנאָ. און מיר, מײַן טײַערער, האָבן דערוואַרט פון דיר „עפּעס" פאַרן ראש־השנה־נומער, אָדער, לכל הפחות, אַף סוכות, און דו, גזלן, האָסט געשוויגן. דו פאַרגינסט נישט אונדזער אַדעס. און וואָס וועט זײַן מיט אונדזער „גוטמאָרגען"* ווייס איך נישט. אפשר וועט ער אַוועקשטאַרבן פאַר דער צײַט פון געלט־מאַנגל, אָדער פון בלוט־מאַנגל... און דו דער־ווײַטערסט זיך פון אים. אַז דער בית־המקדש וועט אויפגעבויט ווערן, וועסטו דאַרפן ברענגען אַ פעטן „קרבן־חטאת"! און דער עיקר, וואָס איך וויל דיר אַצינד שרײַבן, איז וועגן דײַנע „שפּריכווערטער". ** ווי דו

---

* אַ טעגלעכע צײַטונג אין אַדעס, פון וועלכער דער פאַרשטאָרבענער לעווינסקי איז געווען דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער.

* אַ. לעווינסקי האָט זיך אַ געוויסע צײַט אָפּגעגעבן מיטן צונויפזאַמלען אַלע שפּריכווערטער און גלײַכווערטלעך פון שלום־עליכמס ווערק — סײַ די אָריגינעלע, שלום־

זעסט, האָב איך צונויפֿגעזאַמלט איינס צו איינס אַלע דײַנע גלײַכװערטלעך און גלאַט װערטלעך און איך האָב בדעה זיי לאָזן דרוקן אין אַ זייער שיינעם ביכל, מיט אַ הקדמה פֿון מיר אָדער פֿון איינעם פֿון אונדזערע לײַט, אַ קורצע הקדמה, נאָר אַן אויספּירלעכע, און פֿאַרקויפֿן עס פֿאַר זייער אַ נידעריקן פּרײַז. און דו, מײַן טײַערער, באַשטים דײַן לוין, װיפֿל דו װעסט געפֿינען פֿאַר נייטיק, װײַל איך װיל דאָס אַװעקקויפֿן, אויב נישט אויף אייביק, איז אויף צװאַנציק יאָר(!?), אָדער אויף אַביסל װייניקער פֿון דעם... אָט דאָס איז, מײַן טײַערער פֿרײַנט, װאָס איך האָב געפֿונען פֿאַר נייטיק דיר צו שרײַבן אַצינד. דעם העפֿט גופֿא שיק איך דיר מאָרגן. און נײַס, מײַן טײַערער, איז בײַ אונדז גאָר װייניק...]

שפּעטער מיט אַ טאָג צװיי־דרײַ האָב איך דערהאַלטן פֿון אים דאָס העפֿטל. אין דעם זעלבן טאָג האָב איך געלייענט אין די צײַטונגען, אַז לעװינסקי איז געפֿערלעך קראַנק. אויף מײַן אָנפֿרעג־דעפּעשע: װאָס מאַכט לעװינסקי? האָב איך באַקומען פֿון מײַנע פֿרײַנט פֿון אָדעס אַ קורצע תשובה:

דאָראָגאָי לעװינסקי סקאָנטשאַלסיאַ.

סך הכל דרײַ װערטער, נאָר די דרײַ װערטער האָבן צוגענומען דרײַ יאָר פֿון מײַנע נישט פֿילע יאָרן, װאָס מיר איז נאָך געבליבן זיך נאַריש צו מאַכן אויף דער דאָזיקער נאַרישער װעלט...

באַם סוף פֿון מײַנע פֿאַרבײַלויפֿנדיקע רשימות גלוסט זיך מיר פֿאָר־שטעלן אין זכרון לעװינסקיס פּאָרטרעט מיט קורצע שטריכן, װײַל איך שרײַב דאָס זייער בחפֿזונדיק און נאָך ליגנדיק דערצו: אַ גרויסער ייִד, אַ ברייטער, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ ברייט שמייכל אויפֿן ברייטן פּנים און מיט ברייטע הענט, װאָס װאָלטן װעלן אַרומנעמען דאָס גאַנצע בינטל ייִדישע שרײַבערס מיטן גאַנצן ייִדישן פֿאָלק און אַריבערכאַפּן זיך אויף אַ װײַלע קיין ארץ־ישראל — אינעם ייִדישן לאַנד — און דאָרטן געבן אַ לעב־אונטער, אָבער טאַקע װאָס לעבן הייסט, דהיינו: אַ גלעזל כּרמל־װײַן, אַ גרויסן העברעיִשן זשורנאַל, אַ גרויסע ייִדישע אַקאַדעמיע,

---

עליכמדיקע, סײַ די פֿאָלקס־װערטלעך, װאָס שלום־עליכם האָט באַאַרבעט אויף זײַן שטייגער — און האָט דאָס געלאָזט אַרויסגעבן אין אַ באַזונדער ביכל. — דאָס מאַנוסקריפּט מיט די װערטלעך געפֿינט זיך בײַ שלום־עליכמס פֿאַמיליע צװישן שלום־עליכמס נאָכגעבלי־בענע שריפֿטן.

אַ שפּאַציר מיט יִידישע טעכטער אַפן הר־הכרמל, און אַ פּאָר אַף די אייַ־
גענע יִידישע באַנען, אומעטום מיט אייגענע יִידישע בופעטן, מיט יִידישע
קיאָסקן, ווּ עס פאַרקויפט זיך כל ספרי מענדעלע מוכר־ספרים מיט כל
שירי ביאַליק — חי געלעבט, אַדנים סלאָוואָם!...

„אַדנים סלאָוואָם” — דאָס איז געווען לעווינסקים פלוגוואָרט, מיט
וועלכן ער פלעגט אויסלאָזן יעדן שמועס און מיט וועלכן עס גלוסט זיך
מיר פאַרענדיקן אויך די דאָזיקע שורות.

נערווי (איטאַליע), ו׳ מרחשון, התרע״א.

געשריבן אין יאָר 1910

מ. מ. וואַרשאַווסקי און זיינע לידער

א.

אַ פּאָר ווערטער צו וואַרשאַווסקים לידער

וווּנדערבאַר איז די געשיכטע פון אונדזער פאָלק ישראל. וווּנדערלעך איז אונדזער ייִדישע ליטעראַטור. נאָר נאָך מער וווּנדערלעך איז די ביאָגראַפיע פון אונדזערע שרייבער, פּאָעטן און משוררים. אייגנטלעך, איז בא אונדז, ייִדן, נישטאָ קיין שרייבער, ווי בא לייטן, דאָס הייסט, נישטאָ בא אונדז אַזעלכע, וואָס זאָלן זיך אָפּגעבן נאָר מיט שרייבעריי אַליין; מע קאָן זאָגן, אַז בא אונדז איז כמעט נישטאָ קיין איינציקער שרייבער, וואָס זאָל לעבן פון דער פען. בא אונדז שרייבט יעדער ווער עס וויל, ניט דער וואָס קען, וואָרעם דער וואָס קען — יענער קאָן נישט שרייבן, מחמת ער איז פאַרטראָגן גאָר אין עפּעס אַנדערש, אין דאגות־פּרנסה, ער זוכט א שטיקל ברויט... דעריבער וואַלגערן זיך בא אונדז אָפּטמאָל טאַלאַנטן, וואָס גייען לאיבוד, ווערן פאַרפאַלן. מע באַדאַרף נישט מיינען פונדעסטוועגן, אַז בא אונדז שרייבט מען חלילה ווייניקער, ווי בא אַלע אַנדערע פעלקער; אַדרבה, צווישן ייִדן געפינט איר אַ סך, אַ סך אַזעלכע, וואָס שרייבן און הערן ניט אויף צו שרייבן, פאַרגיסן טייכן טינט, פירנאַיבער פּאַפּיר און פענעס אומברחמנות, און דרוקן ביכער און ביכלעך אין די טויזנטער. נאָר נישט פון דעם מין שרייבער וויל איך ריידן אַצינד. איך רייד פון די אמתע טאַלאַנטן, וואָס ליגן אין דער פאַרבאָרגעניש, וואָס יאָגן ניט אַרויסבאַווייזן זיך אַף דער ייִדישער וועלט און וואָס מע באַדאַרף זיי זוכן און געפינען.

איינער פון די דאָזיקע טאַלאַנטן איז דער פאַרפאַסער פון „ייִדישע פאָלקס-לידער", מ. מ. וואַרשאַווסקי. דאָס איז אַ נײַער פאַרשוין, אַ גאַסט אין אונדזער פאָלקסליטעראַטור, און פאַרדינט, מע זאָל זאָגן איבער אים און איבער זײַנע לידער עטלעכע ווערטער.

מ. מ. וואַרשאַווסקי איז, ווי דאָס רוב פון אונדזערע שרײַבער, אַ מענטש אַ פּאַרנומענער (ער איז אַ יוריסט), וואָס האָט נישט קיין צײַט אָפּצוגעבן זיך מיט ליטעראַטור; נאָר אַז ער האָט אַ פרײַע מינוט, זינגט ער זיך אַ ייִדיש לידל, זײַן אייגענע אַרבעט, מיט אַ ייִדישער מעלאָדיע, וואָס ווערט באַ אים באַשאַפן אינאיינעם מיט די ווערטער. ער האָט נישט אין זינען געהאַט אַרויסגעבן זײַנע ייִדישע לידער פאַרן פאָלק, און אפילו אָנ־שרײַבן זיי אַף פּאַפּיר, ביז עס האָט זיך געמאַכט, אַז גאָר אומגעריכט, צוריק מיט אַ יאָר דרײַ־פיר, האָבן אייניקע פון זײַנע באַקאַנטע (און איך אויך בתוכם) דערהערט אים זינגען און שפּילן זײַנע ייִדישע לידער — און מיר זײַנען אַלע געווען אַנטציקט. מיר האָבן דערהערט אַ נײַ מין געזאַנג, מיר האָבן דערפילט אַ פריש מין געשמאַק, אַ באַזונדער מין זיסקייט, סײַ אין די ווערטער, סײַ אין דער מעלאָדיע, און מיר האָבן זיך צוגעזעצט צו אים, ער זאָל זיי אַרויפשרײַבן אַף פּאַפּיר. — און פון יענער צײַט אָן קאָן מען שוין הערן וואַרשאַווסקיס לידער זינגען אין אַ סך ייִדישע הײַזער דאָ אין קיעוו, און אויך אין אַנדערע שטעט, וואָס אין אונדזער געגנט. מע זאָל פאַרשטיין אַקוראַט וואַרשאַווסקיס לידער, מוז מען זיי הערן זינגען, וואָ־רעם דאָס זײַנען נישט גלאַט אַזוי שירים, וואָס גראַמען זיך — שטראָם־גראַם; דאָס זײַנען לידער, און לידער פאַרן פאָלק; דאָס זײַנען אַזעלכע לי־דער, וואָס אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ, ווי אין אַ לויטער וואַסער, דאָס גאַנצע לעבן פונעם ייִדישן פאָלק מיט אַלע ייִדישע פריידן און ליידן, ייִדישע צרות, דער ייִדישער דלות, ייִדישע טרערן... וואַרשאַווסקיס לידער זײַנען נישט נאָר קינות, קלאָגלידער אַליין; אדרבה, מערסטנטייל פון זיי זײַנען דווקא פריילעכע, לעבעדיקע לידער, וואָס אפילו אַז זיי הייבן זיך אָן טרויעריק, מיט אַן אומעטיקן מאָטיוו, לאָזן זיי זיך אָפּטמאָל אויס מיט אַ געלעכטער:

אַז מע צאַפּט פון מיר דאָס בלוט אַרויס
און מע מוטשעט מיך פּאַמעלעך,
לאַך איך מיך גוט פון מײַנע שונאים אויס
און גיי מיר גאָר אַ פריילעך!...

נאָר אַז אָך און ווי איז צום געלעכטער! אין דער גאַנצער פריילעכ־קייט הערט זיך אַ געוויין, אין זיין געלעכטער הערט מען טרערן... נאָר וואַרשאַווסקים העלדן האָבן פיינט באַקלאָגן זיך:

ווי פאַרן עמוד
זינגען זיי תמיד...

זיי זיינען, צום מיינסטן, טאַקע גרויסע אָרעמע לייט, נעבעך קבצנים, נאָר פריילעכע קבצנים:

כאָטש איך בין מיר אָרעם ייִדל
און עס דאַרט מיר גוט דער מוח,
שמחת־תורה זינג איך אַ לידל
און מאַך אַ גוטע כוסה אויך!...

זיי זיינען, צום מיינסטן, גרויסע בעלי־בטחון, זיי גלייבן אין גאָט און זיינען מקבל באהבה אַף זיך אַלע צרות, סיי די וואָס פונעם אייבערשטן, סיי די וואָס פון מענטשן, סיי פון פרעמדע, סיי פון אייגענע... זעלטן כאַפּט זיך אַרויס בײַ אים אַ קלאָג, אַז:

בײַ יעדן איז אַ יום־טוב דאָס שטיקעלע לעבן —
בײַ מיר איז דאָס לעבן שוואַרץ ווי די ערד...

זעלטן־זעלטן כאַפּט זיך אַרויס בײַ אים אַ געוויין: „עס זינגט זיך ניט, עס זינגט זיך ניט!"... פאַרקערט, בײַ יעדן אומגליק, בײַ יעדער צרה שלא תבוא, פאַרענטפערט ער דעם רבונו־של־עולם און זאָגט דעם געוויסן „גם זו לטובה":

איך בין קראַנק, איך שפּיי מיט בלוט,
אין בקור־חולים נעמט מען מיך נישט...
איך שטאַרב, איך גיי־אויס, ווי אַ לעכט, —
שאַ! ברידער, גאָט איז גערעכט...

ער רעדט זיך אויס דאָס האַרץ, אַז אַמאָל, ניט היינט געדאַכט, איז געווען אַ סך — אַ סך ערגער, און ער טראָגט נישט קיין שנאה, קיין פאַרדראָס אַף זיינע שונאים; אדרבה, ער וואָלט טרינקען מיט זיי „ברוך־דערשאַפּט":

טייערע מלכה,
געזונט זאָלסטו זיין!
פאַר וועמען זאָל איך טרינקען

דעם דאַזיקן ווײַן? —

— — — — — — — — — — — — — —

איך וואָלט טרינקען פאַר מײַנע שונאים,
נאָר זאָג זיי ניט אוים!

— — — — — — — — — — — — — —

וואַרשאַווסקים העלד איז אַ גרויסער מאמין, און כאָטש די נאַכט איז לאַנג, כאָטש די נאַכט איז פינצטער, גלייבט ער פונדעסטוועגן, אַז אָט־אָט גייט־אויף די זון אין ציון; ער זעט איר שײַן פון דער ווײַטן, ער הערט הימלישע געזאַנגען פון פייגל, וואָס פליִען דאָ און דאָרט:

די הענט שוין אויפגעבונדן,
צעבראָכן ליגט די קייט...
דער גלות איז פאַרשווונדן,
פאַרשווונדן צער און לייד!...

וויבאַלד אַזוי, איז ער דאָך גערעכט, אַז ער זינגט:

וואָס־זשע דאַרף מען, ברידער, אומעטיק זײַן?
ס'איז אַן עבירה, כלעבן, אַ גרויסע —
אמער, טראָגט אַרײַן אַן עמער ווײַן,
לאָמיר מאַכן בעסער אַ כוסה! —
זיך מוטשען און זינגען לידער,
פליעסקעט, פליעסקעט, ברידער!...

וואָס נאָך פאַר אַ סוד ליגט אין וואַרשאַווסקים לידער? — וואָס זיי זײַנען פּראָסט און עכט ייִדיש, נישט געמלאָכהט — און דאָס איז אמתע פּאָעזיע. וועמען פון אונדז איז נישט באַקאַנט דאָס בילד פונעם ייִדישן חדר:

אפּן פּריפּעטשיק ברענט אַ פײַערל
און אין שטוב איז הייס,
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך
דעם אלף־בית...

אָדער ווי געפעלן אײַך, אשטייגער, „שרה און רבקה", די צוויי שוועסטער פון „ראַכמעסטריווקע"? און דאָס בריוול פון אַמעריקאַ, וואָס אַ זון שרײַבט צו זײַן מאַמע און גיט איר אָפּ אַ גרוס פון יעדן באַזונדער:

פון לאהניון און פון דבורהלען, וואָס ווײַזט מיטן גרויסן פינגער אף דער באָבעניוס פּאָטרעט:

אונ מײַן שיינער יונג מײַן סאַני
אַרבעט, גאָלדענע האָט ער הענט!
משהלע זאָגט שוין „מודה אני“,
רחלען וואָלסטו נישט דערקענט...

אָט אַזוי זינגען זיך ייִדישע, באמת ייִדישע פאָלקסלידער! אויך די שפּראַך פון וואַרשאַוסקים לידער איז די אמתע פאָלקס־שפּראַך, אַ פּראָס־טע ייִדישע קאַפּאָטע, נישט געקינצלט, נישט פאַרדײַטשערט פּונקט אַזוי ווי מען רעדט בא אונדז אין אונדזער געגנט. * איך בין רעכט איבערצײַגט, אַז עס וועט גאָר נישט לאַנג געדויערן און וואַרשאַווסקים „ייִדישע פאָלקס־לידער“ וועלן ווערן בא אונדז באמת פאָלקסלידער, וואָס מע וועט זיי קאָ־נען הערן זינגען אומעטום, אין יעדער ייִדישער שטוב, דאָרט ווו מע הערט נאָך אַמאָל אַ ייִדיש וואָרט, דאָרט ווו מע שעמט זיך נישט מיט אונדזער אָרעמער ייִדישער פאָלקסשפּראַך, וואָס מע רופט זי „זשאַרגאָן“...

אויגוסט 1900, קיִעוו.

ב.

די געשיכטע פון וואַרשאַווסקים לידער

(צו דער צווייטער אויפלאַגע)

דאָס איז געווען מיט אַ יאָר פערצן־פופצן צוריק. אין אַ נעשפּרעך מיט אַ געשווווירענעם אַדוואָקאַט אין קיעוו (מ. מ—ר) דערציילט מיר

* מיר בעטן בא די, וואָס די אויסשפּראַך איז בא זיי אַ ליטווישע, זיי זאָלן מוחל זײַן וואַרשאַווסקין די גראַמען: „וווּנדער — קינדער, מוטער — ביטער, בלוט — גיט, צו — פרי, זיס — פוס“, וכדומה אַזעלכע פערזן, וואָס פאַרן ליטווישן לעזער קומען זיי אויס פריקרע. דערפאַר זײַנען מיר מוחל די ליטווישע שרײַבער זייערע גראַ־מען: „שונאים — פּנים“, ווײַל „פּנים“ לייענט זיך בא זיי ווי בא אונדז „שונאים“, אָדער די גראַמען: „אויך — גיך“, ווײַל „אויך“ לייענט זיך בא זיי „עך“ און „גיך“ — „געך“... אויך די מאָס פון די פערזן איז בא וואַרשאַווסקין נישט אויסגעהאַלטן אומעטום גלײַך, ווײַל ער גייט מיט דעם גאַנג, אַז אין לידער איז נישט די מאָס דער עיקר; ער בויט זײַנע לידער אף דער אָרט, ווי עס האָט געשריבן גאָלדפאַדען, וועלכן ער שעצט גאַנץ הויך אַלס פאָלקסדיכטער און האַלט זײַן שרײַבן פאַר אַ מוסטער באָס צונויפלייגן פאָלקסלידער אין זשאַרגאָן.

דער דאַזיקער אַדוואָקאַט אַ מעשה, אַז יענע וואָך איז ער געפאָרן מיט זײַנעם אַ קאָלעגע, אויך אַ געשוווירענער אַדוואָקאַט, מ. מ. וואַרשאַווסקי, פון קיעוו קיין וואַסילקאָוו אין געריכט אַרײַן, האָט אים אָט דער וואַרשאַווסקי דעם גאַנצן וועג געזונגען ייִדישע לידלעך אין „זשאַרגאָן", נאָר אַזעלכע, וואָס צעגייען זיך ממש אין אַלע איברים. באַזונדער איז אים פאַרבליבן אין טעם אַ לידל, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„אוי, מאַכט כאַנצע בולקעס!
אוי, באַקט זי בייגל!"...

— וועמענס לידלעך זײַנען דאָס? ווו קריגט מען זיי און ווו זײַנען זיי געדרוקט?

— זײַנע אייגענע לידלעך, אין ערגעץ נישט געדרוקט. ער אַליין מאַכט די לידער, ער אַליין באַשאַפט די מוזיק צו זיי און ער אַליין זינגט זיי — אַלצדינג אַליין.

— סטײַטש, וואָס־זשע שווײַגט איר? גיט אים אַהערצוצו, אָט דעם פויגל!

און ס'איז געבליבן, אַז אין אַ פרײַען טאָג ברענגט ער מיר אים צו פירן.

דער נאָמען וואַרשאַווסקי איז מיר געווען באַקאַנט פון לאַנג אין קיעוו. דאָס איז געווען אַ געשוווירענער אַדוואָקאַט, אַ טיפ פון יענעם מין געשוווירענע אַדוואָקאַטן, וואָס כאַפּן נישט קיין שטערן, קנאַקן נישט, לאָזן נישט זיך הערן אויף דער וועלט, זיצן זיך שטיל אין זייער קאַבינעט, קוקן לאַנג־לאַנג אַרויס אויף אַ קליענט, נאָר אַז דער קליענט איז געקומען, איז ער שוין זיכער, אַז ער האָט געטראָפן נישט צו קיין אַדוואָקאַט, וואָס קוקט אים אין דער האַנט אַרײַן און שאַצט אים די קעשענע, נאָר צו אַ פרײַנט, צו אַ ברודער, וואָס וועט אים אויסהערן און אַ פרײַנט און באַהאַנדלען ווי אַ ברודער.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע מענטשן פלעגן זיך זייער גאַנץ לעבן, פירן אַ ביטערע מלחמה, קומען קוים־קוים אויס מיטן שטיקל ברויט און ווערן געעלטערט פאַר דער צײַט.

אויף וואַרשאַווסקין איז דאָס אָבער געווען שווער צו דערקענען. דאָס איז געווען אַ פאַרשוין אַ לעבעדיקער, אַן אמתער כתריליק — אַן אָרעמאַן און אַ פריילעכס, און צווישן חברה געשוווירענע אַדוואָקאַטן — די נשמה.

קיין אָוונט, קיין יום־טוב, קיין קערמעשל איז זיך נישט באַגאַנגען אָן מאַרק מאַרקאָוויטשן. וואָרעם מאַרק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי האָט געהאַט אַ באַזונדערן טאַלאַנט אַף צו פרייליך מאַכן דעם עולם מיט זיינע אויסגעצייכנטע הומאָריסטישע עקספּראָמטן אין ריימען, וואָס ער האָט אייך געקאָנט, ווען איר ווילט, צוטראַכטן צו יעדן איינציקן נאָמען, און מיט דער בעסטער כאַראַקטעריסטיק אָפּשילדערן אייך אַ מענטשן אין דריי־פיר ווערטער.

קופּערניק מיט זיינע גלענצנדע רעדעס און וואַרשאַווסקי מיט זיינע עקספּראָמטן־קופּלעטן האָבן געשמט אין שטאָט, אוןביידע זיינען געווען געליבט אין אַלע אינטעליגענטישע קריַיזן פון קיעווער ראַיאָן. נאָר אַז דער זעלביקער וואַרשאַווסקי קאָן אויך יידישע לידלעך מאַכן אין „זשאַר־גאָן" — דאָס איז מיר אַפילו אַף די געדאַנקען נישט געקומען. מע קאָן זיך דעריבער פאָרשטעלן, מיט וואָס פאַר אַ נייַגעריקייט איך האָב אַרויס־געקוקט אַף וואַרשאַווסקין מיט זיינע לידלעך.

די עטלעכע טעג זיינען אַריבער — מע האָט מיר געבראַכט דעם פויגל.

אַ מענטש פון אַריבער פופציק, קורצן וווקס מיט קורצזיכטיקע, נאָר שמייכלענדיקע און אַ סך ריידנדיקע אויגן, גוט געפּאַקט, אָן אָפּגע־טראָגן רעקל מיט אַ ביסל אויסגעריבענע עלנבויגנס, אָן אַלטגעזעסענער שניפּס, אַ גיך גענגל, אַ שיין קול און אַ שטאַרק הילכיקער געלעכטער — אָט דאָס איז וואַרשאַווסקיס פּאָרטרעט.

דער גאַסט האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן, זיך אוועקגעזעצט צום פּאָרטעפּיאַן און גענומען זינגען און זיך אַליין אַקאָמפּאַנירן זיינע שיינע לידער מיט אַזוי פיל הומאָר און געפיל און מיט אַזאַ שיינער, הארציקער שטימע, אַז איך האָב אים פּשוט אַרומגעכאַפּט קושן:

— גזלן! פאַר וואָס לאָזט איר נישט אָפּדרוקן די דאָזיקע לידער? ווען איך זאָל נישט וויסן, אַז דאָס זיינען אייערע אייגענע, וואָלט איך גע־מעגט שווערן, אַז איך האָב זיי אַמאָל געהערט זינגען פון מיין מאַמען!

אַזוי פיל פאָלקסטימלעכקייט האָט זיך געפונען אין די ווערטער און אַזוי פיל פּראָסטקייט אין זייערע מעלאָדיעס!

דער געדאַנק פון לאָזן דרוקן די לידער איז אָבער געווען פון וואַר־שאַווסקין אַזוי ווייַט, אַז ער האָט גאָרנישט געוואָלט הערן דערפון. און

דערצו האָט ער זיך מודה געווען, אַז כאָטש ער האָט אַמאָל געשטודירט אין דער ראַבינער־שול (אין זשיטאָמיר), האָט ער ייִדישקייט געלערנט אַזוי ווינציק און פֿאַרגעסן אַזוי פֿיל, אַז ס'איז אים שווער אַפֿילו אָנצו־שרײַבן זײַנע לידער אויף פּאַפּיר.

קעגן דעם האָט זיך אָבער געפֿונען אַ מיטל — און מיר האָבן אים גענומען אַטאַקירן פֿון אַלע זײַטן אַזוי לאַנג, ביז מע האָט בײַ אים גע־פּועלט, ער זאָל מיר דיקטירן דעם טעקסט, און פֿאַר אַ מוזיקער — די נאָטן, און דער ערשטער באַנד וואַרשאַווסקיס לידער איז למזל צונויפֿגע־שטעלט געוואָרן, און מע האָט זיך גענומען זיי אַרויסגעבן על חשבון החברה פֿון קיעוו.

יענע צײַט איז געווען די צײַט פֿון „ציוניזם": ציוניסטישע אָוונטן, פֿאַרזאַמלונגען און דיסקוסיעס. און אַזוי ווי די פֿאַרזאַמלונגען זײַנען באַשטאַנען פֿון סאַמע הייסע דעבאַטן און טרוקענע — אָפּטמאָל אַביסל צו טרוקענע — רעדעס, האָט מען זיך שטאַרק געניטיקט אין אַ פֿאַר־בײַסעכטס, אין אַ מין קאָמפּאָט — „פּאור לאַ באָן באוש", ווי דער פֿראַנצויז דריקט זיך אויס.

דער דאָזיקער קאָמפּאָט איז געווען די ערשטע צײַט שלום־עליכמס „מעשׂיות", און דערנאָך איז צוגעקומען אויך וואַרשאַווסקיס לידער.

ס'איז כמעט נישט אַוועקגעגאַנגען איין אָוונט, איין ציוניסטישע פֿאַרזאַמלונג, מע זאָל אונדז נישט שלעפּן פֿון „קרעשטשאַטיק" אויף „פּאָ־דאָל" און פֿון „פּאָדאָל" אויף „קרעשטשאַטיק". איך האָב געמוזט עפּעס פֿאָרלייענען, און וואַרשאַווסקי האָט געמוזט עפּעס זינגען — און נישט „עפּעס" זינגען, נאָר טאַקע אַ סך זינגען! אַלצדינג, וויפֿל ער האָט פֿאַר־מאָגט, האָט ער געמוזט אויסזינגען, גאָר אָן אַ שום תּירוץ, — כאָטש נישט מײַן לייענען, נישט וואַרשאַווסקיס געזאַנג האָבן זיך אָנגעקערט מיטן ציוניזם. ס'איז שוין אָבער געוואָרן אַזאַ רגילות — פֿאַרפֿאַלן! אָנגערעדט זיך ווי די פֿויקן און אָנגעגעסן זיך מיט דעבאַטן, האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ טישל, צונויפֿגערוקט די בענקלעך, אַוועקגעזעצט שלום־עליכמען אויבנאָן, און די ערנסטע פֿאַרעסקטע פּנימער האָבן שוין באַ־צײַטנס, אויף קרעדיט, געשענקט אַ שמייכל, און ס'איז אַרויס אויף דער סצענע כתרילעווקע, און דער עולם האָט זיך געפֿילט גאַנץ יום־טובדיק.

נאָר דער אמתער יום־טוב האָט זיך אָנגעהויבן ערשט דעמאָלט,

אז ווארשאווסקי האָט זיך אוועקגעזעצט באַם ראַיאָל. באַלד נאָך די ערשטע צוויי־דריי לידער האָבן אָנגעהויבן פֿליִען באַשטעלונגען פֿון אַלע זײַטן, ווי פֿון געבעטענע בעלי־בתּים אויף אַ חתונה:

— „טײַערע מאַמע“!

— „אַ גוט מאָרגן, יענקעלע“!

— „תּנחום דער טרובאַטש“!

— „די מיזינקע“! „די מיזינקע“!

— „שמחת־תּורה“! „שמחת־תּורה“!

און דער גוטער ווארשאווסקי, וואָס האָט נישט געוווּסט וואָס הייסט אָפּזאָגן, אַז יענער וויל, האָט אויסגעהערט אַלע בעלי־בתּים און מיט פֿאַר־געניגן געגעבן יעדן בעל־הבית, וואָס ער פֿאַרלאַנגט, נעבעך גוט געשוויצט, גלײַך ווי מע וואָלט אים געצאָלט דערפֿאַר מי יודע וויפֿל!

נישט איין מאָל, גייענדיק פֿון די אַסיפֿות באַנאַכט צו־פֿוס (אויף צו באַשטעלן פֿאַר די אומזיסטע „אַרטיסטן“ אַ פֿאַיעטאָן — דערויף איז קיינער נישט געפֿאַלן), האָט ער מיר מיט זײַן הילכיקן גוטמוטיקן געלעכ־טער איבערגעגעבן און באַוויזן, אַז דאָס העמד איז אויף אים „פּיטש־נאַס“.

— כאַטש אויסצודרייען, אַ רוח אין זייער פֿאָטער און מוטער אַרײַן, כאַ־כאַ־כאַ!

נאָר אָט איז געקומען די צײַט, ער זאָל שוין אַמאָל דערלעבן נחת אויך. עס איז אַרויס מיט גאָטס הילף דער באַנד מיט לידער (לערך מיט אַ יאָר צען צוריק), געדרוקט אין קיעוו בהשתּדלות פֿון פֿרײַנט און ציור־ניסטן. און מחמת די לידער זײַנען שוין געווען באַקאַנט פֿון אַ סך פֿריִער, האָט מען די ערשטע טויזנט ביכלעך צעכאַפּט ווי מצה־וואַסער, נישט איבערגעלאָזט אפֿילו אויף אַ רפֿואה.

מאָלט אײַך, קיין גרויסע גליקן האָט דער מחבר באַ דעם געשעפֿט נישט געקאָנט מאַכן. ער איז געווען גליקלעך, וואָס זײַנע פֿרײַנט האָבן געדעקט די קאָסטן. אַ בעלן אויף אַרויסצוגעבן די צווייטע אויפֿלאַגע האָט זיך עפּעס נישט געפֿונען. אַ קונה, וואָס זאָל באַצאָלן דערפֿאַר דעם „מחבר“ עטלעכע הונדערטער במזומן — אוודאי נישט (פֿאַר זשאַרגאָנישע ליד־לעך מזומן געלט?). אַליין אַרויסגעבן דאָס ביכל — האָט ווארשאווסקי נישט פֿאַרמאָגט קיינמאָל אַזאַ גרויסן קאַפּיטאַל. סײַדן מיט דער צײַט,

אז דער איבערשטער וועט רחמנות האָבן?... גאָט, אז ער וויל, קאָן ער!...

דערפאַר האָט ער אָבער געהאַט כבוד — אַ יובילײ!

איך מאַך נישט קײן שפּאַס: מיר האָבן אים געפּראַוועט אַ יובילײ.

אַזוי האָט דאָס טאַקע געהײסן: „דער אַנדערהאַלבן־יאָריקער יובל פון וואַרשאַווסקיס לידער".

דאָס האָט באַדאַרפט הײסן: אַזוי ווי אַנדערהאַלבן יאָר האָבן זיך וואַרשאַווסקיס לידער בהשתדלות פון פּרײַנט און ציוניסטן געדרוקט און זײַנען מיט גאָטס הילף אין אַ גוטער שעה אַרויס פון דרוק — איז אַ גוט יום־טוב אײַך, ייִדן!

דעם יובל האָט מען „געפײַערט" טאַקע בײַ מיר אין שטוב. פּורים איז דאָס געווען (אויב איך האָב קײן טעות נישט), נאָך דער סעודה.

אַ יום־טוב איז דאָס געווען דווקא אַ פרײלעכער, מיט טאָסטן און מיט רעדעס.

סאַמע אין מיטן יום־טוב האָבן זיך אַרײַנגעריסן אַ בינטל קיעווער סטודענטן, יונגע לײַט וואַרעמע, היציקע, ייִדיש בלוט, און מע האָט געמאַכט אַ כוסה, און מע האָט געהויבן אַ טאָסט, און מע האָט גערעדט אַ רעדעניש, און מע האָט געלויבט דעם מחבר אין טאָג אַרײַן, געבענטשט אים מיטן נאָמען: „דער ייִדישער בעראַנזשע", און מע האָט געכאַפּט אַ רקודל מיטן בעל־היובל און מיטן בעל־הבית, און מע האָט געטאַנצט און מע האָט געזונגען — חי־געלעבט!

ווי נאָר ס'איז אויספּאַרקויפט געוואָרן דאָס ביכל, איז דער נאָמען פון וואַרשאַווסקיס לידער גיך געוואָרן מפורסם נישט נאָר אין קיעוו און אַרום קיעוו, נאָר ווײַט־ווײַט איבערן גאַנצן לאַנד איז כמעט נישט געווען די ייִדישע שטוב, ווו מע זאָל נישט ווײסן צו זינגען דעם „אלף־בית". און דער קול, אַז דער פּאַרפּאַסער אַלײן זינגט זײַנע לידער פאַרן עולם אין קיעוו, האָט דערגרײכט אויך אין אַנדערע שטעט, און מיר האָבן בײדע אָנגעהויבן באַקומען זײער פרײַנטלעכע אײַנלאַדונגען פון אַ סך גרויסע און קלײנע שטעט, מיר זאָלן קומען לוסטיק מאַכן דעם עולם — איך מיט מײַנע „מעשיות", וואַרשאַווסקי מיט זײַנע „לידלעך"... אַז דאָס לעבן איז ליב, איז די וועלט הפקר!

דאָס איז געווען די גליקלעכסטע צײַט, קאָן מען זאָגן, דער סאַמע

פרילינג פון וואַרשאַווסקיס לעבן. איך געדענק אַזוי ווי הײַנט דעם חשבון, וואָס ער האָט מיר געמאַכט פון אונדזער ערשטן טורנע איבערן לאַנד.

— צו למ"ד אַלפים! — האָט ער מיר געזאָגט מיט זײַן הילכיקן געלעכטער, — צו למ"ד אַלפים דאַרף אונדז איבערבלײַבן ריינע, אַ רוח אין זייער פאָטער און מוטער אַרײַן!

— און דערנאָך וועלן מיר אַריבערשווימען דעם ים — האָט ער גענומען פאַנטאַזירן ווײַטער — און מאַכן אַ רײַזע איבער אַמעריקע, און דאָרטן וועלן מיר איבערקערן די וועלט!...

נאָר דער וועלט איז, אַפּנים, באַשערט געווען, זי זאָל נישט איבער־געקערט ווערן. וואָרעם פון אונדזער גאַנצער נסיעה און נאָך אַלע אײַנ־לאַדונגען זײַנען מיר דערווײַלע געווען נאָר אין צוויי סאַמע נאָענטע שטעט: אין ביעלאָצערקאָוו און באַרדיטשעוו — און וויי־וויי, וואָס ס'האָט זיך געטאָן; עס האָבן געשוויצט די ווענט! עס האָט געקאַפּעט פון דער סטעליע! אַ דערשטיקעניש!

אמת, צו למ"ד אַלפים איז נאָך געווען גענוג ווײַט („למד" איז געווען, נאָר די „אַלפים" האָבן געפעלט). מיר האָבן אָבער געהאַט פאַר זיך אַ גאַנצע וועלט. שוין געווען צוגעגרייט פאַר אונדז אַן אָוונט אין יעקאַטערינאָסלאַוו, און פון דאָרטן האָבן מיר באַדאַרפט פאָרפאָרן קיין אָדעס, און ווײַטער, און נאָך ווײַטער. האָט זיך גאָט אַרײַנגעמישט און ס'האָט זיך געטראָפן אַ מעשה:

געקומען קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, האָב איך געפונען אַ דעפעש בסך־הכל פון דרײַ ווערטער:

„וואַרשאַווסקי געפערלעך קראַנק"...

און ווען טרעפט זיך אַזאַ זאַך? וועט איר האָרכן, ס'איז כדאי צו וויסן.

כל ימיו האָט זיך וואַרשאַווסקי נעבעך געראַנגלט מיטן דלות, ווי אַן אמתער העלד, חלילה נישט אַרויסבאַווייזן קיינעם, אַז ער און זײַן פאַמיליע (אַ ווײַב און אַ טאָכטער) לײַדן נויט. נאָר גראָד אויף דער עלטער, שוין צו עטלעכע און פופציק יאָר, געפעלט עפּעס אַן אײַזן־קאָמפּאַניע פון דאָנער באַסיין, חלילה נישט קיין ייִדן, נאָר בעלגיער קריסטן, מע זאָל אַראָפּברענגען צו זיך אין דער קאַנטאָר, אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובער־ניע, אַלס פּראָקוריסט, אַן אָנשטענדיקן, אַן אָרנטלעכן יוריסט פון קיעוו,

ער מעג זײַן אַ ייִד. און ווו קאָן מען קריגן אַ מער אָנשטענדיקן און מער אָרנטלעכן מאַן, ווי מ. מ. וואַרשאַווסקי?

און אָט אַזוי איז אונדזער וואַרשאַווסקי פּלוצעם מיטאַמאָל נתגדל געוואָרן, באַקומען אַ שטעלע פון שיינע עטלעכע טויזנט רובל אַ יאָר גע־האַלט, מיט אַ דירה, מיט אַלעם גרייטן, מיט אַ פאַיעטאָן און מיט פערד — אַז מע שמועסט פון כל טוב!

וואָס טוט גאָט? זאָגט ער, אַז אָנשטענדיקע און ערלעכע לײַט דאַרף ער אַליין האָבן. און וואַרשאַווסקי ליגט זיך אַוועק, מוטשעט זיך פריִער אַף העכער אַ יאָר אין אוממענטשלעכע לײַדן — און דער ייִדישער בע־ראַנזשע שטאַרבט אַוועק עלנט און פאַרגעסן פון דער גאַנצער וועלט און לאָזט איבער אַ פאַמיליע אָן שום מיטלען צום לעבן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואַרשאַווסקי איז געשטאָרבן, און זײַנע לידער האָבן אָנגעהויבן ווערן וואָס ווײַטער אַלץ מער פּאָפּולער אינעם ייִדישן פאָלק, בײַ אונדז, אין דער „טשערטאַ״, און אויך ווײַט־ווײַט, הינטער דער „טשערטאַ״. נישט נאָר בײַ אונדז, נאָר אין אויסלאַנד, אין אַמעריקע און נאָך ווײַטער פון אַמעריקע אויך.

אַף אַלע ייִדישע קאָנצערטן טרעטן־אַרויס קינסטלער, וואָס זינגען אויסגעצייכנט וואַרשאַווסקיס לידער, נאָר דער אַנטיק דערבײַ איז, וואָס בײַ די לידער און אַף די אַפישן ווערט זייער זעלטן (כמעט קיינמאָל נישט) דערמאָנט דער נאָמען וואַרשאַווסקי.

נאָך מער: נישט לאַנג איז מײַנער אַ חבר, אַ ייִדישער שרײַבער פון וואַרשע, געווען אין אַדעס אַף אַ ייִדישן קאָנצערט און איז נתפּעל געוואָרן, ווי אַזוי אַן אַרטיסטן האָט געזונגען אַ ייִדיש „פאָלקסליד״:

שטאַרקער! שטאַרקער!
רײַסט די סטרונעס, רײַסט אַף צוויי —
די מיזינקע אויסגעגעבן!״

בײַ דעם ייִדישן שרײַבער איז וואַרשאַווסקיס ליד אַ „פאָלקסליד״. און דער נאָמען וואַרשאַווסקי איז נישט דערמאָנט בײַ אים!

ווער ווייס? אפשר איז דאָס אַ מעלה? אפשר איז דאָס אַן אידעאַל, וואָס יעדער פּאָעט מעג זיך ווינטשן אַזאַ פּאָפּולאַריטעט צו דער־גרייכן?

מע זאָגט, אַז דאָס ליד „לאָרעליי", וואָס אַלע קענען, ווייסן נישט אַלע, אַז דער מחבר פון דעם איז היינע.

דער נאָמען פון יענעם פראַנצויז, וואָס האָט באַשאַפן די „מאַרסעליעזאַ", ווייס אַוודאי איינער פון טויזנט, אָדער פון צענטויזנט, אַז ער איז רוזשע דע־ליל.

אָדער אַ סך ציוניסטן ווייסן נפתלי הערץ אימבער, דעם, וואָס האָט געמאַכט דעם „עוד לא אבדה תקותנו"?

בעת איך האָב געשריבן מיין הקדמה צו דער ערשטער אויפלאַגע פון וואַרשאַווסקיס לידער, האָט זיך מיר פאַרוואָלט זאָגן נביאות, אַז ס'וועט נישט נעמען קיין סך צייט און וואַרשאַווסקיס לידער וועלן ווערן עכטע פאָלק־מאָטיוון, געזונגען פון פאָלק בכל תפוצות ישראל.

איך האָב נישט געוווּסט, אַז מיין נביאות וועט גרייכן אַזוי ווייט, אַז די דאָזיקע לידער וועלן ווערן אַזוי פאָלקסטימלעך, אַז זיי וועלן טאַקע קענען אַלע, לאַנג־לאַנג, כל זמן עס וועט געזונגען ווערן אַ יידיש ליד, נאָר דעם פאַרפאַסער וועלן נישט אַלע קענען, און דער נאָמען וואַרשאַווסקי וועט פאַרגעסן ווערן, גלייך ווי ס'איז גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט קיין וואַרשאַווסקי נישט געוועזן...

נערווי, 20טן פעברואַר, 1914.

אַ וואָך מיט י. ל. פּרץ

פּאַראַיאָרן פּסח איז דאָס געווען.

נאָך אַ שווערער שלאָפּקייט און נאָך אַ לאַנגער קוראַציע אין די וואַרעמע לענדער, בין איך געקומען קיין וואַרשע. אַ סך פריינט און גוטע פריינט האָבן מיך אָפּגעוואַרט אַפן באַנהויף, און צווישן אַלע פּרץ און דינעזאָן.

ווער עס האָט געקענט פּרצן, האָט זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן פּרצן אָן דינעזאָנען. אַ רירנדע חברשאַפט! אַ מאָדנע ליבשאַפט! און ניט פון נעכטן איז דאָס געווען, און ניט פון פאַראַיאָרן. נאָך מיט אַכט און צוואַנציק יאָר צוריק, אַז איך האָב געהאַלטן באַ אַרויסגעבן מיין ערשט יאָרבוך „די יידישע פאָלקסביבליאָטעק" און פּרץ האָט מיר צוגעשיקט קיין קיעוו זיין באַלאַדע „מאָניש", איז תיכף נאָך פּרצעס בריוו אָנגעלאָפן אַ בריוול פון וואַרשע, פון דינעזאָן, ווו ער פרעגט זיך נאָך אַף דעם „אויפגייענדן שטערן", און אַז איך האָב איר געענטפערט, אַז איך בין פון דער באַלאַדע אַנטציקט און אַז דער אויטאָר שיינט צו זיין אַ גרויסער טאַלאַנט, איז קיין מער גליקלעכער פון דעם דינעזאָן אַף דער וועלט ניט געווען. ער, דינעזאָן, ניט פּרץ, האָט מיר שוין צוגעשיקט נאָכדעם אַ גאַנצע „טעטראַד" מיט קליינע דערציילונגען פון י. ל. פּרץ, פון וועלכע ס'איז גרינג געווען אויסצוקלייבן און אָפּצודרוקן אַזעלכע זאַכן, ווי דער „בעלעמער מלמד", „ווענוס און שולמית" און דאָסגלייכן. פון דעמאָלט אָן און ווייטער איז אַלץ, וואָס פּרץ האָט אַרויסגעוואָרפן (איך וועל שפּעטער זאָגן פאַרוואָס איך באַנוץ דאָס וואָרט „אַרויסגעוואָרפן"), איז דאָס געגאַנגען דורך דינעזאָנס הענט.

אַז דינעזאָן איז געווען זיין ביזנעס־סעקרעטאַר, ווי עס הייסט באַ

אײַך, אָדער פינאַנץ־מיניסטער, ווי מיר האָבן אים, בדרך ליצנות, גערופן — פון דעם איז אָפּגערעדט, וואָרעם אין געלט־זאַכן איז פּרץ געווען, לויט דינעזאָנס אָפּשאַצונג, ערגער פון אַ קינד, אַ קינד, וואָס דאַרף האָבן אַ מאַמע. און אין דינעזאָנען האָט פּרץ געפונען אַ מאַמע, אַ געטרײַע, איי־בערגעגעבענע מאַמע, וואָס איז גרייט געווען זיך מוסר־נפש זײַן פאַר אים אַלע מינוט. און גאָט זאָל אײַך היטן זאָגן אַ שלעכט וואָרט וועגן פּרצן אין דינעזאָנס קעגנוואַרט! און נישט נאָר זאָגן — טראַכטן שלעכטס וועגן פּרצן האָט שוין געהייסן אַ באַליידיקונג, אַ פאַרשוועכונג. די וואָרשעווער לצים אַפילו האָבן זיך געוויצלט איבער דעם, און דינעזאָן האָט געוווּסט, אַז לצים וויצלען זיך, און האָט זיך געמאַכט דערפון: „דערויף זײַנען זיי לצים, זיי זאָלן זיך וויצלען". ער האָט געטאָן זײַן זאַך באמונה, נישט געלאָזט קיין שטויב זאָל אַף אים פאַלן. און טאָמער האָט ער געזען בײַ עמעצן אַ שיינס, און טאָמער האָט איר אים דערציילט עפּעס אַ גוטע זאַך, האָט ער זיך באַלד דערמאָנט, אַז בײַ פּרצן איז אַ סך בעסער. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז בשעת פּרץ איז פאַרגאַנגען מיט אַ נײַער זאַך, האָט מען דאָס געקאָנט אַרויסזען אַף דינעזאָנס פּנים, און אַז פּרץ האָט די נײַע זאַך אָנגעשריבן, האָט דינעזאָנס פּנים געשײַנט ווי די זון.

די בעסטע אילוסטראַציע דערצו איז אַ בריוו פון פאַר־צוויי־יאָרן. די ערשטע העלפט איז פון י. ל. פּרץ, די אַנדערע העלפט פון יעקב דינעזאָן, וואָס קוועלט אָן פון זײַן ליבן, טײַערן פּרץ, און, ווי אַ פאַרליבטע מוטער, האָט ער איבערגעציילט אַפילו די שורות — גאַנצע זעקס שורות מיט אַ האַלבע — „אַ גבורה פון אַ ייִדן!"...

אָט האָט איר דעם בריוו:

„12—1, 1913.

„ליבער, ליבער שלום־עליכם,

איך בין בטבע אַ פײַנט פון בריוו־שרײַבן. אָבער דײַן צושריפט צו דינעזאָנס בריוו האָט מיך שרעקלעך גערירט. וואָס זאָל איך דיר אָבער שרײַבן? איך לעז אַלץ וואָס דו שרײַבסט, אַפילו וועגן אונדזער באַקאַנטן פ... איך לעז און באַוווּנדער... איך וואָלט זייער געוואָלט, דו זאָלסט געזונט ווערן. זײַ געזונט!

דײַן, י. ל. פּרץ".

„וואָס זאָגט איר, אפשר ניט אַ גבורה פון אַ ייִדן? גאַנצע זעקס אַ

האַלב שורות אויפשרײַבן, שוין מיט דער אונטערשריפט! און גלייבט מיר, ליבער שלום עליכם, ווער עס קען פּרצן ווייס, אַז דאָס איז באמת זיך אָנ־געטאָן אַ כח פון זײַן זײַט. געדענקט־זשע, זעט וואָס גיכער פּאַלקאָם געזונט צו ווערן. האָפט און ווילט אין גיכן צו אונדז אין ווארשע צו קומען. עס האַלט באָם געבוירן ווערן בײַ מיר אַ פּלאַן. מיר, דאָס איז טײַטש: איר, פּרץ און איך, זאָלן מיר פאָרן קיין ארץ־ישראל, אַ קוק טאָן, אַ טראַכט טאָן און אַ דערצייל טאָן פון דאָרט אַלץ, וואָס מיר וועלן מיט אונדזערע אויגן דאָרט זען בחוש און מיטן הארצן דורכפילן, טרעטנדיק אויף די ערד, פון וועלכער מיר שטאַמען, אין וועלכער עס זײַנען באַהאַלטן אַלע אונדזערע גײַסטיקע וואָרצלען, און צו וועלכער אונדזערע תפילות און האָפענונגען זײַענען געווענדעט.

איך בעט אײַך, ווערט באַלד געזונט! חוץ אַלץ וויל איך גלאַט אַזוי אויך נישט, איר זאָלט קראַנק זײַן — טאָ זײַט־זשע בעסער געזונט, כאָטש מיר און פּרצן צוליב. אונדז טוט וויי, אַז איר שרײַט נעבעך פון יסורים. אונדז קלעמט דאָס האַרץ, אַז מיר דערמאָנען זיך, ווי איר פילט אײַך אַצינד, דעריבער ווילן מיר, דעריבער בעטן מיר אײַך, טוט אונדז צוליב און ווערט טאַקע באַלד באמת געזונט און שטאַרק.

דאָס האַרץ אונדזערס בעט אויך גאָט אַ רפואה שלמה פאַר אײַך, פאַר אײַער פרוי און ליבע טײַערע קינדער. צום גיכן זען זיך געזונטערהייט,

אײַער י. דינעזאָן".

ווי איר זעט פונעם בריוו, איז נאָר איין ווונטש געווען בײַ זיי ביידע — איך זאָל זײַן געזונט. דאָס פאָרן מיט זיי אין דרײַען אין ארץ־ישראל — דאָס, דאַרף מען פאַרשטיין, איז געווען מער ניט אַז אַ לעקעכל, ווי מען זאָגט צו אַ קראַנק קינד. דער עיקר — איך זאָל געזונט ווערן — „כאָטש מיר און פּרצן צוליב"... און איך האָב זיי צוליב געטאָן — איך בין גע־זונט געוואָרן און געקומען צו פאָרן אויף די אַנדערע טעג פּסח קיין ווארשע און אַרײַנגעפאַלן אין די ברייטע געזונטע אָרעמס פון דעם ריז י. ל. פּרץ און אין די קליינע דאַרע הענטלעך פונעם קליינטשיקן גוטינקן אייביק־פאַרליבטן יעקב דינעזאָן — און מיט די צוויי האָבן מיר זיך שוין נישט געשיידט אַ וואָך כּסדר. ווי אַרום אַ ציטעריק קינד, זײַנען זיי די גאַנצע צייט אַרומגעגאַנגען אַרום מיר, געהיט, איך זאָל מיך, חס ושלום, נישט פאַרקילן. אַזוי ווײַט, אַז אַפן רעספּשאַן, וואָס דער „הזמיר" האָט מיר

געגעבן (פרץ איז געווען דער פרעזידענט פון „הזמיר”), האָט פרץ נישט געלאָזט מיך זיצן מער ווי עטלעכע מינוט, כאָטש ער אַליין איז געווען דער רעדנער פון מײַן כבוד וועגן, — און וועלכער רעדנער וויל עס ניט, מע זאָל אים הערן?... ס'איז אָבער געווען ענג און היים, „ א ו ן ד ע ר איז בא אונדז א ציטעריקער, אן אפגע־ שריגענער” — אַזוי האָט געטענהט פרץ, אַנווײַזנדיק אַף מיר מיט אמתער ליבשאַפט פון אַן עלטערן ברודער.

איך שטרײַך אונטער די דאָזיקע ווערטער מיט אַ באַזונדער כוונה, ווײַל ווער עס האָט געקענט פרצן פערזענלעך, דער ווייס, אַז ער איז געווען ווײַט פון סענטימענטן, פונקט דער היפך פון זײַן מאַמע דינעזאָן, וועלכער איז אַ מאַמע צו אַלע שריפטשטעלער, צו די עלטערע ווי צו די ייִנגערע. פרץ איז געווען צײַטנווײַז קאַלט ווי אײַז, שטרענג ווי אַ רבי און שנײַדנד ווי אַ מעסער. „שטיוול פוצן”! — האָט ער געקאָנט געבן אַ שנײַד־אָפּ אַ יונג אַ גראַמענמאַכער, וואָס איז געקומען צו אים מיט אַ „בינטל פּאָעזיע”, אַזוי אַז יענער האָט נישט געוווּסט ווו אַ טיר עפנט זיך. און צוריק, האָט ער אָנגעשמעקט, אַז ס'איז דאָ אַ טאַלאַנט — האָט ער אים אויפגעהויבן ביז צום הימל און האָט אָנגעזאָגט דורך דינעזאָנען אַ בשורה אין שטאָט, אַז ס'איז געבוירן געוואָרן בײַ ייִדן אַ שעקספּיער, אַ ישעיה הנביא, אַ משיח!... איך מיין, אַז איך האָב קיין טעות נישט, אַז דאָס ער־ שטע ווערק, וואָס שלום אַש האָט אָנגעשריבן, איז דורכגעגאַנגען פאַרבײַ פרצעס אויגן, און אַז פרץ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געזאָגט אַף שלום אַש, אַז ער איז ש ל ו ם א ש ...

דאָס אייגענע איז געווען אויך מיט אַנדערע, מיט די ייִנגערע. און פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אָפּטמאָל געהאַט אַ מיאוסן טעות אויך. ניט אַלע פורים איז יום־טוב, און נישט אַלע תמיד ווערט געבוירן אַ שלום אַש. פרץ האָט זיך אָבער ווינציק־וואָס געקימערט פון אַזעלכע זאַכן — אויסגע־ לאַכט זיך און פאַרגעסן. פרץ איז בכלל געווען אַ נאַטור, וואָס האָט פײַנט געהאַט קליינלעכקייטן. אַ ברייט וואָרעם האַרץ, אַ קאָלאָסאַלער קאָפּ, אַ מענטש אַ ריז — אָט דאָס איז געווען דער איינדרוק, וואָס ער האָט גע־ מאַכט; און דער עיקר — אַ פּקח, מיט אויגן פון אַ תלמיד־חכם, טיפע, בליצנדיקע, גרויסע אויגן, אַ ברייטער בליצנדיקער קוק און אַ מויל, וואָס פּערלט, געדאַנקען, וואָס ברויזן, זעצן ווי פון אַ קוואַל, און ווערטער

אַזעלכע שיינע און אַזעלכע געפּליגלטע, אַז ס'איז נאָר געווען אַ וווּנדער,
פֿון וואַנען נעמען זיך צו אונדזער אַזוי־גער.פֿענער „אָרעמער שפּראַך"
אַזוי פֿיל פֿײַנע קיילעכיקע פֿערלדיקע ווערטער?

איך האָב געקענט פּרצן אַ סך מיט יאָרן, נאָר איך האָב אים קיינמאָל
ניט געזען אַזוי פֿריש און בליִענד און גלענצנד, ווי פֿאַראַיאָרן פּסח, אין
דער וואָך, וואָס מיר האָבן פֿאַרבראַכט אינאיינעם. גלײַך ווי דאָס האַרץ
האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז אונדזער לעצטע וואָך, האָט ער זיך צו
מיר באַזונדערס צוגעלאָזט, גענומען אַ באַזונדערן אינטערעס אין מיר און
אַנטפּלעקט פֿאַר מיר זײַן האַרץ, די קדשי־קדשים פֿון זײַן נשמה, גערעדט
פֿון נײַע שאַפֿונגען... וואָס מיך האָט איבעראַשט — איז די גלײַכגילטי־
קייט, מיט וועלכער ער האָט אויסגעהערט מײַן קריטיק איבער זײַנע מיס־
טישע פּאָעמען אין דער לעצטער צײַט. איך האָב אים גאַנץ אויפֿריכטיק
אַרויסגעזאָגט מײַן מיינונג וועגן דער „גאָלדענער קייט"; איך האָב אים גע־
זאָגט, אַז איך וועל אָוועקגעבן צען „גאָלדענע קייטן" פֿאַר איין מעשהלע
פֿון זײַנע „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן". האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַ
געשמאַקן הילכיקן געלעכטער: כאַ־כאַ־כאַ — דינעזאָן זאָגט אויך דאָס
איינענע!"

דאָס איז די „גאָלדענע קייט", וועלכע פּרץ האָט עטלעכע מאָל אי־
בערגעניצעוועט — גאָרנישט פּרצעס טבע. פּרץ האָט פֿײַנט געהאַט, ווי,
למשל, דער זיידע מענדעלע, זאָל מאַריך ימים זײַן, אַז ער שרײַבט אָן אַ
זאַך, צאַצקעט ער זיך מיט דעם, פֿײַלט דאָס און פּוצט דאָס איבער עט־
לעכע מאָל, איידער ער לאָזט דאָס אַרויס פֿון דאַנט, און אַז ער לאָזט דאָס
אַרויס, ציטערט ער איבער דעם, ווי איבער אַ טײַער קינד, שפּיגלט זיך אין
דעם, זוכט חסרונות, גלעט דאָס אויס נאָך אַ מאָל — אַזוי שאַפֿט דער
זיידע מענדעלע און אַזוי שאַפֿן אייניקע פֿון זײַנע אייניקלעך... נאָר ניט
אַזוי האָט געשאַפֿן פּרץ. מיט אַן אומגעהײַערער שנעלקייט, אַבי ס'איז
אים נאָר געקומען דער רוח־הקודש, האָט ער אַרויסגעוואָרפֿן איין נאָוועלע
נאָך דער אַנדערער, און צום ערשטן זײַנען ייִ, פֿאַרשטייט זיך, דורכגע־
לייענט געוואָרן פֿאַר יעקב דינעזאָן, און יעקב דינעזאָן האָט געפֿונען, אַז
אַזעלכעס איז נאָך נישט דאָ געווען. דאָס האָט ער שוין פֿאַרשפּאָרט זאָגן.
דאָס האָט מען שוין געקאָנט זען אין ייִנע אויגן.

גאָרנישט קוקנדיק דערויף, וואָס איך האָב מיך אַזוי וואַכעדיק אויס־

געדריקט וועגן זיין ליבלינג די „גאָלדענע קייט", האָט זיך פּרץ גאַנץ אָפנ־האַרציק מודה געווען פאַר מיר, אַז ער האַלט, אַז דאָס איז די בעסטע פון אַלע זיינע שאַפונגען, און אַז ער וועט דאָס, מיר און דינעזאָנען אף צו־להכעיס, איבעראַרבעטן נאָך אַ מאָל, ביז עס וועט אַרוים אַ כלי שלמה. און תוך־כדי־דבור איז ער אַריבערגעשפּרונגען אף מיר און אף מיינע אַר־בעט מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט און אינטערעס, גלייך ווי ער וואָלט גע־רעדט פון זיינע אייגענע אַרבעט, און מיט פרייד גערעדט וועגן מיין דער־פאָלג, גלייך ווי וועגן זיין אייגענעם דערפאָלג.

איך וויל דענקען, אַז דעם אייגענעם אינטערעס האָט פּרץ געהאַט אין אַנדערע שריפטשטעלער, וועלכע זיינען געווען נאָענט צו זיין האַרצן. און עס קאָן גאָר אַנדערש ניט זיין, וואָרעם אויב מיר, שריפטשטעלער, זיינען אַ משפּחה, וואָס באַשטייט פון טאַטע און מאַמע, שוועסטער און ברידער, פאַר וואָס זאָלן מיר זיין ערגער פון אַלע אַנדערע משפּחות? ווו שטייט עס, אַז מיר, שריפטשטעלער, באַדאַרפן זיין ענגהאַרציק, קוקן איינס אף דאָס אַנדערע, ווי אף „קאָנקורענטן" פון פאַרשיידענע לאַגערן?... אָט האָט איר נאָך אַ בריוו פון פּרצן, פון וועלכן ס'איז צו זען, ווי אַ שריפטשטעלער אינטערעסירט זיך מיט די ווערק פון אַ צווייטן און וויל, אַז יענעמס שריפ־טן זאָלן דערשיינען וואָס שענער (עס האָט זיך אונטערהאַנדלט וועגן אַן אויסגאַבע פון אַלע מיינע ווערק אין אילוסטראַציעס):

„ליבער שלום־עליכם,

איך האָב געהערט, אַז איר ווילט אַרויסגעבן אייערע זאַכן אילוס־טרירט, און אַז מען פראָפּייניערט אייך דעם יונגן קראַטקע צו דער אַר־בעט. און אַזוי ווי איך וואָלט זייער געוואָלט זען אייערע זאַכן אילוס־טרירט און האָב דערביי אמונה אינעם טאַלאַנט פון יונגן קראַטקע, על כן שרייב איך אייך מיין דעה און עצה, אַז איר זאָלט מיט קראַטקע ענדיקן.

אייער י. ל. פּרץ".

מע דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז פּרץ האָט צו יענער צייט אַליין געהאַט אַזעלכע צוועלף בענדער פון זיינע ווערק, און דאָך האָט אים געפרייט צו זען דעם דערפאָלג פון זיין חברס ווערק, און מיטן גאַנצן האַרצן גע־ווינטשט, אַז דער דערפאָלג זאָל זיין נאָך בעסער, גאָר נישט מורא געהאַט פאַר קאָנקורענץ... „דיין דערפאָלג איז אונדזער אַלעמענס שטאָלץ" — האָט ער צו מיר געזאָגט אין אַ מינוט פון השתפכות - הנפש. אין אַזעלכע

מינוטן האָט פּרץ ליב געהאַט, ווי איר זעט פון זײַן ערשטן בריוו, אָרי־בערצוגיין פון „איר" אויף „דו". דאָס זײַנען געווען די בעסטע מינוטן בײַ פּרצן...

די וואָך פון פּסח איז אַוועקגעגאַנגען, ווי עס גייען אַוועק אַלע וואָכן פון אַ גאַנץ יאָר, און טאָקע ווידעראַמאָל, ווי דאָס האַרץ האָט אים גע־זאָגט, איז פּרץ נישט אָפּגעטראָטן פון מיר און צוזאַמען מיט דינעזאָנען האָבן מיר אויסגעמאָסטן וואַרשע אין דער לענג און אין דער ברייט, זיך אינדרײַען געפאָטאָגראַפירט, געחלומט פון ייִדיש טעאַטער, פון ליטעראַ־טור, געבויט פּלענער און לופט־שלעסער, ווי גאָר אין די יונגע יאָרן — ווער האָט דעמאָלט געקאָנט זאָגן, אַז דאָס וועט זײַן בײַ מיר די לעצטע וואָך מיט פּרצן?...

געשריבן אין יאָר 1915.

װעגן פרישמאַנס יובילעום

מע זיצט זיך אין דעם שײנעם פרײַען שװײצערלאַנד, אונטער די בלױע הימלען, אױף די הױכע מיט שנײ־באַדעקטע אַלפּנבערג, װײַט פון דער ליבער הײם, אָפּגעריסן פון אײגענע און פון הײמישע, און מע הערט נית אַ יידיש װאָרט. נאָר דער גוטער גאָט פאַרלאָזט נישט און גוטע מענטשן פאַרגעסן נישט און שיקן צו צײַטונגען פון גאָר דער װעלט און פון כל המינים; לײענט מען זיך אָן און מע הערט זיך אָן צרות פון דער הײם, צרות צרורות אױף יידן, מיט גזירות רעות, מיט רדיפות, מיט אנגסטן, מיט באָיקאָט, מיט געװײנען, װעלכע קײנער װיל נית הערן, מיט טרערן, װעלכע קײנער װיל נישט זען — און פּלוצעם לײען איך אַ נײַעס: אַ יובילעום! אין װאַרשע, װי אױך אין אַנדערע שטעט, קלײַבט מען זיך צו פּײַערן אַ יובילעום פון אײנעם פון אונדזערע גרעסטע און פון אונדזערע בעסטע און פון אונדזערע שענסטע — פון דוד פרישמאַן — און עס װערט אױף אַ װײַלע ליכטיק אין די אױגן, פרײַ אױף דער נשמה, גרינג אױפן הארצן.

און אָט פאַר װאָס: מיר זײַנען דאָך עפּעס יידן אױף דער װעלט, און יידן זײַנען דאָך עפּעס אַנדערש פון אַלע פעלקער. אַלצדינג, װאָס אַלע פעלקער האָבן, האָבן מיר, ברוך־השם, נית. האָבן מיר נישט קײן באָדן, קאָנען מיר נישט שטעלן קײן דענקמאָלן אונדזערע גדולים. נישטאָ װוּ. האָבן מיר נישט קײן מעצענאַטן, קײן ליבהאָבער מיט פולע קעשענעס, קײן אײגענע נאָבעלס, קאָנען מיר נישט ארױסקוקן, אַז עמעצער פון אונדזערע בעסטע זאָל באַערט װערן אַמאָל מיט אַ בכבודן פּרײַז. האָבן מיר נישט קײן אַקאַדעמיע פון אומשטערבלעכע, קאָנען מיר נישט דערװאַרטן, אַז עמעצער זאָל בײַ אונדז פּרעטענדירן אױף אומשטערבלעכקײט. דאָס אײנצי־

קע, וואָס באַ אונדז איז נאָך דאָ, איז — אַ יובילעום. אַ יובילעום איז, להבדיל, אַ מפטיר. נישטאָ קיין אַנדערע כבודים פאַר ייִדן. נישטאָ קיין אַמטלעכע אויסצייכענישן, קיין אַרויפשטײַגענישן, קיין אויפהייבענישן, קיין מעדאַליען, קיין אייבלען — איז פאַרבליבן באַ אונדז מפטיר אין שול, אָדער דער ערשטער פסוק פון „אתה הראית", אָדער סנדקאַ אַף אַ ברית, און פאַר אונדז ייִדישע שריפטשטעלער — אַ יובילעום. עס קאָן זײַן, אַז פילאָזאָפיש גענומען, אַפן שטייגער פון קהלת, איז אַלצדינג בלאָטע שבבלאָטע, נאָר כל־זמן אַ מענטש לעבט — און לעבט נישט צוליב דעם, וואָס ער עסט און וועט נאָך עסן און עסן, — איז אונדזער חוב, מיט וואָס מיר קאָנען און ווי ווײַט מיר קאָנען, אַרויסבאַווײַזן אַזאַ מענטשן, און דווקא באַ זײַן לעבן, נישט נאָכן טויט, אַז מיר אָנערקענען אַז ער האָט געלעבט ניט אומזיסט. און אַרויסבאַווײַזן קאָנען מיר עס נאָר — דורך אַ יובילעום.

דאָס איז, וואָס ס׳איז שײַך צום יובילאַר אַליין. אַ יובילעום האָט אָבער נאָך אַ באַדײַטונג פאַר אונדז גופא, אפשר נאָך מער ווי פאַרן בעל־היובל. איך רייד ניט פון חברים שריפטשטעלער (קנאת סופרים תרבה חכמה), איך רייד פון גרויסן פובליקום. פונעם לעזער רייד איך. אַז מיר פײַערן עמעצנס אַ יובילעום, עפענען מיר אויף זײַן ספר־הזכרונות, פירן־אונטער אַ סך־הכל צו אַלצדינג, וואָס ער האָט געטאָן, גערעדט אָדער גע־שריבן, צעגלידערן עס און שאַצן עס אָפּ נאָך אונדזער אויג און פאַר־שטאַנד, און דערמיט באַקאָנען מיר אַ וועלט נישט נאָר מיט די ווערק פון דעם און דעם שריפטשטעלער אַליין, נאָר מיט זײַן פיזיאָנאָמיע אַלס מענטש און אַלס שרײַבער, נישט וואַרטנדיק ביז ער וועט אַמאָל צומאַכן אַן אויג און מיר וועלן זיך צעגיסן דערנאָך אין הספדים און נעקראָלאָגן, וועלכע זײַנען שטענדיק, פון זינט די וועלט שטייט, שטאַרק איבערגעטריבן, אַז פלוני בן פלוני איז געווען אַזוינער און אַזוינער... אָט דאָס איז, נאָך מײַן מיינונג, די באַדײַטונג פון אַ יובילעום. און אויב עמעצער פון אונד־זערע באַרימטע האָט פאַרדינט אַ יובילעום, האָט דאָס אַממערסטן און אַמכשרסטן פאַרדינט — דוויד פרישמאַן.

דוויד פרישמאַן איז אַן אָריגינעלע פערזענלעכקייט אין אונדזער לי־טעראַטור. אָריגינעל איז ער דערמיט, וואָס אומעטום און אַלעמאָל, אין יעדער עפּאָכע, ווען ער האָט זיך באַוויזן, האָט ער זיך באַוויזן מיט עפּעס

אזעלכעס, וואָס איז ניי און אייגנאַרטיק און וואָס מאַכט אַ רושם און וואָס טראָגט אָפּ זיך, וואָלט איך זאָגן, דאָס שטעמפּל „פרישמאַן". שוין דער ערשטער אַרויסטריט זיינער אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, גאָר אין דער יוגנט, אַלס קריטיקער מיט זיין „תהו ובהו", איז געווען אַ דונער־קלאַפּ פאַר אַ גאַנצן דור פון מחברים. דאָס איז נישט געווען קיין געוויינלעכע בעל־הבתישע קריטיק, ווי עס פלעגט זיך פירן פאַרציַיטן, נאָר אַ קאַנאָנאַדע פון אַ יונגן לעבעדיקן אָפיציר, וואָס האָט אָנגעגורט די לענדן און האָט זיך אַרויסגעריסן מלחמה־האַלטן מיט שוואַכינקע, קליינינקע, נישט באַוואָפנטע מענטשעלעך, וואָס זיינען געפאַלן תחת חרב, ממש ווי פליגן נעבעך, — עס איז געווען אַ גאָטס רחמנות צו קוקן.

פאַרשטייט זיך, אַז פרישמאַן, וועלכער ציילט שוין איצט מסתמא נישט איין גרויע האָר, קוקט איצט אַוודאי מיט אַ פאַרביסן שמייכל אָפּ דעם דאָזיקן ביכעלע, ווי אָפּ אַ פּראָדוקט פון די יונגע יאָרן, ווי אָפּ אַ קונדסעריי. דאָס דאָזיקע קונדסעריי אָבער — איך זאָג עס נאָך מיין אייגענעם דערפאַרן — האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק נישט נאָר אָפּ די מחברים, נאָר אויך אָפּ דעם „קהל הקוראים", און געהאַט אַ באַזונדערע ווירקונג אָפּ אונדז, דעמאָלט נאָך גאָר יונגע, קינפּטיקע שריי־בער.

די דאָזיקע ווירקונג האָט פרישמאַן נישט אויפגעהערט צו פאַר־שפּרייטן אויך שפּעטער אָפּן יונגן דור מיט זיין אויסגעצייכנטער גע־שליפענער שפּראַך, איך וואָלט זאָגן, פרישמאַנס העברעיִשער שפּראַך. פרישמאַנס העברעיִשע שפּראַך איז אַן אייגנטימלעך העברעיִש. די „נאַ־טור־געשיכטע" פון בערנשטיין, למשל, אין פרישמאַנס איבערזעצונג, איז אַ מייסטערווערק, אָפּ וועלכע אַ סך יונגעלייט האָבן זיך געלערנט — אויסער וויסנשאַפט — שרייבן העברעיִש. אַ גאַנצע רייע פרישמאַנס פע־ליעטאָנען אין דעם העברעיִשן „היום" און אין אַנדערע העברעיִשע צייַ־טונגען האָבן באַשאַפן אַ באַזונדערן סטיל, פרישמאַנס סטיל. און נישט נאָר אין דער שפּראַך און אינעם סטיל איז פרישמאַן געווען ניי. ער איז געווען ניי אויך אינעם שאַפן. מיט זיינע „אותיות פורחות" האָט ער געוויזן אַ נייעם דרך, אַז מע דאַרף נישט שרייבן דווקא קיין לאַנגע מעשיות, וואָס זאָלן זיך ציִען ווי דער גלות, און אַז מע קאָן אין קור־צינקע, גאָר קורצינקע מעשהלעך און נאָוועלן זאָגן אַמאָל מער, ווי אין

א גרויסער לאַנגווײַליקער געשיכטע. און אויב פרישמאַנס פּראָזע איז נײַ, אײַנגאַרטיק, אויסגעפײַנט און אָפּגעקירצט, איז זײַן פּאָעזיע אויסגעהאַקט פון שטיין, פון אײדלשטיינער, געפײַלט און געשליפן מײַסטעריש. עפּעס פילט זיך א געניטע האַנט פון א געניטן מײַסטער נאָך גאָר אין די ערשטע זײַנע דיכטונגען. און מיר דאַכט, אַז פרישמאַן איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָפּגעזאָגט זיך פון די י״א תנועות און אַרײַנגע־טראָגן די נײַע מעטריק אין דער פּאָעזיע פון אונדזער ליטעראַטור. (דער גרויסער ביאַליק איז אַוודאי נאָך דעמאָלט געווען אין דער ישיבה און נאָך געשלײַפט זיך דעם קאָפּ איבער א שטיקל מהרש״א).

אָט די אַלע אײַנגנשאַפטן, די פײַנקייט פון דער שפּראַך, די אָריגי־נאַליטעט פונעם סטיל, הן אין פּראָזע והן אין פּאָעזיע, האָט פרישמאַן אַריבערגעטראָגן פון דער העברעיִשער אין אונדזער ייִדישער פאָלקס־לי־טעראַטור, אין אונדזער ייִדיש לשון. און דאָס איז געווען מיט א יאָר פינף־און־צוואַנציק צוריק, און איך האָב מורא, אויב נישט איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט מטמא געווען פרישמאַנען דעם העברעיִסט, אַרויפגעפירט, ער זאָל אײַנטונקען די פעדער אין אונדזער ייִדיש טינטערל און פּרוּוון געבן א שרײַב, ווי מע האָט דאָס נאָך דעמאָלט גערופן „אַף זשאַרגאָן". און פרישמאַן האָט אײַנגעטונקט די פעדער און געגעבן א שרײַב „אַף זשאַרגאָן" — און ס'איז אַרויס די באַרימטע פּאָעמע „אופיר" (אינעם ערשטן בוך פון דער „ייִדישער פאָלקס־ביבליאָטעק", אַרויסגע־געבן פון מיר אין קיעוו אין די יאָרן 1887 און 1888). אָנגעהויבן שרײַבן אַף ייִדיש, איז פרישמאַן צוגעטראָטן צו דעם נישט ווי יענע מיוחסים די העברעיִשע שרײַבערס, וואָס האָבן געטאָן דער וועלט א טובה און האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער שפחה, צו דער דינסטמויד (ווי די מיינ־סטע פון זיי האָבן דעמאָלט אָנגערופן דעם „זשאַרגאָן"), נאָר ווי אַן אמתער אַריסטאָקראַט האָט ער צוגעצויגן צו זיך דאָס פאָלק און גענומען ריידן מיט אים א פײַן, נאָר א פאַרשטענדלעך, ייִדיש, א ריינע, אײנפאַכע, נאָר א פּערלדיקע שפּראַך.

פון דעמאָלט אָן איז אָפּגעלאָפן א סך וואַסערן. דער „זשאַרגאָן" איז געוואָרן אויס זשאַרגאָן, נאָר „ייִדיש", און ס'איז אויסגעוואַקסן א ייִדישע ליטעראַטור, אין וועלכער פרישמאַן פאַרנעמט, דאַנקען גאָט, זײַער א בכבודיק אָרט, גאַנץ אויבנאָן, אַלס דיכטער, קריטיקער, אַלס זשורנאַ־

ליסט און אלס פעליעטאָניסט, — נאָר פון יענעם מין פעליעטאָניסט, וואָס יעדער זשורנאַל האַלט זיי לכבוד שבת און לכבוד יום־טוב. וואָרעם פרישמאַן אלס פעליעטאָניסט איז נישט דער לץ, דער פּלוידערזאַק, וואָס קומט אַלע טאָג אַ קיצל טאָן דעם עולם. פרישמאַנס פעליעטאָן איז דער פּראָדוקט פונעם אייראָפּעיִשן געשמאַק, פון דער אייראָפּעיִשער עסטעטיק, דורכגעזייט דורך יידישן געלעכטער און יידישע טרערן — דער עכטער יידישער הומאָר. פרישמאַנס וויץ איז ווייט פון בית־המדרש, נאָר עכט יידיש, טיף, שאַרף און שטעכעדיק, נאָר פיין; בייסנדיק, נאָר איידל; שניידנדיק, נאָר מיט כבוד... פרישמאַנס אַ פעליעטאָן לכבוד שבת איז אליין אַ שטיק שבת, פרישמאַנס אַ ליד איז אַ „זמר לכבוד יום־טוב". אַלצדינג איז דורכגעוועבט מיט יידישער פילאָזאָפיע. אַלצדינג איז דורכגעקנעטן מיט יידישע טרערן און מיט יידישן געלעכטער, און אויף אַלץ שוועבט דער יידישער גייסט. אַלץ איז עכט נאַציאָנאַליסטיש, און אַלץ איז שטענדיק אייגנאַרטיק, טיפּיש, איך וואָלט געזאָגט פרישמאַניש. פרישמאַן איז פון דעם מין פעליעטאָניסטן, וואָס אַז איר באַקומט דאָס ערב־שבתדיקע בלאַט, קער איר איבער די ערשטע זייט, כאַפּט אַ קוק פון אונטן אויף דער צווייטער זייט, אויף דער דריטער זייט, דערזעט איר אַן אונטערשריפט: ד. פרישמאַן — ווייסט איר שוין פריִער, אַז איר וועט דאָרטן געפינען אי דעם וויץ, אי דאָס לעצטע וואָרט פון דער צייט, אי דעם יידישן קרעכץ, אי דעם יידישן איינפאַל, — און דאָס אַלצדינג אין דער אייגנאַרטיקער פרישמאַנס לייכטער, גלאַטער, פיינער שפּראַך, וואָס לייענט זיך ווי אַ וואַסער. איר זייט זיכער, אַז איר וועט דאָרטן געפינען וואָס צום דענקען און וואָס צום לאַכן, און כאָטש דאָס וועט זיך בייסן און כאָטש דאָס וועט אייך אפשר אָנרירן, אַלס מענטש און אַלס ייִד, סאַמע דאָרט, וווּ סע טוט וויי, נאָר איר וועט הנאה האָבן און איר וועט וועלן לייענען נאָך און נאָך. אָט דאָס איז דוויד פרישמאַן. אָט דאָס איז דער כח פון דעם, וואָס איז צו גלייכער צייט אַ טאַלאַנט און אַ דיכטער און אַן עסטעט און אַ הומאָריסט, אַן אייראָפּעיִש געבילדעטער מאַן און דערצו נאָך אַ תלמיד־חכם, פאַר וועלכן אַ ייִד האָט פון תמיד אָן דרך־ארץ.

איך בין איבערצייגט, אַז פרישמאַנס יובילעום וועט זיין אַ יום־טוב נישט נאָר פאַר דער אינטעליגענץ, נאָר אויך פאַר די ברייטע מאַסן פון

אונדזער פֿאָלק, וועלכע האָבן שוין אָנגעהויבן צו אונטערשיידן פֿון א שרײַבער צו א שרײַבער, אין וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבן אויסאַר־בעטן א ליטעראַרישער געשמאַק — און דאָס איז דער פֿאַרדינסט פֿון אַזעלכע שריפֿטשטעלער, ווי פֿרישמאַן, און אין דעם פֿאַרדינסט האָט פֿרישמאַן אויב נישט דעם גרעסטן חלק. איך בין איבערצײַגט, אַז נישט נאָר אין די גרויסע צענטערן, נאָר אין אַלע ייִדישע שטעט און שטעטלעך, וווּ א ייִדיש וואָרט ווערט געלייענט און אָפּגעשאַצט, וועט פֿרישמאַנס יובילעום אַרויסרופֿן א גרויסן אינטערעס און וועט איבערגיין אומעטום פֿײַערלעך און גלענצנד, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס מיר לעבן איבער א שטיקל ביטערע צײַט. איך בין איבערצײַגט, אַז די אינטעליגענץ און דאָס פֿאָלק וועלן זען דעם טאָג פֿונעם דאָזיקן יובילעום אויסצייכענען אויף פֿײַנסטן אַרט, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַזא פֿאַרדינטן און באַליבטן יובי־לאַר, ווי דוויד פֿרישמאַן. איך בין איבערצײַגט אויך אין דעם, אַז דער גרויסער סקעפּטיקער, דער בעל־היובל אַליין, שמייכלט דאָרט ערגעץ אין דער שטיל, מאַכט זיך דערפֿון: „ייִדישע יובילעומס... ייִדישער כבוד"... הערט אים נישט! נעמט אים, דער חתן דנן, זעצט אים אַוועק אויבנאָן, און פֿײַערט אים א יובילעום, א גרויסאַרטיקן, א וואַרעמען יובילעום, ווי ער האָט דאָס כשר פֿאַרדינט! פֿײַערט אים א יובילעום, ס'זאָל רעשן, ס'זאָל זיך לאָזן הערן אױף דער וועלט און ס'זאָל זײַן א כבוד סײַ פֿאַרן שריפֿטשטעלער, סײַ פֿאַר די לעזער!

לאָזאַנא (שווייץ), ערב 1913.

פרישמאַן צוגאַסט בײַ שלום־עליכם

א פּאָר עפּיזאָדלעך.

דאָס איז געווען שוין לאַנג, גאַנץ לאַנג: מיר ביידע, נישט איך, נישט פרישמאַן, האָבן נאָך אפילו נישט געחלומט פון יובילעומס...

פערזענלעך האָבן מיר זיך נישט געקענט. נאָר גוטע פרײַנט זײַנען מיר געווען, אוהבים נאמנים, געשריבן זיך איינס דאָס אנדערע בריוולעך, „ידידי־יקירי־בריוולעך", און געצויגן, געצויגן איינס צו דאָס אנדערע, ווי ס'איז גאַנץ נאַטירלעך בײַ יונגע שרײַבערס.

נאָר ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער, אַז מען איז צעריסן — איינער אין קיעוו, דער אנדערער אין ווארשע — אַ פּאַלג מיך אַ גאַנג!

נאָר ס'איז אַ תירוץ? — אוהבים נאמנים!...

בקיצור — פרישמאַן איז געקומען קיין קיעוו צו־גאַסט צו שלום־עליכמען.

געקומען פרישמאַן!

פאַרשטייט זיך, אַרויסגעפאָרן אַפּן וואָקזאַל באַגעגענען פרישמאַנען, געבראַכט פרישמאַנען גלײַך צו זיך אַהיים, אים אָפּגעטראָטן אַ גאַנצן אַפּאַרטאַמענט — גוטע צײַטן געווען, זיי וועלן זיך שוין נישט אומקערן מער...

ווי אַזוי מע האָט פאַרבראַכט די צײַט — באַדאַרפט איר נישט פרעגן. ביידע געווען יונג, ביידע פריש, ביידע פריילעך און ביידן האָט געשפּאַרט — לאַכן האָט זיך געוואָלט, לאַכן!

איך וועל נישט דערציילן פון די געלעכטערן, וואָס זײַנען געווען אין שטוב, אין גאַס, אין טעאַטער. דאָס זײַנען געווען אָפּשניצלעך פון צוויי קונדסים, וואָס האָבן זיך לאַנג־לאַנג געצויגן איינס צו דאָס אנדערע, און נאָט האָט זיי געהאָלפן — חברה האָבן זיך „צונויפגעסקאַמפּאַניעט".

ער האָט געשריבן פּאַראָדיעס אַף זיך אַליין אינעם געשטאַלט פון „אופיר":

„גאָלד און זילבער און באַרליאַנטן" — און מע האָט געלאַכט.

מען איז נעגאַנגען אין גאַס און מע האָט נעקאָפּירט באַקאַנטע פּאַר־שוינען — געוויינטלעך, ליטעראַטן — און מע האָט געלאַכט.

מען איז געקומען אין טעאַטער, אין דער אָפּערא, גאַנץ אויבנאָן אין א לאָזשע־בענואַר, האָט זיך דער גאַסט אוועקגעזעצט דווקא מיטן פּנים צו דער טיר און אָפּגעזעסן אַזוי אַלע פיר אַקטן — און מע האָט געלאַכט.

געווען גוטע יאָרן — זיי וועלן זיך שוין נישט אומקערן מער, און נישט פון דעם וויל איך אײַך דערציילן.

איך וועל אײַך דערציילן נאָר א פּאָר עפּיזאָדלעך פון יענער צײַט.

עפּיזאָדל נומער איינס.

ווי באַלד פרישמאַן איז געקומען, נאָך אַפן וואָקזאַל, האָט ער אויס־געגומען מיט מיר א תנאי: אינקאָגניטאָ — די „חכמי קיעוו" דאַרפן נישט וויסן, אַז ער איז פרישמאַן.

די „חכמי קיעוו" — דאָס איז געווען א בינטל יידישע שרײַבער, צווישן זיי גאַנץ באַרימטע; צווישן זיי אויך גאַנץ קליינינקע.

דאָרט זײַנען געווען: משה אהרן שאַצקעס, יהל"ל, יצחק יעקב ווײַס־בערג, דובזעוויטש, דאַרעווסקי — און נאָך גאָר־גאָר קליינינקע.

דער גרעסטער טייל פון זיי פּלעגן זײַן בא מיר אָפטע געסט, און פון זיי האָט זיך עס פרישמאַן דווקא געוואָלט אויסבאַהאַלטן.

וואָס־זשע טוט גאָט? — טראָגט עס אָן איינעם פון זיי צו מיר אַקוראַט דעמאָלט, ווען פרישמאַן זיצט, און עס ווערט א שמועס — גע־וויינטלעך, וועגן ליטעראַטור, און, געוויינטלעך, וועגן קריטיקער, „אונ־דזערע קריטיקער"; און אונדזערע קריטיקער — דאָס איז געווען פריש־מאַן, און נאָך א מאָל פרישמאַן, און ווידער א מאָל פרישמאַן.

איך געדענק שוין נישט אַקוראַט, צי פרישמאַן האָט שטאַרק אָנגע־רירט ערגעץ אין א פעליעטאָן אָט דעם נפש, צי נישט שטאַרק, צי גלאַט אין א בריוו אים אָנגערירט דעם כבוד, — נאָר וואָס דער פּאַרשוין האָט אויסגערעדט אַף דעם פרישמאַנען! אַש האָט ער פון אים געמאַכט; עפּר

ואפר! מיט דער בלאָטע גלײַך! נאָר נישט שײַך צו זאָגן! פרישמאַן האָט זיך נאָכגעפּרעגט אַף פרישמאַנען, און יענער האָט נישט אויפגעהערט צו שיטן פעך און שוועבל אַף פרישמאַנען!

נאָך מער קונץ: מיר דאַכט, אַז אַט דער ייִד האָט מיט אַ קורצער צײַט פריִער פאַר דעם, אָדער אין דער זעלביקער צײַט טאָקע, געהאַט געשריבן צום זעלביקן פרישמאַנען „לכבוד־בריוולעך" מיט אַזעלכע טיט־לען און מיט אַזוינע קאָמפּלימענטן, אַז באַם גרעסטן עניו קאָן זיך דער קאָפּ פאַרדרייען!... די געלעכטערן, וואָס זײַנען דעמאָלט געווען אין קיעוו נאָכדעם, ווי דער נפש איז אַוועק, האָט מען באַדאַרפט הערן, מײַן איך, אין וואַרשע!

נאָר איך האָב מורא, אַז נאָך אַזאַ שוויץ־באָד איז דאָס געווען פרישמאַנס לעצטער „אינקאָגניטאָ"...

עפּיזאָדל נומער צוויי.

„מחברים" פלעגן אָפט, זייער אָפט קומען צו מיר אין שטוב.

איך רייד פון דעם מין „מחברים", וואָס שרײַבן און שרײַבן און קיינער דרוקט זיי נישט.

איינער אַזאַ מחבר האָט זיך מיר אַמאָל געקלאָגט אַף צעדערבוימען: „וואָס איז דאָס פאַר אַ מין רעדאַקטאָר, אַט דער צעדערבוים? וואָס איך שרײַב אים און שרײַב, און ער דרוקט נישט! איך שרײַב — און ער דרוקט נישט!"...

אַ ראָמאַן האָט ער געבראַכט צו פירן. פון אַ קליין שטעטל אין פּאָלטאַווער גובערניע, און וויל צוויי זאַכן: ערשטנס, מיר ביידע, איך און פרישמאַן, זאָלן אים איבערלייענען פון אָנהייב ביזן סוף.

דאָס הייסט, נישט חלילה מיר זאָלן לייענען. ניין! לייענען וועט ער, און מירן אים הערכן.

איז איין מאָל אַוועק. והשנית — מיר זאָלן אים דרוקן. דאָס הייסט, נישט דעם מחבר — דעם ראָמאַן זאָלן מיר דרוקן.

ווי אַזוי מיר ווילן — אין אַ צײַטונג, אַ זשורנאַל, אַ בוך — ס'אַרט אים נישט ווג, אַבי דרוקן.

ער וויל זייער, אַז זײַן ראָמאַן זאָל זײַן געדרוקט.

הכלל, וואָס טוט מען דאָ? דאַרף מען זיך אַוועקזעצן, הייסט עס, און האָרכן, ווי ער וועט לייענען.

פאַרריייכערט צו ציגאַרן, אַוועקגעזעצט זיך גאַנץ באַקוועם אין וויג־שטולן, דעם מחבר — אויבנאָן באַם טיש מיטן פּעקל כתבים — אַ היפּש פּעקל: דרײַ גרויסע גראָבע געדיכטע „טעטראַדן", ביכער!

ניין, איך וועל אײַך נישט דערציילן וואָס דער מחבר האָט אונדז געלייענט.

דאָס איז געווען אַ ראָמאַן „אין דרײַ טיילן", אויפן שניט פון שמ"ר, באַזאַלצן מיט הומאָר און באַפּעפערט מיט „סאַטיריקאַ"...

נאָר דער גאַנצער אַנטיק האָט געשטעקט אין דעם, ווי אַזוי דער מחבר האָט געלייענט זײַן ווערק, ווי אַזוי ער האָט באַטאָנט, געקוועטשט, באַטעמט איטלעכס וואָרט באַזונדער, געמאַכט מיט די הענט און מיט אַלע איברים, אַנגעקוואָלן, געשעפּט תענוג, ממש געוואַקסן פאַר נחת, אַליין געלעקט פון זיך די פינגער, ווי אַזוי אַ מענטש קאָן נעמען און אַזעלכעס אָנשרײַבן מיט אַ פּראָסטער פּען, מיט שוואַרצער טינט אויף ווײַס פּאַפּיר!...

באַדאַרף מען אײַך נאָך דערציילן, וואָס פון אונדז ביידן איז געוואָרן, אַז מיר האָבן נאָך די ערשטע עטלעכע פּראָזן געגעבן אַ קוק איינס אויף דאָס אַנדערע? ברוין און בלוי און אַלערליי קאָלירן — נאָך אַ מינוט, און מיר וואָלטן געווען אָדער דערשטיקט געוואָרן אויפן אָרט, אָדער געפּלאַצט אויף שטיק־שטיקלעך.

אַ גליק, וואָס דער געלעכטער, וועלכן מיר האָבן אַ היפּשע צײַט געהאַלטן פאַרשטיקט אין זיך, האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג דורך דער נאָז און איז אַרויס לאַויר העולם.

דער ערשטער האָט געפּלאַצט פרישמאַן — און אוי־ווויי, ווי איך האָב געציטערט פאַר אים, טאָמער דערזעט דער מחבר, אַ קשיא אויף אַ מעשה, און כאַפּט אַ „טעטראַד" פון זײַנע „טעטראַדן" און גיט אים איבערן קאָפּ און פּלעט פרישמאַנען דעם מח! אַ גראַשן איז בײַ מיר נישט ווערט געווען דעמאָלט פרישמאַנס לעבן!

און שטעלט אײַך פאָר אַ הצלחה פון אַ מענטשן! — דער מחבר האָט אונדז דערזען לאַכן, האָט ער זיך אַליין אויך צעלאַכט!

ער איז געווען זיכער, אז דאָס האָט אַף אונדז געווירקט די זאַלץ פון זיין הומאָר און דער פעפער פון זיין „סאַטיריקאָ".

פּלוצעם כאַפּט זיך אויף פרישמאַן:

— געַנוג!

מע דאַרף נישט לייענען מער.ס'איז אַזוי גוט, אַז מע פאַרשפּאָרט שוין גאָר לייענען ווייטער.

— אַלזאָ, יונגערמאַן, וואָס ווילט איר?

— איך וויל, מיין ראָמאַן זאָל זיין געדרוקט, און ווייטער גאָר נישט... און געלט — איז וויפל איר וועט זאָגן...

דערזען, אַז דער יונגערמאַן באַנוגנט זיך נישט מיט כבוד אַליין — ער וויל נאָך געלט אויך, האָט אונדז אָנגענומען אַ חשק, נעמען דעם יונגנמאַן צו דער אַרבעט.

תחילת — דאָס איז געווען פרישמאַנס איינפאַל (אַן איינפאַל פון אַ גאון!) — באַדאַרף מען וויסן די ווערט פונעם ווערק — און דאָס לאָזט זיך נישט אָפּשאַצן, סיידן מע זאָל וויסן די וואָג, וויפל עס וועגט.

און דאָס איז נישט שווער צו דערגיין. מע נעמט און מע לייגט דאָס אָוועק אַף אַ וואָג, דאָס הייסט (און דאָס איז אויך געווען פרישמאַנס זשעניאַלער איינפאַל!), מע לייגט אַוועק אַף איין שאָל דאָס ווערק און אַף דער אַנדערער לייגט מען אָוועק געוויכט, וועט מען דעמאָלט וויסן אַקוראַט.

און מע האָט זיך נישט געפוילט און מען איז געגאַנגען אין אַ קלייט, וווּ ס'איז דאָ אַ וואָג, און מע האָט אָפּגעוווויגן דאָס ווערק: דריי פונט מיט דריי פערטל — קיין עין הרע נישט!

אַצינד איז געבליבן נאָר איין זאַך: דער מקח?

— מה יקר? ווי טייער זאָל מען רעכענען אַ פונט?

וויל דער יונגערמאַן בשום אופן נישט זאָגן וויפל.

— וויפל אירט זאָגן, אַזוי וועט זיין גוט.

איז געבליבן ביי אונדז, אַז צוויי הונדערט רובל דער פונט.

— גענוג?

דער יונגערמאַן, וואָס איז שוין בלאו הכי געווען אַפן זיבעטן הימל, האָט אַ זאָג געגעבן:

— עס מעג זיין הונדערט רובל אַ פונט, איז אויך גענוג.

האָט זיך אָבער פרישמאַן אָוועקגעשטעלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל: צוויי הונדערט רובל — ס'איז ווערט מער!

דער מחבר אונדזערער איז שיער נישט צעשמאָלצן געוואָרן פאַר תענוג:

— שאַ! מילא! אַז איר האָט זיך איינגעשפּאַרט צוויי הונדערט, זאָל זיין צוויי הונדערט.

— וויפל־זשע, הייסט עס, כאַפּט דאָס אויס אַרום און אַרום?

און פרישמאַן האָט אָנגעזאָגט די נאָז מיטן פּענסנע מיט גרויס מאַטערניש (עס האַלט זיך נישט אַף פרישמאַנס נאָז קיין פּענסנע!), און אַלע דריי האָבן גענומען אַריינקוקן אין חשבון אַריין — עס טרעפט אָן אַקוראַט 750 רובל, ווי אַ גראָשן אַ בייגל!

דער יונגערמאַן האָט זיך שוין גענומען גלעטן דאָס בערדל און וואַרטן.

מיר האָבן אויך געוואַרט.

— נו?...

— נו־נו?...

— אדרבה?...

— אדרבה ואדרבה?...

און אָט דאָ האָט זיך אַרויסבאַוויזן דער גאַנצער טעות: דער יונגער־מאַן האָט געמיינט, אַז מיר דאַרפן אים צאָלן צוויי הונדערט פאַר אַ פונט און מיר האָבן געמיינט, אַז דער יונגערמאַן זאָל אונדז צאָלן די צוויי הונדערטער אַ פונט!

איז דער יונגערמאַן געפאַלן אַף אַ המצאה:

— ווייסט איר גאָר וואָס? איכל אייך נישט צאָלן, אירט מיר נישט צאָלן — נאָט אייך מיין ווערק און דרוקט עס אָפּעט!

האָבן מיר זיך אָבער אָוועקגעשטעלט: ניין! דאָס וועט נישט זיין! פון זינט די וועלט שטייט איז אַ מנהג, אַז פאַר אַ ווערק אָדער מע צאָלט דעם מחבר, אָדער דער מחבר צאָלט — אַנדערש גייט עס נישט!

פונעם געשעפט איז נישט געוואָרן גאָר נישט ניט.

נאַרישע, יינגלשע, נאָר גוטע, גליקלעכע יאָרן — זיי וועלן זיך שוין נישט אומקערן מער!...

נערווי, 1 מאַרץ, 1914

מײַן באַקאַנטשאַפט מיט ח. נ. ביאַליק

א.

יאָרן־לאַנג בין איך געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט ביאַליקן און נישט זוכה געווען פּערזענלעך זיך צו באַקענען מיטן גרעסטן פון אונדזערע פּאָעטן, ווײַל מיר זײַנען געווען ווײַט איינס פון דאָס אַנדערע. ער האָט געוווינט אין אָדעס און איך — אין קיעוו. דערנאָך זײַנען געקומען די גלות־יאָרן פון נאָך דער רוסישער קאָנסטיטוציע. האָט דאָס מיך פאַרוואָרפן קיין אויסלאַנד — שווייץ — און פון דאָרטן, איבערן אַטלאַנטישן ים, קיין אַמעריקע, און אַט אַזוי האָב איך שוין כמעט אינגאַנצן אויפגעגעבן מײַן האָפענונג צו באַגעגענען זיך ווען ס'נישט איז מיטן ריז פון די ריזן. וואָס טוט גאָט? פאָרן זיך צונויף די ציוניסטן אַפן קאָנגרעס אינעם יאָר 1907 אין האַאַג, און די אַמעריקאַנער ציוניסטן קלײַבן מיך אויס פאַר אַ דעלעגאַט, און איך קום צו פאָרן קיין האַאַג, אין האָלאַנד.

ערב קאָנגרעס איז אַ קאָנפערענץ פון העברעיִסטן. איך קום אַרײַן. דער זאַל איז פול. דער טשערמאַן איז א. ל. לעווינסקי. קלאַפּט מיטן האַמער אין טיש. דער עולם איז אויפגערעגט. און מער פון אַלע אַנדערע קאַכט זיך עפּעס אַ יונגערמאַנטשיק. ווײַזט אויס, אַ „בורזשוק"; בא אונדז אין דער היים הייסט ער אַ „קופּטשיק". איך באַטראַכט דעם יונגנמאַנטשיק און באַשליס, אַז דאָס מוז זײַן מסתמא אָדער אַ יונגערמאַן אַ משכיל, וואָס איז נאָר־וואָס אַראָפּ פון קעסט, אָדער אַן איידעם, וואָס זיצט נאָך אַף קעסט. און ווײַל ער איז אַ משכיל און זײַן שווער איז אַ ייִד אַ בעל־הבית, האָבן די ציוניסטן פון זײַן שטעטל אים אויסגעקליבן פאַר אַ דעלעגאַט, וואָס פאָרט מסתמא אַף זײַנע אייגענע הוצאות קיין האַאַג. און

איך מיין, אז איך האָב קיין טעות נישט, ווארעם איך בין דאָך אַ שרײַבער, און וועלכער שרײַבער איז דאָס נישט קיין פיזיאָנאָמיסט? איך לאָז נישט אַראָפּ קיין אויג פונעם קופּטשיק, און דער קופּטשיק שפּרינגט אַלע מאָל אויף. ריידן ריידן אַלע אַף העברעיִש, און ער אויך. אַלע מאָל טוט ער אַ שים־אויס:

—אדרבה!... לאַ! אין אני מסכים! — ער איז נישט מסכים! ער איז ניט אײַנפאַרשטאַנען!...

דער טשערמאַן (לעווינסקי) קלאַפּט מיטן האַמער. די קאָנפערענץ איז צו ענדע. דער עולם קאָכט זיך נאָך. דער טשערמאַן שטייט אויף פון טיש. מיר צעקושן זיך. איך וויל גיין. דער טשערמאַן האַלט מיך אַפּ אַ מינוט.

— וואַרט אויס אַ ווײַלע. איך וויל אײַך באַקאַנט מאַכן פריִער מיט אונדזער ביאַליקן.

— ביאַליק איז דען אויך דאָ? וווּ איז ער?

— אָט איז ער דאָך.

און ער שטעלט מיר פאָר דעם בורזשוק.

אָט־אָ־דער קליינער בורזשוק איז דאָס געווען דער גרויסער ביאַליק. די משמעות, אַז איך בין נישט אַזאַ שאַרפער פיזיאָנאָמיסט...

ב.

אין האַנג האָב איך קיין סך נישט פאַרבראַכט. נאָר די גאַנצע צײַט במעט זײַנען מיר מיט ביאַליקן געווען נישט צעשיידט. אַפן ברייטן ווײַס־זאַמדיקן ברעג פונעם ווײַס־זילבערנעם ים האָבן מיר שעהן־לאַנג שפּאַצירט און געפירט אינטימע געשפּרעכן. עפּעס גלײַך ווי מיר וואָלטן געווען באַקאַנט פון יאָרן און יאָרן, עפּעס גלײַך ווי מיר האָבן זיך אין אונדזער ווײַטער קינדהייט צעשיידט און איצטער ווידער אַ מאָל צונויפגעקומען זיך. איטלעכער פון אונדז האָט געהאַט צו דערציילן און צו דערציילן פון דער פאַרגאַנגענהייט און פאַנטאַזירן פון דער צוקונפט — און די צײַט איז אַזוי קורץ! ביאַליק האָט מיר דאָס וואָרט געגעבן, אַז אַפן צוריקוועגס שטעלט ער זיך אָפּ בײַ מיר אין גענף, וואָס אין דער שווייץ. און ער האָט געהאַלטן וואָרט. נאָך אַ קורצער נסיעה איבער איטאַליע איז ער אַף ראש־השנה אַראָפּגעפאָרן צו מיר קיין גענף.

ג.

אין יענער צײַט האָט אָפּגעריכט גלות אין דער שווייץ אויך דער זיידע ,מענדעלע מוכר־ספרים, און אויך בן־עמי, וועלכער איז א תושב אין גענף עד היום הזה. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז יעדער פון אונדז דרײַ האָט געוואָלט דעם כבוד און דעם פאַרגעניגן צו האָבן באַ זיך דעם גרויסן גאַסט. נאָר אזוי ווי די אידעע איז געווען מײַנע, דעריבער איז דער גאַסט פאַרפאָרן גלײַך צו מיר. פאַר מײַנע קאָלעגן האָב איך עס געהאַלטן דערווײַל בסוד, געוואָלט זיי מאַכן א סורפּריז. אַף מאָרגן, ראש־השנה אינדערפרי, האָב איך גענומען דעם גאַסט און בין מיט אים אַוועק אין שול אַרײַן. דאָרט זײַנען שוין געווען דער זיידע און בן־עמי. דער זיידע האָט אים אָפּגעגעבן א ברייטן שלום־עליכם. בן־עמי ניט. דער איז געווען אש־להבה, פאַר וואָס ער איז פאַרפאָרן צו מיר, ניט צו אים, צו בן־עמין. ווער עס קען בן־עמין, דער וועט פאַרשטיין זײַן אייפערזיכטיקייט... אז ס'איז געקומען צו „אויסנעמענעמס” און מיר זײַנען אַרויס פון שול אַפן הויף, האָט זיך בן־עמי ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָט פאַרגעהאַלטן דעם גאַסט, למאי ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט באַ אים. נישט געהאַט קיין אנדער תירוץ אַף אַרויסצודרייען זיך, האָט ביאַליק זיך גע־וואָלט פאַרענטפערן פאַר בן־עמין, אז ער האָט עס נישט געקאָנט טאָן, ווײַל ער איז נאָר־וואָס געקומען פון באַן.

— ווען? הײַנט, דעם ערשטן טאָג ראש־השנה?! דער גרעס־טער יִדישער דיכטער איז געפאָרן אום ראש־השנה???!! און פון וועמען הערט ער עס? — פון ביאַליקן אליין?! שומו שמים!!! — הימל עפן זיך!!...

און וואָס מער בן־עמי האָט זיך געקאָכט, אַלץ מער האָט ביאַליק גע־לאַכט. און וואָס מער ביאַליק האָט געלאַכט, האָט זיך בן־עמי געקאָכט. עס האָט אָנגעהויבן ווערן שטאַרק לעבעדיק. עס איז געוואָרן אַרום אונדז א „רעדל”. עס איז אָנגעקומען דער זיידע. דערזען, ווי די אייניקלעך קאָכן זיך, ווי איינער בייזערט זיך, די איבעריקע לאַכן, האָט ער מקיים פּסק געווען בן־עמין אַפן אָרט. ער האָט אים אויסגעלאַכט, ווי דער זיידע קאָן:

— וואָס זײַנט איר עס גאָטס סטראַפּטשע אין דער שווייץ אָנצונע־מען זיך גאָטס קריוודע אין די ימים נוראים? פאַרלאָזט אײַך אַף דעם

רבונו של עולם — ער קאָן אַליין באַשטיין זײַן שטעטל — האָט איך געהערט אַ מעשה!

ווער עס קען בן־עמים היציקן טעמפּעראַמענט, וועט פאַרשטיין, אַז לאַנג האָט ער נישט געקאָנט זײַן ברוגז. און איבערהויפּט — אויף ביאַליקן. קאָן מען דען זײַן לאַנג ברוגז אויף אַ קונדס, אויף אַ ליבן קונדס, וואָס לאַכט אַזוי האַרצעדיק און מאַכט אײַך לאַכנדיק? מיר האָבן באַלד אויפן אָרט געמאַכט אַ פּשרה, אַז ס'איז פאַרפאַלן. סטאַנציע האַלט דער דיכטער טאָקע בײַ מיר. נאָר עסן זאָל ער אַמאָל דאָ און אַמאָל דאָרט — אַזוי אַז ער זאָל זײַן אונדזער אַלעמענס אורח. און אָט אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט מיטן גרויסן גאַסט אַ גוטע וואָך. אַ אומפאַרגעסלעכע וואָך. אַלע זאַלבע־פערט האָבן מיר זיך געלאָזט פאָטאָגראַפירן, לויט דאָס בילד וואָס ליגט דערבײַ, אונטער דעם שיינעם בלויען הימל, בײַ דער גענפער שטילער זעע, אַקעגן די הויכע, מיט אייביקן שניי באַדעקטע, שווייצער־אַלפּן. און מעשיות זײַנען דערציילט געוואָרן איינציקווײַז, מערקווירדיקע פּאַסירונגען, וואָס יעדן האָט זיך געטראָפן אין זײַן לעבן. אייניקע פון די דאָזיקע מעשיות האָב איך דערנאָך באַשריבן און אַרויסגעגעבן באַזונדער אין אַ ביכל אונטערן נאָמען: „פיר זײַנען מיר געזעסן". מיט איינעם וואָרט, דאָס איז געווען אַ וואָך פון ביאַליק. און נאָך אַ מאָל ביאַליק. און ווידער אַ מאָל ביאַליק.

3

אַוועקגעגאַנגען די טומלדיקע וואָך, אַוועקגעפאָרן דער גאַסט — אוים ביאַליק. שטיל איז געוואָרן אין דער שווייץ. די הויכע, מיטן אייביקן שניי באַדעקטע, בערג האָבן זיך חנעוודיק אָפּגעשפּיגלט אינאיינעם מיטן בלויען הימל אין דער שיינער שטילער גענפער זעע. עס איז אָבער באַשערט געווען, אַז ביאַליקס נאָמען זאָל צווישן אונדז נאָך אַביסל וועגטילירט ווערן צוליב אַ נײַעם אינצידענט, צוליב אַ נײַ קונדסערײַ.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן באַקום איך אַ בריוועלע פון ביאַליקן. אין בריוועלע לאָזט מיך דער גרויסער דיכטער הערן, אַז ער האָט פאַרגעסן ערגעץ אין וועג אַ פּאָר שטעקשיך, בעט ער מיך, איך זאָל זיך מטריח זײַן אַ קוק טאָן אונטערן בעט, ווו ער איז געשלאָפן, און אויב איך וועל געפינען זײַנע שטעקשיך, זאָל איך זיי אים איבערשיקן. געשריבן איז דאָס

בריוועלע אין ביאַליקס סטיל מיט מגלה־טמירין־לשון: „השטעקשיך שלי"... און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ חתונה מיט שטעקשיך. עס זיינען געלאָפֿן בריוו נאָך בריוו, ווו דאָס וואָרט: „שטעקשיך" ווערט דערמאָנט און איבערגעחזרט און איבערגעקייט אפשר אַ מאָל הונדערט. אינעם ערשטן בריוול שרייב איך אים, אַז איך האָב געזוכט די שטעקשיך אונ־טערן בעט, ווו ער, ביאַליק, איז געשלאָפֿן, נאָר איך ווייס נישט פֿאַר גע־וויס, אויב די שטעקשיך זיינען זיינע שטעקשיך, אָדער גלאַט אַ פּאָר שטעקשיך? און בכדי עס זאָל נישט אַרויס חס־ושלום קיין שום טעות, האָב איך געבראַכט אַ פֿאָטאָגראַפֿישן אַפּאַראַט און האָב אָראָפּגענומען אַ בילד פֿון די שטעקשיך, און איך שיק אים אַרויס רצוף פֿה דאָס בילד פֿון די שטעקשיך, ער זאָל זיך צוקוקן צו די שטעקשיך און זאָל מיר באַלד מודיע זיין דורך אַ בריוול, אויב די שטעקשיך זיינען זיינע שטעקשיך? קומט מיר אָן אַ בריוול פֿון ביאַליקן, אַזוי ווי ער האָט זיך גוט איינגעקוקט אי־נעם בילד פֿון די שטעקשיך און האָט דערקענט אין זיי זיינע שטעקשיך, אַזוי אַז ער קאָן שווערן בנקיטת חפֿץ, אַז די שטעקשיך זיינען זיינע שטעקשיך, לכן דעריבער זאָל איך, למען השם, אים אַרויסשיקן זיינע שטעקשיך! ענטפֿער איך אים מיט אַ בריוול, אַז ער זאָל מוחל זיין מיר צושיקן אַ קבלה אַף די שטעקשיך, וועל איך אים דעמאָלט אַרויסשיקן די שטעקשיך... קומט מיר אָן אַ בריוול פֿון ביאַליקן מיט אַ גוואַלד: היתכן? הישמע כזאת? ווי קאָן ער מיר שיקן אַ קבלה אַף די שטעקשיך איידער ער האָט באַקומען די שטעקשיך? ענטפֿער איך אים, אַז ס'איז דאָ אַן עצה: איך שיק אים דערווייל אַרויס איין שוך פֿון זיינע שטעקשיך, וועט ער מיר צושיקן אַ קבלה אַף די שטעקשיך. און אַז איכל באַקומען די קבלה אַף די שטעקשיך, וועל איך אים דעמאָלט אַרויסשיקן דעם אַנדערן שוך פֿון די שטעקשיך. און צום אַרויסגעשיקטן שוך האָב איך צוגעלייגט אַ צעטעלע: „המשך יבוא" — פֿאַרזעצונג פֿאָלגט...

אַזוי האָט מען געקונדסט און אַרויסגעוואָרפֿן שטיקלעך, און צווישן רעכטן קונדסעריי האָט מען געטאָן ערנסטע ליטעראַרישע אַרבעט אויך — מע האָט געשריבן און איבערגעזעצט זאַכן פֿון יידיש אַף העברעיש, אַרויסגעגעבן גאַנצע בענדער מעשיות פֿאַר יידישע קינדער, געפּלאַנעוועט אַרויסצוגעבן נאָך מערערע זאַכן — ביז דער גאָט פֿון נקמה האָט זיך צעבייזערט און ער האָט אַנגעשיקט אַ בלוטיקן מבול אַף דער זינדיקער

ערד... מיך האָט דער שטראָם אויפגעכאַפּט און פאַרטראָגן אַזש אהער, קיין אַמעריקע. ביאַליק איז פאַרבליבן דאָרט באַ די ברעגעם פונעם שוואַרצן ים, ווײַט פון די, וואָס האָבן זיך געשפּיגלט אין זײַן נשמה, וואָס האָבן זיך געוואַרעמט אינעם ברען פון זײַן טאַלאַנט, וואָס האָבן אים ליב געהאַט אָן אַ ברעג און האָבן אים ליב עד היום הזה.

ניו־יאָרק, ניסן, 1916.

פיר זײַנען מיר געווען

מענדעלע מוכר־ספרים — אַ שיינער זקן, רעדט צוקערזיס.
ביאַליק — אַ פּאָעט, אַ בעל־מחשבות.
בן־עמי — אַ ייִד, וואָס קאָכט זיך.
שלום־עליכם — אַ אַלטער באַקאַנטער, וואָס הערט זיך צו און שרײַבט אַלצדינג אַרײַן אין אַ ביכל.

אַלע מיינען, אַז בערג, למשל, שטייען אויף איין אָרט. און איך זאָג אײַך, אַז בערג גייען, און נאָך ווי אַזוי! זיי לויפֿן! ווען איך בין דערגאַנגען דעם דאָזיקן שכל? אין דער צײַט, ווען מיר, דרײַ ייִדישע שריפֿטשטעלער און איינער אַ פּאָעט, האָבן געמאַכט די ערשטע עקסקורסיע צו די באַרימטע, מיט אייביקן שניי באַדעקטע, אַלפּנבערג.

אַרויסגעגאַנגען אַ פּאָר מײַל פֿון שטאָט אַרויס, האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט: אָט־אָט זײַנען מיר בײַ די בערג, אָט־אָט נעם צי אויס אַ האַנט — גיט איר זיי אָפּ שלום. נאָר וואָס ווײַטער מיר גייען צו זיי, אַלץ ווײַטער גייען זיי אַוועק, אַנטלויפֿן פֿון אונדז. מיר הייבן אָן גיין אַביסל גיכער, שטאַרק גיך, — בלאָטע! זיי לויפֿן נאָך גיכער.

— זיי רייצן זיך מיט אונדז? — רוף איך מיך אָן צום איבעריקן עולם.

— ווער?

— די בערג.

— איך ווייס גאָר נישט וואָס דאָס איז! — רופֿט זיך אָן מײַן קאָלעגע מיטן הייסן טעמפּעראַמענט, וועלכער איז קלאָר אין די אַלפּנבערג, ווי אַ ייִד אין אשרי. — ס'איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי ווײַט, ווי איצטיקס מאָל. איר זאָלט מיך פֿאָלגן, וואָלטן מיר געגאַנגען אַביסל גיכער.

און אָט אַזוי האָט ער אונדז אונטערגעגעבן אַלע מאָל מער היץ,

מיר זאָלן גיין גיכער, מער פון אַלעמען זיך אײַנגעמידט און מחמת דעם איז ער געוואָרן בייז, געדעדט מיט גאַל, געשאָטן מיט פֿײַער, אויסגעלאָזט כל חמתו אַף פּאָניע־גנב מיט זײַן רעוואָלוציע און מיט זײַן קאָנסטיטוציע.

— שאַט! איך וויל אײַך עפּעס פרעגן! — אַזוי האָט זיך אָנגערופן צו אונדז דער זיידע רב מענדעלע, און מיר אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט אַף אַ ווײַלע. — איך וויל, איר זאָלט מיר זאָגן, יעדער באַזונדער, ווי אַזוי פֿילט איר זיך אין דער מינוט?

אַפּנים, אַז מײַן קאָלעגע מיטן הייסן טעמפּעראַמענט האָט דער ער־שטער פאַרשטאַנען דעם זיידנס פראַגע, מחמת ער האָט זיך געאײַלט ענטפערן דער ערשטער, ווישנדיק מיט די פּאָלעס דעם שוויס פונעם גאַסן שטערן.

— איך פֿיל מיך אַזוי גרינג, אַז איך וואָלט געפֿלויגן, ווי אַן אָדלער, גישט ארומגעקוקט זיך צוריק אַפילו אַף אַ מינוט.

— און איך — מאַכט דער יונגער פּאָעט ביאַליק, אײַנגעקוקט זיך אַף מיר — איך פֿיל מיך נישט שלעכט, נאָר פֿליִען ווי אַן אָדלער — ווייס איך ניט, אויב איך וואָלט געפֿלויגן.

אַצינד איז געקומען די צײַט, איך זאָל אויך עפּעס ענטפערן. און איך האָב געזאָגט:

— איך פֿיל, אַז עס וואָלט מיר צוגעקומען אַ שטיק געזונט, ווען מיר זעצן זיך אָט־דאָ, למשל, אַפן גראָז...

מײַן קאָלעגע מיטן הייסן טעמפּעראַמענט איז געוואָרן אָנגעצונדן. ער האָט געזאָגט, אַז אויב מיר וועלן אָט אַזוי גיין, וועלן מיר שבת האַלטן אונטערן באַרג. מיך האָט ער געמאַכט אויסצודרייען. ער האָט ניט פאַר־שטאַנען, ווי אַזוי נעמט זיך אונטער אַזאַ מענטש ווי איך גיין, אַז איך ווייס, אַז איך קאָן ניט גיין?

פונדעסטוועגן האָט דאָס אים גאָרנישט געשטערט, ער זאָל צונויפ־לייגן דעם שירם, פאַרקאַטשען די פּאָלעס און גלײַך מיט אונדז אַלע זיך אַ וואָרף טאָן אין גרינעם פרישן שמעקעדיקן גראָז אַרײַן און געניסן טעם גן־עדן פון רועז אין מיטן פעלד, אונטער גאָטס הימל, און הערן דעם זיידן דערציילן אַ מעשה.

* * *

באשרײַבן א מעשה און דערציילן א מעשה — דאס איז זיך צוויי באזונדערע זאכן. פאראן מענטשן, וואס ווילן אײַך באשרײַבן א זאך אויסגעצייכנט, און לאזן זיי אײַך עפעס נעמען דערציילן, צעברעקלען זיי דאס און צעקײַען עס אײַך אזוי, אז עס שלאגט צו דער גאל. און פאראן מענטשן, וואס ווילן אײַך דערציילן א מעשה טשאקנדיק, אויסגעטאקט און אויסגעפוצט, מהיה נפשות, — און פרוווט, לאזן זיי דאס ווילן אי־בערגעבן אף פאפיר — איר זאלט זיי ארפנעמען דעם קאפ! פאראן נאך א קאטעגאריע גליקלעכע מענטשן, וואס זײַנען ווײַט פוןביידע זאכן, ניט דערציילן, ניט באשרײַבן; נאר פון זיי ריידן מיר נישט. מיר ריידן פון די, וואס די נאטור האט זיי געבענטשט מיט ביידע טאלאנטן. דער זיידע רב מענדעלע מוכר־ספרים באזיצט ביידע מתנות פון זײַן ליבן נאמען אפן העכסטן שטייגער. ער, אז ער דערציילט א מעשה, מאלט ער א בילד, און איר זיצט און הערט און זעט, און עס דאכט זיך אײַך, אז איר לעזט דאס פון א בוך, — ניין! וואס זאג איך? עס דאכט זיך אײַך, אז דאס לעבט, אז דאס רעדט, אז דאס קומט־פאר פאר אײַערע אויגן, און עס ווילט זיך אײַך אייביק אזוי זיצן און הערן, און הערן, און הערן...

דער שמועס, וואס בא אונדז האט זיך געקייטלט, האט זיך אנגע־הויבן, געוויינטלעך, פון פאליטיק, פון דער ייִדישער לאגע אינעם אומגליק־לעכן לאנד, און מען איז אריבער אף דעם, וואס אונדז, שריפטשטעלער, איז מער נאענט צום הארצן, — אף דער ליטעראטור. די גאנצע צײַט איז אבער דער זיידע געזעסן פארכמורעט, מיט א ביטער שמייכעלע אף די ליפן, ווי איינער רעדט: „נאראנים האבן געפונען פון וואס צו ריידן!"...

מײַן קאלעגא מיטן הייסן טעמפעראמענט האט געוואלט מאכן די אונטער־האלטונג מער אינטערעסאנט, האט ער ארויסגעפירט דעם שמועס אף „נאציאנאליזם", און האט גענומען אײַנטיילן די רעוואלוציאנערן מיט די בונדיסטן מיט די אריסטאקראטן פון איין זײַט, און די ציוניסטן מיט די טעריטאריאליסטן פון דער אנדערער זײַט, — אלע האבן זיך פון אים ניט געגנארט! עס האט אבער קיינעם נישט גענומען. דער גאנצער פולווער מיט אלע קוילן זײַנען איצטיקס מאל געווען ארויסגעווארפן. דער זיידע האט זיך אויפגעהויבן מיט א קאפ העכער פון דער גאנצער וועלט און האט געזאגט, אז כל זמן עס וועט לעבן די „אונערבארעמלעכקייט פון עקזיסטענץ" („אכזריות הקיום"), וועט אים נישט נעמען נישט דאס

„שלעכטע" נישט דאָס „גוטע", וואָרעם עס איז נישטאָ אויף דער ערד נישט „שלעכטעס" נישט „גוטעס" — עס איז נאָר דאָ דאָס, וואָס עס איז... און ער האָט אויסגעלאָזט זײַן פֿילאָזאָפֿישע טעאָריע מיט אַ קשה צו אונדז, זײַנע אייניקלעך, אַז מיר זאָלן איצטיקס מאָל אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די שריפֿטשטעלערישע קאַפּאָטע, פֿאַרגעסן, אַז ס'איז דאָ אויף דער וועלט אַ קולטור מיט אַ ליטעראַטור מיט בוכדרוקערײַ מיט מוכרי־ספֿרים און פֿאַרלעגער און אַרויסגעבער און צײַטשריפֿטן און גאַזעטן, מיט מענטשן־רשעים און מענטשן־צדיקים, מיט פּאָניע, מיט להבדיל, ייִדן, מיט נאָך אַזעלכע זאַכן, און מיר זאָלן געדענקען, אַז איצט, אין דעם דאָזיקן טאָג, זײַנען מיר גלאַט מענטשן — טוריסטן, וואָס האָבן געמאַכט אַן עקסקורסיע אין די אַלפּנבערג. עלעהיי ענגלענדער! און מחמת מיר זײַנען אַביסל מיד, האָבן מיר זיך אַנידערגעזעצט אָט דאָ אַביסל רוען, און לאָמיר בעסער ריידן, דערציילן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן.

— מעשׂיות! מעשׂיות! — האָבן אויסגעשריִען מיר, אַלע דרײַ אייניקלעך. — דערציילט אונדז עפּעס אַ מעשׂה, זיידעניו, אַ מעשׂה!

— אַ מעשׂה? וואָס פֿאַר אַ מעשׂה זאָל איך אײַך דערציילן?

— דערציילט אונדז, זיידעניו, אַ מעשׂה פֿון זיך אַליין, פֿון אײַער אייגענעם לעבן, פֿון פֿאַרצײַטן!

— גוט, איך וועל אײַך דערציילן אַ מעשׂה מיט אַ פּערטל עוף, נאָר מיט אַ תּנאַי...

—אַז מע זאָל אײַך נישט איבערשלאָגן אינמיטן? ניט פֿאַרלויפֿן אויף צו־פֿריִער? ניט אַרײַנפֿאָרן מיט אַ וואָגן אין שליטן אַרײַן?

— אָט־אָט־אָט! גוט, וואָס איר ווייסט מײַן טבע און וואָס איר קענט זיך אַליין.

אַזוי האָט אונדז געזאָגט דער זיידע, זיך גענומען צום מדרש, וואָס ער האָט מיטגענומען אין וועג אַרײַן צידה לדרך, פֿאַרריסן די ברילן אַרויף אויפֿן שטערן, געגעבן אַ קוק־אַרײַן, פֿאַרמאַכט דעם מדרש, אַראָפּגעלאָזט די ברילן צוריק אויף דער נאָז און אָנגעהויבן מיט אַ ניגון פֿון דער גמרא:

א.

אַ מעשה מיט אַ פּערטל עוף

— הערט־זשע, אָמר רבי יוחנן — האָט רבי יוחנן געזאָגט: איבער קמצא ובר־קמצא איז חרוב געוואָרן ירושלים; איבער אַ הון מיט אַ האָן איז חרוב געוואָרן די שטאָט ביתר; איבער אַ פלעקל פון אַ וואָגן איז חרוב געוואָרן טור־מלכא. דערלויבט מיר צוצוזעצן: איבער אַ פּערטל עוף איז פון אַבראַמאָוויטש געוואָרן מענדעלע מוכר־ספרים. הערט אַ מעשה!...

מיר רוקן זיך צונויף אַלע דרײַ נאָך נענטער צום זיידן, און דער זיידע הייבט־אָן צו דערציילן בזה הלשון:

— שטעלט אײַך פאָר אַ גרויסן פירעקעכיקן פּלאַץ, פאַרבויט פון איין זײַט מיט אַ ברייטן מויער, אַ פּאַלאַץ, פון דער אַנדערער זײַט — מיט אַ שיינעם בית־המדרש, באַ דער זײַט, להבדיל, אַ מרחץ, אַ גרויסע קיך, ברייטע שטאָלן און קאַמערס מיט קעמערלעך — דאָס איז דער „הויף". וועמענס הויף — דאָס וועט איר וויסן שפּעטער. אין בית־המדרש זיצן יומם ולילה צען ייִדן לומדים און לערנען. נאָר אַז מע זאָגט אײַך צען ייִדן לומדים זיצן און לערנען, שטעלט איר זיך שוין פאָר אין דער פאַנטאַזיע די געוויסע „עשרה בטלנים", דאָס הייסט: פאַרשמירטע, אָפּגעריסענע, אָרעמע לײַדיקגייער. האָט ציַיט! דאָס זײַנען געווען צען שיינע זויבער־געקליידטע פאַרשוינען, מיט ליכטיקע פּנימער, געקליבענע לומדים פון דער ליטע, וואָס יעדער פון זיי וואָלט געמעגט זײַן אַ רב בכל תפוצות ישראל. אַ זכיה האָט געהאַט דער, וואָס איז צוגעלאָזט געוואָרן צו הערן פון זיי אַ וואָרט. אַלע פרי און פאַרנאַכט האָט מען דאָרט געדאַוונט — דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. האָט איר אײַך דעם בית־המדרש. אַצינד וועלן מיר זיך דורכגיין מיט אײַך אין קיך אַרײַן. נאָר אַז איך זאָג אײַך אַ קיך, זאָלט איר ניט מיינען, אַז איך רייד פון סתם אַ קיך מיט אַן אויוון, מיט אַן אונטערן־אויוון, מיט אַן אָפּן־אויוון און מיט אַ קאַץ. ניין, דאָס מיין איך אַ גאַנצן רעסטאָראַן מיט לאַנגע געדעקטע טישן, און אויף די טישן — פון כל טוב: פיש און פלייש און ביר און פירות אַלערליי, און כל דכפין — פראַנק און פרײַ פאַר דער גאַנצער וועלט, מיט צוויי טירן, פון איין טיר אַרײַן, פון דער אַנדערער אַרויס, אויף און אָפּ, ווי אויף אַ יאַריד! און די קאַמערן מיט די קעמערלעך זײַנען געפּאַקט מיט פּראָוויזיע

אפן גאַנצן יאָר, און משרתים, דינערס און דינסטן און משגיחים, דרייען זיך אַרום הין און הער, און עס קאָכט ווי אין אַ קעסל. ווער עס קאָכט, ווער עס באַקט, ווער עס דערלאַנגט עסן, ווער עס וואַשט, ווער עס פּרעסט, ווער עס הייצט די באָד, ווער עס לעשט די ליכט אום שבת, — דערויף איז פאַראַן אין הויף אַ באַזונדערער פּאַרשוין, אַ שבת־גוי מיטן נאָמען פּאַוולאַ, וואָס פון אים האָב איך פאַר אײַך גאָר אַ באַזונדערע מעשה. איר קאָנט פאַרשטיין, ווער דער פּאַוולאַ איז — אַז ס׳זײַנען געווען מענטשן, וואָס פלעגן בײַ דעם פּאַוולאַ זיך נאָכפרעגן, ווען איז ראש־חודש און ווען איז דער מולד... נאָר מיר לאָזן פּאַרלויפיק פּאַוולאַ צו־רו. און מיר קערן זיך אום צוריק אין „הויף״ אַרײַן. דאָס האָט איר אײַך דעם פּרוזדור, דעם אַרײַנטריט. אצינד וועלן מיר זיך מטריח זײַן מיט אײַך אין טרקלין, אין פּאַלאַץ אַרײַן, זיך באַקענען מיטן אייגנטימער פונעם „הויף״.

שטעלט אײַך פאָר אַ בילדשיינעם מענטשן, האַלב־יִידיש, האַלב־איי־ראָפּעיִש געקליידט, מיט אונטערגעבויגענע פּאות, מיט אַ ווײַסן קאָלנער, מיט אַ ליכטיק שטרענגן פּנים, מיט מאַניערן פון אַ פירסט. דער גאַנצער „הויף״ שטייט פאַר אים ווי פאַר אַ מלך. אין שטוב איז ריין, זויבער, רײַך, נאָר איינפאַך און שטרענג, און זעלטן ווער עס האָט די ערע אַהער אַרײַנצוטרעטן, אַ חוץ שבת; און קומט שבת, ווערט געדעקט אַ לאַנגע רייע פון טישן, און אַ חוץ דער פאַמיליע ווערן אײַנגעלאַדן אויך געסט פון די פּאָרנעמסטע אורחים. איך האָב אײַך פאַרגעסן מיטצוטיילן, אום איר זאָלט האָבן אַ ריכטיקן באַגריף פון דעם „הויף״, אַז אין שטוב דרייט זיך אַרום אויך אַ גלות. דאָס איז אַ דײַטש, אַ לערער צו די קינדער, וואָס לערנט מיט זיי „שפּראַך״. אויבנאָן, אויף אַ הויכן שטול, זיצט דער בעל־הבית, דער אייגנטימער אַליין, און אַלע אויגן זײַנען צו אים.

ווייסט איר, ווער דאָס איז? דאָס איז אַ ליטווישער גביר, אַ ייִד אַ סוחר, רב יונה סלוצקער, און די מעשה קומט־פאָר נישט אין קיין אַנדער שטאָט, נאָר טאַקע אין סלוצק.

אצינד לאָזן מיר איבער דעם בן־מלך און נעמען זיך צו דער בת־מלכה, דאָס מיין איך — צו רב יונה סלוצקערס טאָכטער, וואָס איר נאָמען איז געווען פייגל און גערופן האָט מען זי די „קליינע אייגעלעך״, נישט בלשון סגי־נהור, ווײַל זי האָט געהאַט גרויסע אויגן, נאָר טאַקע

דערפֿאַר, ווײַל זי האָט געהאַט זייער קליינע אייגעלעך, און מחמת רב יונה סלוצקער איז געווען אַ ייִד אַ גביר און די טאָכטער האָט געהאַט קליינע אייגעלעך, האָט מען איר געזוכט אַ חתן אַן אָרעם־בחור, נאָר אַ מושלם, אַ צאַצקע, אַזעלכן, וואָס זאָל זײַן איינער באַ גאָט, דער אַנדערער באַ אים, — און גאָט האָט אים געבראַכט די מציאה אין שטוב אַרײַן.

איר שטויסט זיך שוין אַוודאי, אַז דאָ וויל איך אײַך דערציילן שוין פֿון זיך. אַלזאָ, מוז איך אײַך דערקלערן, ווער בין איך געווען און וואָס בין איך געווען צו יענער צײַט. מיך האָט גאָט געבענטשט מיט דרײַ טיט־לען מיט אַ מאָל. איך בין געווען אַ „יתום", אַ „יורש" און אַ „נשרף". אַ יתום בין איך געווען פֿון טאַטע־מאַמע אין אַ קליין שטעטל אין דער ליטע, אין קאַפּוליע. אַ יורש בין איך געווען אַף אַ חלק פֿון דער דירה, וואָס איז געבליבן אונדז בירושה — געוויינטלעך, ניט אַף אַ גרויסן חלק: דעם גרעסטן חלק האָט געהאַט מײַן עלטערער ברודער, דער בכור; אַף מײַן חלק האָט זיך אָנגענומען סך־הכל אַ „זיבעטל", וואָס אַז מע זאָל געווען די דירה צו יענער צײַט פֿאַרקויפֿן, וואָלט זיך אָנגענומען אַף מײַן חלק אַוודאי אַ קערבלעך דרײַסיק, און געווים זײַנען געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבן מיר מקנא געווען. נאָר אַזוי ווי מע האָט די דירה באַצײַטנס ניט פֿאַר־קויפֿט, — און שולדיק זײַנען אין דעם געווען טאַקע די יורשים אַליין — איז זי אין דער גרויסער שׂרפֿה, וואָס עס איז געווען באַ אונדז אין קאַ־פּוליע, אָפּגעברענט געוואָרן, און צו מײַנע צוויי טיטלען, „דער יתום" און „דער יורש", איז צוגעזעצט געוואָרן אַ דריטער טיטל: „דער נשרף", וועלכער האָט אײַנגעשלונגען יענע ערשטע צוויי טיטלען, ווי די זיבן מאָ־גערע קי פֿון מצרים, וואָס האָבן אַזוי ברייהש אײַנגעשלונגען אין זיך די זיבן פֿעטע קי, אַזוי אַז קיינער האָט ניט דערקענט, וואָס פֿאַר אַ גוטן אָנ־בײַסן זיי האָבן געהאַט...

מילא, דערציילן אײַך וואָס אין קאַפּוליע האָט זיך אָפּגעטאָן בשעת פֿונעם „יתום" מיטן „יורש" איז געוואָרן אַ „נשרף" — וויל איך נישט. דאָס לאָז איך איבער אַף אַן אַנדערש מאָל. איך וויל אײַך נאָר מודיע זײַן, אַז עס האָבן זיך געפֿונען גוטע באַרמהאַרציקע מענטשן, וואָס האָבן רחמנות געהאַט אַפֿן „יתום" דעם „נשרף". (דער טיטל „יורש" איז אַוועק, ווי דער ליבער שבת־קודש גייט אַוועק) און האָבן אים אָפּגעפֿירט

פון קאַפּוליע קיין סלוצק צו רב יונה סלוצקער אין בית־המדרש אַרײַן — לערנען.

מײַן איבעראַשונג, אַז איך בין אָנגעקומען צו רב יונה סלוצקער אין „הויף" אַרײַן, לאָזט זיך ניט באַשרײַבן. איך בין זיכער, אַז קיין תּלמיד פון דער ישיבה און קיין סטודענט פון אוניווערזיטעט האָט אַזוי פלײַסיק נישט געלערנט און אַזוי פיל הנאה געהאַט פון דעם לערנען, ווי דער „יתום" פון קאַפּוליע האָט געהאַט בײַ רב יונה סלוצקער אין בית־המדרש. אייביק וועל איך ניט פאַרגעסן די לאַנגע ווינטער־נעכט אינעם העל־באַלויכטן גוט־אָנגעהייצטן בית־המדרש, אויף די גלאַטע בענק מיט די געפּאָלירטע שטענדערס, ווו דאָס קול קלינגט זיך אויס מיט אַ זיסלעכער זיסקייט, וואָס צעגייט זיך ממש אין די ביינער. נאָכדעם — דאָס געשמאַקע דאַווענען מיטן ערשטן מנין פאַרטאָג, אַז דער רבונו־של־עולם אַליין שלאָפט נאָך, און נאָכן דאַווענען — דאָס הייסע גלעזל טיי מיט זודיקע מילך מיט פרישע געבעקס, נאָר־וואָס פונעם אויוון. און וועל כולם — פרײַטיק אין באָד אַרײַן מיט די פּראַכטפולע שטיינערנע בענק, רײנע שעפלעך, מחיהדיקע שפּריצערס, ריינע באַסיינס אויף צו שווימען — אַן אמתער גן־עדן! איך זאָג אײַך דעם אמת: איך וואָלט וועלן אייביק זײַן אַ „יתום" אַ „נשרף" און זיצן בײַ רב יונה סלוצקער אין „הויף", אַלס אָרעם־בחור, און לערנען. איז דאָך אָבער דאָ אַ שטן מקטרג אויף דער וועלט, גייט ער און רעדט אָן די לומדים, וואָס האָבן מיט מיר געלערנט אין בית־המדרש, אַז זיי זאָלן ריידן מיט רב יונה סלוצקער וועגן דעם קאַפּוליער אָרעם־בחור, און רב יונה סלוצקער גיט אַרויס אַ באַפויל, אַז שבת זאָל מען מיך ברענגען צום „טיש". פונעם שמועס, וואָס די עשרה בטלנים האָבן געהאַט צווישן זיך, האָב איך פאַרשטאַנען, אום וואָס דאָ האַנדלט זיך. קיין גרויסער חכם דערצו האָט מען נישט באַדאַרפט זײַן, וואָרעם זיי האָבן מיר גלײַך אַרויסגעזאָגט, אַז איך בין אַ גרויסער בר־מזל, און האָבן שוין געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ פּרינץ, ווי אויף רב יונה סלוצקערס טאָכטערס חתן.

וואָס איך האָב איבערגעלעבט יענעם טאָג, ווען איך האָב באַדאַרפט צום ערשטן מאָל גיין צום „טיש" — באַדאַרף איך אײַך נישט דערציילן. דער כח הדמיון האָט מיך געכאַפּט אויף די פליגלען און האָט מיך אוועקגעטראָגן צו אַלדי שוואַרצע יאָר, ערגעץ הינטער די הרי־חושך, און איך האָב מיך דערזען זיצן אויבנאָן אויף אַ גאָלדענעם שטול, אָנגעטאָן אין

סאַמע זײַדענע מלבושים, און דער גאַנצער „הויף" מיט די עשרה בטלנים מיט, להבדיל, פּאַוולאַ דעם שבת־גוי קניִען און בוקן צו מיר, און איך שאַף מיך מיט זיי, זיי זאָלן מיר דערלאַנגען די גמרא... און פּלוצעם, איך טו אַ קוק — עס פליט אַ קאַרעטע מיט געגילטע רעדער און מיט ברענענ־דיקע פערד, און אין קאַרעטע, זע איך, זיצט צעלייגט אַ גראַף — דער „יתום", דער „יורש", דער „נשרף" פון קאַפּוליע, און וויל גאָרנישט אַ קוק טאָן אַף מיר...

— וואָס נעמסטו זיך איבער אַזוי? — טענה איך צו אים. — דאָס בין איך דאָך טאַקע אַליין, הײַנט וואָס איז מיט דיר דער יחוס?...

— הקיצור, איך וועל אײַך נישט מאַריך זײַן, קינדער, מע האָט מיך געבראַכט צום „טיש" דעם ערשטן פרײַטיק־צו־נאַכטס און מע האָט מיך אַוועקגעזעצט באַם עק טיש, פּונקט אַקעגן דעם גביר און אַקעגן דעם גבירס טאָכטער מיט די קליינע אייגעלעך. דער גביר האָט אַלע מאָל גע־וואָרפן אַף מיר אַ פּאָר שוואַרצע שאַרפע שטרענגע אויגן, מיט וועלכע ער האָט מיך דורכגעניזעט דורך און דורך. די „קליינע אייגעלעך" האָבן גע־קוקט צו זיך אין טעלער אַרײַן. מיר איז געווען ניט אַם בעסטן — דאָס דאַרפט איר אַליין פאַרשטיין.

אָפּמאָלן אײַך די פּרעכטיקע סעודה — למאי זאָלט איר מיך נייטן, איך זאָל אײַך טאָן אַזאַ זאַך, וואָס איר קאָנט דאָס געפינען אין שבועות־דיקן „אקדמות"? איך וויל אײַך נאָר זאָגן איינס: דעם ערשטן מאָל אַף מײַן לעבן האָב איך דערזען אַזוי פיל טעלער מיט טעלערלעך! און גלאַנ־צנדיקע, גלאַטע, גליטשיקע. איר מיינט, ס'איז אַ מעלה? האָט צײַט, איר וועט עפּעס הערן! דערצו דאַרף איך מיך מודה זײַן, אַז מיטן שכל פון גאָפּל־מעסער בין איך צו יענער צײַט נאָך עפּעס נישט אַזוי שטאַרק באַ־קאַנט געווען, און דאָ דערלאַנגט מען אײַך, אַ געבראָטענעם, אַ פערטל עוף, גוט אײַנגעפּרעגלט אין שמאַלץ, אָנגעפילט און באַגאָסן מיט אַ מין זאַך (צימעס מן הסתם?), וואָס איך האָב עס נאָך קיינמאָל נישט פאַר־זוכט. אַוודאי דאַרף מען זײַן אַ גרויסער חכם, מע זאָל פאַרשטיין, אַז דאָס איז ניט קיין שלעכטער מאכל. נאָר במה דברים אמורים — ווען איז דאָס געגעסן גענומען, אַז מע זאָל דאָס נעמען אין האַנט אַרײַן, ווי גאָט האָט געבאָטן, און טאָן מיט דעם דאָס, וואָס דער טאַטע האָט געטאָן. ווי־זשע איז אָבער דער דין, אַז מע דאַרף נאָכקוקן וואָס אַנדערע טוען?

איך קוק און זע, אַז אַלע קלינגען זיך, בריהן זיך מיטן מעסער און מיטן גאָפּל, — קליג איך מיך אויך און בריה מיך אויך מיטן מעסער און מיטן גאָפּל, און דאָ דער גביר מיט זײַנע שאַרפע שטרענגע אויגן, וואָס נידערן איַיך גלײַך אין דער נשמה אַרײַן! איר קאָנט זײַן ווי הונגעריק, מוזט איר פּאַרלירן דעם אַפּעטיט. אַוועקלייגן דעם גאָפּל מיטן מעסער איז אָבער אויך ניט קיין פּלאַן. שלעכט! פּלוצעם — אַז מײַן פּערטל עוף הייבט זיך ניט אויף פונעם טעלער, גלײַך ווי עס וואָלט באַ דעם אויסגעוואַקסן פליגל, און טוט ניט אַ פלי איבערן גאַנצן טיש — און גלײַך דעם גביר אין פּנים אַרײַן, און פונעם פּנים גלײַך אַף זײַנע ריינע שיינע רײַכע שבתדיקע בגדים?!!!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איר ווילט וויסן דעם סוף פון דער מעשה? איר ווייסט אים שוין... דער גאַנצער מיין מײַנער איז געווען — ערשטנס, מיר זאָלן אַביסל אויס־רוען די פיס, און, צווייטנס, כאָטש אַ האַלבע שעה נישט ריידן פון אונדזערע מכות. אַצינד קאָנען מיר גיין ווײַטער.

און מיר האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און מיר זײַנען אַוועק ווײַטער.

ב.

דעם זיידנס האָטעל

עס טרעפט אַמאָל, אַז איר זאָלט וועלן זײַן נישט דאָס, וואָס איר זײַט? איך, למשל, וואָלט אַ בעלן געווען אַמאָל זײַן נישט קיין ייִד — געוויינטלעך, נישט אַף שטענדיק, חלילה! איך מיין נאָר אַזוי, אַף אַ קורצער צײַט, און אָנקוקן מיט מײַנע נישט־ייִדישע אויגן, וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט בשעת ייִדן גייען און ריידן און פּילדערן און שפּאַרן זיך און מאַכן מיט די הענט? איך מיין, עס שײַנט צו זײַן אַ העכסט־אינטע־רעסאַנט בילד? אַ גאַנץ געוויינלעכער שמועס וואָלט געווים אויסגעזען אין מײַנע אויגן, אַז מע קריגט זיך און מע רײַסט זיך, און בשעת צוויי

יידן אמפּערן זיך איבער אַ פּרינציפּיעלער פראַגע, וועגן ווען פאַרגייט די זון, וועגן ווען האָבן מיר היינטיקן יאָר ראש־השנה, וועגן וויפל קאָן ווערט זיין אָט דער דאָזיקער מויער, וכדומה, — וואָלט איך זיכער מיינען, אַז מע קריגט זיך און עס האַלט באַ פּעטש.

די דאָזיקע געדאַנקען זיינען מיר געקומען אין קאָפּ אַריין אין דער צייט, ווען מיר, דריי יידישע שריפטשטעלער און איינער אַ פּאָעט, האָבן געמאַכט די ערשטע נסיעה צו די באַרימטע אַלפּנבערג. כמעט אַלע די, וואָס מיר האָבן באַגעגנט אַף אונדזער רייזע, צווישן זיי פראַנצויזן, דייטשן און ענגלענדער, האָבן זיך אָפּגעשטעלט און עפּעס ווי פאַרוווּנ־דערט געקוקט אַף אונדז, גלייך ווי מיר וואָלטן אָנגעקומען מי יודע פון וואָס פאַר אַ לאַנד און געגאַנגען אָנגעטאָן מי יודע אין וואָס פאַר אַ מלבושים. איך רעכן, אַז ס'איז געווען דערפאַר, וואָס מיר האָבן געשמו־עסט טאָקע אַביסל צו הויך, און אַביסל דערפאַר, וואָס מיר האָבן גערעדט איינאייינעם אַלע פיר. ריידן אַלע אינאייינעם איז אַ קונסט, וואָס נאָר מיר, יידן, באַזיצן דאָס: קיין אַנדער פאָלק קאָן זיך נישט באַרימען דערמיט. אונדזערע אסיפות, דין־תורהס, שמחות און זיצונגען האָבן אַ שם אַף דער וועלט. פּאַרלאַמענטאַריזם, דאָס הייסט, אַז יעדער איינציקער זאָל ריידן באַזונדער, איז אַ נייס, וואָס מיר האָבן דערמיט צו פאַרדאַנקען דעם ציוניזם און, איבערהויפּט, דעם דאָקטאָר הערצל. דאָס איז טאָקע אַ גוטע זאַך, נאָר נישט אומעטום און נישט אַלע מאָל. וואָסער אַ פּנים האָט פּאַרלאַמענטאַריזם באַ דריי יידישע שריפטשטעלער און איינעם אַ פּאָעט, בשעת מע גייט זאַלבעפערט אין דער שווייץ צווישן די באַרימטע, מיט אייביקן שניי באַדעקטע, אַלפּנבערג און מע רעדט אַלע פיר וועגן ליטעראַטור, פּאָעזיע, תלמוד, מדרש, היסטאָריע, פּאָליטיק, רעוואָלוציע, וכדומה אַזעלכע זאַכן? מיר וועלן דאָך נישט מאַכן גייענדיק אַ „זיצונג" און אויסקלייבן אַ פּרעזידענט און בעטן באַ אים דאָס וואָרט!

די מענטשן, וואָס מיר באַגעגענען, די פראַנצויזן, דייטשן און ענג־לענדער, גייען אַף די אייגענע בערג, וואָס מיר, נאָר זייער גיין איז נישט אינטערעסאַנט. זיי גייען און שווייגן, אָדער אַז זיי ריידן, ריידן זיי אַזוי שטיל, אַז קוים־קוים וואָס מע הערט. יעדער פון זיי האָט אין זינען נאָר זיך, נאָר זיין אייגענעם מאָגן. דאָס איז אַ כלל: אַז עטלעכע מענטשן גייען צוזאַמען און שווייגן, איז אַ סימן, אַז זיי זיינען פאַרטיפט אין

זייערע מאָגנס. יִדן זײַנען ווײַט פון אַזעלכע זאַכן. אַ מאָגן איז בײַ אונדז אַ באָמבע, וואָס די נאַטור האָט אונדז אָנגעהאַנגען, ווי אַן אינעוויי־ניקסטע טאָרבע, אַן אָפּקומעניש אויף דער וועלט. איך זאָג עס נישט פון זיך. דער זיידע רב מענדעלע האָט דאָס שוין אָנגערירט וויפל מאָל אין זײַנע אומשטערבלעכע כתבים.

ווי אַזוי די מעשה איז — אַלע דורכגייער האָבן אויף אונדז געקוקט מיט גרויס באַוווּנדערונג. אייניקע האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אײַנגע־הערט זיך אין אונדזערע געשרייען, געוואַרט, אפֿנים, ביז מיר וועלן זיך אָנהייבן שלאָגן. שוטים! זיי ווייסן נישט, אפֿנים, אַז נאָך אַזעלכע אמתע נוטע פרײַנט, ווי מיר, איז שווער צו געפֿינען אויף דער גאַנצער וועלט, כאָטש קיין קאָמפּלימענטן מאַכן מיר נישט איינס דעם אַנדערן, אין קאָרטן שפּילן מיר נישט, און פון אַנדערע תענוגים פון עולם הזה, וואָס בינדן־צונויף באַקאַנטע מענטשן, ווייסן מיר נישט. אונדזער גאַנץ פאַרגעניגן איז, אַז דער יִדישער גלות טרײַבט אונדז אַמאָל צוזאַמען אויף איין פּלאַץ, גיסן מיר אויס איינס פאַר דאָס אַנדערע אונדזער פאַרביטערט האַרץ, וויינען צוזאַמען אויף גלות השכינה, באַדויערן די אָרעמע צעשלאָגענע „קליאַטשע", אָדער די „כנסת ישראל", און אַז גאָט העלפט, מע נעמט צו ביסלעך משקה אַמאָל בײַ אַ מלווה־מלכה, ווערט מען אַזוי שטאַרק פריילעך, אַז עס גיסן זיך אַזש טרערן פון די אויגן...

***

די זון האָט געהאַלטן אין רעכטן שפּאַצירן איבערן העל־בלויען שווייצאַרישן הימל, באַגאָסן די בערג אַרום און אַרום מיט גאָלדענע סנאָפּעס, וואָס האָבן זיך צעשאָטן אַזוי ווי זאַנגען איבער די אייביקע שטיינער און געקײַקלט זיך אַראָפּ־באַרג, איבער גרינע טאָלן, און אַרײַנ־געפאַלן אינאיינעם מיט די שלענגלדיקע וואַסערלעך אין דער גלענצנד־בלויער אומרויִקער „ראָנאַ", וואָס לויפט מיט אַ געזאַנג צווישן די פעלדזן, גאָט ווייס פון ווען־אָן און ביז וואַנען, גאָט ווייס פאַר וואָס און צוליב וואָס וואַקסט פאַר אונדזערע אויגן, ווערט אַלע מינוט ברייטער און שענער, און עס דאַכט זיך, אַז ער לויפט שוין נישט מער פון אונדז, ווי

פריער, נאר, אדרבה, ער גייט אונדז אקעגן מקבל־פנים זיין, קוקט אף אונדז פריינטלעך, נאר מיט גדלות, ווינקט צו אונדז, אז מיר, פיר יידישע שריפטשטעלער, זאלן זיך מטריח זיין אהין, צו אים ארויף, נאענט צום הימל, צו גאטס שטול; דארט וועט ער אונדז ציַיגן זיַינע גרויסע וווּנדער; דארט וועט ער אונדז לייענען א קאפיטל פון מעשה־בראשית; דארט וועט ער אונדז דערציילן וואס גאט קאן, און פון דארט וועט ער אונדז באוויַיזן דאס נידעריקע, נארישע וועלטל, ווו נארישע קינדער האבן אויסגעבויט קליינע שטיבעלעך און האבן דאס א נאמען געגעבן שטעט, געלאזט לויפן קליינע וועגעלעך און האבן דאס א נאמען געגעבן באנען, האבן זיך פארשטעלט פאר מלכים, קעניגן און פרעזידענטן, שפילן אין מלחמות, ים־געשלעג, הארן און קנעכט — פונקט אזוי ווי בא די גרויסע...

בא יעדן פון אונדז באקומט דער בארג אן אנדער נאמען: בא איינעם הייסט ער „דער זקן"; דער אנדערער האט געפונען, אז אים פאסט הייסן „דער גדול"; נאך איינעם איז געפעלן אים א נאמען געבן „רב זייטזשע מוחל". דעם זיידן רב מענדעלע האט זיך פארגלוסט אראפבערענגען אהער דעם גרעסטן ריז עוג מלך הבשן, וואס זאל כאפן דעם בארג אף די פלייצעס און לויפן מיט אים ת"ק מיַיל אין איין אטעם און ווילן ארויפווארפן אים אף די יידן; פלוצעם טוט גאט א נס און עס וואקסן־אויס באם מערדערישן קעניג צוויי ציין, איינער ארויף, דער אנדערער אראפ, און דער מערדערישער קעניג בליַיבט שטיין מיטן בארג, נישט אהער, נישט אהין — א זעלטן טראגיקאמיש בילד!...

— ווי אזוי הייסט ער, אט דער שיינער בארג?

אלע אויגן קוקן אף מיַין קאלעגא מיטן הייסן טעמפעראמענט — ער איז דאך אין דער שוויַיץ א גאנצער בעל־הבית: ער קען זיך, זאגט ער, מיט אלע בערג און איז אויסגעבונדן מיט אלע טיַיכן און טיַיכלעך — מיט איינעם א ווארט, א „היימישער מענטש". מיַין קאלעגא מיטן הייסן טעמפעראמענט האט זיך אפגעשטעלט, געווארן רויט, געריבן זיך דעם שטערן, געקוקט ארויף, אפן סאמע שפיץ בארג; נאכדעם האט ער אויסגעשפיגן מיט אזא כעס, גליַיך ווי עמעצער וואלט אים אנגעטראטן אפן פוס:

— טפו זאל דאס ווערן! איך האב פארגעסן דעם נאמען פונעם בארג! געוווּסט נאר־וואס — און פארגעסן! וואס זאגט איר דערויף?

— פאַרגעסן? — רופט זיך אָן דער זיידע רב מענדעלע, — הערסטו! וואָס פאַרגעסעניש מאַכט — פרעגט בא מיר. נישטאָ קיין ערגערע שטראָף אויף דער וועלט, ווי אַז מע פאַרגעסט! מיר איז באַקאַנט דער טעם, אַז מע ווייס עפּעס אַ זאַך און פּלוצעם פליט דאָס אַרויס פון זכרון, ווי אַ פייגעלע פון דעם שטייַגעלע — גיי כאַפּ דאָס! פאַרגעסעניש איז אַ חולאת, אַן אָנשיקעניש, אַן אומגליק אויף אַ מענטשן! אויב איר ווילט, קינדער, וועל איך אייַך דערציילן אַ מעשה, נישט קיין פאַנטאַזיע, נאָר טאַקע אַ מעשה שהיה, וואָס מיט מיר האָט געטראָפן אין אַדעס פאַר עטלעכע יאָרן. אַ מעשה מיט אַ האָטעל...

— איך וועל אייַך דערציילן אַ שענערע מעשה, וואָס מיט מיר האָט געטראָפן אין אַדעס!... הערט איר? ס'איז ווערט צו באַשרייַבן!...

אַזוי האָט זיך אָנגערופן מייַן קאָלעגע מיטן הייסן טעמפּעראַמענט און האָט שוין געוואָלט אָנהייבן דערציילן, האָט אים דער פּאָעט איבער־געשלאָגן:

— אָט וועל איך אייַך דערציילן נאָך אַ שענערע מעשה, וואָס מיט מיר האָט זיך געטראָפן, נישט אין אַדעס, נאָר אין זשיטאָמיר!

— און ווו בין איך? — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דער פּערטער, טאַקע איך אַליין, — איך וועל אייַך בעסער דערציילן אַ מעשה פון דריַי שטעט מיטאַמאָל, וועט איר זיך האַלטן בא די זייַטן!...

— פון דריַי שטעט מיטאַמאָל? אויב אַזוי — קומט אייַך די בכורה!

אַזוי האָט זיך אָנגערופן דער זיידע מיט אַ הילכיקן געלעכטער און מיט אַ ניגון און האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין דער לופטן, ווי איינער רעדט: „איר האָט אויסגעכאַפּט?... פאַר אייַך די מציאה!"...

אַלע פיר האָבן זיך צעלאַכט, און איך האָב מיך דערמאָנט אינעם פּסוק: „שבעה דברים בגולם", און פאַרשטאַנען, ווי אומטאַקטיש עס איז פון אונדזער זייַט, וואָס מיר זייַנען אַרייַנגעפאַלן מיט אונדזערע מעשיות דעם זיידן אין די רייד אַריַין, און מיר זייַנען גרייט געוועזן פאַרריכטן אונדזער פאַרברעכן. מיר האָבן אָבער לאַנג באַדאַרפט בעטן דעם זיידן, ער זאָל אונדז דערציילן די מעשה, וואָס מיט אים האָט זיך געטראָפן אין אַדעס, און דער זיידע (אַז מע בעט אים שטאַרק, פועלט מען בא אים) האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל, ווי זייַן שטייגער איז, אַרויפגערוקט די ברילן אויפן הויכן, ווייַסן, קלוגן שטערן, וואָס קוקט־אַרויס פון די כוואַ־

לעדיקע שניי־ווײַסע האָר. די קליינע נאָר שאַרפע, טיפע, דורכדרינגענדיקע אויגן האָבן זיך האַלב געשלאָסן, געקוקט אַרויף, אַביסל אין אַ זײַט, און אויפן פּנים האָט זיך צעגאָסן דאָס שײַנענדיקע קינדערשע שמייכעלע, וואָס מאַכט אים תמיד יינגער מיט פופציק יאָר און גיט אים צו אַזוי פיל חן, אַז עס ווילט זיך זיצן אַזוי אייביק נעבן אים און הערן אים ריידן און ריידן און ריידן!...

און לאַנגזאַם, ווי זײַן שטייגער איז, מיט אַ האַלב־קאָמישן, האַלב־ערנסטן טאָן, האָט ער אָנגעהויבן זײַן געשיכטע בזה הלשון:

— דאָס איז געווען, ווי איך האָב אײַך געזאָגט, מיט עטלעכע יאָר צוריק אין אַדעס, דאָס הייסט, נישט אין אַדעס גופא, נאָר עטלעכע סטאַנציעס הינטער אַדעס. קורץ, איך בין געפאָרן אַהיים קיין אַדעס. אַסיענציײַט איז דאָס געווען. דער אינדרויסן האָט זיך אײַנגעהילט אין אַ רעגנמאַנטל. דער הימל האָט געגאָסן מיט טרערן, דער ווינט האָט געקלאָגט, די ערד האָט געטרויערט, געבענקט נאָך דער ליבער וואַרעמער זון, ווי אַן אַלמנה נאָך איר מאַן. די ביימער האָבן זיך שוין לאַנג אָפּגע־טרייסלט פון די געלע בלעטלעך, די פויגלען האָבן פאַרלאָזן זייערע נעסטן, צוגעזאָגט אָף, אם ירצה השם, איבער אַ יאָר צוריק קומען, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן... אַ דריבנע רעגנדל האָט געזיפּט פון אויבן אומאויפהערלעך און פון צײַט צו צײַט צעבייזערט זיך און געשמיסן אין די פאַרשוויצטע פענצטער פון אונדזער וואַגאָן, וווּ מיר זײַנען זיך גע־זעסן גאַנץ ברייטלעך, באַקוועם, אין דער וואַרעם, אַ גאַנצע קאָמפּאַניע און געשמועסט פון פאַרשיידענע זאַכן, ענינים און קעגנשטאַנדן. אַקעגן מיר איז געזעסן אַ פּאַסאַזשיר, אַ געבילדעטער, אַ באַלעזענער, אַ פּראַכט־פולער מענטש, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָכדעם — אַ קריסט, אַ זעלטענער יידנפרײַנט. איר ווייסט, אַז איך האָב פײַנט אַ מה־יפיתיידן ערגער ווי אַ משומד, און ווער נישט נתפעל פון אַ קריסט, וואָס זאָגט אָף אונדז אַ גוט וואָרט. נאָר צו דעם פאַרשווין האָב איך געהאַט אַ פער־זענלעכע סימפּאַטיע דורך אַ פאַרבאָרגענער צוציִונגס־קראַפט, וואָס ליגט אַביסל טיפער פון אונדזער פאַרשטאַנד. וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? איך האָב זיך געפילט מיט אים אַזוי גוט, איך וואָלט זאָגן: היימיש, אַז עס וואָלט ווירקלעך מיר נישט נמאס ווערן פאָרן מיט אים נאָך דרײַ טעג. עס האָט זיך מיר געוואָלט מיט עפּעס וואָס־נישט־איז נוצלעך זײַן אים,

טאָן עפּעס אַ געפּעליקייט, און שטעלט אײַך פֿאָר, אַז די גוטע געלעגנהייט איז מיר געקומען צו דער האַנט גאַנץ אַליין, פֿון זיך. וואָס איז די מעשׂה? אַזוי ווי ער פֿאָרט דעם ערשטן מאָל אין מײַן שטאָט, אין אַדעס, וואָלט ער וועלן עפּעס אַ רעכטע סטאַנציע, אַן אָנשטענדיקן האָטעל, און אַזוי ווי איך בין אַן אַדעסער תּושבֿ פֿון אַ סך יאָרן, אפֿשר איז מעגלעך, איך זאָל אים רעקאָמענדירן נאָך מײַן פֿאַרשטאַנד דאָס שענסטע און דאָס בעסטע האָטעל אין אַדעס?

— אַ האָטעל? אַך!...

מיט ביידע הענט האָב איך מיך אָנגעכאַפּט אינעם דאָזיקן צופֿאַל און האָב גענומען אים אויסמאָלן מיט די שענסטע פֿאַרבן אַ באַוווּסטן האָ־טעל, לויט מײַן מיינונג, דאָס גרעסטע און דאָס שענסטע האָטעל, וואָס אין דער שטאָט. ערשטנס, די פּאַנאָראַמע. דאָס הויז איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַזוי קונציק, אַז אַלע פֿענצטער קוקן־אַרויס אַפֿן ים. הײַנט די ברייטע, הויכע, ליכטיקע חדרים, דער פּרעכטיקער ווינטער־גאָרטן, די אָראַנזשעריען, דאָס לעזע־צימער, די באַדינונג, איך מיין די „מענטשן". הײַנט דער רעסטאָראַן, די מוזיק — קורץ, איך האָב מיך אַזוי באַגײַס־טערט, גלײַך ווי איך וואָלט געמאָלט אַ גן־עדן, נישט קיין האָטעל.

אַ ליכטיקע, וואַרעמע, פֿריילעכע סטאַנציע אין אַ פֿרעמדער שטאָט, בשעת אין דרויסן איז אַזוי אָנגעכמורעט, איז צען מאָל אַזוי אָנגעלייגט, ווי אין אַן אַנדער צײַט. מײַן פּאַרשוין האָט מיך אויסגעהערט מיט לויכטנדיקע דאַנקבאַרע אויגן און מיט אַ שײַנענדיק גליקלעך פּנים. איך האָב באַמערקט, ווי ער האָט אַרויסגענומען פֿון דער טאַש אַ נאָטיץ־ביכל, אָפּגעשפּילעט פֿונעם זייגער אַ גאָלדן שטיפֿטל, און האָט געוואַרט ביז איך וועל ענדיקן, אום ער זאָל קאָנען פֿאַרשרײַבן דעם נאָמען פֿונעם האָטעל. איך בין אָבער נאָך אַלץ געווען באַגײַסטערט פֿון מײַן באַשרײַבונג און האָב נישט אויפֿגעהערט אויסצורעכענען די מעלות פֿונעם מערקווירדיקן האָטעל. איך האָב גאָר נישט באַמערקט, אַז מיר זײַנען שוין אָט־אָט אין אַדעס. נאָר אַז דער עולם האָט גענומען אויפֿהייבן זיך פֿון די ערטער און קוקן אַרויף צו די פּעקלעך, האָט מײַן פּאַרשוין פּאַרזיכטיק מיט זייער אַ פֿרײַנטלעך שמייכעלע, זיך געווענדעט צו מיר און האָט מיך זייער העפֿלעך אַ פֿרעג געטאָן, ווי אַזוי איז דער נאָמען פֿונעם האָטעל?

— אַך! יאָ, דער נאָמען? אָט באַלד וועל איך אײַך זאָגן!...

און איך האָב מיך אַף אַ ווײַלע פאַרטראַכט — גאָט מײַנער! ווי אַזוי איז דער נאָמען? אָט ערשט האָב איך געוווּסט... בלאָטע! נישטאָ קיין נאָמען! אַוועקגעפלויגן!... אומזיסט האָב איך מיר געריבן דעם שטערן, געזוכט אין אַלע קעשענעס — נישטאָ קיין נאָמען! אפשר מיינט איר, אַ שווערער נאָמען, אַ פאַרפּלאָנטערטער, וואָס איז נישט גרינג צו געדענקען? אָט וועט איר הערן! קיין מער גרינגערער נאָמען קאָן שוין גאָר נישט זײַן אין דער וועלט! נאָך מער, דאָס איז אַזאַ נאָמען, וואָס מע קאָן אים נישט פאַרגעסן, מע זאָל אַפילו ווען! איר וועט הערן, וועט איר אַליין זאָגן! קורץ, איך האָב געמיינט, אַז איך וועל מיר נאָר אַ מעשה אָנטאָן! דער נאָמען איז מיר געלעגן, ווי מע זאָגט, אַף דער צונג: אָט־אָט! נאָר אַרויסריידן אים — בשום אופן נישט, כאָטש שרײַ חי וקיים! כאָטש לייג זיך און שטאַרב! איך וועל אײַך מער נישט דערציילן. מײַן פאַרשוין האָט, אַפּנים, געזען מײַן טרויעריקע לאַגע. ער האָט געוואָלט מיר אויסהעלפן ווי ווײַט מעגלעך, אַרויסציִען מיך פון דער בלאָטע, וווּהין איך בין מיט מײַן אייגענעם ווילן פאַרקראָכן. ער האָט דערצו אָנגעווענדעט אַלע קרעפטן. ער האָט מיר גענומען אונטערזאָגן, אויסרעכענען אַלע נעמען פון דער גאַנצער וועלט. דאָס איז געווען: „גראַנדהאָטעל", „בעלוויו", „טערמינוס", „מעטראָפּאָל", „נאַציאָנאַל", „אינטערנאַציאָנאַל", „בריסטאָל", „פּאַריז", „מאַדריד", „סאַנקט־פּעטערסבורג", „שיקאַגאָ", „סאַנרעמאָ", „לאָנדאָן", „האַמבורג", „קאָנסטאַנטינאָפּאָל" — ניין, ניין און ניין! קורץ, מײַן פאַרשוין האָט געזען, אַז נעמען פון שטעט גייען נישט, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אַף נעמען פון לענדער: אפשר „פראַנציע"? „מאָנטענעגראָ"? „אַנגלעטער"? „ראָססיאַ"? „עסטרײַך־אונגאַרן"? „בעלגיע"? „האָלאַנד"? „בראַזיליע"? „אַרגענטינאַ"? — ווו? עס הייבט זיך גאָר נישט אָן! אפשר „האָטעל פּאָסט"? „האָטעל ראָיאַל"? „האָטעל אייראָפּאַ"? „האָטעל לאָוור"? „האָטעל דאַגמאַראַ"? „האָטעל אימפּעריאַל"? — קורץ, איך האָב געזען, ווי מײַן פאַרשוין האָט באַהאַלטן דאָס נאָטיץ־ביכל, צוגעשפּילעט צוריק צום זייגער דאָס גילדענע שטיפטל, זיך גאַנץ העפלעך מיט מיר אָפּגעזעגנט, געדאַנקט, געבעטן, איך זאָל מיך נישט באַמיִען, ער וועט שוין ווי־ס'נישט־איז אַליין זען, מע זאָל אים פירן אינעם בעסטן האָטעל... און איך? אַ גרוב, ווען עס עפנט זיך מיר, וואָלט איך אַרײַן אַ לעבעדיקער! אַזאַ שאַנדע! אַזאַ סקאַנדאַל! אויס־

פּאַטשן זיך! שמיץ בין איך דאָך ווערט געווען!... און איך האָב גענומען זיך אַליין זאָגן מוסר: אַלטער נאַר וואָס דו ביסט! דו אַליין זאָגסט אַלע טאָג אַן איבערגעדרייטן מדרש: מוטב שאהיה רשע כל ימי, בעסער לאָם איך זײַן אַ רשע אַלע מײַנע יאָרן, ואל אהיה שוטה אפילו שעה אחת, אַבי נישט זײַן קיין נאַר איין שעה אפילו, — זאָלסטו אָפּטאָן אַזאַ דומ־הייט? ווער האָט דיך געבעטן, זאָלסט רעקאָמענדירן אַן אומבאַקאַנטן מענטשן אַ האָטעל אין אַדעס? ווי קומט צו דיר האָטעלן? און ווי אַזוי פאַרגעסט מען דאָס אַ זאַך, וואָס מע ווייס, וואָס מע זעט דאָס אַלע טאָג, וואָס מע קלערט פון דעם אַלע מינוט???...

קורץ, איך וועל אײַך מער נישט דערציילן. איך בין געקומען אַהיים אַ צעקאָכטער, אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב און געריבן זיך דעם שטערן, טאָמער וועל איך מיך דאָ כאָטש דערמאָנען דעם נאָמען פונעם האָטעל?

— נישטאָ קיין נאָמען!

— ווייסטו נישט, — זאָג איך צו מײַן ווײַב — ווי אַזוי הייסט דאָס האָטעל?

— וואָסער האָטעל?

— הערסט! איך זאָל איר זאָגן וואָסער האָטעל! איך פרעג דאָך בא דיר!

— זאָג מיר דעם נאָמען — מאַכט זי צו מיר.

נו? גייט רעדט מיט אַ ייִדענע! בקצור, מע דאַרף אַליין זיך מטריח זײַן זיך דורכגיין אַהין צום האָטעל! נאַר, ווי געוויינלעך, אַז אַ מענטש קומט פון וועג, געפינען זיך אַכצנהונדערט געשעפטן, בריוו, עסקים — מע דאַרף דאָס אַלץ דערלייִדיקן. און איך ווער נאָך מער אויפגערעגט, נערוועז, אין כעס אױף זיך און אױף דער גאַנצער וועלט, לאָז אױס דאָס האַרץ צו די אומשולדיקע. און אָט אַזוי האָט מע מיר פאַרדרייט דעם קאָפּ. עס איז געוואָרן נאַכט, מע האָט שוין לאַנג אָפּגעגעסן, מע דאַרף זיך שוין לייגן שלאָפן — און מיך מוטשעט נאָך אַלץ דער נאָמען פונעם האָטעל. האָט איר געהערט אַ מעשה?... קורץ, איך וועל אײַך מער נישט דערציילן. עס איז געבליבן, אַז מאָרגן כאָור גיי איך צום האָטעל גאָר אָן אַ שום תירוץ! עס נעמט מיך אָבער נישט קיין שלאָף! איך וואָלט שוין וועלן דערלעבן טאָג, וועל איך מיך אָנטאָן און וועל פריִער פאַר אַלע היומס צוגיין צום האָטעל און אַ קוק טאָן אױפן שילד, וואָס פאַר אַ נאָמען

עם טראַגט. פּלוצעם טוט דאָס מיך א טראָג־אויף פונעם בעט און איך טו מיך אָן.

— גאָט איז מיט דיר! — זאָגט צו מיר מײַן ווײַב, אַז איבערגע־שראָקענע נעבעך אַף טויט, — ווּהין איז?

— איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן! — זאָג איך, — איך מוז גיין באַלד א קוק טאָן!

— ווּהין א קוק טאָן?

— נעם א לאַנטערן — זאָג איך צו מײַן ווײַב — און קום מיט מיר!

— ווּהין?

— פרעג מיך נישט, קום!

מילא, די לאַגע פון מײַן ווײַב נעבעך פאַרשפּאַר איך אײַך צו באַ־שרײַבן. איר דאַרפט אַליין פאַרשטיין די לאַגע פון א ווײַב, וואָס איר מאַן איז אוועקגעפאָרן פון דער היים, דאַכט זיך, געזונט און שטאַרק — און קומט צו פאָרן אַהיים א ברוגזער, רעדט נישט, שפּאַנט־אַרום איבער דער שטוב און רײַבט זיך דעם שטערן, ווי א פאַרריקטער, און פּלוצעם כאַפּט ער זיך אויף באַנאַכט פון בעט, הייסט אָנצינדן א לאַנטערן און זאָגט: „קום!"... נאָר וואָס טוט נישט א ווײַב נעבעך צוליב איר מאַן? מע זאָגט איר „קום" — גייט זי! קורץ, וואָס טויג אײַך, איך גיי, מײַן ווײַב גייט מיר נאָך. איך טיאַפּקע אין דער בלאָטע, מײַן ווײַב טיאַפּקעט מיר נאָך. גאָט האָט געהאָלפן, מיר זײַנען געקומען. געקומען צום האָטעל, אויפ־געהויבן די לאַנטערן, איך גיב א קוק אַפן שילד — אַנו,טרעפט, וואָס פאַר א נאָמען? אַז איר וועט זײַן מיט אַכצן קעפּ, וועט איר אויך נישט טרעפן! דאָס האָטעל הייסט מיטן נאָמען: „אָדעסאַ"!!!...

ג.

דער פּאָעט און זײַן כלה

— נו? אָצינד דערציילט איר; איר האָט, זאָגט איר, צו דערציילן א שענערע מעשה.

אַזוי האָט זיך געווענדט דער זיידע רב מענדעלע צו מײַן קאָלעגע מיטן

הייסן טעמפעראַמענט, וועלכער האָט גענומען פאַרענטפערן זיך, אַז, ערשטנס, האָט ער נישט געזאָגט, אַז ער וויים אַ „שענערע" מעשה. דאָס האָט גאָר געזאָגט דער פּאָעט. און אויב ער האָט דאָס יאָ געזאָגט, האָט ער נישט דאָס געמיינט. אַ סימן, זאָל דערציילן דער פּאָעט פריִער זיין מעשה, נאָכדעם שוין וועט ער דערציילן זיין מעשה.

און עס איז געבליבן, אַז דער פּאָעט זאָל דערציילן פריִער זיין מעשה. און דער יונגער פּאָעט האָט זיך אויסגעהוסט און האָט אָנגעהויבן צו דערציילן זיין געשיכטע בזה הלשון:

— געווים איז יעדער פון אייך געווען אַ מאָל אַ חתן און געהאַט אַ כלה. איר זייט עלטער פון מיר, האָט איר דאָס אפשר שוין לאַנג פאַרגעסן. איך געדענק עס נאָך, אַזוי ווי נעכטן איז דאָס געווען. אַך! וואָס פאַר אַ ליכטיק שטיקל צייט! מיר איז גוט ווי די וועלט! מיך האָט געטראָפן אַ גליק! איך בין אַ חתן, איך נעם אַ כלה, אַ שיין מיידל, מיט זעקסהונדערט קאַרבן נדן, מיט צוויי יאָר קעסט, מיט אַ גאָלדענעם זייגער אין דער טאַש, און בין אין אַ גרויסער שטאָט, אין זשיטאָמיר, און אין דרויסן איז ל"ג־בעומרדיק, די זון צעגיסט זיך אין בריליאַנטן, דער לויטערער הימל שפּיגלט זיך, די פייגעלעך זינגען, אפן האַרצן איז יום־טובדיק, עס ווילט זיך אַרומנעמען די גאַנצע וועלט, זיך צעקושן מיט אַלע מענטשן אַף דער ערד! איך קאָן מיר גאָר נישט פאָרשטעלן, אויב עס איז פאַראַן באַ מיר אַף דער וועלט איין מענטש, וואָס זאָל מיר נישט זיין „היימיש", ווי דער זיידע זאָגט, וואָס זאָל מיר נישט זיין באַפריינדעט, איינגעבאַקן אין האַרצן! דאָס וואָרט „פרעמד" עקזיסטירט מער נישט! וואָס הייסט דאָס, מענטשן זאָלן גאָר זיין פרעמד? אַלע, וואָס מע האָט ליב, איז נישט פרעמד, און איך האָב ליב אַלעמען! איך האָב ליב זימל דעם שניידער, וואָס לויפט מיט דער אַרבעט, חיים־הערש דעם בעל־עגלה, וואָס עס שמעקט פון אים סמאָלע, לייזער־בער דעם וואַסערפירער מיט די אָנגעשוואָלענע פּאַפּעצים און מיטן אָפּגעשיילטן פנים, און אפילו איוואַן דעם גוי, וואָס אַז ער שכורט זיך אָן, שווערט ער זיך, אַז ער וועט אויסקוילען אַלע יידן, וואָלט איך אַרומגעכאַפּט קושן זיין חנעוודיקע שאַרשאַווע שטעכעדיקע מאָרדע. היינט לערנט אייך אָפּ אַ קל וחומר: מה־דאָך איוואַן, וואָס אַט שכורט ער זיך אָן און מאַכט אַ תל פון אַלע יידן, גלוסט זיך מיר אַרומנעמען אים מיט ביידע הענט, היינט לאָ־כל־שכן אַ חבר,

וואָס איך בין מיט אים אינאיינעם אויסגעוואַקסן, אינאיינעם אוועק קיין וואָלאָזשין אין דער ישיבה, אינאיינעם געהונגערט, אינאיינעם אויסגעריסן געוואָרן!... קורצע ווערטער, איך האָב מיך באַגעגנט מיט מײַן חבר דעם ערשטן טאָג, וואָס איך האָב געמאַכט אַ שפּאַציר מיט מײַן כלה איבער דער שטאָט, און איר פאַרשטייט שוין אַליין, אַז איך האָב געוואָלט, אַז מײַן כלה זאָל וויסן, ווער מײַן חבר איז, און מײַן חבר זאָל וויסן, ווער מײַן כלה איז, און זיי זאָלן זיך באַקענען, און זיי זאָלן זיך ליב קריגן איינס דאָס אַנדערע, אַזוי ווי איך האָב ליב זיי און זיי מיך און מיר אַלע די גאַנצע וועלט! און איך בין געפאַלן מײַן חבר אויפן האַלדז און האָב מיך צעקושט מיט אים, און אין איין וועגס מיט מײַן כלה, און האָב זיי פאַרגעשטעלט איינס דאָס אַנדערע: „דאָס איז מאַדמואַזעל... פריילײַן... ע־ע־ע... מײַן כלה... זי הייסט... יאָ! און דאָס איז הער... מאָסיע... ע־ע־ע... דאָס איז מײַן בעסטער טײַערסטער חבר... זײַן נאָמען איז... איך האָב דיר, דאַכט זיך, דערציילט פון אים, נשמה מײַנע? מע רופט אים... ער וועט דיר שוין אַליין זאָגן, ווי אַזוי מע רופט אים... ווי אַזוי רופט מען דיך? דו ווייסט דאָך, ווי אַזוי מע רופט דיך! וואָס שווײַגסטו?!...

איר פאַרשטייט דאָך שוין מסתמא, פאַר וואָס מײַן חבר האָט געשוויגן? ער האָט געוויס גערעכנט, אַז פאַר גרויס גליק בין איך אַראָפּ פון זינען... נאָר וואָס מײַן כלה האָט זיך בשעת מעשה געטראַכט — דאָס ווייס איך נישט עד היום הזה. מיר זײַנען שוין, ברוך השם, מאַן און ווײַב עטלעכע יאָר און מיר ריידן נישט דערפון עד היום הזה. עס איז אונדז ביידן נישט אָנגענעם דערפון צו ריידן. ס'איז דאָ זאַכן, וואָס מע וויל זיי פאַרגעסן, אויסמעקן פונעם זכרון, נאָר עס איז אוממעגלעך! דאָס, וואָס מע דאַרף געדענקען, פאַרגעסט מען, און דאָס, וואָס מע וויל פאַרגעסן, געדענקט זיך... דאָס איז, הייסט עס, דער היוצא לנו מזה, די מאָראַל פון דער געשיכטע. איך האָב געענדיקט. אַצינד זאָלן אַנדערע דערציילן.

אַזוי האָט אויסגעלאָזט דער יונגער פּאָעט, און מײַן קאָלעגע מיטן הייסן טעמפּעראַמענט האָט אָנגעהויבן צו דערציילן זײַן געשיכטע מיט אַ קללה, ווי זײַן שטייגער איז אַלע מאָל, ווען ער רעדט פון דעם, וואָס ער האָט נישט ליב.

ד.

ווי אַזוי רופֿט מען מיך?

— אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַ אונדז אין אַדעס די בהלות מיטן שיף "פּאָטיאָמקין", מיט די באָמבעס, וואָס זײַנען געפֿלויגן איבער אונדזערע קעפּ, און מיט די שרפֿות און הריגות, האָב איך געזאָגט: אײַנגעזונקען זאָל דאָס ווערן הײַנטיקן טאָג, איך וויל נישט זײַן דערבײַ! איך וועל בעסער פֿאָרן אין עק וועלט, כאַפּט דאָס דער רוח! און איך האָב מיך גענומען גרייטן אין וועג אַרײַן. נאָר עס איז גרינג צו זאָגן: פֿאָרן! אַזוי גיך לאָזט אײַך אַרויס קוואָס פֿון דער פּאַס? מע דאַרף אַ פּאַס!... איך בין נישט שולדיק, וואָס עס גראַמט זיך באַ מיר קוואַס מיט פּאַס און מיט פּאַס און מיט גאַס און מיט משוגעת... יאָ, איז ווי האַלט איך? דאַרף מען אָנהייבן אַרבעטן מכח אַ פּאַס, האָבן צו טאָן מיט אַלערליי פֿאַרשוינען, ימח שמם וזכרם, און באַקענען זיך מיט די שרײַבערלעך, עס זאָל אַף זיי קומען אַ חלירע הײַנטיקן טאָג!...

— איך זײַט שוין באַלד פֿאַרטיק מיט דער גאַנצער תוכחה. אפֿשר וואָלט געווען אַ סברה, איר זאָלט אויפֿהערן שילטן און בעסער דערציילן טאַקע די מעשה אַליין?

אַזוי האָט זיך אָנגערופֿן דער זיידע, און מײַן קאָלעגע מיטן הייסן טעמפּעראַמענט האָט גענומען פֿאָרזעצן זײַן דערציילונג:

— איך שילט דען וועמען? כאַפּט עס דער רוח! איך זאָג עס גלאַט אַזוי, זאָל עס אײַך גיין כּף־הקלע! הכּלל, האָב איך גענומען אויסאַרבעטן מיר אַ פּאַס. און וואָס עס הייסט באַ אונדז אויסאַרבעטן אַ פּאַס — דאָס דאַרף איך אײַך, דאַכט מיר, נישט דערציילן? אויסאַרבעטן אַ פּאַס הייסט: באַקענען זיך מיט אַלע פּאַראַזיטן פֿון אַלע מאָרדעס און טיילן געלט, ווי, להבדיל, באַ ייִדן ערב יום־כּפּור באַ דער שול. יעדער מאָרדע — אַ קאָרב! בקיצור, איך האָב מיך אָנגעקוקט מיט גענוג מאָרדעס, ביז איך בין געקומען צו יעהאָ בלאַהאָמאָרדיע דעם אַדון אַליין... דורכגעגאַנגע אַלע שבעה מדורי גיהנום, בין איך אַרײַנגעקומען צום אָדון אין קאַבינעט אַרײַן און געטראָפֿן אים באַ דער רעכטער אַרבעט — סקריפּען מיט דער פֿען. און דאָס ווייסט איר דאָך, אַז אַ טשינאָווניק סקריפּעט

מיט דער פען, איז ער דעמאָלט — חיות נישט זיכער! די גאַנצע וועלט מעג אונטערגיין, מוז מען שטיין און אָפּוואַרטן, ביז ער וועט אויפהערן צו סקריפּען. איך בין אָבער זייער קיין בעלן נישט צו שטיין בא דער טיר און וואַרטן ביז יעהאָ בלאַהאָמאָרדיע וועט אַמאָל אויפהערן סקריפּען. האָב איך מיך מיישב געווען און האָב מיר געגעבן אַ הוסט אַזוי פון דער גרינג, געשיקט אַ שטאָפּעט, הייסט עס, אַז עס איז געקומען אַ מענטש...

מײַן אָדון אָבער הערט נישט אויף צו סקריפּען. בין איך מיך מיישב און גיב אַ העכערן הוסט. הייבט ער אויף דעם קאָפּ, שטעלט אַרויף אַף מיר אַ פּאָר אָנגעגאָסענע אויגן און עפּנט־אויף אַ גאָמבע:

— טשטאָ נאַדאָ? (וואָס דאַרפסטו?)

ווער איך דאָך מסתמא שוין אָנגעצונדן, ווי אַ שוועבעלע. וואָס איז דאָס פאַר אַ „טשטאָ נאַדאָ"? און וואָס דאַרף מען עפּענען אַזאַ מויל? איך, אַז איך ווער אין כעס, פאַרגעס איך באַלד אַף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין; עס ווערט מיר פינצטער אין די אויגן, עס הייבט מיר אָן צו קיצלען אָט־אָ־דאָ אין נאָז. וואָס עס קומט מיר אין מויל אַרײַן דאָס זאָג איך, און עס גלוסט זיך מיר צעברעכן וואָס איך זע, צערײַסן, מאַכן אַ תל! איך געדענק אַ מעשה, איך בין געווען אַ קינד נאָך, אַ יתום בין איך געווען, און האָב פײַנט געהאַט דאָס וואָרט „יתום" אַזוי ווי חזיר, און האָב נישט געקאָנט לײַדן, אַז מע האָט מיר אַרויסבאַוויזן, אַז מע האָט רחמנות אַף אַ יתום. רחמנות אַז מע באַווײַזט אַרויס פאַר דער גאַנצער וועלט — עקלט דאָס, שלאָגט צו דער גאַל, פּאַסקודסטווע! בקיצור, איך בין געווען אַ יתום און מע האָט אַף מיר געהאַט רחמנות, און מער פון אַלע האָט אַף מיר רחמנות געהאַט אונדזער שכנה, יהושעבע האָט מען זי גערופן. איז זיך מיישב איינמאָל אָט די יהושעבע און האָט רחמנות אָפּן יתום און נעמט אים אָן, איך בעט אײַך איבער אײַער כבוד, אַ פּאָר הויזן. מילא, איך זאָל אײַך דערציילן די גרויסקייט, די שיינקייט און די רײַכקייט פון די הויזן — איז נישט שײַך. איין מאָל אין הונדערט יאָר גיט זיך אײַן אַזאַ פּאָר הויזן. איך ווייס נישט, אויב מע קריגט זיי הײַנט פאַר דרײַ רובל אַ טוץ! מילא, בין איך אײַך נישט אויסן. איר האָט נאָר באַדאַרפט אָנקוקן, ווי די יהושעבע האָט צונויפגערופן אַלע שכנות מיט אַלע יענטע־מירלס פון דער גאַס, צענומען די הויזן, באַוויזן די הויזן פאַר דער גאַנצער וועלט, אַלע זאָלן זען, וואָס פאַר הויזן אָט די

יהושעכע האָט אָנגענומען דעם יתום. און די גאַנצע וועלט האָט זיך גע־שפּיגלט אין די הויזן, באַטראַכט זיי ווי אַן אבן־טוב, געשאַצט און מקנא געווען נישט אַזוי דעם יתום אַף די באַרימטע הויזן, ווי יהושעכען אַף דער מצווה... איך בין געשטאַנען פון דער ווייַטן אַ צעקאָכטער, טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט, נישט אין די אויגן, נאָר אָט אַ־דאָ־אָ, אין גאָרגל. יהושעכע האָט מסתמא גערעכנט, אַז איך בין אָפּן זיבעטן הימל פון דער מתנה, נאָר איך שעם זיך, האָט זי זיך אָנגערופן צו מיר זיס אַזוי ווי צוקער:

— קום אַהער, יתום, שעם זיך נישט, מעסט נאָר אָן אַף אַ מינוט די הויזן, וואָס איך האָב דיר אויפגענייט.

מער האָט מען נישט באַדאַרפט. איך בין צוגעלאָפן, געכאַפּט די הויזן, אַרייַנגעפאָרן אין זיי פריִער מיט די נעגל, נאָכדעם מיט די ציין, דאָס איבעריקע מיט די פיס — קורץ, עס איז אין עטלעכע מינוט פון די הויזן געבליבן נאָר אַ זכר, אַז עס איז אַמאָל געווען אַ פּאָר הויזן אַף דער וועלט, און נישט מער... בקיצור, ווו־זשע האַלט איך? יאָ, בײַ מייַן אָדון בפקדך, ווי ער האָט מיך אָפּגעגאָסן מיט זייַן געשריי „טשטאָ נאַדאָ" און ווי אַזוי איך בין שוין געוואָרן אין כעס און האָב אים שוין געוואָלט אָפּשפּילן אַ וויוואַט, ווי עס געהערט צו זייַן. האָב איך מיך אָבער באַ־רעכנט: וואָס וועט זייַן דערפון? איך קאָן דאָך דערווייַל בלייַבן אָן אַ פּאַס! האָב איך מיך איצטיקס מאָל אייַנגעהאַלטן און גיי־צו צום טיש און דערלאַנג אים די פּאַפּירן אָן ווערטער. מייַן אָדון האָט געגעבן אַ קוק־אַרייַן אין די פּאַפּירן און אַ פרעג באַ מיר: „ווי אַזוי רופט מען דיך?" שווייַג איך. דערזען, אַז איך שווייַג, האָט ער דאָס קול געהעכערט אַף אַ פּאָר טענער און האָט מיך אַ פרעג געטאָן נאָכאַמאָל: „ווי אַזוי רופט מען דיך? ווי אַזוי איז דייַן נאָמען?!"... מייַן נאָמען??? ווי איר זעט מיך לעבן, הערט איר, פונקט אין דער מינוט האָב איך פאַרגעסן, אַז חוץ מייַן פסעוודאָנים האָב איך מייַן אייגענעם נאָמען. אָבער ווי אַזוי, מיינט איר, פאַרגעסן? טאַקע פאַרגעסן! לחלוטין פאַרגעסן! אַלע נעמען פון דער גאַנצער וועלט האָב איך געדענקט; אַלע נעמען פון מייַנע קרובים, פרייַנט און באַקאַנטע זייַנען מיר געשטאַנען פאַר מייַנע אויגן, נאָר איין נאָמען, מייַן אייגענער נאָמען, איז אַוועק ווו דער ליבער שבת־קודש גייט אַוועק, פאַרשוווּנדן געוואָרן! הערט אַ מעשה! „רבונו של עולם! ווי אַזוי

היים איך? ווי אזוי רופט מען מיך? נו???"... פארגעסן, כאַטש האַקט מיר אַפּ דעם קאָפּ! וואָס טוט מען דאָ? דער אָדון קוקט אַף מיר מיט אויגן, ווי אַף אַ רעכטן שאַלטיק. „אַט־אַט — טראַכט איך מיר — מאַכט ער מיר אַ דרייַגאָרנדיקן מי־שברך מיט אַ בגימטריא, טוט אַ קלונג און עם קומען־אַרייַן צוויי מלאכי־הבלה און מע כאַפּט מיך אויף, ווי דער רוח דעם מלמד, און מע פירט מיך אַפּ מיט כבוד גלייַך אין כאַלאָדנע אַרייַן! איך האָב עס פייַנט, ווייַל דעם טעם פון דעם האָב איך שוין פאַר־זוכט. נענוג! מער וויל איך נישט.

איז דאָך אָבער דאָ אַ גרויסער גאָט, וואָס פירט־אויס דעם גערעכטן, גיט ער מיר איין אַ שכל, איך זאָל מיך האַלטן שטאַרק אזוי ווי אייַזן. און די לייַט, אַז מע האַלט זיך מיט זיי שייגעצוואַטע און מע הייבט אויף דאָס קול נאָר אַף איין טאָן העכער, אזוי ווערן זיי אייַך באַלד ווייך, כאַטש לייג זיי צו צו אַ מכה. כך הווה. אָט וועט איר הערן, וואָס פאַר אַ שמועס עס האָט זיך צווישן אונדז פאַרבונדן. איך גיב אים אייַך איבער אַקוראַט:

ער: ווי אַזוי רופט מען דיך?

איך: וועמען? מיך?

ער: וועמען דען? מיך?

איך: אַזוי ווי איך שטיי אין די פּאַפּירן.

ער: ווי אזוי שטייסטו אין די פּאַפּירן?

איך: לייענען קאָנסטו?

ער: ווער? איך?

איך: ווער דען? איך?

ער (שטאַרק אַף אַ קול): קאַאַק! מיט מיר רעדסטו אַזוי? מיט מיר? דו ווייסט, מיט וועמען דו רעדסט?!

איך (אויך שטאַרק אַף אַ קול): און דו ווייסט, מיט וועמען דו רעדסט?

דערהערט פון מיר אזא הויכן טאָן, צו וועלכן ער איז זינט ער לעבט נישט געוווינט געוואָרן צו הערכן פון אַ יידן, האָט ער גענעבן אַ קוק־אַרייַן אין מייַנע פּאַפּירן און האָט איבערגעלייענט אין דער הויך מייַן נאָמען — און מער האָב איך נישט באַדאַרפט!

וואָס ווייַטער איז געווען — איז שוין נישט אינטערעסאַנט. איך

בין, ברוך השם, ארויס בשלום און דאַנק און לויב גאָט אַלע טאָג און אַלע שעה, וואָס ער האָט מיך אויסגעלייזט פונעם דאָזיקן גלות, הלוואי איך זאָל פון אים שוין קיינמאָל נישט וויסן!

— אָמן! — האָבן מיר זיך אָפּגערופן אַלע דריי, און דער זיידע האָט אַ ווונק געטאָן צו מיר, אַז איצט איז מיין צייט צו דערציילן. און איך בין צוגעטראָטן צו מיין געשיכטע „מיט די דריי שטעט".

ה.

אַ מעשה מיט דריי שטעט

— רבותי! דאָס איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר פריִער פאַר דער „קאָנסטיטוציע". איך בין דעמאָלט געווען אויף מיין רייזע איבער שטעט און שטעטלעך. איך האָב געמאַכט אַ טורנע צו גונסטן פון פאַרשיידענע חברות איבער גאַנץ ליטע. איינמאָל ארום חנוכה קומען מיר אָן עטלעכע איינלאַדונגען מיטאַמאָל פון דריי שטעט: מאָהליוו, וויטעבסק און סמאָ־לענסק, וואָס געפינען זיך אין שכנות, אַלע דריי אויף איין ליניע, און פון אַלע דריי שטעט פון פאַרשיידענע חברות: פון „ריינע ציוניסטן", פון „פּועלי־ציוניסטן" און פון „בונדיסטן". זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די אַלע חברות האָבן געלעבט צווישן זיך פריינטלעך, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. די „ריינע ציוניסטן" האָבן חלילה קיין שלעכטס אויף זייערע חברים די „פּועלי־ציוניסטן" נישט גערעדט. זיי האָבן נאָר געשריבן, אַז זיי ווייסן, אַז די „פאַלשע ציוניסטן" קלייבן זיך אַראָפּבערענגען מיך אין די אויבנ־דערמאָנטע דריי שטעט, בכדי אויסצונוצן מיך צו זייער אַרבעט, וואָס האָט מיט ציוניזם גאָר נישט צו זאָגן. די „פּועלי־ציוניסטן" האָבן אויך נישט באַנוצט זיך מיט שאַרפע ווערטער קעגן זייערע קאָלעגן, די „ריינע ציוניסטן". זיי האָבן נאָר באַדויערט, וואָס די דאָזיקע פאַלשע משיחס, די שבתי־צביניקעס, פירן אַגיטאַציע פאַר אַן אינסטיטוט, וועלכער איז שוין לאַנג טויט... דערפאַר האָבן די „בונדיסטן" אויסגעגאָסן כל חמתם אויף ביידע ציוניסטישע חברות און פאַרזיכערט מיך, אַז מיין קומען צו זיי איז אַ גאַראַנטירטער דורכפאַל... קורץ, מיט מיר איז געווען נישט פריי־לעך. וואָס טוט מען דאָ? בין איך געפאַלן אויף אַ המצאה, אויף אַ ייִדישע

פשרה: „יחדיו" און „יחלוקו". דאָס הייסט, איך האָב זיי אָפּגעענטפערט: „קינדערלעך, אַזוי און אַזוי. איך קום צו אײַך צו פאָרן נאָר מיט אַ תּנאַי, איר זאָלט זיך פאַראייניקן אַלע דרײַ חברות פאַר אַלע דרײַ שטעט"... נאָך אַ קורצער אונטערהאַנדלונג איז מײַן פּראָיעקט אָנגענומען געוואָרן, און עס האָבן אָנגעהויבן לויפן הין און צוריק בריוולעך מיט דעפּעשן וועגן מײַן מאַרשרוט, אין וועלכער שטאָט איך זאָל זײַן פריִער. דער דאָזיקער פּונקט איז אונדז אָנגעקומען שווערער, ווי אַלע אַנדערע פּונקטן. אַלע טאָג האָט מען געענדערט דעם פּלאַן: פריִער איז געווען בײַ אונדז באַשטימט, אַז איך פאָר קיין מאָהליוו, פון מאָהליוו קיין וויטעבסק, פון וויטעבסק קיין סמאָלענסק און פון סמאָלענסק צוריק איבער מאָהליוו אַהיים. נאָכדעם איז געבליבן, איך זאָל בעסער פריִער פאָרן קיין סמאָלענסק, און פון דאָרטן קיין מאָהליוו, און פון מאָהליוו קיין וויטעבסק, און צוריק איבער מאָהליוו אַהיים. נאָכדעם איז דער פּלאַן אויך צעשלאָגן געוואָרן, און עס איז געבליבן, אַז איך פאָר קודם קיין וויטעבסק, פון וויטעבסק קיין מאָהליוו, פון מאָהליוו קיין סמאָלענסק, פון סמאָלענסק צוריק איבער מאָהליוו אַהיים. האָבן זיך חברה באַטראַכט און האָבן בעסער אויסגעאַרבעט אַ נײַעם פּלאַן, טאַקע פון מײַן טובה וועגן, אַז איך זאָל קודם זיך אַראָפּכאַפּן קיין סמאָלענסק, פון סמאָלענסק קיין וויטעבסק איבער מאָהליוו, און פון וויטעבסק צוריק קיין מאָהליוו, און פון מאָהליוו באַלד נאָכן אָוונט גלײַך אַהיים. טעג האָב איך געהאַט דערויף: דעם 18טן, 19טן,20טן. אַלזאָ, געדענקט־זשע דעם חשבון מיט קאָפּ: דעם 18טן — סמאָלעסק, דעם 19טן וויטעבסק, דעם 20טן — מאָהליוו. אַרויסגעפאָרן בין איך דעם 17טן אויף דער נאַכט, געגעבן דרײַ דעפּעשן אין אַלע דרײַ שטעט, אַז איך קום צו דער באַשטימטער צײַט, און דער עולם האָט דאָרט צוגעגרייט אַלצדינג, וואָס מע דאַרף, געדרוקט פּלאַקאַטן, בילעטן, פּראָגראַמעס און אַזוי ווײַטער. פאָרנדיק צו דער באַן, האָב איך אָנגעהויבן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל צעקײַען און איבערחזרן מײַן מאַרשרוט, און מחמת זיי האָבן מיר פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט זייערע אַלע מאָל נײַע פּלאַנען, האָב איך, גאַנץ נאַטירלעך, פאַרלאָרן דעם חשבון, און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך דאַרף זײַן דעם 18טן אין וויטעבסק, דעם 19טן אין סמאָלענסק און דעם 20טן אין מאָהליוו. כּך הווה. איך האָב גענומען אַ בילעט און פאָר מיר גאַנץ רויִק קיין וויטעבסק. איך

קום צו פֿאָרן קיין וויטעבסק אָפּן וואָקזאַל, איך דריי מיך אַרום אַ האַלבע שעה, אַ שעה, צוויי שעה, טאָמער וועל איך עמעצן דערזען פֿון די ציוניסטן אָדער פֿון די בונדיסטן? קיינער איז נישט אַרויסגעקומען מיך אָפּנעמען, מקבל פּנים זײַן!

טאַקע ציוניסטן און טאַקע בונדיסטן, און פּאַרט נישט אין אָרדנונג... און איך האָב מיר גענומען אַן עקיפּאַזש און היים מיך פֿירן אין דעם גרעסטן האָטעל. געדונגען אַ נומער, זיך אײַנגעוואַשן, איבערגעטאָן גאַנץ רויִק, און טראַכט מיר: אַז איר זײַט יאָ אַזעלכע חברה־לײַט, זײַט איר נישט קראַנק מיך זוכן אין אַלע האָטעלן. נישקשה, שלום־עליכם איז נישט קיין שפּילקע, איר וועט אים אַזוי לאַנג זוכן, ביז איר וועט אים געפֿינען"... אַראָפּגעגאַנגען אונטן אין רעסטאָראַן עסן מיטאָג, איך טו אַ קוק: צוויי גרויסע פּלאַקאַטן:

„אַ גאַסט בײַ אונדז אין שטאָט! אַ גאַסט!!!
שלום־עליכם דער גרעסטער ייִדישער הומאָריסט!
דעם 19טן..."

— דעם 19טן? וואָס הייסט דעם 19טן?... — און איך רוף־צו דעם קעלנער, אַ בחורעץ אַ ליטוואַק מיט רויטע הענט, מיט שוואַרצע פּיסקעס און מיט אַ ווײַס טישטעכל אונטערן אָרעם פֿונעם קויטיקן פֿראַק.

— זאָג מיר נאָר, מײַן טײַערער, וואָס האָבן מיר הײַנט?

דער בחורעץ דער קעלנער האָט אויסגעשנײַצט די שוואַרצע נאָז אינעם ווײַסן טישטעכל און אַ זאָג געטאָן צו מיר:

— הײַנט? הײַנט האָבן מיר אַ בוראַקאָווע באָרשט מיט קרויט, זייער אַ גוטן באָרשט, אַ זראַזע מיט פֿאַרפֿעלעך, און קאַטשקע, אויב איר ווילט...

— ניין, — זאָג איך — נישט דאָס מיין איך. איך מיין, וואָס פֿאַר אַ טאָג האָבן מיר הײַנט?

דער בחורעץ האָט זיך אַביסל פֿאַרטראַכט:

— וואָס פֿאַר אַ טאָג מיר האָבן הײַנט? דינסטיק, דעם 18טן.

— ווי אַזוי־זשע, זאָג איך, הייסט די שטאָט?

— וואָסער שטאָט?

— אָט די שטאָט, זאָג איך, אײַער שטאָט?

בלײַבט ער שטיין און קוקט מיך אָן און מאַכט צו מיר:

— וואָס הייסט, ווי אַזוי הייסט די שטאָט? די שטאָט הייסט וויטעבסק, הייסט די שטאָט!

— דו לײַגסט! — זאָג איך צו אים, — עס האָט זיך דיר געחלומט, מײַן טײַערער. אײַער שטאָט הייסט סמאָלענסק, נישט וויטעבסק!

— כי־כי־כי!... כי־כי־כי!...

דער גרעסטער יִדישער הומאָריסט האָט, אַפּנים, אויסגעזען באַם בחור דעם קעלנער אין די אויגן פֿאַרן גרעסטן טפּש אין דער וועלט, מחמת ער, דער בחור דער קעלנער, האָט זיך אָפּגעקערעוועט אָן אַ זײַט, באַהאַלטן די שוואַרצע מאָרדע אינעם ווײַסן סערוועטל, איך זאָל נישט זען, ווי ער שטיקט זיך פֿאַר געלעכטער. און איך נעם מיך נאָך אַ מאָל צו די פּלאַקאַטן און לייען. עס שטייט מיט גרויסע אותיות:

„שלום־עליכם אין וויטעבסק!"...

אין וויטעבסק? רבונו־של־עולם! ווי קום איך קיין וויטעבסק, אַז איך בין גאָר הײַנט אין סמאָלענסק? בקיצור, איך קאָן מיר שוין קיין אָרט נישט געפינען. ווער מיר באָרשט? וואָס מיר קאַטשקע? מע דאַרף אוועקפֿאָרן פֿון דאַנען, לויפֿן קיין סמאָלענסק. נאָר, אום איך זאָל וויסן אַקוראַט, ווו איך האַלט אין די יוצרות, וועל איך בעסער פּרוּוון טעלעגראַפֿירן אַהיים צו מײַן ווײַב, זי זאָל מיר באַלד געבן צו וויסן דורך אַ טעלעגראַמע, ווו דאַרף איך זײַן דעם ערשטן אָוונט?... אין די זאַכן, וואָס געהערן זיך אָן מיט צײַט און מיט מאַרשרוט, איז מײַן ווײַב אַ פּראָפֿעסאָר. און בכדי ס'זאָל נישט נעמען קיין סך צײַט, קלאַפּ איך אוועק צו איר אַ דעפּעשע, דרינגענד, עטלעכע קורצע ווערטער:

„דראַטע פּאָסטרעסטאַנטע, ווו בין איך הײַנט?"

אוועקגעשיקט די דעפּעשע, האָב איך מיך אַביסל באַרויִקט און האָב זיך אומגעקערט אויף דער סטאַנציע צוריק צום בוראַקאָווע באָרשט מיט דער זראַזע און מיט דער קאַטשקע און האָב זיך צוגעלייגט אַביסל דרעמלען און בין, ווי דער שטיינער איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן. אין שלאָף פֿלאָנטען זיך מיר חלומות: רויטע ווײַבער, שוואַרצע קעץ. איך האָב אַ סימן: ווײַבאַלד עס חלומען זיך מיר רויטע ווײַבער אָדער שוואַרצע קעץ, איז אַ ווייסטער סוף. כך הווה: איך כאַפּ זיך אויף — אוי־וויי, שפּעט! מע דאַרף לויפֿן וואָס גיכער, טאָמער וועל איך נאָך פֿאַרכאַפּן סמאָלענסק! און איך לויף אוועק צו דער באַן און זע מיך אויף און פֿאָר

קיין סמאָלענסק, און זיצנדיק אין וואַגאָן, הייב איך מיך אָן דערפרעגן באַם קאָנדוקטאָר, ווען קום איך קיין סמאָלענסק? בלײַבט ער שטיין, קוקט אַף די שפּיץ שטיוול און זאָגט מיר אָן אַ בשורה, אַז אין סמאָלענסק וועל איך זײַן מאָרגן זעקס אזייגער אינדערפרי. ווער איך דאָך מסתמא אויפגעטראָגן:

— וואָס הייסט מאָרגן זעקס אינדערפרי?? איך דאַרף דאָרט זײַן נישט שפּעטער פון הײַנט זייגער זיבן פאַרנאַכט!...

הערט ער מיך אויס, דער קאָנדוקטאָר, גאַנץ רויִק און גיט מיר צו פאַרשטיין מיטן זייגער אין דער האַנט, אַז פון דאַנען קיין סמאָלענסק לויפט דער קוריער אויך נישט ווינציקער ווי צוועלף שעה נאָך מיט מינוטן, און איצט האָבן מיר שוין זייגער פיר מיט מינוטן, הײַנט ווי אַזוי קאָנען מיר זײַן הײַנט אין סמאָלענסק?... קומט־אויס, אַז ער איז גערעכט. נאָר וואָס האָב איך דערפון? פאַרשפּילט סמאָלענסק! וואָס טוט מען איצטער? פאָרן צוריק קיין וויטעבסק? כאַפּט דאָס דער רוח! לאָם איך כאָטש וויסן, ווו האַלט איך מיט מאָהליוו? דאָס וויים אָבער קיינער נישט אַזוי גוט, ווי מײַן ווײַב. דאָ דערמאָן איך מיך, אַז איך האָב גע־בעטן מײַן ווײַב, זי זאָל מיר טעלעגראַפירן קיין וויטעבסק; איצט פאָר איך קיין סמאָלענסק, — הײַנט ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? נאָר אַ ייִד אַ למדן, ווי זאָגט איר, גיט זיך אַן עצה; נעם איך און שרײַב אָן נאָך אַ דעפּעשע צו מײַן ווײַב און גיב איבער מײַן קאָנדוקטאָר אַף אַ סטאַנציע:

„טעלעגראַפיר סמאָלענסק ווען בין איך מאָהליוו".

אצינד לאָמיר זיך אַרײַנלאָזן אַף אַ ווײַלע אין „הלכות לשון", פי־לאָלאָגיע, און נעמען איבערזעצן בוכשטעבלעך מײַנע ביידע דעפּעשן פון דער שפּראַך, אַף וועלכער זיי זײַנען געשריבן, דאָס הייסט פון רוסיש, אַף אונדזער לשון, וועט אויסקומען, אַז, ערשטנס, פרעג איך מיך אָן בא מײַן ווײַב: וו בין איך („סראָטשי, גדיע יאַ סעוואָדניאַ?"), און, צווייטנס, היים איך, מע זאָל מיר טעלעגראַפירן קיין סמאָלענסק בשעת איך בין אין מאָהליוו („טעלעגראַפירוי סמאָלענסק, קאָגדאַ יאַ מאָגיליאָוויע?"). אַזעלכע צוויי דעפּעשן ווען איר האָט, למשל, פון איינעם, קאָנט איר אַנדערש נישט דענקען, סײַדן יענער איז געווירט. און דערצו דאַרפט איר נישט פאַרגעסן, אַז סמאָלענסק איז אויך נישט קיין הונט און האָט אויך נישט

געשווינג. חברה האָבן מיך, געוויינלעך, דערוואַרט דעם 18טן אָפּן וואָקזאַל פון זייגער איינס באַטאָג ביז צוועלף באַנאַכט. עס האָט זיך געטאָן חושך! דער עולם האָט צעטראָגן דעם זאַל, געשריִען אַף די ציוניסטן, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ שווינדל, אויסגעטראַכט אַ „שלום־עליכם", אויסגענאַרט דאָס ביסל מינץ. וואָס טויג אײַך, מע האָט געמוזט עפענען די קאַסע און אומקערן דעם פּובליקום דאָס געלט. נאָך האַלבע נאַכט האָבן די ציוניסטן מיט די בונדיסטן פאַר האַרצווייטיק זיך צונויפגעלייגט און אוועקגעקלאַפּט צו מיר אַהיים אַ דעפּעשע:

„וואָס איז מיט שלום־עליכמען?"

איצינד לאָמיר אוועקוואַרפן דעם בן־מלך און זיך נעמען צו דער בת־מלכה. מײַן ווײַב זאָל געזונט זײַן, אַז זי האָט באַקומען אָט די אַלע דרײַ פּריילעכע דעפּעשן, האָט זי נישט געמאַכט קיין לאַנגע מחזקות, זיך אויפגעזעצט און איז אַוועק גלײַך קיין מאָהליוו.

אין פּלוג, וועט איר אויסקומען אַפילו אַביסל ווילד: וואָס איז עפּעס קיין מאָהליוו? נאָר אַז איר וועט מיך אויסהערן ביזן סוף, וועט איר אַליין זאָגן, אַז זי איז אַ חכמה. ערשטנס, קען זי מיך שוין נישט דאָס ערשטע יאָר. זי ווייס, אַז איך טעלעגראַפיר צו איר פון וויטעבסק, אַז זי זאָל טעלעגראַפירן קיין סמאָלענסק, איז אַ סימן, אַז איך בין אין מאָהליוו. זי געדענקט, פאַרשטייט איר מיך, אַ מעשה שהיה. איך בין אַמאָל געוועזן אין וואַרשע און געפאָרן אַף פּסח אַהיים קיין קיעוו. פּלוצעם קומט איר אָן פון מיר אַ דעפּעשע דעם ערשטן טאָג פּסח, אַז איך האַלט יום־טוב אין האָלענדרע, נישט ווײַט פון וואַפּניאַרקע. ווי קום איך קיין וואַפּניאַרקע, אַז וואַפּניאַרקע ליגט גאָר אָפּן וועג צווישן זשמערינקע און אָדעס? אַ פאָלג מיך אַ גאַנג! זאָלט איר נישט פרעגן קיין קשיות. איך האָב עס נישט געטאָן חלילה פאַר שלעכטיקייט. מײַן מיין איז געוועזן צו גוטן. איך האָב מיך זייער געאײַלט, געוואָלט קומען אַהיים וואָס פריִער, געביטן איין שנעלצוג אָפּן אַנדערן אַזוי לאַנג, ביז איך האָב מיך אַרויפּ־געשלאָגן אַף אַדעסער ליניע און געבליבן שטעקן אַף אַ סטאַנציע האָלענ־דרע. נאָר גם זו לטובה. עס איז נאָך דאַנקען גאָט, וואָס איך בין נישט פאַרפאָרן קיין ריגע. דאָס נעמט זיך פון באַפּעניש. נישט אומזיסט זאָגט דאָס פאָלק אַ ווערטל: פון אײַלעניש קאָן קיין גוטס נישט אַרויסקומען... דאָס האָט איר אײַך אַלזאָ נומער איינס.

והשנית, איז מײַן װײַב געגאַנגען מיט אַ רעכענונג, אַז לױט מײַנע דעפּעשן האָט דאָס אומגליק באַדאַרפֿט פּאַסירן נישט אין װיטעבסק און נישט אין סמאָלענסק, נאָר ערגעץ צװישן די דאָזיקע צװײ שטעט. דערי־בער האָט זי נישט געקאָנט אױסקלײַבן קײן בעסערן מיטלפּונקט אַלס די שטאָט מאָהליװ. עס איז פֿאַר איר נישט געװען קײן שום ספֿק, אַז אָפּן בעסטן פֿאַל האָט דאָ געמוזט פֿאָרקומען אַ צוזאַמענשטױס פֿון צװײ לאָ־קאָמאָטיװן, אײנער פֿון סמאָלענסק קײן װיטעבסק, דער אַנדערער פֿון װיטעבסק קײן סמאָלענסק. פֿון אַזאַ צוזאַמענשטױס, האָט זי גערעכנט, האָבן אַלע װאַגאָנעס געמוזט צעבראָכן װערן אַף שפּענדלעך; געהרגעטע אַף טױט — נישט װײניקער פֿון צװײ הונדערט; שװער פֿאַרװוּנדעטע — עטלעכע הונדערט, צװישן זײ — אַ סך גערירטע פֿונעם זינען, און צװישן די לעצטע — געװײנלעך איך.

באַלד, דאַרפֿט איר װיסן, האָט מײַן װײַב אַ טבֿע, אַז טאָמער פֿאָר איך אָפּ פֿון דער הײם, אַזױ הײבט זי אָן איבערקלערן אַף מיר די שרעק־לעכסטע צופֿאַלן, װאָס קאָנען זיך נאָר טרעפֿן אַף דער װעלט. װוּ ערגעץ אַ צרה, אַ שלאַק, אַן אומגליק אַף דער באַן, אַן אײַנגעפֿאַלענע בריק, אַ דונערשלאַג, אַן ערד־ציטערניש, אַ שׂרפֿה, אַ פּלוצלעכע עפּידעמיע, אַן איבערפֿאַל פֿון באַװאָפֿנטע גזלנים, אַ ים פֿון אַ שלאַנג, װאָס טרעפֿט זיך אײן מאָל אין פֿינף הונדערט יאָר — אָט די אַלע זאַכן װאַרטן, נאָך איר מײנונג, אַף מיר און קוקן אַרױס, װען איך װעל דאַרפֿן פֿאָרן. און אַז איך קום אַהײם גאַנץ, גלײבט זי נישט אירע אױגן; זי קוקט אַף מיר װי אַף אַ מוצלח, װאָס איז אַרױס גליקלעך, ממש פֿון טױט לעבעדיק, און זי בענטשט גומל.

איצטיקס מאָל, אַז זי האָט מיך דערזען געזונט און שטאַרק, האָט זי זיך צעװײנט װי אַ קלײן קינד. פֿרעג איך זי: „װאָס װײנסטו, נאַרעלע?" ענטפֿערט זי מיר: „ער פֿרעגט נאָך, װאָס איך װײן! עס איז אים דאָס אַנדערע „ראָװנע!"...

װאָס פֿאַר אַ „ראָװנע", פֿרעגט איר? דאָס איז זיך אױך אַ מעשׂה פֿון מײַנע נסיונות. אױב איר האָט שטאַרק חשק, װעל איך אײַך דערצײלן, װאָס ס' האָט זיך געטראָפֿן מיט מיר אין ראָװנע. דאָס איז געװען פֿאַר עטלעכע יאָרן, בין איך געלעגן אין פּעטערבורג װעגן אַ ייִדישער צײַטונג, און איך האָב מיך געקליבן פֿאָרן אַהײם איבער װילנע. האָב איך אָפּגע־

רעדט מיט מײַן פרוי, אַז איך פֿאָר אַרויס אַזאָ און אַזאָ טאָג פֿון פּעטער־בורג, און אויב איך דאַרף זײַן אין ווילנע, וועל איך אָפּשטיין אַ טאָג אָדער צוויי אין ווילנע, און פֿון דאָרטן — אַהיים, און אויב איך דאַרף ניט ווילנע — פֿאָר איך גלײַך פֿון פּעטערבורג אַהיים. כך הווה. עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז איך דאַרף מיך אין ווילנע נישט אָפּשטעלן און אַז איך פֿאָר גלײַך. דאָס, האָב איך געוווּסט, וועט באַ מײַן ווײַב זײַן זייער אָנגעלייגט, האָב איך איר געגעבן אַ דעפּעש שוין פֿון וועג, באַנאַכט; פֿאַרשלאָפֿן בין איך געווען, האָב איך די ווערטער „איך פֿאָר גלײַך" אײַ־בערזעצט אויף רוסיש אַביסל נישט ריכטיק, דהיינו: אָנשטאָט „יעדו פּריאַמאָ", האָב איך געשריבן: „יעדו ראָוונאָ"... און מחמת איך האָב שוין אַ צײַט נישט געזען זיך מיט די קינדער, האָב איך צוגעשטעלט נאָך צוויי ווערטער: „ווסטרעטשײַ דיעטמי", דאָס הייסט: זאָלסט מיך באַגע־גענען מיט די קינדער. קורץ און גוט, איך קום צו פֿאָרן אַהיים פֿאַרנאַכט, איך לויף אַרום ווי אַ משוגענער איבערן וואָקזאַל — ווער מיר ווײַב? וואָס מיר קינדער? קיין נפֿש נישט! איך פֿאָר־צו צו מײַן שטוב — פֿינצ־טער, ווי אויף אַ בית־הקברות! איך קלינג און קלינג, איך רײַס דאָס גלעקל, איך קלאַפּ אין טיר — קוים מיט צרות, עס האָט זיך באַוויזן אַ קעבן, אַ פֿאַרשלאָפֿענע ווי אַ קאַץ, אַ שוואַרצע ליטווע טשקע. איך טו זי אַ כאַפּ, די ליטוועטשקע:

— ווו איז די מאַדאַם? ווו זײַנען די קינדער?

— אווו די מאַדאַם? — ענטפֿערט מיר די ליטוועטשקע מיט אַ שמיר איבער דער נאָז, — די מאַדאַם איז ניסטאָ!

— וואָס הייסט זי איז ניסטאָ? — פֿרעג איך זי איבער אויף איר שפּראַך.

— זיי זײַנען דאָך אוועקגעפֿאָרן!

— וואָס הייסט זיי זײַנען אוועקגעפֿאָרן? וווּהין זײַנען זיי אוועק־געפֿאָרן?

— איך ווייס וווּהין? קיין ראָוונע.

— וואָס עפּעס קיין ראָוונע?

— וואָס פֿרעגט איר מיר? איר האָט דאָך זיי אַליין אַרויסגערופֿן קיין ראָוונע?

— איך האָב זיי גערופֿן קיין ראָוונע? איך?

— ווער דען? איך? — אזוי מאַכט צו מיר די קעכן די ליטווועטשקע, און עס דאַכט זיך מיר, אַז זי לאַכט.

איר פאַרשטייט? מיר טריפט זיך בלוט — און זי לאַכט! איך שווער אײַך בנאמנות, הערט איר, עס איז אַ שאַנדע צו זאָגן, קיין אַנדערן וואָלט איך עס נישט דערציילן, אָסור אויב איך האָב אַף מײַן לעבן מיט אַ פינגער אַמאָל אָנגערירט אַ מענטשן!... נאָר די דאָזיקע פאַרשלאָפענע ליטוועטשקע מיט איר נאַריש געלעכטערל האָבן מיך אַזוי אַרויסגעבראַכט פון די כלים, אַז איך האָב מיך פאַרגעסן, ווו איך בין אין דער וועלט!... וואָס, מיינט איר, איז געווען דער סוף? איך האָב געהאַט אַף זיך אַ משפּט... דאָס וואָרט „ראָוונע" האָט מיך געקאָסט געלט און איך האָב נאָך באַדאַרפט בעטן מחילה בײַ דער ליטוועטשקע...

הכלל, דערהערט אַזאַ גוטע בשורה, אַז מײַן ווײַב איז מיט די קינדער אין ראָוונע, כאַפּ איך דאָך מסתמא די פּיס אַף די פּלייצעס און פלי קיין ראָוונע. איך קום צו פאָרן קיין ראָוונע — ווער? וואָס? נישטאָ קיינעם! איך הייב מיך אָן דערפרעגן, צי איז נישט געווען דאָ ערגעץ אַזאַ און אַזאַ פרוי מיט עטלעכע קינדער? זאָגט מען מיר: געווען און אַוועקגעפאָרן. דאַרף מען פאָרן צוריק אַהיים, הייסט עס? איך קום צו פאָרן אַהיים, טרעף איך בײַ מיר אין שטוב דעם דאָקטער. וואָס איז שוין? מײַן פרוי איז קראַנק געוואָרן פאַר צרות...

— נו, פרעג איך דיך, — אַזוי זאָג איך צו איר נאָכדעם, אַז מיר ביידע האָבן זיך שוין אַביסל באַרויִקט — וואָס ביסטו געפלויגן מיט די קינדער קיין ראָוונע און וואָס האָסטו, אייננטלעך, געקלערט?

— זאָלסט מיך נאָר נישט פרעגן! — מאַכט זי צו מיר, — איך, אַז איך האָב דערהאַלטן דײַן דעפּעש, איך זאָל פאָרן מיט די קינדער צו דיר קיין ראָוונע, בין איך שיער נישט משוגע געוואָרן. אַלערליי מחשבות זײַנען מיר דורכגעפלויגן אין קאָפּ. איך האָב נישט אַנדערש גערעכנט, אַז דו ביסט חלילה פאַרשלאָפט געוואָרן אין מיטן וועג, ערגעץ נישט ווײַט פון ראָוונע, אָדער אַף אַ טיפוס, אָדער אַף שוואַרצע פּאָקן...

— פון וואַנען האָבן זיך גענומען שוואַרצע פּאָקן? — פרעג איך זי אײַנגעהאַלטן.

— איך האָב גראָדע דעם טאָג געלייענט — זאָגט זי — אַ בלאַט, אַז עס גייען־אַרום אַצינד שוואַרצע פּאָקן אין... אינדיע.

דאָ קאָן איך מיך שוין מער נישט אײַנהאַלטן און שפּרינג־אונטער אַפן בענקל.

— איך פאַרשטײ נישט! וווּ איז אינדיע און וווּ איז פּעטערבורג?!

קוקט זי אַף מיר, ווי אַ מאַמע אַף אַ קינד, און מאַכט צו מיר:

— אַ קשיה אַף דיר!

. . . .

. . . .

נו, וויפל איז ווערט אַזאַ ווײַב?

ז.

די היסטאָריע פון דער „קליאַטשע"

די זון האָט געהאַלטן אין רעכטן בראָטן, אין רעכטן באַקן, אָנגעגליט די שטײנער פונעם באַרג, ווי אַן אײַזנפּרעס, און געמאַכט אונדז שוויצן, אַז מיר האָבן געמוזט אראָפּוואַרפן פון זיך די קאַפּאָטעס, זיך ווישן דעם שווייס און גײן באַרג־אַרויף אַביסל נישט אַזוי ראַשיק, פאַרוואָלינקע, אַזוי לאַנג, ביז מיר האָבן אָנגעהויבן פילן פּיס — און דאָס איז אַ שלעכטער סימן, וואָרעם אַז איבער פון אַ מענטשן האָט ליב, מע זאָל אים נישט פילן; קוים פילט איר אים, איז נישט גוט — דאָס האָב איך געהערט נאָך אין חדר פון מײַן רבין, וואָס פלעגט אויך מאַכן פילנדיק אַזעלכע איברים, וואָס אָן אים וואָלט איך זיי קײנמאָל נישט געפילט... בקיצור, מיר האָבן דערפילט פּיס, און האָבן אָנגעהויבן אונטערקוקן אײנס אַפן אַנדערן און פרעגן זיך אײנער דעם אַנדערן:

— וואָס איז די מעשה? איר שטייט שוין אָפּ?

— ווער? איך? חס וחלילה!

— וואָס־זשע שלעפּט איר זיך?

— עס ווײַזט זיך אײַך אויס...

— מיר דאַכט, אַז איר הינקט עפּעס אונטער אַף אַ פוס?

— ווער? איך?

— אײַך איז, אַפּנים, שווערלעך אַרויף אַ באַרג?

— עס הייבט זיך גאָר נישט אָן!

— וואָס־זשע סאָפּעט איר אַזוי?

— איר האָט אַ טעות: איך סאָפּע קיינמאָל נישט, בײַ מיר איז נישטאָ קיין טבע פון סאָפּען.

— נו, און איר ווי אַזוי פּילט זיך עפּעס?

— גאַנץ גוט! נאָר די פיס ווילן נישט דינען.

— בײַ מיר אויך דאָס אייגענע.

— און בײַ מיר נישט אַזוי די פיס, ווי די פּיאַטעס!

— די פּיאַטעס איז בלאָטע! די ליטקעס פון די פיס!...

דאָס פאַרשטייט אַ מינדסט קינד, אַז נאָך אַזאַ געשפּרעך האָבן מיר אַלע פיר ייִדישע שריפטשטעלער, צווישן זיי איינער אַ פּאָעט, זיך אַוועקגעזעצט אַפן גרינעם גראָז און האָבן זיך ממש מחיה געווען. דעם זיידן רב מענדעלע האָבן מיר אָפּגעטראָטן דעם אויבנאָן און מיר דרײַ האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום אים, ווי אייניקלעך אַרום אַ זיידן, אָדער ווי תלמידים אַרום אַ רבין, האָרכן דעם אַלטנס תורה, ווי ער דרשנט און טײַטשט פּסוקים און דערציילט מעשׂיות, וואָס האָבן אַ שײַכות צו דעם, וואָס אונדז אַלעמען באַרירט — צו דער ייִדישער ליטעראַטור, אויסגעמישט אַלעמאָל מיט אַ זײַטיקער מעשׂה, אָדער, ווי ער רופט דאָס אָן, מיט אַ „הקדמה". אַ הקדמה פון פאָרנט, אַ הקדמה אין מיטן, אַ הקדמה צום סוף.

— אַז איך בין פאַרגאַנגען מיטן טראָגן מיט דער „קליאַטשע"...

— אַזוי האָט דער זיידע אָנגעהויבן צו דערציילן אַ מעשׂה, נאָר מע האָט אים באַלד איבערגעשלאָגן אין רעכטן אָנהייב, ווי דער שטייגער איז. איטלעכער האָט געשטעלט אַן אַנדער פראַגע:

— זיידע! פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אײַך „די קליאַטשע"?

— זיידע! וועלכע איז געווען דאָס ערשטע ווערק, וואָס איר האָט געשריבן אין ייִדיש, און וואָס האָט אײַך געבראַכט צו שרײַבן ייִדיש?

— זיידע! פאַרוואָס האָט איר זיך אויסגעקליבן דעם פּסעוודאָנים „מענדעלע מוכר־ספרים"?

דער זיידע האָט גאַנץ רויִק, מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן און מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן, אויסגעהערט אַלע אונדזערע פראַגן, און האָט אונדז נאָכדעם מיט אַ הילכיקן געלעכטער אָפּגעענטפערט:

— נו? שוין? מער האָט שוין קיינער גאָר נישט וואָס צו פרעגן? טאָמער האָט איר נאָך אַ פּאָר שאלות — אדרבה, גיט אַהער, שעמט

זיך נישט, שיט אוים אַלע אינאײנעם אין איין קופּע, ס'איז גאַנץ יִדישלעך. איר, מיט אײַער פרעגן מיך פון אַלע זײַטן, דערמאָנט מיר אַ בילד, ווי אַ מוטער קומט פון מאַרק מיט אַ פולן קאָשעק פאַרשיידענע זאַכן: עפּל, און באַרן, און בייגל, און בולקעס, און אייער, און קאַרטאָפל, און מערלעך, און פלוימען, און פּעטרישקע, און אַ רויטער האָן מיט אַ האַרטן קאַם אויך אין קאָן, — און עס באַפאַלן זי די קינדער פון אַלע זײַטן: מאַמע! מיר אַן עפּל! מאַמע! מיר אַ באַר! מאַמע! קאָן מען עסן רויע מערלעך? מאַמע! אַף וואָס דאַרף מען פּעטרישקע? מאַמע! וואָס קאָסט דער האָן? „קינדערלעך! — בעט זיך נעבעך די מאַמע, — לאָזט מיך כאַפּן דעם אָטעם, וועל איך אײַך אַלעמען צופרידן שטעלן!”...

אַזוי האָט אונדז דער זיידע באַרויִקט און האָט אונדז אַלעמען געגעבן אַ תשובה יעדן אַף זײַן פראַגע, חלילה נישט דורכגעלאָזט קיינעם. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צו שרײַבן יִדיש, דאָס הייסט, צו ריידן מיטן גאַנצן פאָלק אַף זײַן לשון, האָט אים שוין לאַנג געצויגן, נאָך פאַרן ערשטן אַרויסטריט אַפן פעלד פון דער יִדישער ליטעראַטור; און מחמת שרײַבן יִדיש איז מיט פערציק יאָר פריִער נאָך געווען אַ שאַנדע, ובפרט נאָך פאַר אַזאַ יונגנמאַן אַ משכּיל, ווי ער, וואָס „קלוגע מענטשן” האָבן אַף אים געזאָגט, אַז דאָס וואַקסט אַ „חיים זעליק סלאָנימסקי”, — האָט ער זיך מיט זײַן ערשטן ווערק „דאָס קליינע מענטשעלע” באַהאַלטן בחדרי־הדרים, אַז קיינער זאָל ניט וויסן, און האָט אַוועקגעשטעלט דערויף אַ נאָמען פון אַ לעבעדיקן פאַרשוין, איינעם אַ סענדערל אַ מוכר־ספרימניק, וואָס האָט זיך אַרומגעשלעפּט אין יענער צײַט מיט זײַן פערד־און־וועגעלע אין דער סביבה פון באַרדיטשעוו, דאָס באַרימטע גלופּסק אַליין. „דאָס קליינע מענטשעלע”, אָדער „יצחק אברהמל תקיף”, איז גענומען געוואָרן פון אַ לעבעדיקן פאַרשוין, וואָס האָט אין יענער צײַט געקנאַקט אין גלופּסק מיט דער גרויסער בײַטש און אָנגעטריבן די כּנסת ישראל... אָנגעשריבן האָט ער „דאָס קליינע מענטשעלע” אין פאַרלויף פון דרײַ טעג, נישט מער, מיט פּחדים און מיט פיבער, און אַוועקגעשיקט עס אין „קול מבשר” אַרײַן, צו אַלקסנדר צעדערבוים. דערזען אַפן שער דעם נאָמען „סענדערל מוכר ספרים”, האָט זיך אַלכּסנדר צעדערבוים דערשראָקן, צי מיינט מען דאָס ניט אים אַליין טאַקע (אַלכּסנדר—סענדער—סענדערל)? האָט ער זיך מיישב געווען — קיין גרויסע צערעמאָניעס מיט אַ יִדישן מחבר דאַרף

קיינמאָל אַ ייִדישער רעדאַקטאָר נישט מאַכן, ובפרט נאָך אין יענער צײַט — און האָט אים איבערגעמאַכט דעם נאָמען סענדערל אויף מענדעלע, — און אָט אַזוי איז זיך אַרויס אויף דער וועלט „מענדעלע מוכר־ספרים״, וואָס האָט נישט אויפֿגעהערט אַרומצופֿאָרן מיט זײַן ביסל געדרוקטע סחורה איבער דער מדינה פֿון גלופּסק, פֿאַרבלאָנדזשעט פֿון דאָרטן קיין קאַבצאַנסק און טונעיאַדעווקע....

דאָס זײַנען די דרײַ הויפּט־שטעט, אָדער די דרײַ ק״קין, ווי ער רופֿט זיי אָן אויף לשון־קודש, וואָס פֿיגורירן אין אַלע כתבים פֿון מענדעלע מוכר־ספרים און וואָס דריקן־אויס אין זייערע נעמען די קווינטעסענציע פֿונעם ייִדישן געטאָ אין יענער צײַט. דאָס זײַנען די דרײַ זאַכן, וואָס האָבן אָפּ־געשטעמפּלט דאָס פּאַרצײַטיקע רוסישע ייִדנטום: גלופּסק — אונוויסנהייט, קאַבצאַנסק — אָרמוט, טונעיאַדעווקע — פּוסטעפּאַסניקעס, לײדיקגייערס, אָן אַ שום מלאכה, אָן אַרבעט נעבעך, איבעריקע באַשעפֿענישן אויף דער וועלט.

— אָט דאָס זײַנען געווען די הויפּט־עלעמענטן פֿונעם ייִדישן פֿאָלק אין יענער עפּאָכע, וואָס מיר איז באַשערט געווען מיט זיי זיך אַרומצו־שלעפּן בכל תפוצות ישראל... — אַזוי האָט געזאָגט דער זיידע מיט אַ זיפֿץ און מיט אַ ביטער שמייכעלע. — נאָר איר האָט זיך, דאַכט מיר, נאָכ־געפֿרעגט אָפּן יחוס פֿון דער „קליאַטשע״? דאַרף מען אײַך, קינדערלעך, טאָן צוליב און דערציילן. אַזוי איז געווען די מעשה: איינמאָל, אין אַ זו־מערטאָג איז דאָס געווען, זיץ איך מיר אַזוי אין גלופּסק אויף דער אכסניה פֿאַרטראַכט און קוק מיר דורך אַן אָפֿענעם פֿענצטער אין דרויסן אַרויס און דערזע אַן אויסגעמוטשעטן, פֿאַרשוויצטן ייִדן מיט אונטער־געשטעקטע פּאָלעס פֿון אַ צעריסענער קאַפּאָטע, שטייט און קאַטעוועט אַן אָרעמע אויסגעמוטשעטע פֿאַרשוויצטע קליאַטשע מיט אַ צעביסענער פֿעל, אײַנ־געשפּאַנט אין אַ פֿולן וואָגן מיט ציגל, שילט מיט טויטע קללות אי די קליאַטשע, אי זיך, אי די גאַנצע וועלט: — ברענען זאָל די פֿעל דײַנע, וויסטע קליאַטשע וואָס דו ביסט! — און זי, די קליאַטשע, האָט אויסגע־דרייט די פֿאַרוויסטע, פֿאַרפּינצטערטע מאָרדע אירע צום ייִדן, קוקט אויף אים, ווי אַ זינדיקער מענטש, און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך הער, ווי זי זאָגט צו אים:

— שוטה! קליאַטשע רופֿט ער מיך! ביסט אַליין אַ קליאַטשע! טו

אַ קוק אַהין, צו יענעם פּלאַץ, ווו איך שלעפּ די ציגל, וועסטו זען, אַז איר זײַט אַלע קליאַטשעס, וויסטע, פינצטערע קליאַטשעס, אַז אָך און וויי איז צו אײַך אַלעמען!

אַזוי, האָט זיך מיר געדאַכט, רעדט די קליאַטשע, און איך האָב אויפגעהויבן די אויגן אַף יענעם פּלאַץ, וואָס די קליאַטשע האָט אָנגעוויזן מיט איר מאָרדע, און איך האָב דערזען אַ באַקאַנטן נפש פון יענע פײַנע בריות, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין גלופּסק מיט פינף פינגער אַרויפֿצושלאָגן זיך אַף אַ מויער, און אַף נאָך אַ מויער, און דאָס אַלץ נעבעך פון כשרע יִדישע מטבעות, פון כשר יִדיש שוויים און בלוט... דער שייַנער מענטש, דער פײַנער בריה, איז געשטאַנען די הענט אַרונטער, דאָס היטל פאַררוקט אַרויף, דער שטערן האָט געשוויצט און געבויט גרויסע פּלענער, און אַרום אים האָבן זיך, ווי קנעכט, אונטערטעניק אַרומגעדרייט אָרעמע יִדלעך נעבעך, געקוקט אים, ווי געטרײַע הינט, אין די אויגן אַרײַן, געוועזן גליקלעך מיט זײַנם אַ שמייכעלע און געציטערט פאַר אַ בייזן קוק דאָס נײַניעריקע, — און עס איז מיר געקומען אַפן זינען דער פּסוק פון שיר־השירים: לסוסתי ברכבי פּרעה — צו דער קליאַטשע אינעם רײַטוואָגן פון פּרעה, ד מ י ת י ך ר ע י ת י — טו איך דיך טאָן גלײַכן, כנסת ישראל! — און איך בין פאַרגאַנגען אַף טראָגן מיט דער „קליאַטשע"...

דרײַ טעג בין איך אַרומגעגאַנגען איבער גלופּסק אַ צעטראָגענער, ווי מײַן ישׂראליק, נישט געהערט וואָס מע רעדט צו מיר, געענטפערט איטלעכן אַף זײַן „גוט־מאָרגן" מיטן וואָרט „קליאַטשע", וואָרעם אַלע פּנימער האָבן אויסגעזען בײַ מיר קליאַטשעדיק, און אָט אַזוי האָב איך מיך געקליאַטשעט, ביז איך בין געקומען אַהיים קיין טונעיאַדעווקע און האָב מיך פאַרשלאָסן בײַ זיך אין חדר אַף זעכצן טעג און אָנגעשריבן אַלע זעכצן קאַפּיטלעך פון דער „קליאַטשע"...

אַצינד איז געבליבן די פראַגע: וואָס טוט מען מיט דער „קליאַטשע"? דעמאָלט האָט נאָך קאָלומבוס ניט אַנטדעקט אַמעריקע, און דעריבער האָבן זיך נאָך ניט געפונען יענע באַרמהאַרציקע לײַט, וואָס האָבן אין דרײַסיק יאָר אַרום רחמנות געהאַט אַף מיר, דעם אָרעמען מענדעלע מוכר־ספרים, און האָבן מיך אַרויסגעגעבן דאָרטן, ניט צו פרעגן בײַ מיר מײַן

הסכמה, ניט צו געבן מיר צו וויסן: הנה זײַט וויסן, רב מענדעלע, אַז מע האָט אײַך אַ טובה געטאָן, מע האָט אײַך באַגנבהט!...

דאָ האָט זיך דער זיידע אָפּגערוט אַ ווײַלע און האָט זיך פאַרטראַכט. מיר, די אייניקלעך, האָבן זיכער געקאָנט מיינען, אַז דאָ וועט זיך אָנהייבן שיטן פײַער, פעך און שוועבל אויף די פײַנע מענטשן אין אַמעריקע, וואָס האָבן ווירקלעך באַגאַנגען אַן אומגעהייערן פאַרברעכן קעגן דעם איינציקן יידישן קלאַסיקער, קעגן דעם גרעסטן יידישן דיכטער, דענקער און קינסטלער, דערמיט וואָס זיי האָבן איבערגעדרוקט און אַרויסגעגעבן אַלע זײַנע ווערק ניט אין אַמעריקע אַליין, נאָר אויך אַריבערגעפּעקלט אַהער, קיין „יוראָפּ", און געמאַכט אים אַ מיאוסע מפּלה, אַ קאָנקורענץ אויף זײַן סחורה טאַקע מיט זײַן אייגענער סחורה — און גייט לאָדט זיי צום ונתנה־תוקף!...

נאַטירלעך, איז מײַן קאָלעגאַ, דער וואָס מיטן הייסן טעמפּעראַמענט, אַרויס מיט אַ פײַערדיקן פּראָטעסט קעגן די אַמעריקאַנער פּיראַטן, ים־גזלנים, זיי געמאַכט (הינטער די אויגן) מיט דער בלאָטע גלײַך, זיך גע־וווּנדערט וואָס מע שווײַגט:

— וואָס שווײַגט איר זיי, זיידע? — האָט אויסגערופן מײַן קאָלעגע.

— איך, אויף אײַער אָרט, וואָלט פון זיי געמאַכט אָט־אָ־דאָס־אָ!

און מײַן קאָלעגע מיטן הייסן טעמפּעראַמענט האָט באַוויזן מיט ביידע הענט אין דער לופטן וואָס ער וואָלט פון זיי געמאַכט, נאָר וואָס, אייגנטלעך, — איז שווער געווען צו פאַרשטיין, מחמת מיט הענט קאָן אַ מענטש מאַכן מי יודע וואָס!... דערויף האָט אים דער זיידע געענטפערט מיט אַ שמייכעלע:

— איך וועל אײַך דערציילן: כל זמן איך בין נאָר אַ נגזל אַליין, איז נאָך צו דערלײַדן — וואָס קאָן מען טאָן? פון אַן אומגליק איז קיי־נער נישט באַהיט. נאָר זײַן דערצו נאָך אַ שוטה אויך — דאָס איז שוין צופיל פאַר מיר! פּראָטעסטירן, רעכענען זיך, צאָלן — דאָס איז נאַריש; דאָס דאַרפן טאָן אַנדערע, ניט איך. וואָס איך אַליין דאַרף טאָן — וועט מן הסתם געטאָן ווערן... מענדעלע מוכר־ספרים, ברוך השם, איז נאָך נישט געשטאָרבן! מילא, בקצור המעשה, דאָס אַלץ איז נאַרישקייטן. איר ווילט דאָך וויסן, ווי אַזוי איז די „קליאַטשע" אַרויס אויף דער וועלט? — דאַרף מען אײַך דערציילן וואָס ווײַטער איז געווען.

און דער זיידע האט אונדז איבערגעגעבן א געשיכטע, ווי אזוי ער האט אין א געשלאסענער פארזאמלונג פון אינטימע פריינט צום ערשטן מאל געלייענט די „קליאטשע", ווי אזוי זיינע אינטימע פריינט האבן פריער געלאכט פון אים, געמאכט חוזק איבערן נאמען פונעם ווערק. נא דיר גאר א פערד, א קליאטשע! און ווי אזוי זיי זיינען נאכדעם געווארן ערנסט... ווי אזוי איינער (יוסף בצלאל הארקאווי) האט נאכן איבערלייענען די „קליאטשע" צוגענומען באם מחבר דאם העפטל, אריינגעלייגט אין זייט־קעשענע אן ווארטער, אוועקגעפירט דאס קיין פעטערבורג און צוגעשיקט אין א צייט ארום דעם פארפאסער א פארטיקע, אן אפגעדרוקטע „קליאטשע". ווי אזוי נאכדעם דער צענזאר האט געהאט א מיאוסע מפלה דערפאר, וואס ער האט דורכגעלאזט אזא „טרפה סחורה", און נאך א סך אינטערעסאנטע מעשיות האט אונדז דערציילט דער זיידע, ווערנד מיר, זיינע אייניקלעך, זיינען געזעסן און אויסגערוט זיך דערווייל אונדזערע אויסגעמוטשעטע פיס.

ז.

א מינוט פארן טויט

ווידער א מאל זיינען מיר געזעסן זאלבעפערט, די זעלבע פיר יידישע שריפטשטעלער, צווישן זיי דער יינגסטער פון אלע — א דיכטער. דער זיידע איז געווען, ווי אלעמאל, דער צענטער, געזעסן אינמיטן; מיר, די אייניקלעך, ארום אים. עס איז געווען א זומערנאכט, א פרעכטיקע, א ווארעמע א שמעקנדיקע נאכט. עס האט זיך נישט געגלוסט גיין אין שטוב אריין. שווער געווען זיך צעשיידן מיט אזא נאכט! גערעדט האט מען וועגן איבערנאטירלעכעס, אומבאגרייפלעכעס אין דער נאטור און וועגן דעקאדענץ אין דער ליטעראטור. דער זיידע האט געקוקט מיט זיינע ניט גרויסע, נאר שארפע, האלב־צוגעמאכטע, קורצזיכטיקע אויגן ערגעץ אין דער האלב־פינצטערער ווייטקייט אריין. נאכדעם איז געקומען צו רייד וועגן באשרייבן די נאטור. דער זיידע האט געזאגט, אז באשרייבן די נאטור הייסט פראפאגירן די נאטור, און ער האט גענומען מאלן מיט זיין איינפאכער נאר געשמאקער יידישער שפראך א נאכט־בילד מיט א האלב־ערנסטן

און האַלב־קאָמישן טאָן, אַזוי, אַז עס איז שווער געווען צו וויסן, אויב ער מיינט דאָס באמת, אָדער ער שפּאַסט?...

אָט אַזוי האָט דער זיידע געשילדערט אַ זומערנאַכט:

— שטיל גנבהט זיך אַריַין די נאַכט. איינציקוויַיז, אַזוי ווי ליכט, ווערן אויסגעלאָשן די רויטפּאַרביקע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון. אַ קליין ווינטעלע לויפט־דורך און רוימט איַיך איַין אַ סוד: „דער טאָג איז פאַרביַי... דער טאָג שטאַרבט אָפּ״... די ביימער האָבן אַראָפּגעלאָזט די ברעמען, זיי ווילן שלאָפן. אַן אומעט, אַ מרה־שחורה ארום און ארום, ווי שבת פאַרנאַכט צו שלש־סעודות, ווען אַלץ טרויערט, אַלץ בענקט און די נשמה יתירה רײַסט זיך ערגעץ, צאַפּלט, עס איז איר שווער צו שיידן זיך... נאָר שאַט! אָט גייט זי, די נאַכט־מכשפה. און פאַרשפּרייט איבער אונדז אירע שוואַרצע פליגלען. אָט באַלד וועט זי זיך באַזעצן אין איר פינצטערן געצעלט, וואָס וועט באַלייַכט ווערן פון פינקלדיקע שטערן. אָט באַלד וועט זי אונדז זאָגן: אַ גוטע נאַכט! שטיל וועט זי אָפּלייענען „קריאת־שמע״, און וועט איַינשלאָפן, און עס וועלן זיך איר חלומען אַלערליי משונה־פאַרדרייטע פאַרפּלאָנטערטע וועלט־חלומות...

דער זיידע ווערט שטיל. מיר זיצן ווי פאַרכשופט. מיר וואָלטן וועלן הערן וויַיטער, ווי ער מאָלט זיַינע פּרעכטיקע נאַכטבילדער אין דער דאָזיקער פּרעכטיקער זומערנאַכט. ער פאַרשטייט אונדזער ווונטש.

פלוצעם רייַסט־איבער דער זיידע זיך אַליין און רופט זיך אָן:

— מילא, נו, בקיצור, נאַטור! עס איז גאָלע ליגן! אַלע אונדזערע באַשרייַבענישן, שילדערונגען און מאָלעכצן האָבן אַזאַ פּנים קעגן דער נאַטור אַליין און געבן אונדז פון איר אַזאַ באַגריף, פונקט אַזוי ווי אָט־אָ־יענע געווויסע בילדער פון דער הגדה, וואָס זיַינען געדרוקט אין ווילנע אָדער אין באַרדיטשעוו, גיבן אונדז אַ באַגריף פון יציאת־מצרים... אויב איר ווילט, וועל איך איַיך, קינדער, בעסער דערציילן אַ מעשה שהיה, אַ מוראדיקע מעשה, וואָס מיט מיר האָט אַמאָל פּאַסירט אין בעסאַראַביע. די געשיכטע האָט אין זיך עטוואָס מיסטישעס, אומבאַגריַיפלעכעס, און שטימט זייער מיט דער דאָזיקער פּראַכטפולער נאַכט, וואָס איז פול מיט כשוף, מיסטיציזם און דעקאַדענץ... ווילט איר האָרכן, זאָלט איר זיצן שטיל, רויִק, און דער עיקר — ניִשט איבערשלאָגן אינמיטן, ווי דער

מנהג איז, און ניט פֿרעגן קיין קשיות. איך בין אײַך מבטיח, אַז עס וועט אײַך מיט דער צײַט אַליין אַלצדינג פֿאַרענטפֿערט ווערן.

און מיר אַלע דרײַ האָבן זיך צוגערוקט נאָך נענטער צום זיידן, און דער זיידע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט איבער דער לופֿט, גלײַך ווי ער וואָלט עמעצן אָפּגעטריבן פֿון זיך, און האָט אָנגעהויבן רוק און לאַנגזאַם צו דערציילן זײַן שרעקלעכע געשיכטע בזה הלשון:

— בעסאַראַביע, ווייסט איר, איז אַ ווינקל חלילה נישט פֿון מכשפֿים, נישט פֿון לצים, נישט פֿון וועלטבאַרימטע גנבים, גזלנים און רויבער. בעסאַראַביע איז זיך אַ ווינקל פֿון אַנטיסעמיטן, פּאַפּעשוויעס, ווײַן און מאַמעליגע, אַזוי, אַז פֿונעם נאָמען בעסאַראַביע איז נישט צו דערוואַרטן, עס זאָל זיך דאָרטן טרעפֿן מיט מיר עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע, איבערנאַטירלעכע געשיכטע. פֿונדעסטוועגן מוז איך אײַך זאָגן פֿאָרויס, אַז איר וועט הערן, וועט איר נבהל ומשתומם ווערן פֿאַר שרעק, און איר וועט שטוינען. איר וועט נישט פֿאַרשטיין מיטן גלײַכן שכל, וואָס דאָ שטעקט אַזעלכעס, און כמעט האָב איך מורא, אַז איר וועט ניט וועלן גלייבן, דאָס הייסט, איר וועט חלילה ניט רעכענען אויף מיר, אַז איך זאָל אײַך איבערגעבן אַ פֿאַנטאַזיע פֿאַר אַווירקלעכע געשיכטע; חס ושלום! אַזוי גראָב וועט איר ניט זײַן! נאָר וואָס דען? איר וועט זיך קלערן: אַ קשיא אויפֿן אַלטן, אפֿשר האָט זיך אים אויסגעדאַכט?...

נו, אַלזאָ, הערט־זשע מיט קאָפּ. שטעלט אײַך פֿאָר מיט אַ יאָר עטלעכע און דרײַסיק צוריק אַ שטאָט אין בעסאַראַביע (נאָר ניט קעשעניעוו, וואָרעם קעשעניעוו קריכט שוין פֿונעם האַלדז!). אַלזאָ, אַ שטאָט אין בעסאַראַביע, און אין מיטן שטאָט אַן אַרײַנפֿאָרהויז. מילא, וואָס אַן אַרײַנפֿאָרהויז איז און ווי אַזוי זעט אויס אַן אײַנפֿאָרהויז — דאַרף מען אײַך ניט דערציילן. דאָס איז אַ הויז, וואָס איז געשטעלט געוואָרן לכתחילה צוליב „פּריצים”, און וויבאַלד צוליב פּריצים, קאָנט איר שוין זיכער זײַן, אַז עס איז פֿאַרזאָרגט מיט אַלע מעגלעכע באַקוועמלעכקייטן, וואָרעם אַ פּריץ איז נישט קיין ייִד. אַ ייִד איז אַ ייִד, און אַ פּריץ איז אַ פּריץ! נאָר נישט דאָס בין איך אויסן...

די שטוב אַליין איז זיך אַפֿילו אַ גאַנץ געוויינלעכע שטוב פֿון „מיטלמעסיקן וווּקס”, ניט הויך, ניט נידעריק, מיט אַ רויטן דאַך פֿון שינדל, מיט אַ הויכן ברייטן טויער אויף אַרײַנצופֿאָרן מיטן גאַנצן עקיפּאַזש

גלײַך אין הויף אַרײַן, מיט צוויי רייען חדרים פון בײדע זײַטן, רעכטס און לינקס, וואָס די טירן זייערע גייען־אַרויס צום הויף און די פענצטער צו דער גאַס. די צימערן זײַנען ריין, ברייט, גענוג ליכטיק. בעל־הבתיש מעבל: אַ קײַלעכיקער טיש אין מיטן צימער, אַ שיין הילצערן געפּאָלירט בעט, פריש צוגעקליבן און מיט דיוואַנעם פאַרהאַנגען, אַ קליידער־שאַפע אויך אַזוינע, אַ וועשקעסטל, אַ ווייכע קאַנאַפּע מיט אַ שפּיגל איבער איר, מיט שטולן אַ פּאָר. אַף די ווענט בילדער, געוויינלעכע בילדער, פּאָרטרעטן פון משה מאָנטעפיורי מיט דער ברייטער געפלעטער מאַנישקע, פון, להבדיל, נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע מיטן המנטאַש אַפן קאָפּ און מיט דער האַנט אין זשילעט, מיט אַביסל אַ צו בייז אויסזען — פּונקט דער היפּך פון, להבדיל, רב משה מאָנטעפיורי, וואָס זעט־אויס שוין אַביסל צו פיל זיס־צוקערדיק. מערקווירדיק! צוויי באַזונדערע העלדן פון צוויי עפּאָכס, געמאָלט פון באַזונדערע קינסטלער, און בײדע מיט איין חסרון, בײדע איבערגעכאַפּט די מאָס... נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. די שענסטע און די בעסטע צירונג וואָס אין צימער איז די הרובע, דער אויוון — אַ פּראָסטע הרובע, ניט קיין געקינצלטע, אַ געוויינלעכע, אַ געלע, מיט בלויע פלעקן, אַ חנעוודיקע, און דער עיקר, אַ וואַרעמע הרובע — אַ געטרײַע, ווי אַ מאַמע! דערפון איז געדרונגען, אַז די מעשה, וואָס איך וויל אײַך דערציילן, האָט זיך געטראָפן אום ווינטער — און דאָס איז זייער נייטיק צום ענין.

אַזוי ווי דער זומער האָט אין זיך זײַן זומערדיקן חן און שיינקייט, וואָס אונדז איז ליב און טײַער, אַזוי האָט אויך דער ווינטער בײַ אונדז זײַן חן מיט זײַן צויבער, בשעת אין דרויסן איז גוט קאַלט, דער ווינט בלאָזט, דער פראָסט ברענט און גנבהט זיך אַרײַן דורך די צוגעמאַכטע לאָדן און מאָלט צאַצקעס אַף די שויבן פון די פענצטער, און איר זיצט זיך מיט אַ געזעלשאַפט אין אַ וואַרעם־אָנגעהייצטן און גוט־באַלײַכטן חדר, בײַ אַ געדעקטן טיש מיט אַ זודיקן סאַמאָוואַר, וואָס קאָכט און פּאַרעט און ציט־אויס אַ לאַנגן דינעם טאָן. זאָגט אײַך וואָס איר ווילט — איטלע־בע זאַך איז גוט אין איר צײַט. נישט גוט איז נאָר, אַז אין מיטן ווינטער ווערט פלוצעם זומערדיק, דרילעוואַטע, אָדער אַז אין מיטן זומער ווערט קאַלט, ווינטערדיק... נאָר נישט דאָס בין איך אויסן.

געזעסן בײַם סאַמאָוואַר און געטרונקען טיי איינער אַליין, האָב איך

אַרויסגעקוקט, אַז עמעצער אַ לעבעדיקער פּאַרשוין זאָל זיך באַווייזן, ריידן אַ וואָרט, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז מע פאַרבענקט זיך נאָך אַ מענטשן. וואָרעם מענטשן האָבן אַ טבע: זיי עסן זיך צו, נאָר אַז מע זעט זיי נישט, בענקט מען נאָך זיי. גאָט האָט געהאָלפן, עס האָט זיך געעפנט די טיר און עס האָט זיך באַוויזן אַ נפש אַ באַוואַקסענער מיט האָריקע הענט, איינער פון די נפשות, וואָס נאָר אַ לאַנד פון פּאַפּעשויעס, ווייַן און מאַמעליגע קאָן אַרויסגעבן. אַפּמאָלן אײַך אים — געפין איך נישט פאַר נייטיק צו אונדזער געשיכטע, נאָר אין צוויי ווערטער זאָגן שאַדט נישט: גרעבער ווי לענגער, און אַזוי פאַרוואַקסן מיט שמאַלץ, אַז קוים וואָס ער באַפּט דעם אָטעם. דאָס איז דער בעל־הבית פון דער אכסניה. אַרייַנגע־קומען איז ער צו מיר, ווי געוויינלעך, מקבל־פּנים זייַן דעם אורח, אים אָפּגעבן שלום, פרעגן, פון וואַנען ער איז און וווּהין ער פאָרט און וואָס איז זייַן טועבץ, אַ קוק, אַ שמעק, אַ טאַפּ אין וואָגן, אפשר דאַרף ער עפּעס האָבן, וועט ער אים דינען. נו, און אַזוי ווייַטער. לאַנג בעטן אים זיצן האָב איך נישט באַדאַרפט; טרינקען מיט מיר אַ גלעזל טיי האָב איך אויך בא אים געפּועלט. און עס איז אַוועק בא אונדז אַ געשפּרעך, וואָס איך זע נישט, ער זאָל האָבן פאַר אײַך אַן אינטערעס. דער געשפּרעך האָט זיך געדרייט אַרום אַלערליי וועלט־ענינים, שטאָט־זאַכן, מסחר, פאַ־מיליען־אָנגעלעגנהייטן, און אַביסל גלאַט אַזוי, אַבי גערעדט, נישט גע־שוויגן. מייַן בעל־הבית, ווי איך האָב אייַך שוין געזאָגט, איז געווען אַ ייִד אַביסל אַ שווערער, אַביסל צו פיל פאַרוואַקסן מיט שמאַלץ, דעריבער איז אים שווער געווען אָנצוהייבן ריידן. אַלע מאָל, ווען ער דאַרף עפּעס זאָגן, סאָפּעט ער זיך פריִער גוט אויס, ווי אַ בלאָזאַק, און קוים האָט ער זיך אָפּגעסאָפּעט און דעם בלאָזאַק אויסגעבלאָזן, איז בא אים אַוועק ווי אַ מזמור, און ער האָט מיר אָפּגעגעבן דין וחשבון פון גאַנץ בעסאַראַ־ביע, מיך באַקאַנט געמאַכט מיט אַלע פּריצים, וועלכע פּריצים עס האָבן אַ סך ערד און ווינציק הינט, און וועלכע פּריצים עס האָבן ווינציק ערד, נאָר אַ סך הינט. אויך פון פערד האָט ער מיר דערציילט זייער אַ סך שיינע מעשיות, פון „ערלעכע" פערד און פון „גנבהשע" פערד, און פון גנבים, וואָס גנבהנען פערד, און פון גנבים, וואָס גנבהנען אַנדערע זאַכן, און פון גזלנים, וואָס קומען אַהער פון רומעניע, מייסטנס ציגייַנער, וואָס טוען־אָפּ אַמאָל אַזעלכע זאַכן, אַז די האָר שטעלן זיך קאַפּויר!

איך האָב אים אויסגעהערט, באַטראַכט אָט דעם באַוואָקסענעם נפש מיט די האָריקע הענט, צי געהערט ער זיך נישט אָן אַ ווײַטער קרוב מיט אָט די גזלנים פון רומעניע... איך האָב אָבער אַרויסגעזען, אַז אומזיסט האָב איך אים חושד געווען, וואָרעם פון זײַן ווײַטערן שמועס האָט זיך אַרויסבאַוויזן, אַז ער איז גלאַט אַ גראָבער יונג, אַן עם־הארץ און נעבעך אַ גרויסע בהמה! פון די גזלנים איז ער אַרויף אויף מכשפים, לצים, רוחות און שדים, מתים, וואָווקעלאַקעס און שרעטעלעך, וואָס ער אַליין מיט זײַנע אויגן האָט דאָס געזען — אַ סימן, זיי זײַנען מיט הערנער. ווער איז מיט הערנער — האָב איך אים פאַרגעסן פרעגן, און אַגב האָבן זיך מיר געקלעפּט די אויגן... גאָט ווייס, וויפל צײַט מײַן חכם וואָלט אַזוי געזעסן איבער מיר, ווען איך הייב נישט אָן אונטערצודרעמלען. שטאָט אויף צו דערציילן האָט ער נאָך געהאַט, ווײַזט אויס, גענוג, מחמת אַז ער האָט זיך געזעגנט, האָט ער מיר צוגעזאָגט, אַז מאָרגן אין דער צײַט וועט ער ערשט דערציילן און דערציילן. פאַרן אַוועקגיין האָט ער מיט מיר אינאיינעם באַטראַכט די פענצטער, צי האָט מען גוט פאַרמאַכט די לאָדן, געכאַפּט אַ קוק צום אויוון, צי האָט מען נישט פרי צוגעשטעקט דעם קוימען, באַוויזן מיר, ווי אַזוי מע פאַרשליסט די טיר, געזאָגט אַ גוטע נאַכט, אָפּגעלאָזט דעם בלאָזאַק און אַוועק.

נאָך זײַן אַוועקגיין האָב איך די טיר צוגעשלאָסן און געפּרוּווט, אויב זי עפנט זיך נישט. ניין — זי עפנט זיך נישט. נאָכדעם האָב איך באַטראַכט די פענצטער אַלע, געכאַפּט אַ קוק, אַזוי זיך פאַרבײַגייענדיק, אונטערן בעט, גענומען זיך אויסטאָן, צוגעגרייט דעם זייגער אויפן טיש און די שוועבעלעך, אַרײַן אין בעט אַרײַן, זיך איבערגעדעקט מיט אַ וואַרעמער ריינער בײַעגער קאָלדרע, אויסגעלאָשן דאָס פײַער, און...

דאָ האָט זיך דער זיידע פּלוצעם אָפּגעשטעלט און איז אַנטשוויגן געוואָרן. די נאַכט איז ווירקלעך געווען פול מיט כּישוף. דער הימל האָט אַראָפּגעקוקט צו אונדז מיט זײַנע שטערן, וואָס האָבן זיך געמינעט, געביטן זיך, געפינטלט, ווי אַ מענטש, וואָס פינטלט מיט די אויגן. זיי האָבן צו אונדז געוווּנקען, זיי האָבן גערעדט צו אונדז, זיי האָבן אונדז געזאָגט: „ווען איר זאָלט וויסן, וואָס עס טוט זיך דאָ בײַ אונדז אין הימל?!"... „נו, אדרבה, זאָגט אונדז, שטערנדלעך, זאָגט אונדז, וואָס טוט זיך דאָרט בײַ אײַך אין הימל?"... נאָר די שטערנדלעך זאָגן נישט,

וואָס עס טוט זיך דאָרט באַ זיי אין הימל. זיי מינען זיך, זיי בײַטן זיך, זיי פינטלען, ווי אַ מענטש וואָס פינטל מיט די אויגן. און מיר קוקן, קוקן אין הימל אַרײַן, און ווייסן נישט, וואָס דאָרטן טוט זיך.

מיר האָבן זיך אַלע, אַפּנים, שטאַרק פאַרטיפט אין די שטערן און גאָר נישט באַמערקט, אַז דער זיידע שווײַגט עפּעס זייער לאַנג. און אַלע דרײַ האָבן מיר זיך אָנגערופן צו אים:

— נו?

— וואָס נו?

— וואָס זײַט איר אַנטשוויגן געוואָרן?

— איך האָב געוואָלט אײַך אויספרעגן, צי איר האַלט קאָפּ.

— וואָס הייסט, צי מיר האַלטן קאָפּ? געווים האַלטן מיר קאָפּ.

— זאָגט־זשע מיר, קינדערלעך, וווּ האַלט איך?

— איר האַלט באַ דער בײַענער וואַרעמער קאַלדרע. איר האָט זיך אײַנגעדעקט, אויסגעלאָשן דאָס פײַער און...

— אָט אַזוי האָב איך אײַך ליב. וויבאַלד איר האַלט קאָפּ, קאָן איך אײַך דערציילן ווײַטער. אַלזאָ, איך האָב מיך גאַנץ פײַן איבערגעדעקט און — אַ גוטע נאַכט!... איך וועל אײַך ניט זאָגן אַקוראַט, צי איך האָב שוין געהאַט אײַנגעשלאָפן, צי איך האָב נאָר־וואָס געזאָלט אַנטשלאָפן ווערן, צי איך האָב שוין געהאַט אָפּגעשלאָפן אַ צײַט, — איך ווייס נאָר, אַז די אויגן האָב איך געהאַלטן צו, נאָר געהערט האָב איך טריט, שטילע טריט — מע גייט!... איך הער מיך צו שטאַרק — יאָ, מע גייט!... „עט! עס ווײַזט זיך מיר אוודאי אויס!... דאָס איז אַ סך־הכל, אַ רעזולטאַט פון דעם בעל־הביתם מעשיות”... אַזוי טראַכט איך מיר און וויל מיך איבערדעקן איבערן קאָפּ — איך הער ווידער אַ מאָל גאַנץ קלאָרע טריט! איך הייב מיך אָן באַרעכענען: אפשר גייט מען דאָס אינעם אַנדערן צימער אָף יענער זײַט וואַנט? אפשר פון אויבן איבער מײַן קאָפּ? ניין! איך הער טריט אָט דאָ, באַ זיך אין צימער, נישט ווײַט פון מײַן בעט! איך האָב צונויפגענומען אַלע מײַנע געדאַנקען, איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב, דאַכט זיך, גוט צוגעשלאָסן די טיר, באַטראַכט די פענצטער אַלע, געזען אויך וואָס אונטערן בעט טוט זיך — ווער קאָן דאָס זײַן און פון וואַנען האָט ער זיך אַהער גענומען?... און דאָ איז אַ פינצטער־ניש, כאָטש נעם זיך אַרויס די אויגן! וואָס טוט מען? אויסרײַבן אַ

שוועבעלע? זײַט איר גערעכט. אַ שכל איז דאָס טאַקע. די פֿראַגע איז אָבער, ווו נעמט מען אַ שוועבעלע, אַז די שוועבעלעך ליגן ערגעץ ווייס איך ווו, אפֿן טיש? נו? וואָס וועט איר טאָן? איאַ, איר שווײַגט? אַז עמעצער איז פֿאַראַן בײַ מיר אין צימער — איז שוין בײַ מיר קיין ספֿק נישט געווען. די קשיה איז נאָר, פֿון וואַנען האָט ער זיך גענומען? ווי אַזוי איז ער אַרײַן? פֿאָלגלעך, דאַרפֿן מיר קלערן, אַז אָדער דורך דער טיר, אָדער דורכן פֿענצטער? אויב דורך דער טיר, איז דאָס דער בעל־הבית אַליין, מיט אַ נאָכשליסל; אויב דורכן פֿענצטער, איז דאָס גלאַט אַ גנב. קיין גרויסע נפֿקא־מינה אפֿילו איז דאָס נישט, נאָר אַ מענטש אַ בר־דעת האָט ליב יעדע זאַך באַקלערן, ער זאָל וויסן, ווו ער איז אין דער וועלט, ער זאָל נישט בלאָנדזשען אין דער פֿינצטער אפֿילו דעמאָלט, ווען עס איז פֿינצטער... איך האָב מיר פֿאַרגעשטעלט, פֿאַרשטייט איר מיך, אין קאָפּ אַלצדינג, ווי אין פּסוק שטייט: החכם עיניו בראשו. איך האָב מיר אויסגעמאָלט מײַן צימער, דעם טיש, דאָס בעט, ווי אַזוי האָב איך מיך געלייגט? מיטן פּנים צום פֿענצטער, מיט די פֿיס צו דער טיר. פֿאָלגלעך, ווען עס זאָל זײַן אָפֿן די טיר, וואָלטן דאָס דערפֿילט פֿריִער פֿון אַלעמען — ווער? די פֿיס. שטעק איך אַרויס פֿאַוואָלינקע אַ שפּיץ פֿוס פֿון אונטער דער קאָלדרע, געווייס וועל איך דערפֿילן עפּעס אַ ווינטעלע? — ווער! וואָס! די טיר איז צו — דערויף וועל איך שווערן! דאַרף מען זיך נעמען צום פֿענצטער. ווי אַזוי־זשע טוט מען דאָס? שטעק איך אַרויס פֿאַוואָלינקע פֿון אונטער דער קאָלדרע אַ האַנט — קיין שפּור פֿון קיין ווינטל, פֿון קיין קעלט. עס איז צו טיר און טויער, און די טריט ווערן אַלע מאָל קלערער און נעענטער. איך מעג שווערן, אַז איך הער עמעצער נעבן מיר אָטעמט שוין! עס פֿאַרשטייט זיך, אַז יעדע מינוט, יעדע סעקונדע איז אַ טאָג, אַ יאָר.

אַ קאַלטער שווייס האָט שוין לאַנג אַרויסגעטרעטן! דאָס האַרץ קלאַפּט, קלאַפּט, ווי אַ זייגער. דאָס טוט מען? אַראָפּשפּרינגען פֿון בעט? אָנהייבן שרײַען? מאַכן אַ גוואַלד? צו וועמען? אַף וועמען? אַפּנים, איר ווייסט דען, מיט וועמען איר האָט צו טאָן? אויפֿזעצן זיך אָפֿן בעט — האָט איר מורא זיך אַ ריר טאָן, וואָרעם צו וואָס זאָלט איר ווײַזן יענעם, אַז איר שלאָפֿט נישט? ממה נפֿשך, איז דאָס אַ גנב, וועט ער זיך נעמען זײַנס, וואָס אים איז נייטיק, און וועט זיך גיין געזונטערהייט. אָבער אַז

איר וועט נעמען מאכן קולות, וועט ער דאך וועלן ראטעווען זיין אייגענע פעל, וועט ער אנפאלן אף אייך ווער ווייס מיט וואס פאר א בלי־זיין, וועט איר, הייסט עס, אליין מאכן אים פאר א גזלן, — צו וואס נוצט דאס אייך? וואס־זשע דען? ווארטן ביז ער וועט צוגיין צו אייך צום בעט און וועט ארויפפאלן אף אייך און וועט אייך אנהייבן ווערגן, שטיקן? איז עפעס אויך נישט קיין פלאן. אלזא, אצינד זאגט שוין איר, וואס וואלט איר געטאן? לאם איך הערן. איר זייט יונגע לייט, העלדן!...

אזוי האט זיך דער זיידע געווענדעט צו אונדז, זיינע דריי אייניקלעך, און געווארט אף אונדזער ענטפער. דער ערשטער האט זיך ארויסגעכאפט מיט זיין ענטפער דווקא דער יינגסטער פון אלע, דער פאעט. ער האט זיך אנגעצונדן, ווי אן אמתער העלד, געמאכט צוויי מוראדיקע קולאקעס און באוויזן, ווי אזוי ער וואלט געגעבן א שפרונג־אראפ פונעם בעט, ווי אזוי ער וואלט אים צוגעבויגן צו דער ערד, ווי אזוי ער וואלט אים געשטיקט, און האט אויסגעלאזט מיט פייער: — נפש תחת נפש! מיר א טויט, דיר א טויט!...

אויסגעהערט די תשובה פונעם פאעט, האט דער זיידע א קנייטש געטאן מיט דער האנט, ווי איינער רעדט: „מהכתיתי!" און האט זיך געווענדעט צו מיין קאלעגע מיטן הייסן טעמפעראמענט: וואס וואלט ער געטאן? און מיין קאלעגע מיטן הייסן טעמפעראמענט האט אים אפגע־ענטפערט גאנץ אויפריכטיק:

— איך וועל אייך זאגן דעם אמת, זיידע: גיין אנפאלן אף א מענטשן, וואס איך קען אים נישט און זע אים נישט — דאס וואלט איך נישט געטאן. איך וואלט אים איבערגעלאזט דעם זייגער מיט האק און פאק, כאפט אים דער רוח, און אליין וואלט איך ארויסגעשפרונגען דורכן פענצטער. האבן צו טאן מיט יעדן פארך, מיט יעדן גנב? זאל דאס גיין אין דער ערד אריין...

— אויך געדעכט! — מאכט דער זיידע, — האבן צו טאן נישט מיט קיין גלייכן איז אוודאי נישט כדאי... נו, און איר, וואס וואלט איר געטאן, ווען מיט אייך טרעפט זיך אזא מעשה?

אזוי זאגט דער זיידע שוין צו מיר, און איך ענטפער אים אויך גאנץ אפנטלעך:

— איך? איך וואלט פארשפארט אלע זאכן! איך וואלט נישט אנגע־

פאַלן אַפן גנב, איך וואָלט נישט געשפּרונגען דורכן פענצטער. איך וואָלט... איך וואָלט... געשטאָרבן!

— אָט דאָס איז ריכטיקער פון אַלץ! — מאַכט דער זיידע מיט אַ הילכיקן געלעכטער, און אַף אים קוקנדיק לאַכן אַלע, אַחוץ מיר. — שטאַרבן פאַר שרעק איז טאָקע זייער אַ ווילע עצה, נאָר איידער מע קומט דערצו, פּאַלט־אַרויס דרײַ מאָל די נשמה, עס באַשלאָגט אײַך אַ קאַלטער שוויס, און איר פילט, אַז דער מח הייבט זיך אײַך! איר זעט פאַר זיך דעם מלאך־המוות, איר פילט אַף זיך דעם קאַלטן חלף, נאָר איר ווייסט נישט, ווען וועט זײַן דער „כיק"!... בקיצור, איך וועל אײַך מער נישט דערציילן. איך האָב געבן מײַן בעט עמעצער סאָפּעט, אָבער ווי אַזוי נאָך! מיט אימפּעט, מיט כעס: „האַ! אי־האַ! אי־האַ!" איך פיל דורך דער קאָלדרע עמעצנס אַ האַנט אַף זיך, אַ פעסטע, אַ שווערע, אַ קאַלטע, אַ האָריקע האַנט, און טאַקע באַלד נאָך אַ האַנט. אהאַ! עמעצער קריכט צו מיר אין בעט אַרײַן, אָט־אָט איז ער שוין, אָט־אָט כאַפּט ער מיך באַם גאָרגל! אָט־אָט דערלאַנגט ער מיר מיט אַן אײַזן איבערן קאָפּ! אָט־אָט... נו? חכמים! וואָס וועט איר איצטער טאָן?

דאָ האָט זיך דער זיידע אָפּגעשטעלט, אַפּנים, געוואָלט אָפּרוען אַ ווײַלע. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס איז אים מסתמא שווער געווען איבערצולעבן נאָכאַמאָל אַזאַ קריטישן מאָמענט, האָבן מיר אים גע־לאָזט, ער זאָל אַביסל אָפּרוען, און אַליין האָבן מיר זיך גענומען אײַנ־הערן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. איר ווייסט, ליבע פרײַנט? די שטילקייט פון דער נאַכט רעדט, רעדט ווערטער. הערט זיך אײַן אַמאָל, וועט איר הערן קולות, שטילע נאָר זיסע ווערטער פון אַן אומבאַקאַנטן נפש, וואָס זיצט נעבן אײַך און סודעט זיך און שושקעט זיך מיט אײַך, און עס מאַכט זיך אײַך אויס, אַז אײַך איז באַקענט די שטימע, איר האָט ערגעץ געהערט, איר ווייסט נישט וווּ... און עס דאַכט זיך אײַך אויס, אַז איר האָט געהערט אַ זיפץ, אַ טיפן זיפץ, און איר ווייסט נישט, ווער האָט דאָס געזיפצט: צי אָט דער אומבאַמערקטער נפש, וואָס זיצט נעבן אײַך, אָדער איר אַליין האָט דאָס געזיפצט?... און עס כאַפּט אײַך אָן אַ מורא מיט אַ בענקעניש אינאיינעם; איר וואָלט גערן אויפהייבן זיך, אַוועקגיין, נאָר עפּעס האַלט אײַך צו — איר ווייסט נישט וואָס... עמעצער ציט אײַך באַ דער נשמה, איר ווייסט נישט ווער... און עס בענקט

זיך אײַך מיט סכנת־נפשות — איר ווייסט נישט נאָך וועמען... פּלוצעם הערט איר: פּליוך! ווי אין אַ טײַך אַז מע וואַרפט אַרײַן אַ שטיינדל, אָדער אין אַ ברונעם האָט עמעצער אַראָפּגעלאָזט אַ זאַק!... אַרום און אַרום אײַך, ווייסט איר, איז נישטאָ קיין ברונעם, נישטאָ קיין טײַך. וואָס באַדײַט דער פּליוך?... אָדער אַ „קראַ" לאָזט זיך הערן. פון וואַנען גייט דער „קראַ", אַז אַלע פויגלען שלאָפן?... און עס דאַכט זיך אײַך, אַז די ערד אָטעמט, קוים־קוים וואָס מע הערט. גלײַך מיט אײַך אָטעמט זי, די ערד, די גאַנצע וועלט, און איר פילט, אַז איר זײַט אַ חלק פון דער אָטעמדיקער ערד, פון דער גרויסער־גרויסער וועלט, וועלכע איז אַ גרוי־סער־גרויסער סוד פאַר אײַך...

דאָס שטילשווײַגן פונעם ייִדן האָט זיך ווידער פאַרצויגן מער וויפל מע באַדאַרף, און מיר זײַנען אויסגעגאַנגען וויסן גיכער דעם סוף פון דער געשיכטע, און מיר האָבן זיך ווידער אַ מאָל גענומען מינטערן דעם ייִדן.

— נו?

— וואָס נו?

— וואָס הייסט, וואָס נו? וואָס איז געווען ווײַטער? ווער איז דאָס געווען? און וואָס האָט ער אײַך געטאָן? ווי אַזוי זײַט איר אַרויס פון זײַנע הענט?

— אַזוי? איר ווילט טאַקע וויסן דעם סוף? האָט צײַט. מאָרגן איז אויך אַ טאָג. עלעהיי, זאָל זיך אײַך דאַכטן, עס איז אַ ספּור־המעשה, וואָס איז געדרוקט ערגעץ אין אַ בלאַט, און דער רעדאַקטאָר דער חכם האָט אײַך איבערגעהאַקט אין סאַמע מיטן, אָוועקגעשטעלט פון אונטן די געוויסע צוויי ווערטער: „פאָרטזעצונג פאָלגט" — און גייט לאָדט אים צום ונתנה־תוקף. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט דער קלוגער רעדאַק־טאָר אײַך געטאָן מיט אַ כיוון, בכדי איר זאָלט מאָרגן אויך קויפן זײַן בלאַט — איר האָט אַן אַנדער ברירה? אָדער עלעהיי, זאָל זיך אײַך דאַכטן, עס איז די מעשה מיט דער שלאַנג.

— מיט וואָסער שלאַנג?

— איר ווייסט נישט די מעשה מיט דער שלאַנג? — ציט אויס דער ייִדע מיט אַ ניגון, — וועל איך אײַך דערציילן אַ נײַע מעשה, אַ מעשה מיט אַ שלאַנג.

איינמאל, דאס איז געווען דעם 31טן דעקאבער, פונקט ערב ניי־יאר, לייענט מען אין א צייטונג אזא מין געשיכטע: „א יונגע שיינע פרוי, אן ערשטלינג, איז געזעסן מיט איר ברעקעלע קינד אף די הענט באם פענצטער, נאר־וואס געקליבן זיך געבן דעם קינד זויגן. פלוצעם, מע וויים נישט ווי און פון וואנען, קריכט ארוים א שלאנג, טוט זיך א קאטשע ארויף גלייך אף דער פרוי, כאפט אריין די ברוסט אין מויל אריין און הייבט אן צו זייגן. זעלבסטפארשטענדלעך, אז די פרוי איז באלד אפן ארט געפאלן חלשות. נאטירלעך, איז מען זיך צונויפגעלאפן פון דער גאנצער שטאט רעטן די אומגליקלעכע פרוי. מע האט צונויפגערופן די גרעסטע דאקטוירים פון שטאט, נאר גייט טוט עפעס, האלט מלחמה מיט א גיפטיקער חיה! מע קאן דא גאר נישט מאכן, מחמת טאמער רירט מען אן די שלאנג, אזוי לאזט זי ארוים איר גיפט און טויט די פרוי אפן ארט. ווידער צוריק, זאל מען לאזן די שלאנג זאל זייגן וויי־טער, וועט זי אזוי לאנג זייגן, ביז די פרוי וועט שטארבן... שלעכט! — אזוי לאזט אוים די צייטונג, — די לאגע איז זייער קריטיש, די שלאנג זייגט, די פרוי חלשט. דאקטוירים זיצן און זוכן מיטלען. אונדזערע רעפארטערן שטייען און ווארטן. מארגן וועלן מיר געבן צו וויסן אונדזערע לעזער וואס ס'איז געווארן מיט דער פרוי און מיט דער שלאנג". עס פארשטייט זיך, אז נישט איין מארגן איז אוועקגעגאנגען. דער עולם האט נישט אויפגעהערט צו קויפן אלע טאג די צייטונג, געזוכט דעם סוף פון דער פרוי מיט דער שלאנג א צייט מיט יארן, און איך האב מורא, אז עס זיינען פאראן אזעלכע געטרייע לעזער, וואס עד היום נאך הערן זיי נישט אויף צו קויפן די צייטונג אלץ צוליב דער פרוי מיט דער שלאנג... שוין־זשע האב איך נישט פארדינט בא אייך, קינדער, איר זאלט מיר ווארטן ביז מארגן? א גוטע נאכט!

און דער זיידע איז אויפגעשטאנען פון דער ערד און האט גענומען זיך געזעגענען מיט אונדז אף דער רעכטער אמת. זיינען מיר, אלע דריי אייניקלעך, צוגעפאלן צו אים, געבעטן, געחלשט, געקושט — קוים מיט צרות געפועלט, ער זאל זיך אוועקזעצן צוריק אף זיין ארט און פארזעצן זיין שרעקלעכע געשיכטע.

— געדענקט־זשע, קינדער, ווו האלטן מיר? מיר האלטן, ווי אזוי דער נפש גייט מיט שטילע טריט צו מיין בעט. איך הער, ווי ער סאפעט

מיט אימפּעט און מיט כעס: „האַ! אי־האַ! אי־האַ!“ איך פיל דורך דער קאָלדרע עמעצענס אַ האַנט, און טאַקע באַלד נאָך אַ האַנט, עמעצער קריכט צו מיר אין בעט אַרײַן, אַט־אַט איז ער שוין בײַ מיר אין בעט!... איך ווייס נישט, ווי אַזוי איר; איך האָב מיך אָנגעלייענט אַמאָל, אין די יונגע יאָרן, אַ סך אַזעלכע מעשיות, מוראדיקע, מיט שדים, גזלנים, מכשפים, רוחות — די דאָזיקע אַלע מעשיות, דאַרף איך אײַך זאָגן דעם ריינעם אמת, האָבן אָף מיר נישט געמאַכט קיין שום אײַנדרוק, אויסער דעם, וואָס איך האָב נאָר געוואָלט וויסן דעם סוף, אַשטייגער, אַט אַזוי ווי איר אַצינד... דער באַגריף פון „אָנפאַלן“, „איבערפאַלן“, הרגהנען“, „טויטן“ — איז מיר געווען פרעמד. אפילו דער מלאך־המוות מיט די פילע אויגן איז אויך געווען בײַ מיר נישט מער ווי אַ „סטראַשידלע“, אַן אויסגעטראַכטער חלום אָף צו שרעקן אונדז, און ווײַטער גאָר נישט... דאָ אָבער האָב איך דערזען דעם מלאך־המוות פאַר מײַנע אויגן. איך האָב אים דערזען און האָב אים דערקענט, אַז דאָס איז — ער! ער! איך האָב נאָר נישט געקאָנט טרעפן, מיט וואָס פאַר אַ טויט איך וועל פון אים דאָ פאַלן, און האָב דעריבער נישט געוווּסט, צו וואָס איך זאָל מיך פריִער כאַפּן: צום קאָפּ, צום האַלדז, צום בויך? נעהער פון אַלץ האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט, אַז צוויי גרויסע, ביינערדיקע, קאַלטע הענט וועלן מיך אַרומכאַפּן בײַם האַלדז און וועלן מיך נעמען ווערגן. איך וועל ווערן ברוין און בלוי, די אויגן וועלן מיר אַרויס פון שטערן, און איך וועל נישט קאָנען שרײַען. אויך האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט אַ שווערע זאַך, אַן אײַזערנע, לאָזט זיך אַראָפּ מיר אָפן קאָפּ, און איך ווער פריטשמע־ליעט... אָדער אַ ברייט שאַרף קאַלט מעסער טוט אַ שנײַד־אַרײַן זיך גלײַך צו מיר אין בויך אַרײַן, און איך הער דעם שניט... איך ווייס אַליין נישט, קינדער, פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען מוט און כח — פון דערשרעק ווערט דער גרעסטער טרוס אַ העלד, און אויב איר ווילט וויסן, וועל איך אײַך אויסזאָגן אַ סוד, אַז קיין „העלדן“ זײַנען גאָר נישטאָ אין ערגעץ; דער אמתער העלד איז טאַקע נאָר דער טרוס... הקיצור, איך האָב דערזען, אַז עס איז מיר אַ מינוט צום טויט, האָב איך מיר אַ טראַכט געטאָן: „וואָס ליגסטו, שוטה? אָף וועמען וואַרטסטו? דײַן לעבן איז דאָך סײַ ווי אַצינד נישט ווערט אַ גראָשן“... און איך האָב מיך געגעבן אַ הייב־אויף און אַ שפּרונג־אַרויס פון בעט, און בין שוין

געווען מיט איין פוס באַם טיש, און האָב געכאַפּט אַ שוועבעלע און געגעבן אַ רײַב־אוים און אַ טראָג־צו צום בעט, — איך טו אַ קוק: אַ גרויסער, אַ שוואַרצער, אַ קודלאַטער הונט, אַן אמתער „סיביריאַק" מיט רויטע אויגן!...

געלעגן איז דער כּלב־שבכּלבים, אַפּנים, די גאַנצע צײַט, ערגעץ אונ־טער דער קאַנאַפּע, אָדער צווישן דער שאַפע, איז אים נמאס געוואָרן צו ליגן אַליין, אָדער עס איז אים געוואָרן קאַלט, איז ער דאָס געקומען צו מיר מיט אַ וויזיט, זיך באַקענען מיטן נײַעם אורח, און אַגב איז טאַקע בײַ מיר אויף דער בײַנער קאָלדרע פיל בעסער, וואַרעמער און געשמאַקער...

אויף מאָרגן האָט מיר דער האָריקער בעל־אכסניה דערציילט, אַז דאָס האָט ער באַקומען אַ מתנה פון אַ פריץ.

— עס איז אַ שטילער הונט, — האָט ער זיך פאַרענטפערט — זייער אַ שטילער הונט. ער טשעפּעט נישט קיין פליג אַפילו. ער איז שוין זייער אַלט, און דערצו איז ער נאָך בלינד אויףביידע אויגן.

ח.

דער ייִדישער קרילאָוו

איצטיקס מאָל זײַנען מיר געזעסן זאַלבעפערט שוין אין וואַגאָן פון אײַזנבאַן. מיר האָבן זיך געמאַכט אַ פאַר־אַרוים פון שטאָט אויף אַ טאָג, אַ מין „פאַרטי דע פּלעזיר". נישט חלילה אויף דער יאַגד — שיסן האָבן מיר נישט ליב. נישט שיפן זיך אויף אַ שיפל — מיר קאָנען נישט. אויך נישט קיין אַנדערע תּענוגים זיך אָנטאָן — וואָס זײַנען מיר? פּריצים? עס גייט אונדז מער נישט אויף? דורכפאָרן זיך אַביסל — מהכתיתי. פאַרנדיק שמועסט זיך אַמאָל בעסער ווי אינדערהיים. און פון וואָס שמועסן פיר ייִדישע שריפטשטעלער, אַז זיי זיצן זאַלבעפערט אין איין וואַגאָן? פון ליטעראַטור. דעם ייִנגסטן פון אונדז, דעם פּאָעט, איז אײַנ־געפאַלן אַ געדאַנק, אַז אונדזער פאָלקס־ליטעראַטור פעלט נאָר איין זאַך —פאַבלען, „באַסנים". אָבער באַסנים! עכט־ייִדישע! מיטן ייִדישן לשון, מיט ייִדישן וויץ, מיט פעפער! די אידעע איז אונדז אַלעמען געפעלן;

שטאַרק געפעלן! דאָס הייסט, עס רעדט זיך נאָר אַזוי — געפעלן. ווי קאָן עס גלײַך געפעלן אַ זאַך, וואָס יענער האָט דאָס פאַרגעלייגט, נישט איך? מע דאַרף עס פריִער רעכט צעקײַען און ערשט נאָכדעם „מסביר זײַן", געבן צו פאַרשטיין, באַלײַכטן, אויסבעסערן, איטלעכער נאָך זײַן השגה און פאַרשטאַנד. עס פאַרשטייט זיך, אַז תחילת האָבן מיר זיך אַביסל געשפּאַרט, נאָכדעם טאַקע רעכט צעאַמפּערט זיך, דאָס הייסט, חלילה נישט געקריגט זיך, נאָר גלאַט אַזוי אויסגעוויזן, יעדער באַזונדער, אַז ער פאַרשטייט בעסער פונעם אַנדערן...

און עס איז געבליבן בײַ אונדז אַלע פיר, אַז מע דאַרף זיך נעמען שרײַבן „באַסנים". די פראַגע איז נאָר — מי ומי ההולכים? ווער זאָל זיך נעמען צו דער אַרבעט? דאָ האָט יעדער פון אונדז אַרויסבאַוויזן אַזוי פיל באַשיידנקייט און עניוות, אַז מע האָט זיך ווידער געמוזט צע־קריגן. איטלעכער פון אונדז האָט אַרויפגעלייגט די אַרבעט אױפן צווייטן, און מיר אַלע אױפן „זיידן". איינער האָט געזאָגט, אַז אַזאַ ערנסטע אַרבעט דאַרף נעמען אױף זיך מײַן קאָלעגע מיטן הייסן טעמפּעראַמענט; ערשטנס, ווײַל ער איז אַן ערנסטער מענטש, און, צווייטנס, ווײַל ער באַזיצט שפּראַך, עטלעכע לשונות. דער אַנדערער, טאַקע מײַן קאָלעגע מיטן הייסן טעמפּעראַמענט, האָט געדרונגען פּונקט קאַפּויער, אַז דאָס פּאַסט פאַר מיר, דווקא ווײַל איך בין נישט אַזאַ ערנסטער מענטש... איך האָב אָנגעוויזן אױפן ייִנגסטן פון אונדז, אױפן פּאָעט, אַז דאָס איז פאַר אים ווי אָנגעמאָסטן: סטײַטש, אַ דיכטער! און דער ייִנגסטער פון אונדז, דער דיכטער טײַט אױף מיר מיטן פינגער: „אדרבה, דאָס פּאַסט פאַר אײַך, איר זײַט אַ הומאָריסט!"... אַזוי לאַנג, ביז עס איז געבליבן, אַז מיר אַלע פיר דאַרפן זיך נעמען צו דער אַרבעט און אַרויסגעבן אַ בוך פון פאַבעלן.

— קינדער! — רופט זיך אָן דער זיידע מיט זײַן פריילעך שמייכל, ווי געוויינלעך, — איך האָב מורא, אַז די ערשטע פאַבל וועט מען דאַרפן מאַכן איבער אונדז טאַקע אַליין, און הייסן וועט דאָס מיטן נאָמען „דער קוואַרטעט"...

דער געדאַנק האָט אַרויסגערופן אַ הילכיקן געלעכטער אין אונדזער גאַנצער חברה, און דער ייִנגסטער פון אונדז, דער דיכטער, האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון דער באַנק און האָט זיך גענומען קאַטשען פאַר

געלעכטער. ער האָט שוין אַזאַ טבע, אַז ער הייבט אָן לאַכן, לאַכט ער אַזוי געשמאַק, ביז ער מאַכט דעם גאַנצן עולם לאַכנדיק. פּלוצעם וואַקסט־אויס אַ גלאַטער קאָפּ פון נאָך גאָר אַ יונגגמאַן, אַ בחור, מיט אַ גלאַט געגאָלט געזיכט, ווי אַן אַרטיסט, מיט לאַכנדיקע אויגן, מיט דירעוודיקע ברעמען, און רופט זיך אָן צו אונדז בזה הלשון:

— איזווינִיטיע, גאָספּאָדאַ! עס איז אַביסל נישט פּריליטשנע, אפשר פּרעמדן שמוס. איר האָט, נישט ווילנדיק, מיר אָנגעטראָטן אָפן פּוס. טאַקע נישט טאַקטיטשנע, וואָס איך ווריוואַיע זיך אומגעבעטן אין אַ איך זיץ די גאַנצע צײַט, פון יענער זײַט, און האָרך, ווי איר ראַזסוזש־דאַיעט פון אַ זאַך, וואָס איך האָב פאַרבראַכט דערויף אַ סך. באַסנים דאָס איז מײַן קאָניאָק, מײַן לעבן. אַ זאַק מיט באָרשטש אָוועקגעגעבן. מײַן נאָמען איז פעלדשטיין, פון קעשעניעוו בין איך אַליין. איך שטודיר דאָקטער מעדיצין, אין דער גרויסער שטאָט בערלין. איר הערט, ווי איך רייד מיט סטיכעס? אַזאַ פּריוויטשקע צו־נ־אַלדי רוחות! קורץ, איר קוקט מיך אָן, ווי אַ הון — אַ האָן; איר חלשט ווייסן, ווער איך בין, איר זײַט נערעכט, עס האָט אַ זין. איך וועל אײַך זאָגן צוויי געציילטע ווערטער, וועט איר זיך אויפכאַפּן פון די ערטער: איך בין דער יִדישער קרילאָוו, און אָן עק אַ סוף.

אָבער טאַקע אַזוי ווי ער האָט געטראָפן! אַלע פיר האָבן מיר זיך געגעבן אַ הייב־אויף פון די ערטער און געבעטן דעם יִדישן קרילאָוו, ער זאָל זיך אַוועקזעצן דאָ מיט אונדז. דער יִדישער קרילאָוו האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן אונדז און האָט אָנגעהויבן שיטן מיט גראַמען אַזוי פיל, אַז עס האָט זיך געדרייט דער קאָפּ. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די גראַמען פאַלן פון די פּאָליצעס, פון די טשעמאָדאַנעס, שפּרינגען דורך די פענצטער, שיטן זיך און קײַקלען זיך, ווי באָב, ווי אַרבעס. איידער איר האָט צעקײַט די ערשטע עטלעכע ריימען, זײַנען שוין געקראָכן צו אײַך אין אויער אַרײַן פרישע גראַמען — מיט איינעם וואָרט, עס האָט זיך באַ אים געגראַמט פון אַלע זײַטן. קיינער פון אונדז האָט קיין צײַט געהאַט אַ וואָרט אויסצורײדן. דער יִדישן קרילאָוו האָט אונדז אַלעמען פאַרכשופט מיט זײַנע גראַמען און מיט זײַנע באַסנים, וועלכע איך גיב איבער וואָרט און וואָרט:

אַן אייזל מיט אַ סאָלאָווײ

אַן אייזל דערזעט אַ סאָלאָוויי
און מאַכט צו־נ־אים מיט אַ געשריי,
ווי אַ נאַבאַל, אַ בלאָזן:
„הער נאַר, סאָלאָוויטשיק, מײַן טאַלאַנטלעווע חזן!
מע זאָגט, דו זינגסט עפּעס אַזעלכע שטיק,
וואָס סע פּשוט אַן אַנטיק!
דו ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ מבין,
ווי אַ קאַץ אַף הייוון.
טאָמער וואָלסטו מיר געזונגען עפּעס אַ זאַך,
אַ פּאָר שטיקלעך, נישט קיין סך,
נאָר לעבעדיק און הויך,
עס זאָל גיין אַ רויך"...
און ער האָט זיך עס צעלאָזט, דער סאָלאָוויי,
מיט אַ שלשלת, מיט אַ דריי,
מיט אַ פּײַף און מיט אַ קנאַק,
ווי אונדזער חזן פּאַסטערנאַק
אַף אַ ברית, אַז ער כאַפּט אַ כוסה,
פריִער אַ קליינע, דערנאָך — אַ גרויסע,
און מאַכט דעם גרויסן מי שברך
אונדזער נגיד רב נתן־קורח...
אַ סוף. ער האָט געענדיקט, דער סאָלאָוויי.
רופט זיך אָן דער אייזל צו אים אַזוי:
„נישט זאָגן קיין ליגן —
דו זינגסט נישט שלעכט קיין ניגון.
אָטשען זשאַל! עס גייט פאַרלאָרן אַ טאַלאַנט.
אין אונדזער קעלבל האָב איך מיך דערמאָנט.
ווען דו זאָלסט זיַין מיט דעם באַקענט,
וואָלט דיַין געמבע ערשט געשמט"...

. . . .

וואָס איז פון דער באַסניע די נראַוואָוטשעניע?

אַז איר שרייבט אָן אַ סאָטשינעניע
און איר ווילט וויסן אַף דעם אַ מניעניע,
זאָלט איר דאָס בעז מאַליישאַוואַ סטיעסניעניאַ,
און עס זאָל נישט זײַן קיין שום ניעדאָראַזומעניע, —
אַרײַנוואַרפֿן אין אַ גוטן אָרט דליאַ אוניטשטאָזשעניאַ..

*
**

דער ייִדישער קרילאָוו האָט אונדז נישט געלאָזט לאַנג קווייקן זיך מיט דער ערשטער באַסניע. ער איז אויפגעשטאַנען מיט אַ שײַנענדיק פּנים און מיט שמייכלענדיקע אויגן, אַרײַנגעלייגט ביידע גראָבע פֿינגער אין ביידע זײַטן זשילעט און גענומען לייענען אונדז די צווייטע באַסניע:

דער וואָלף און די קאַץ

עס לויפֿט אַ וואָלף פֿון שוואַרצן וואַלד,
עס ברענט דער פֿראָסט, עס בלאָזט, ס'איז קאַלט,
נאָר ער מוז נעבעך לויפֿן,
אַניט — וועט מען זײַן פֿעלעכן פֿאַרקויפֿן.
מײַן וואָלף —
צום דאָרף.
ער זעט, עס זיצט אַ קאַץ אַליין,
און הייבט אָן בעטן זייער שיין:
„קעצעלע! קעצעלע! מיר זאָל זײַן פּאַר דײַן פּנים!
אַף מײַן פֿעל זײַנען דאָ אַ סך בעלנים!
נעם מיך אַרײַן צו דיר, ווײַבעלע!
זײַ מיך מכבד מיט אַ געבראָטן טײַבעלע!"
— ווייזטו וואָס? לויף זיך דורך צו מײַן טאַטע.
— איך קאָן נישט! איך האָב בײַ אים געלקחנט די קאַפּאָטע.
— נו, גיי־זשע צו יענקל דלות.
— ס'איז גרינג צו זאָגן. וווּ איז זײַן טלית?
— נו, וויסטו וואָס? גיי צום בעל־הבית: צו בערל טנופֿת.
— איך קאָן נישט! איך האָב בײַ אים אָוועקגעלייגט די עופֿות.
— נו, אויב אַזוי, איז אַ שלעכטער משא־ומתן,

צוריק אין וואלד, א רות אין דיין טאטן!...

. . . .

יעדע באסניע האט זיך איר גראוואאוטשעניע.
פון דאנען פירן מיר ארוים א פריאמאיע זאקליוטשעניע:
אז איר פארדוקט דעם טשאלנט, מעגט איר גיסן שמאלץ
וצען פוד. נאר לייגט איר נישט קיין האלץ,
באטיא עס מעג זיין אום פרייטיק,
וועט דער קוגל נישט זיין צייטיק.

⁂

נישט געלאזט אונדז אפרוען זיך פון דער צווייטער באסניע, האט אונדז דער יידישער קרילאוו גענומען לייענען א דריטע:

„קווארטעט", באַ מיר הייסט עס „די קאפעליע"

אז איר ווילט וויסן ווער —
איז א ציג, אן אייזל מיט א בער
האבן זיך צונויפגענומען אלע דריי
נעפרעמעננא מאכן א שפילעריי.
מע זיצט זיך ברייט און ווייך, ווי אף וואטן,
מע קוקט אריין אין די ביכער מיט די נאטן,
די אינסטרומענטן טראגט מען צו,
מע מישט די נאטן וויים איך ווו,
מע קלאפט, מע רייבט מיט די סמיטשאקן,
עס פליען פון די פידלען די קאלאקן.
דא צעבייזערט זיך דער אייזל
און גיט א שנאל דער ציג אין נעזל:
„אט באלוואנעס!
זיך צערימפלט, ווי די שארלאטאנעס!
ממה נפשך, מאכן מיר א שפילעריי,
דארף מען שפילן אלע דריי
צום טאקט, צום קלאפ,
און האלטן קאפ.

הער נאָר, דו, רב בער!
די ציג זאָל זיצן דאָרט, און דו — אַהער!"
בקיצור, עס דויערט נישט קיין סך, טוט די ציג אַ לאַך:
„מע־ע־ע! אַז אָך און ווי איז אײַך!
איר זײַט ביידע גראָבע יונגען!
אומזיסט אַרויסגעשטעלט די צונגען!
אָט פֿליט אַ סאָלאָוויי,
ער וועט אײַך זאָגן, ווי אַזוי
מע דאַרף באַזעצן די קאַפּעליע,
זי זאָל נישט קריכן אַף דער סטעליע".
דערהערט דער סאָלאָוויי,
צעלאַכט ער זיך און מאַכט צו זיי:
„כאַ־כאַ־כאַ, כל־זמרים!
גרילצערס, שאָרים־באָרים!
איר קאָנט שוין שטיין, איר קאָנט שוין זיצן
איר קאָנט אײַך גראַבלען, איר קאָנט אײַך קריצן.
פֿון אײַער שפּילן, איר מעגט מיר גלייבן
וועט די וועלט קיין נחת נישט דערלעבן.

. . . .

פֿון דער באַסניע די זאַקליוטשעניע
איז אַ טיפּע נראַוואָאוטשעניע:
אַז מע רופֿט־אויף אַ חתן צו דער תורה
און ער קען נישט די הפטורה,
מעג ער אָנטאָן דרײַ טליתים,
וועט ער נישט אויפשטיין קיין תחית־המתים.

דער שניט פֿון די באַסניעס מיט זייערע אומדערוואַרטעטע „גראַוואָ־אוטשעניעס" האָבן אונדז, מע קאָן זאָגן, צום טויט געשלאָגן, און איידער מיר האָבן צײַט געהאַט זיך אַרומקוקן און זיך געהער צו באַקענען מיטן אינטערעסאַנטן נפֿש, האָט געגעבן אַ פֿײַף דער צוג, און דער „יידישער קרילאָוו" האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ צו זײַנע פּעקלעך, זיך אָפּגעזעגנט מיט אונדז, נאַטירלעך אין גראַמען, געביטן זיך מיט די אַדרעסן, און שטײַ־

ענדיק שוין מיט די טשעמאָדאַנעס אין די הענט בײַ דער טיר, האָט ער אונדז דערווײַל דעקלאַמירט נאָך אַ באַסניע מיטן נאָמען:

אַ פוקס אין ווײַנגאָרטן

אַ פוקס אַ מחותן, הונגעריק ווי אַ וואָלף,
איז געגאַנגען אין בעסאַראַביע אין אַ דאָרף
פאַרבײַ אַ ווינאָגראַדניק אַ גראַמאַדנעם
(איך וועל אײַך זאָגן אויף זשאַרגאָן,
וועט איר כאַפּן דעם טאָן:
„אַ גאָרטן אַ ווינאָגראַדנעם").
ער דרייט זיך, דער מחותן,
בײַ די זײַטן און אין מיטן;
די פייגעלעך פּישטשען,
די ווײַנטרויבן בלישטשען.
אַי־וואַ, אַן עבירה —
אַ טײַערע פּרי,
און האָבן אַ זעלטענעם ריח;
נאָר זיי הענגען אַזוי הויך,
כאָטש דראַפּע זיך אויף די ווענט,
כאָטש קריך פון דער פעל,
צערײַס זיך די הענט,
מאַך פון זיך אַ תל!...
אָפּגעשטאַנען אַזוי אַקעגן אַ שעה,
מאַכט ער פאַר דאָסאַדע: „ווייס איך —
אויף וואָס יידן מאַכן אַ ברכה!
איך זאָל אַזוי האָבן הצלחה:
אַ שטיקל טרוקן ברויט מיט זאַלץ,
באַשמירט מיט פּוטער אָדער שמאַלץ,
האָט טויזנט מאָל מער טעם!
ווינאָגראַד! אַ גאַנצער טאַרעראַם!
אַ טרעסקאַוויצי, אַ מציאה!
דאָקטוירים פּראָפּיסעווען אַ רפואה!
וואָפּערוויך, איז ער גרין אַזוי ווי גראָז,

האַט קיין ייִדישן טעם, ווייס איך וואָס!
זויער ווי פּסחדיקער וויַין,
איך דאַרף אים אַף סים־סאָט כּפּרות,
ווי ציין־ווייטיק,
ווי מײַנע צרות —
לאָז ער איַיך גיין אין דער ערד אַריַין!"...

. . . .

פון דער דאָזיקער באַסניע, ק'סאָזשאַלעניע,
ציִען מיר אַ מאָדנע נראַוואָוטשעניע:
אַז סע שטייען אין גאַס צוויי ייִדן
און בעסיעדעווען זיך ספּאָקאָינע און צופרידן,
חלילה נישט געקריגט זיך, נישט געספּאָרעט,
נישט געשטורכעט, נישט געטאָרעט,
נאָר גלאַט אַזוי, מיט הענט, מיט ביינער, —
דאַרף נישט אַרײַנמישן זיך קיינער,
וואָרעם צווישן יאָ און ניין,
קאָנט איר כאַפּן אין די ציין...

***

שוין שטייענדיק מיט די טשעמאָדאַנעס אַפן וואָקזאַל, אין אַ לאַנגן ראָק, מיט אַ היטל אַף אַ זײַט, האָט „דער ייִדישער קרילאָוו" צו אונדז געווונקען פון דער וויַיטן. די קלוגע אויגן, די רירעוודיקע ברעמען, דאָס פּנים, דאָס גאַנצע סימפּאַטישע אויסזען זײַנס האָט גערעדט, גערעדט, גערעדט מיט גראַמען. צום לעצטן מאָל האָט ער אונדז געשענקט אַ שמייכל און אויסגעשריגן פון דער וויַיטן:

באַסניעס וויל איך איַיך ערשט שיקן;
איך האָף צו גאָט, זיי וועלן איַיך געפעלן.
איר וועט, אם ירצה השם, זיך קוויקן.
דער עולם וועט די פינגער לעקן, איר וועט קוועלן!

געשריבן אין יאָר 1908

Este libro se terminó de imprimir
el día 28 de diciembre de 1955 en los
Talleres Gráficos "Optimus" S.R.L.,
Valentín Gómez 2715-19 - Bs. As.